STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10877

# DI MEFORSHIM FUN DER TOYRE

David Druck

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די מפרשים פון דער תורה

זייער לעבן, זייער שאַפן און זייער ווירקן

פון

דוד דרוק

דייטשלאַנד, פוילן און ליטע

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי

תש״א ניו יאָרק 1941

# DIE MEFORSCHIM FUN DER TORAH

(Commentators on the Torah)

**By DAVID DRUCK**

Copyright by

FARLAG M. S. SKLARSKY

Printed in U.S.A. — 1941

120

צום אָנדענק פון מיינע עלטערן

# אינהאַלט

✡

## דייטשלאַנד

ר׳ אלעזר בר׳ יהודה רוקח . . . . . . 7 — 15
ר׳ משה מענדעלסאָן . . . . . . . 15 — 60
ר׳ נפתלי הירץ וועיזעל . . . . . . 61 — 69
ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג . . . . . . 70 — 85
ר׳ שמשון רפאל הירש . . . . . . . 86 — 109

✡

## פוילן און ליטע

ר׳ נתן שפירא . . . . . . . . 113 — 116
ר׳ שלמה אפרים לונטשיץ . . . . . 117 — 123
דער ווילנער גאון . . . . . . . 124 — 157
ר׳ פינחס בר׳ יהודה פון פאָלאָצק . . . 158 — 163
מלבי״ם . . . . . . . . . 164 — 180
ר׳ הירש ליב וואָלאָזשינער . . . . . . 181 — 234

# דײַטשלאַנד

# ר׳ אלעזר בר׳ יהודה רוקח

## א.

### דאָס יידישע לעבן אין דייטשלאַנד

באמת האָט נאָך קיין פאָלק אויף דער וועלט ניט אויסגעהאַלטן דעם פולן עקזאַמען אויף מענשלעכקייט און גערעכטיקייט אין בעצוג צום יידישן פאָלק. די דאָזיקע אידייען קענען נאָך, קענטיק, די פעלקער נישט משיג זיין ווי געהעריק. עס קען זיין, אַז זיי ווילן עס קיינמאָל נישט באַגרייפן. דען אויב די רעליגיע, די הויך־אַנטוויקלטע גייסטיקע קולטור און טעכנישע ציוויליזאַציע האָבן נישט געהאַט גענוג קראַפט די דאָזיקע פעלקער אַרומצואוואַשן און אָפּצורייניקן דאָס בלוט וואָס איז נאָך ניט פאַרגליווערט אויף זייערע הענט פון מאָרד — וואָס פאַר אַנדערע מיטלען קענען זיי העלפן? דאָך האָט מען אין משך פון יאָרהונדערטע געקענט באַמערקן אַ שטיקל חילוק צווישן דעם זיטלעכן ניוואָ פון איין פאָלק און אַ צווייטן פאָלק. ס׳איז אמת, אַז מאַנכע פעלקער האָבן באַהאַנדלט יידן נישט שלעכט, אָדער אפשר גוט, ניט מחמת עטישע פּרינציפּן, ניט צוליב דעם אינערלעכן טריב פון גערעכטיקייט, נאָר פשוט צוליב ריין מאַטעריעלע נוצן. עס וואָלט אָבער דאָך געווען אַ גרויס אומרעכט די דאָזיקע באַהויפּטונג צו פאַראַלגעמיינערן. עס זיינען שטענדיס געווען מענטשן ביי יעדן פאָלק, וועמענס מעשים זיינען געווען ריין פון יעדער שום פניה, ווייט פון יעטווידער אייגננוץ, וועמענס מעשים זיינען געווען העכסט מענשלער, אפשר איבערמענטשלעך. עס זיינען נישטאָ קיין פאָלקאָס גוטע, אָדער פאָלקאָס שלעכטע פעלקער. יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע מעלות און זיינע חסרונות. די נפקא מינה איז נאָר, וואָס ביי מאַנכע פעלקער זיינען די מעלות ווייניקער ווי די חסרונות און ביי מאַנכע זיינען די חסרונות ווייניקער ווי די מעלות. שפּאַניען, פראַנקרייך, איטאַליען, פּוילן, טערקיי — אַלע האָבן פּרובירט אַנטפּלעקן די פרימיטיווע חיה, וואָס איז שטענדיק פאַרדעקט אין זייער ברוסט דורך געקראַכמאַלטע און געפּרעסטע ווייסע העמדער. די קריסטלעכע שפּאַניען האָט געקלאַפּט אַ רעקאָרד מיט אירע מערדערייען. פראַנקרייך האָט זיך ב״ה אויך ניט געהאַט וואָס צו שעמען מיט אירע רדיפות און גירושים. איטאַליען איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון אירע שכנה׳שע לענדער אַרומצוטרייבן יידן פון איין געגנט אין אַ צווייטער געגנט און אַגב צו ראַבירן האָב און גוט. פּוילן האָט אויך גענומען אַ האַנט אין דער חברותא פון נאַציעס צו פּייניקן יידן, און אַזוי האָט אויך געטאָן טערקיי. אָבער אין משך פון יאָרהונדערטע האָבן אפילו אָט די בלוט־דורשטיקע מלוכות

געהאט דורכגעמאכט לאנגע פעריאָדן פון יידישער טאָלעראַנץ. ניט נאָר די מוסולמאַנישע שפּאַניען, נאָר אפילו די קריסטלעכע שפּאַניען האָט פּאַרטיילט יידן גרויסע פּאָסטנס אין דער מלוכה און האָט שטאַרק געשעצט זייער געלערזאַמקייט. אַפילו די רעליגיעזע עראָטישע משוגענע איזאַבעלאַ האָט אויך שפּעטער חרטה געהאַט וואָס זי האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שפּאַניען. אויך אין פראַנקרייך האָבן יידן געוויסע פעריאָדן געלעבט רואיק און זיינען געווען מקורבים למלכות. איטאַליען האָט אפילו מיט אַ ברייטער האַנט אויפגענומען די געיאָגטע און גע־פּלאָגטע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. מען האָט דאָרטן געשעצט זייער זשעניע, מען האָט דאָרטן געשעצט זייערע פעאיקייטן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער שאַפונג. אַפילו פּאַפּסטן האָבן גענומען די יידן אונטער זייער שוץ און זיי גוט באַהאַנדלט אין די טעריטאָריעס וואָס האָבן געהערט צו דער פּאַפּסטלעכער הער־שאַפט. דאָס גליכן זיינען געווען גלענצענדע פעריאָדן אין פּוילן, נאָך בעסערע פעריאָדן אין טערקיי.

אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פאַרנעמט דייטשלאַנד. זיכער זיינען אויך אין דייטשלאַנד געווען געוויסע באַדייטנדע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי מאַנכע הערשער, מאַנכע קיסרים און בישאָפן, וועלכע האָבן זיך גאַנץ מענטשלעך באַצויגן צו די יידן אין זייערע קליינע מלוכה׳לעך. זיי האָבן די יידן געגעבן פרייהייט ווען די הונגעריקע וועלף האָבן געהאַט גענוג צו פרעסן, זיי האָבן די יידן געשיצט ווען דאָס „פאָלק״, ווי הונגעריקע און ווילדע וועלף, האָבן זיי געוואָלט אויפפרעסן. אָבער די דאָזיקע יחידים זיינען געווען ווייניק און אויך די דאָזיקע „גוטע״ פעריאָדן זיינען געווען פון אַזאַ קורצן דויער, אַז זיי זיינען ממש דערטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן ים פון מאַבישער באַרבאַרישקייט. און באמת, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן געהאַט אַט די אַלע מענטשלעכע מאָמענטן ווען מען שטעלט זיי אַוועק אַנט־קעגן דער אומגעהייערער פעריאָדע פון יאָרן?

די יידן זיצן שוין אין דייטשלאַנד כמעט אַ פּאָר טויזנט יאָר. לעגענדעס דער־ציילן פון נאָך פריעדיקע צייטן. אָבער אפילו מען זאָל די גאַנץ אַלטע פעריאָדע פון יידישער איינוואַנדערונג ניט אָננעמען אַלס היסטאָריש ריכטיק, זיינען אָבער דערפאַר פאַראַן גענוג היסטאָרישע באַווייזן, אַז יידן זיינען שוין געזעסן אין קאַמפּאַקטע מאַסן נאָך מיט טויזנט זעקס הונדערט יאָר צוריק. שטאַרקער איז געוואָרן דער יידישער ישוב מיט יאָרן שפּעטער. נאָך מיט אַ טויזנט יאָר צוריק זיינען די יידן געזעסן אין מאַינץ, רעגענסבורג, שטראַסבורג, וואָרמס, אויגסבורג און אַאַכען, וואו זיי האָבן זיך געהאַט פאַרנומען מיט אַקערבוי און הויפּטזעכליך מיט פלאַנצן וויינגערטנער. און שוין צו יענער צייט האָבן שוין די יידן אָנגעהויבן פילן אונטערדריקונגען, מאַנכעס מאָל אין אַ לייכטערער פאָרם, מאַנכעס מאָל אין אַ שווערער פאָרם, אָבער די הערשער און די גייסטלעכע האָבן שוין נישט געקענט זיצן רואיק און קוקן ווי אַזוי יידן אַרבעטן מיט פלייס און איבערגעבנהייט צו אַנט־וויקלען דאָס לאַנד, צו קולטיווירן דאָס לאַנד. בלויז איין בישאָף פון שפּייער האָט זיך אין צווייטן העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט אויסגעצייכנט מיט זיין מענטש־לעכער באַציאונג צו יידן און זיי פּרובירט געבן אַזעלכע פרייהייטן, וועלכע די יידן

האבן נישט געגאסן אין קיינע אנדערע דייטשע שטעט. זיין ציל איז געווען, אז יידן זאלן אנטוויקלען זיין לאנד, אויסבויען א גרויסן אינדוסטריע־צענטער, וואס האט געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון זיין מלוכה'לע. און באמת האבן זיך טאקע א סך יידן ארויסגעקליבן פון אנדערע שטעט, איבערהויפט פון מאינץ, און זיינען אוועק זיך באזעצן אין שפייער.

דאס איז געווען איינער פון די געציילטע מאמענטן, פון די גוטע מאמענטן און אויך פון די לעצטע מאמענטן. דען באלד נאכדעם האט זיך איבערן לאנד צעבושעוועט אזא ווילדקייט, וואס איז גאנץ ווייניק געהערט געווארן אין דער געשיכטע, וואס געהערט יעדנפאלס צו די גרויזאמסטע מאמענטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און וואס האט זיך אין גאנץ „מילדע” פארמען, אין פארמען פון שיקאנען, בלבולים און רדיפות ניט אויפגעהערט אין א משך פון גאנצע זיבן הונדערט יאר און האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סיסטעמאטישקייט, מיט זייער אומאויפהערלעכקייט, מיט זייער בייזוויליקייט, שוין נישט רעדנדיק פון זייער באר־בארישקייט.

דאס איז געווען די צייט ווען עס האבן זיך אנגעהויבן די קרייצצוגן. די וועלט האט דאן דערזען מערקווירדיקע דערשיינונגען — א פאלק איז משוגע גע־ווארן. ניט יחידים נאר א פאלק. א גאנץ פאלק איז אריינגעפאלן אין א רעליגיעזער היסטעריע און די קראנקהייט האט זיך אזוי פארשפרייט, אז דאס פאלק איז געווארן ווילד, בלוט־דורשטיק, רויב־דורשטיק און האט אפגעטאן די שענדלעכסטע טאטן וואס די מענטשהייט וויסט. עס פארשטייט זיך, אז די ווילדקייט איז נישט ארויס־געשפרונגען מיטאמאל, פלוצלינג, פון העלער הויט. די ווילדקייט איז בלויז געווען אין א דרעמלדיקן צושטאנד פון פריער, נאר עס איז קיין געלעגנהייט נישט געווען וואו די ווילדקייט ארויסצוברענגען. און איצטער איז די פאסנדע צייט געווען. מען איז אריין אין א יידישער שטאט און מען האט מיט העק גענומען האקן יידישע קעפ. מען האט געהאקט און געהאקט. טייכן בלוט האבן זיך געגאסן אין די גאסן, און די רעטער פון „יעזוס קבר” האבן געהאקט קעפ. און אז זיי זיינען מיד געווארן האקנדיק קעפ, האט מען גענומען ראבירן יידיש האב און גוט. עס איז זיי גאנץ לייכט געווען צו ווערן רייך ווען מען האט געקענט צונעמען דאס יידישע פארמעגן גאנץ פריי. און אז זיי האבן שוין אלץ צוגע'גנב'עט, האט מען די הייזער אונטער־געצונדן, די שולן פארברענט, די ספרים פארברענט. און זיינען נאך געבליבן א פאר לעבעדיקע מענטשן, האט מען זיי געשלעפט אין די קירכן צו קושן דעם צלם און זיי באשפריצן מיט הייליק וואסער. עס איז נישט קיין פראגע וואס עס האבן דאן געטראכט די דאזיקע ווילדע מענטשן. ווילדע מענטשן טראכטן נישט. משוגעים ווייסן קיינמאל נישט וואס זיי טוען. וואו זיינען אבער געווען די „קולטור־רעלע” מענטשן? האבן זיי שטאלצירט מיט אט די שיינע טאטן? האבן זיי באמת שטאלצירט קוקנדיק ווי זייער פאלק איז אראפ פון זינען? און אויב זיי האבן נישט שטאלצירט, האט גארנישט געגעבן דאס הארץ א ציטער ווען זיי האבן געהערט די יללות פון די הרוגים און ווען זיי אליין האבן אויף די גאסן געטראטן אין מענטשלעכן בלוט? ווי נידריק האט שוין געדארפט פאלן א פאלק ווען זיינע פארשטייער זיינען געקומען צו אזא מדרגה.

אבער וואס איז די פעולה? אזוי האבן געלעבט יידן אין דעם לאנד פון די דייטשן. אזוי האט אויסגעזען די צייט ווען עס האט אנגעהויבן אויפבליען די יידישע קולטור, אין דער צייט ווען עס האבן אנגעהויבן אויסוואקסן אין דעם דאזיקן לאנד גרויסע גאונים אין תורה, וואס האבן באלויכטן די וועלט מיט זייערע שאפונגען. צום אומגליק האבן אבער די דאזיקע גרויזאמקייטן נישט אויפגעהערט פאר הונדערטע יארן שפעטער.

## ב.

## די קולטור־אויפבליאונג פאר ר' אלעזר'ן

צו דער צייט פון ר' אלעזר בר' יהודה, האט שוין דאס יידנטום אין דייטשלאנד געהאט הינטער זיך ניט קיין גאנץ לאנגע אבער דאך באדייטנדע פעריאדע פון גרויסן קולטורעלן אויפשוואונג. די ערשטע בלומען פון דער אלטער יידישער קולטור זיינען פארפלאנצט געווארן פון איינעם א גאון פון לוקא, ר' קלונימוס, וועלכער איז, ווי טראדיציע גיט איבער, געקומען קיין דייטשלאנד אויף דער איינ־לאדונג פון קארל דעם גרויסן. דער דאזיקער קיסר האט געהאט א גרויסן אינטערעס אויסצובילדן די האלב־בארבארישע דייטשן און אויך די יידן. און מהאי טעמא, האט ער זיינע רעזידענצן געמאכט מעהרער אין דייטשלאנד ווי אין פראנקרייך.

די באדייטנדסטע שטעט פון די יידן אין דייטשלאנד זיינען, אויסער פיל אנדערע, געווען דאמאלס מאינץ, ווארמס און שפייער. זיי האבן פאר לאנגע יארן געשפילט די הויפט־ראלע אין דעם יידישן קולטורעלן לעבן. דארטן זיינען אויס־געבויט געווארן ישיבות, דארטן האט זיך צעבליט דאס שטודיום פון תלמוד און דארטן האט זיך אנגעהויבן אויסוועבן א נייער יידישער לעבן, וואס האט אויסגעאיבט א געוואלדיקן איינפלוס אויף דעם יידנטום פון מיטל־ און מזרח־אייראפע. זיי זיינען געווארן די ציטאדעלן פון יידישער תלמוד'ישער געלערזאמקייט און האבן אויסגעבויט זייער זעלבסטשטענדיקייט. ווארים ביז דאמאלס פלעגן די חכמים פון דייטשלאנד שיקן זייערע שאלות צו די גאונים פון בבל. נאר ביים סוף פון צענטן יארהונדערט זיינען אזעלכע מינים שאלות אנגעקומען פון דייטשלאנד צו ר' שרירא גאון און שפעטער אויך צו זיין זון ר' האי גאון. אבער ענדלעך האבען די דייטשע יידן איינגעזען, אז אחוץ דער אומבאקוועמלעכקייט צו שיקן שאלות אין אזא וויטן לאנד, האלטן סתם די אקאדעמיעס אין בבל ביים אונטערגיין, און מחמת דעם האבן זיי פרובירט אנווענדן אלע קרעפטן אויסצובויען אייגענע אקאדעמיעס, נייע תורה אינסטיטוציעס, כדי דאס ליכט פון דער תורה זאל ניט אויסגעלאשן ווערן. און אט דער דאזיקער פלאן איז סוף כל סוף פארווירקלעכט געווארן דורך א גרויסן תלמוד'ישן גאון, וועלכער האט געהאט געלערנט תורה ביי דעם באבילאנישן גאון ר' יהודה בן מאיר, אדער לעאנטין. דאס איז געווען ר' גרשם בן יהודה, וועלכן מען האט שפעטער גערופן „מאור הגולה" אלס א מין ערזאץ פון דעם טיטל „ריש גלותא", וואס איז געווען אין בבל.

רבנו גרשם מאור הגולה איז אייגנטלעך געווען א פראצויזישער ייד. ער האט אבער זיין גאנץ לעבן כמעט פארבראכט אין מאינץ, וואו ער איז געווען דער ראש פון דער דארטיקער גרויסער ישיבה. די ישיבה איז אונטער זיין לייטונג בארימט געווארן אין דער יידישער וועלט און הונדערטע לומדים זיינען געקומען קיין מאינץ צו הערן תורה פון אים אליין. די דאזיקע תלמידים גאונים האבן שפעטער פון זייער זייט מיטגעהאלפן אנצוהאלטן די טראדיציעס פון גרויסן רבי'ן צו פאר־שפרייטן תורה צווישן יידן איבער דער וועלט, און אזוי ארום האט די מאינצער ישיבה געדינט אלס געוואלדיקע קראפט אויפצוהויבן דעם מאראלישן און קולטור־רעלן צושטאנד פון יידישן פאלק.

עס איז אבער געווען נישט בלויז דאס אליין וואס רבנו גרשם האט געהאט אויפגעטאן. אלס פערזענלעכקייט פון גרויסער גייסטיקער קראפט, פון גרויסער ענערגיע, שעפפערישקייט און אריגינאליטעט האט ער ארויסגעבראכט נאך פיל אנדערע באדייטנדע זאכן. ער האט אויפגעבויט ניט בלויז די ישיבה אויף צו לערנען גמרא, נאר האט אפילו די גמרא אליין אויפגעבויט און געבראכט צו איר פאלקאמענהייט. דען צו יענער צייט, ווען קיין דרוקערייען זיינען נאך נישט געווען און מען האט אלץ געמוזט שרייבן מיט דער האנט, זיינען אין תלמוד ווי אויך אין אלע אנדערע יידישע ספרים אריינגעפאלן פארשידענע גרייזן, וועלכע האבן זייער שטארק שווער געמאכט צו פארשטיין דעם פשט פון א געוויסן ענין. עס איז דאמאלס געווען נישט איין תלמוד מיט איין־איינציקן נוסח, נאר עטלעכע תלמוד'ס מיט פארשידענע נוסחאות. כמעט יעטווידער אפגעשריבענער טעקסט פון דער גמרא האט געהאט אפשר גאנץ קליינע אבער דערפאר אומגעהייער וויכטיקע ענדע־רונגען. די רבנים פאר אים און אויך פון זיין אייגענער צייט האבן, לערנענדיק גמרא, געפילט, אז עס מוזן זיין געוויסע גרייזן אין טעקסט, ווייל מען האט פשוט נישט געקענט פארשטיין און אפטמאל איז דורך דעם גרייז א געוויסע הלכה אויס־געקומען פארקערט. מאנכע פון זיי האבן אבער נישט געקענט כאפן ווי עס האט באמת געדארפט שטיין, ווי עס האט געדארפט זיין דער אמת'ער נוסח, און די ווידער וואס האבן אפשר יא געוואוסט האבן מורא געהאט צו מאכן זייערע בא־מערקונגען נעבן דעם טעקסט און דער סוף איז געווען, אז ס'איז שפעטער געקומען א איבערשרייבער און האט די באמערקונגען אויך אריינגעשריבן אין טעקסט און ס'איז שוין אוממעגלעך געווען צו פארשטיין א שטיקל גמרא. דער רבנו גרשם איז אבער געווען פון יענעם קלאס גאונים וואס האבן אלץ געוואוסט, וואס האבן געקענט אלע קלענסטע איינצעלהייטן פון דעם גראנדיעזן תלמוד און וואס האבן געהאט די דרייסטקייט און די קראפט צו שטעלן אויף זיך, אויף צו מאכן ענדע־רונגען, אויף צו מאכן אויסגלייכונגען.

דער גרויסער שעפערישער גייסט פון רבנו גרשם האט זיך אבער נישט באנוגענט דערמיט אליין כאטש די אלע שאפונגען זיינע זיינען געווען פון אויסער־געוויינלעכער וויכטיקייט פארן יידנטום. ער האט אויסער דעם לערנען תורה בכלל, אויסער די טעארעטישע אויסשלייפונגען פון די הלכות, אויך פרובירט די תורה אנווענדן אין פראקטישן לעבן. ער האט געשריבן תשובות צו פארשידענע יידישע קהלות אין דייטשלאנד, פראנקרייך און איטאליען, וועלכע האבן שוין געהאט

אויפגעהערט צו שיקן זייערע שאלות אזש קיין בבל און האבן געשיקט בעסער צו רבנו גרשם, וועמענס אויטאריטעט אין הלכה עס איז שוין געווען אנערקענט אלס נישט קלענער ווי בבל. אחוץ אלעם דעם האט ער אויך איינגעפירט געוויסע תקנות וואס האבן געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דעם יידישן פאמיליען־לעבן. ער האט איינגעפירט א תקנה, אז יידן זאלן ניט נעמען מער ווי איין פרוי. באמת איז דאס אין לעבן זייער זעלטן פארגעקומען. די פאליגאמיע האט זיך ביי יידן אין די מערב־לענדער סיי־ווי־סיי נישט פראקטיצירט. דאך האט ער מיט זיין תקנה די זאך פארפעסטיקט אויף אן אפיציעלן אופן. ער האט אויך מתקן געווען, אז א מאן טאר נישט גט'ן זיין פרוי, סיידן זי איז דערצו מסכים. ער האט אויך נאך פילע אנדערע תקנות איינגעפירט אויף צו פארשטארקן און צו באפעסטיקן דאס יידנטום.

דאס גרויסע קולטור־ווערק וואס דער רבנו גרשם האט געהאט געשאפן, איז פון זיינע תלמידים און די תלמידים פון זיינע תלמידים נאך מער פארשטארקט און פארפאלקאמט געווארן. זיי האבן זיין שעפעריש ארבעט פארטגעזעצט מיט גרויסער איבערגעבנהייט און קראפט. די תורה וואס רבנו גרשם האט געהאט פארפלאנצט אין מאינץ האט זיך פארשפרייט איבער אלע שטעט, וואו יידן האבן געוואוינט און הויפטזעכלעך אין ווארמס און שפייער, און דארטן האבן זיך געגרינדעט ישיבות. אויך דארטן האט מען אנגעהויבן מרביץ תורה צו זיין און אויך פון דארטן האבן אנגעהויבן ארויסוואקסן גאונים וואס האבן פארשטארקט דאס יידנטום אין דער וועלט. אין מאינץ זיינען געבליבן ווירקן זיינע תלמידים ר' יהודה הכהן און ר' אלעזר הגדול און אין ווארמס ר' יעקב בר יקר און ר' יצחק הלוי, ביי וועמען עס האט שפעטער געלערנט נישט קיין קלענערע פערזענלעכקייט ווי רש"י, וועלכער איז געווארן דער לייטענדער גייסט ביי יידן ביז היינטיקן טאג.

די ניט־יידישע וועלט, וועלכע האט אפנים נישט געקענט צוזען דעם גרויסן קולטורעלן אויפשוואונג פון יידן, ווי יידן זיצן און לערנען תורה, ווי יידן פארשפרייטן וויסן און געלערזאמקייט, ווי יידן פארשטארקען און פארשפרייטן הויכע עטישע פרינציפן, האט זיך מיט אויסערגעוויינלעכער גרויזאמקייט, מיט עכטער ווילדער בארבארישקייט א לאז געטאן אויף די פרידלעכע יידישע ישובים און זיי פרובירט רואינירן. זיי האבן געוואלט רואינירן אלץ, זיי האבן געוואלט אויסראטן אלץ. זיי האבן פרובירט אומברענגען דאס יידנטום מיט געצוואונגענעם שמד און מיט דער פולשטענדיקער פארניכטונג פון זייער גאנצן לעבן. עס האט געהייסן, אז זיי זיינען אויסן נאר צו פארטיידיקן און צו שיצן דאס קריסטנטום פון די אומגלויביקע, פון די מוסולמאנער, אבער באמת איז אויסגעקומען, אז איידער זיי האבן נאך געהאט באוויזן צו זען א מוסולמאנער אין די אויגן, האט מען שוין אנגעהויבן מארדן יידן, וועלכע זיינען, לויט זייער „טיפער השקפה", אויך געווען „אומגלויביקע". דעם ערשטן אנפאל האבן די דאזיקע לייט, וועלכע האבן געהייסן קרייצציגלער, געמאכט אויף שפייער, וואו מען האט פיל יידן אויסגעשאכטן. א סך זיינען אליין באגאנגען זעלבסטמארד, כדי מען זאל זיי נישט צווינגען צו שמד. דערנאך זיינען זיי אנגעפאלן אויף ווארמס, וואו אכט הונדערט יידישע נפשות זיינען דערמארדעט געווארן פון דער הייליקער חברה. כדי נישט ארייצופאלן אין די הענט פון די באנדיטן וואס זאלן זיי צווינגען אנצונעמען דאס קריסטנטום, האבן

זיך די יידן איינער דעם צווייטן געמוזט אויסשעכטן. אזוי האָבן די הייליקע באַנדיטן געטאָן זייער הייליקע אַרבעט אין מאַינץ, אין קעלן און אין רעגענסבורג, וואו מער ווי דריי טויזנט יידן האָבן פאַרלאָרן זייער לעבן אין פייער און דורך שווערד. אויב דער ערשטער קרייצצוג איז נאָך ווייניק געווען פאַר זיי, ווייל זיי האָבן זיך ווייניק אַנגעטרונקען מיט יידיש בלוט און האָבן נאָך ווייניק פאַרמעגן אַנגעראַבירט, האָבן זיי פּרובירט מאַכן אַ צווייטע שחיטה. זייערע הענט זיינען נים מיד געוואָרן שניידנדיק יידישע קעפּ און רויבענדיק האָב און גוט. עס מעגן זיכער שטאָלץ זיין די אור־אייניקלעך פון די דאָזיקע העלדן, וועלכע האָבן מיט אַזאַ קראַפט „פאַרטיידיקט" דאָס קריסטנטום קעגן די מוסולמאַנער, און זיי זיינען אויך שטאָלץ דאַרויף. אַלע פעלקער זיינען שטאָלץ אויף זייערע מאָרדן און דאָס דייטשע פאָלק זיכער.

עס איז זיי אָבער נישט געלונגען צו דערגרייכן זייער הויפּט־צוועק. גע'הרג'עט יידן האָבן זיי, צעראַבירט זייער פאַרמעגן האָבן זיי אויך, אָבער אויסראָטן דאָס יידנטום האָבן זיי נים געקענט. דאָס יידנטום איז געווען פעלזן־שטאַרק געוועזן און אַלע זייערע גרויזאַמע טאַטן האָבן נישט געהאָלפן צוצוברעכן די עקשנות פון יידישן פאָלק. אַלע שווערדן זייערע זיינען טעמפּ געוואָרן, אַלע זייערע כוחות זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן, אָבער די איבערגעבליבענע יידן האָבן ווייטער און מיט מער עקשנות געהאָלפן פאַרפעסטיקן די יידישע קולטור. די יידישע ישיבות, די יידישע לער־אינסטיטוציעס זיינען געבליבן און די תורה האָט נישט אויפגעהערט צו פאַר־שפּרייטן זיך איבער די דייטשע לענדער.

ג.

## זיינע שאַפונגען און פאַמיליען־אומגליק

עס ווערט שטענדיק אָפּגעגעבן אַ שבח צו די יידן וואָס נים קוקנדיק אויף אַלע רדיפות און פּייניגונגען זיינען זיי דאָך נישט אַוועק פון זייער אמונה און האָבן אָנגעהאַלטן די תורה ביז מסירת נפש. די קריסטלעכע פעלקער האָבן דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט באַגרייפן און האָבן שטענדיק געקוקט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג. עס איז אָבער פון דער אַנדערער זייט נישט ווייניקער ריכטיק, אַז די תורה האָט אויפגעהאַלטן די יידן. עס איז גע־ווען דער גייסט פון דער תורה, עס איז געווען די עטיק פון דער יידישער תורה און די גאַנצע יידישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעזאַפּט אין יעדן יידישן נערוו זייט טויזנטער יאָרן, אַז זיי האָבן זיך פון איר בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען. די יידן האָבן טאַקע אויפגעהאַלטן די תורה, די תורה אָבער האָט אויפגעהאַלטן די יידן.

דאָס האָט אויף דעם גלענצנדסטן אופן באַוויזן די מאַרטיראָלאָגיע פון די יידן אין דייטשע לענדער. די יידן האָבן זיך דאָרטן מוסר נפש געווען פאַר דער תורה, אָבער דאָס וואָס דאָס יידנטום איז שטאַרק און יונג געבליבן נאָך די אַלע

רדיפות און יסורים איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן געבויט ישיבות, דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט תורה און דאָס וואָס זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין שטרענגער פרומ־קייט, אין דער יידישער עטיק. דען אחוץ תלמוד זיינען אין די דייטשישע לענדער אַנטשטאַנען אויך גרויסע מאָראַליסטן און מיסטיקער, וועלכע האָבן מיט זייער מוסר און מיסטיציזם געפרובט אפּעלירן ניט אַזוי שטאַרק צום שכל ווי צום יידישן האַרץ, צו די געפילן, און האָבן דערמיט אַריינגעבראַכט אין יידנטום אַ גרויסן ענטוזיאַזם פאַר פרומקייט און זיטלעכקייט. עס איז, אַלזאָ, פאָרגעקומען אַ מין פאַראייניקונג פון תורה און מוסר.

איינער פון אָט די דאָזיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געהאַט אַריינגע־טראָגן דעם נייעם גייסט, איז געווען ר׳ אלעזר בר׳ יהודה רוקח. דער דאָזיקער ר׳ אלעזר, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין שפּייער אָדער אין מאַינץ אין יאָהר 1160, איז געווען באַרימט אַלס גרויסער בעל הלכה און איז פאַררעכנט געוואָרן פון די באַדייטנדע בעלי התוספות. דאָך האָט ער געהאַט אַ טיפע נויגונג צו מיס־טיציזם, צו קבלה און מוסר, וואָס איז אייגנטלעך, דעמאָלט זייער שווער צו זען צווישן די גאונים פון לאָטאַרינגען, וואו דער הויפּט־שטודיום איז געווען תלמוד, וואו עס איז געשליפן געוואָרן בלויז די הלכה אַליין.

די ערשטע צייט האָט ר׳ אלעזר געלערנט ביי זיין פאָטער אַליין, וועלכער איז אויך באַוואוסט געווען אַלס אַ תלמיד חכם. דערנאָך האָט ער געלערנט תלמוד ביי ר׳ משה הכהן אין מאַינץ און שפּעטער ביי ר׳ יהודה החסיד, וועלכער איז געווען ראש הישיבה אין רעגענסבורג. דער דאָזיקער רבי זיינער איז געווען ביי יענער צייט אַ זעלטענע דערשיינונג. ער איז געווען גאון און מקובל. ער האָט געשאַרפט דעם מוח אויף הלכה און גלייכצייטיק געשוועבט אין מיסטישע וועלטן, וואו עס איז ניטאָ קיין אָנהויב און ס׳איז ניטאָ קיין סוף, אין וועלטן פון קבלה, אין וועלטן פון מוסר. דאָס אַלץ האָט ער אייגנטלעך דערוואָרבן פון זיין פאָטער ר׳ משולם החסיד, וועלכער איז געווען ראש הישיבה אין שפּייער און האָט געהאַט אָנגעשריבן צוויי גרויסע מוסר ספרים, „ספר היראה" און „ספר התשובה", אין וועלכע ער פרובט אַנטוויקלען דעם געדאַנק אַז תפלה און מוסר, שיינע זיטן און גרויסע אמונה זיינען די הויפּט־יסודות פון יידנטום און מען מוז זיך דערצו אָפּגעבן מיטן גאַנצן לעבן. די דאָזיקע מיסטישע תורה האָט ער, ר׳ יהודה, איבערגעגעבן צו זיין תלמיד ר׳ אלעזר און ער איז אַזוי פאַרטראַכט געוואָרן אין די אַלע סודות פון קבלה, אַז ווען זיין רבי ר׳ יהודה החסיד האָט געהאַט אָנגעשריבן זיין באַרימטן „ספר חסידים", האָט אים ר׳ אלעזר ערגענצט און אויסגעבעסערט.

ר׳אלעזר איז געווען אַ גרויסער בעל הלכה, און אָט ער האָט זיינע גרויסע לומדות אַרויסגעבראַכט אין זיין באַוואוסטן ספר „רקח", וועלכער באַטרעפט דריי הונדערט מיט אַכט, פונקט אַזוי ווי זיין נאָמען אלעזר, און האָט מחמת דעם אויך באַקומען דעם נאָמען רקח. אַ גרויסער טייל פון זיינע לומדות אין הלכה זיינען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן צו תוספות׳ן אויף בבא קמא און אַנדערע מסכתות. אָבער זייענדיק אַריינגעצויגן אין קבלה, האָט ער אין דעם דאָזיקן ספר אַרויסגע־בראַכט געוויסע געדאַנקען איבער תפלות און יראת שמים, צו וואָס דער מענטש קאָן קומען צו שלימות און מוז אויך קומען צו שלימות. אויסער דעם דאָזיקן ספר

האט ר׳ אלעזר געשריבן אנדערע ספרים, וואו ער לאזט זיך אוועק אין א וועלט פון גימטריאות, ניטרוקינס און רמזים און צירופים, וואס איז קענטיק דעמאלט שטארק אנגענומען געווארן. פיל באדייטנדער איז שוין געווען זיין ספר „יין הרוקח״, וואס איז א פירוש אויף די חמש מגילות און הפטורות. ער האט אויך געהאט געשריבן א פירוש אויף די חמשה חומשי תורה, וועלכער ווערט ציטירט אין דעם ספר „נחל קדומים״, פון אזולאי. די דאזיקע פירושים האבן א סך זאכלעכקייט אין זיך, זיי ווערן אבער צעשוואומען אין א וועלט פון מיסטיק פון צירופי אותיות און גימטריאות און זיי זיינען דעריבער אנגענומען געווארן נאר פון די בעלי קבלה.

צוליב די גרויסע רדיפות אויף יידן איז ר׳ אלעזר רוקח אנטלאפן פון מאינץ און האט זיך באזעצט אין ערפורט און דערנאך אין ווארמס. ר׳ אלעזר דערציילט אגב, אז ווען די שטאט ווארמס איז באלאגערט געווארן פון א שונא, האבן די יידן מיט די קריסטן געקעמפט צוזאמען צו פארטיידיקן די שטאט, אז זי זאל נישט אריינפאלן אין די הענט פון די שונאים. די רבנים, צווישן זיי אויך ר׳ אלעזר, האבן דעמאלט מתיר געווען די יידן צו קעמפן אום שבת. ר׳ אלעזר דערציילט עס אין פאלגענדער פארם: „מעשה שצרו על עיר ווירמש חילות גדולות בשבת, והתרנו לכל היהודים ליקח כלי זיינם וכו׳. אלמלא יעזרו היהודים את שכניהם היו הורגים עצמן (אותם) הלכך מותר״.

דאס גרויסע אומגליק וואס איז דאן באפאלען די יידן אין דייטשלאנד האט אויך געטראפן ר׳ אלעזר׳ן. בעת ער איז אין א הערבסט נאכט פון יאר 1196 פארטיפט געווען אין זיין פירוש אויף דער תורה, האבן זיך אין שטוב אריינגע־ריסן צוויי קרייצלינגע, וועלכע האבן צוערשט דערמארדעט זיין פרוי דאלצע, נעמי, וועלכע איז געווען די הויפט־שפייזערין פון דער פאמיליע, זיינע צוויי טעכטער און פארוואונדעט אים אליין מיט זיין זון יעקב. ר׳ אלעזר איז שרעקלעך דערשיטערט געווארן פון דער דאזיקער טראגעדיע און האט זיינע אומטרייסטלעכע געפילן אויס־געגאסן אין א קינה וואס ער האט געשריבן אויף זיין פרוי.

ר׳ אלעזר, וועלכער איז אין יאר 1201 געווארן רב און מאנכע האלטן אויך חזן אין ווארמס, האט אויך אנטייל גענומען אין געוויסע ענינים וואס האבן געהאט א שייכות צום יידנטום. ער האט זיך געהאט באטייליקט אין דער אסיפה פון יאר 1223 און האט מיטגעהאלפן אויסארבעטן די באוואוסטע „תקנות שו״ב״. ר׳ אלעזר האט געהאט אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס אויפן יידנטום מיט זיינע הלכה׳שע שריפטן ווי אויך מיט קבלה. וואס אנבאלאנגט קבלה ווערט ר׳ אלעזר אנערקענט אלס איינער פון די ערשטע מייסטער וואס פארברייטעט דעם באדן פאר דעם מיסטיציזם אין אייראפע. ער איז געווען איינער פון די אלע, וועלכע האבן דורכגעבראכן א באן פאר דער נייער מיסטישער תורה, פאר דער קבלה. ר׳ אלעזר איז געשטארבן אין ווארמס אין יאר 1230.

# ר׳ משה מענדעלסאָן

## א.

### די צייט און זיין ערשטע דערציאונג

עטלעכע הונדערט יאָר זיינען אוועק זינט עס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד די ערשטע שפּראַצונג פון תורה־פאַרשונג און תורה־אינטערפּרעטירונג, אָבער אין משך פון אַט דער גרויסער פּעריאָדע איז עטוואָס באַדייטענדעס נישט געשאַפן געוואָרן. די דייטשע יידן זיינען אַלץ געלעגן פאַרטיפט אין תלמוד, אין הלכה, און דאָס שטודיום פון לשון קודש און די אויסטייטשונג פון דער תורה איז ווייט געווען פון זיי. דער ערשטער דייטשער מפרש אויף דער תורה אין פולן זין פון וואָרט, דער ערשטער, מיט וועלכן עס הויבט זיך באמת אָן אַ נייע פּעריאָדע אין דייטשן יידנטום בנוגע פאַרשידנאַרטיקע גייסטיקע שאַפונגען און אויך בנוגע דער פאָרשונג און אינטערפּרעטירונג פון דער תורה, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ משה מענדעלסאָן.

ר׳ משה מענדעלסאָן איז געווען דער שעפער פון אַ נייער תקופה אינם יידנ־טום, נישט בלויז אינם דייטשן יידנטום אַליין, נאָר אויך אין דעם יידנטום פון רוסלאַנד און פּוילן. זיין השפעה איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס און זי האָט זיך געטראָגן איבער אַלע לענדער, וואו יידן האָבן געלעבט. די קערנגדלעך פון דער נייער תקופה זיינען שוין אייגנטלעך געווען פאַרזייעט נאָך פון פאַר מענדעלסאָנען, עס איז אָבער געווען זיין קראַפט און זיין צויבער וואָס האָט די קערנגדלעך אַרויס־גערופן צום לעבן, וואָס האָט די קערנדלעך געבראַכט צום בליען.

משה מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין דער קליינער שטאָט דעסוי, אין הערצאָגטום אַנהאַלט, אין יאָר 1728. זיין פאָטער מענדל האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע און האָט געצויגן זיין יחוס ביז צום רמ״א. ער איז דערצו געווען אַ גרויסער אָרימאַן און געלעבט אין גרויס דחקות אַלס סופר און אַלס מלמד פון קליינע קינדער. די ערשטע אויסבילדונג האָט דער יונגער מענדעלסאָן באַקומען פון זיין פאָטער אַליין. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, ער איז אָבער געווען גוט באַהאַוונט אין גמרא און געהאַט גוטע ידיעות אין תנ״ך מיט מפרשים. דאָס יונגע קינד האָט געהאַט אַרויסגעוויזן זייער גרויסע פעאיקייטן אין לערנען, אַזוי אַז צו צען יאָר אַלט, האָט שוין דער פאָטער נישט געהאַט מער מיט אים וואָס צו לערנען. ער האָט דאַן אָנגעהויבן לערנען ביי איינעם אַ ר׳ הירשעל, אָבער אויך ער האָט, קענטיק, נישט געקאָנט נאָכיאָגן דעם פאָרטשריט פון יונגען

מענדעלסאָן, און ער איז דאָן אריבער אין דער ישיבה פון דעסויער אויבער־ראַ־בינער ר׳ דוד פרענקעל.

ר׳ דוד פרענקעל האָט געשטאַמט פון אַ באַרימטער אַנגעזעענער פאַמיליע אין ווין, וועלכע איז אין יאָר 1670 אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד און איז אַוועק אויפבויען אַ געזיכערטע היים אונטער דעם שוץ פון הערצאָג פון בראַנדענבורג. ר׳ דוד האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען תלמוד ווי אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן. ער האָט אָבער זיינע תלמוד׳ישע קענטענישן נישט אויסגענוצט צו מאַכן דערפון אַ פּראָפעסיע אַלס רב, נאָר ער האָט זיך בעסער אָפּגעגעבן מיט מסחר — מיט דיאַמאַנטן־האַנדל. דאָך ווען ער איז אין דער יידישער וועלט באַקאַנט געוואָרן אַלס למדן האָט מען אים אויפגענומען אַלס רב אין דעסוי. דאָרטן האָט ר׳ דוד פאַר־בראַכט עטלעכע יאָר און אָנגעהויבן שרייבן אַ פּירוש אויף דעם תלמוד ירושלמי אונטער דעם נאָמען „קרבן העדה”. דער דאָזיקער ר׳ דוד פרענקעל האָט געלערנט מיטן יונגען מענדעלסאָן תלמוד און תנ״ך און אים פּרובירט, אַזוי צו זאָגן, אָנ־הויבן מיט דעם פילאָזאָפישן געדאַנק. עס איז אַ סברא, אַז ער האָט געהאַט מיט אים געלערנט דעם „מורה נבוכים” פון רמב״ם, וואָס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף דעם יונגען מענדעלסאָן. מאַנכע האַלטן, אַז דער יונגער מענדעלסאָן האָט אַליין געהאַט „אַריינגעקוקט” אין „מורה נבוכים”. יעדנפאַלס האָט ער דעם מורה נבוכים שטאַרק געלערנט און שפּעטער האָט ער אַליין דערקלערט, אַז דאָס וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ צעבויגענעם און שוואַכן קערפּער האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם רמב״ם, איבער וועלכן ער איז געלעגן איינגעבויגן טאָג און נאַכט. ער האָט אָבער דאָך דעם רמב״ם שטאַרק ליב געהאַט, ווייל ער האָט אים אין געוויסע שווערע און ביטערע מאָמענטן פאַרזיסט זיין לעבן, און דאָס האָט ער געהאַלטן אַלס באַלוינונג פאַר די קערפּערלעכע באַשעדיגונגען וואָס ער האָט געהאַט באַקומען דורך אים, שטודירנדיק אים.

אונטער דער צייט איז מענדעלסאָן אַלט געוואָרן פערצן יאָר — די צייט ווען מען האָט שוין אין יענע יאָרן געדאַרפט מאַכן אַ שטיקל לעבן, ווען מען האָט שוין געדאַרפט טראַכטן וועגן אַ תכלית. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער פאָטער, ווי אויך זיין צאַרטע און פרומע מוטער, האָבן אים בעסער געוואָלט זען אַלס רב ווי אַלס סוחר. דען באמת איז דאָך טאַקע דאָס לערנען תורה און זיין אַ רב געווען דער איינציקער אידעאַל פון יעדן יידן, און מהאי טעמא האַלטן מאַנכע, אַז די עלטערן האָבן נישט געטראַכט אים צו מאַכן פאַר אַ סוחר און זייער לחלוטין נישט געווען קעגן זיין ווייטערדיקן לערנען. איבריגענס, דער יונגער אינגל האָט זיך נעריסן צו ווייטערדיקן שטודיום. ער האָט געוואָלט לערנען, אַ סך לערנען, וואָס ס׳איז אוממעגלעך געווען אין זיין שטאָט און ער איז געווען צו־שוואַך און צו־עמפּפינדלעך צו ווערן אַ סוחר, דאָס הייסט, פּשוט צו נעמען אַ פּאַק מיט סחורה אויף די פּלייצעס און גיין פון הויז צו הויז פעלדען און דערביי אויסשטיין פאַר־שידענע באַליידיגונגען און אומאַנגענעמלעכקייטן מצד די מענטשן־ליבנדע דייטשן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן קיין בערלין, דאָרטן פאָרטצוזעצן זיין וויי־טערדיקן שטודיום. עס איז געווען שווער פאַר זיינע עלטערן זיך צו שיידן מיט זייער שוואַכן, קערפּערלעך־צעבויגענעם פערצן־יעריקן קינד, וועלכער האָט געדאַרפט

גיין אין א פרעמדער וועלט, אין א ווייטער וועלט און ס'איז אויך שווער געווען פאר אים זיך צו שיידן מיט זיינע ליבע עלטערן און זיין פאמיליע. אבער דאס שיקזאל האט שוין אזוי געהאט באשלאסן און ער איז אוועק.

דאס איז געווען אין יאר 1743, ווען עס האט מיט דריי יאר פריער געהאט אנגעהויבן הערשן אין פרייסן דער בארימטער פריידענקער און געבילדעטער קעניג פרידריך דער צווייטער, וועלכן מען האט שפעטער געקרוינט מיטן טיטל „דער גרויסער". צו יענער צייט איז בערלין, פארשטייט זיך, געווען ניט דאס וואס היינט. בערלין האט דאמאלס געהאט ביי א הונדערט טויזנט איינוואוינער, אבער זי איז אלץ געווען, אזוי צו זאגן, א גרויסער דארף. יידן זיינען דאמאלס אין בערלין געווען גאנץ ווייניק. בכלל גענומען האט אבער בערלין דאן געהאט א פיינע אינטעליגענץ און נאך לייפציג איז זי פאררעכנט געווארן אלס איינע פון די געבילדעטסטע שטעט אין דייטשלאנד.

צו יענער צייט האט אין בערלין געלעבט ר' דוד פרענקעל, וועלכער איז געווען דער רבי פון יונגען מענדעלסאן. דען נאכדעם ווי ער איז בארימט געווארן אין דער יידישער וועלט מיט זיין לומדות, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין פראנקפורט אם מאין, און שפעטער, אלס רב הכולל פון בערלין. אז דער יונגער מענדעלסאן איז אנגעקומען ביי דעם „ראזענטאלער טויער" אין בערלין, וועלכער איז געווען דער איינציקער טויער דורך וועלכן עס האבן געקאנט אריינקומען די איינגעוואנדערטע יידן, האט אים דער יידישער באאמטער, דער איינציקער יידישער באאמטער וועלכער האט געהאט געפירט די קאנטראל איבער די יידישע אימיגראנטן, געפרעגט מכח דעם צוועק פון זיין נסיעה, האט ער געענטפערט „לערנען". דער באאמטער האט אנגעקוקט דעם ארימען און שוואכן בחור'ל און אים ווייטער געפרעגט מכח זיינע לעבנס־מעגלעכקייטן אין דער שטאט. און דארויף האט ער שוין נישט געקאנט ענטפערן. ער האט נאר ארויסגעזאגט די ווערטער „ר' דוד פרענקעל". דאס האט געווירקט אויפן באאמטן ווי א מין „שם המפורש" און ער האט דעם יונגען בחור'ל אריינגעלאזן אין שטאט. וואס האט אבער איצט דער בחור'ל געקאנט טאן? קיין געלט האט ער נישט געהאט. ער האט נישט געהאט קיין שום רעקאמענדאציע, ער האט נישט געהאט קיין שום באקאנטע, פארוואנדטע. זיין איינציקע האפנונג איז ביי אים געווען, דורכגייענדיק דעם טויער, איז געווען זיך צו זען מיט ר' דוד פרענקעל. עס איז ניט געגוי באקאנט, אבער עס ווערט דערציילט, אז ווען ר' דוד פרענקעל האט געהאלטן ביים פארלאזן דעסוי, האט אים דער יונגער מענדעלסאן געבעטן, אז ער זאל אים מיטנעמען אין בערלין, אבער ר' דוד האט אים אפגעזאגט דערפאר, וואס ער איז צו־שוואך און צו־קרענקלעך צו לעבן אן דער אויפזיכט פון זיינע עלטערן. מענדעלסאן איז אבער מיט דעם ענטפער נישט צופרידן געווען. אין דעם טאג ווען ר' דוד האט שוין געזאלט אפפארן, איז מענדעלסאן פאראויס אוועק א פאר מייל פון שטאט און געווארט ביז ר' דוד איז אנגעקומען אויף זיין ווייטערדיקער רייזע. מענדעלסאן האט אים דאן ווידער געבעטן און זיינע בקשות זיינען געווען אזוי יאמערלעך, אז זיי האבן ר' דוד'ן שטארק גערירט און ער האט אים געמוזט צוזאגן, אז ווען ער וועט קומען צו אים שפעטער, וועט ער אים אויפנעמען.

מענדעלסאָן איז אוועק דירעקט צו ר׳ דוד׳ן, און ער האָט אים באמת געהאַט אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט. ער האָט תיכף באַזאָרגט פאַר אים אַ צימער און עטלעכע „טעג" ביי איינעם היימאָן באַמבערגער, וועלכער האָט געשטיצט ישיבה בחורים, איבערלאָזנדיק שבתים און ימים טובים צו זיין מיט אים, ביי ר׳ דוד׳ן. אַזוי ווי מענדעלסאָן האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט, האָט אים ר׳ דוד געגעבן איבערשרייבן זיין חיבור, וועלכן ער האָט געהאַט פאַרבאַרייטעט צום דרוקן און אים דערפאַר באַצאָלט וועכנטלעך עטלעכע גראָשנס, וואָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, זיין „טאַשנגעלט".

מענדעלסאָן איז אָנגעקומען אין דער ישיבה פון ר׳ דוד פרענקעל, וואו ער האָט געהאַט געלערנט תלמוד מיט גרויס התמדה. ער האָט אָבער געליטן שרעקלעכע נויט. מיט אַלע זיינע „טעג" און מיט אַלע זיינע פּרנסות איז ער דאָך שיער נישט אויסגעגאַנגען פון הונגער. עס זיינען געווען אָוונטן ווען ער האָט זיך געלעגט ניט קיין געגעסענער. עס זיינען געווען צייטן ווען ער האָט אַפילו נישט געקאָנט האָבן אַ ריין העמד און מחמת דעם פלעגט ער זיך אָפּט באַהאַלטן פון מענטשן מען זאָל נישט זען זיין ביטערע נויט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט צעבראָכן זיין געמיט. דאָס האָט אים נישט אַנטמוטיקט, נאָר, פאַרקערט, אַלץ מער פאַרשטאַרקט זיין גייסט, אַלץ מער פאַרשטאַרקט זיין התמדה.

אויסער תלמוד האָט מענדעלסאָן אָנגעהויבן צו לערנען די דייטשע שפּראַך און לעזן ביכער, וואָס איז דאַמאָלס געווען אַ סכנה, ווען די פרומע לייט זאָלן וועגן דעם געוואויר ווערן. ער איז אָבער געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי דעם דונקעלן לעמפּעלע און געשלונגען דייטשע ביכער. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט געלייענט אָן אַ סיסטעם. אָבער וואָס האָט עס אים געקימערט? אַבי ער לייענט, אַבי ער לערנט.

צו יענער צייט האָט ער זיך ביי אַ צופאַל באַקאַנט מיט אַ פּוילישן תלמיד חכם ר׳ ישראל לוי פון זאַמאָשטש, וועלכער האָט געמוזט אַוועק פון דער היים צוליב זיינע פריייע געדאַנקען. לאַנגע יאָרן האָט ער געלעבט אין בערלין אין גרויסער נויט, ביז עס איז פון אים געוואויר געוואָרן דער באַוואוסטער גביר דניאל איציג, און ער האָט אים גענומען שטיצן. ישראל זאַמאָשטש האָט געהאַט אַ קלאָרן קאָפּ, געווען אַ שאַר־פער מאַטעמאַטיקער, און אַט מיט דעם פּוילישן יידן האָט זיך געהאַט באַקאַנט מענדעלסאָן, וועלכער איז תיכף געפאַלן אונטער זיין איינפלוס. ישראל זאַמאָשטש האָט אָנגעהויבן לערנען מיט אים מאַטעמאַטיק און העברייאיש, ווייל קיין אַנדער שפּראַך האָט ישראל נישט געקענט. ער האָט מיט אים געלערנט פילאָזאָפיע. דאָס האָט דערוועקט מענדעלסאָנען צו לערנען אַלטע שפּראַכן, ווייל נאָר דורך זיי האָט מען געקאָנט צוקומען צו די גרויסע אוצרות פון געדאַנק וואָס זיינען באַהאַלטן אין די ביכער פון די קלאַסישע שפּראַכן.

צוערשט האָט ער געוואָלט ערלערנען די לאַטיינישע שפּראַך. ער האָט אָבער קיינע ביכער נישט געהאַט. ער האָט דעריבער גענומען שפּאָרן געלט, אַ גראָשן צו אַ גראָשן, און ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ „פּאַרמעגן", איז ער אַוועק צו אַן אַנטיקוואַר און איינגעקויפט אַ לאַטיינישע גראַמאַטיק און אַן אַלטן לעקסיקאָן. דערביי האָט ער זיך איינגעשאַפט לערער, דעם ד״ר אברהם קיש פון פּראַג, וועלכער

האט געהאט שטודירט מעדיצין אין האלע און איז באטראכט געווארן אלס דער ערשטער פראגער ייד וואס האט באקומען א דאקטאר־טיטול. דער ד"ר קיש איז געווען א גרויסער קענער פון לאטיין. מענדעלסאן איז געווען אזוי פארטאן אין לערנען לאטייניש, אז ער האט אין א פארהעלטניסמעסיק קורצער צייט דערווארבן גרויסע קענטניסן אין דער שפראך, אז ער האט שוין געקומען לייענען די רוימישע קלאסיקער און אויך אנדערע ווערק, וועלכע זיינען געווען איבערזעצט אין לאטייניש. אויסער לאטייניש האט ער אויך אנגעהויבן צו שטודירן פראנצויזיש און ענגליש און ער האט זיך דערצו דערווארבן א גוטן לערער. דאס איז געווען דער דאקטאר גומפערץ.

## ב.

## לערער און סטודענט

די באקאנטשאפט מיט גומפערצן איז געווען פאר מענדעלסאנען פון גרויסער באדייטונג. גומפערץ איז געווען א רייכער בחור. ער איז געווען הויך־געבילדעט. אויך ער האט געהאט געלערנט מאטעמאטיק ביי ישראל זאמאשץ. ער איז געווען א גרויסער קענער פון דער שיינער ליטעראטור און איז אויך שפעטער געווען דער ערשטער יידישער דאקטאר אין פרייסן. ער האט דאריבער זיין יונגען חבר און תלמיד פרובירט ארויפציען העכער, ארויסנעמען פון דער געטא און לערנען מיט אים אויך וועלטלעכע זאכן, וועלכע זיינען אים פרעמד געווען. ער האט אים אריינגעפירט אין א נייער וועלט. ער האט אים ארויסגענומען פון זיין ענגען און פינצטערן צימערל און אריינגעבראכט אין דער וועלט פון געלערטע און וויסנשאפטסלייט. ער האט אים באקענט מיט די באדייטנדע פערזענלעכקייטן פון דער דאמאלסדיקער בערלין, וועמענס נעמען עס זיינען געווען בארימט אין גאנץ דייטשלאנד. גומפערץ האט געהאט אויסגעאיבט א געוואלדיקן איינפלוס אויף מענדעלסאנען און עס ווערט באהויפטעט אז ווען נישט גומפערץ וואלט נישט געווען קיין מענדעלסאן.

מענדעלסאן איז נישט מיד געווארן לערנענדיק. וואס מער ער האט זיך געהאט פארטיפט אין שטודיום, אלץ מער האט ער אנגעהויבן דורשטן נאך נייע חכמות, נאך נייע וויסנשאפטן. ער האט אבער דערביי געליטן פיזיש, נאר ער האט געשוויגן, ער האט זיך געשעמט אויסצוזאגן. זיבן יאר האט ער אזוי אנגעליטן פון דעם טאג אז ווען ער איז אריין אין דער ליכטיקער, געבילדעטער בערלין דורך דעם ראזענטאלער טויער. ער האט געהאט גרויסע טעג פון גייסטיקע פריידן, ער האט אבער אויך געהאט טרויעריקע, ביטערע טעג פון גייסטיקע ליידן. אבער איצטער, נאך דער ענדע פון די זיבן מאגערע יארן, האבן אנגעהויבן אנקומען פאר אים בעסערע טעג, ליכטיקערע טעג.

צו יענער צייט האט אין בערלין געלעבט איינער א רייכער יידישער זיידן־פאבריקאנט יצחק בערנהארד. אז ער האט זיך דערוואוסט פון אט דעם געבילדעטן

יונגענמאַן האָט ער אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אַלס לערער און דערציִער פון זיינע קינדער. שפּעטער איז ער אויך געוואָרן דער בוכהאַלטער און פאַרוואַלטער אין זיין געשעפט, און ווען יצחק בערנהאַרד איז געשטאָרבן האָט אים די אַלמנה זאָגאַר צוגענומען אַלס שותף צום געשעפט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער אויס־געהונגערטער מענדעלסאָן האָט זיך אַן בערנהאַרדס פאָרשלאָג אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און ס'האָט זיך פאַר אים דאַמאָלס באמת אָנגעהויבן אַ נייע וועלט. דען נישט בלויז איז זיין מאַטעריעלע לאַגע פון דאַן אַן געשטעלט געוואָרן אויף אַ פעסטן באַדן, נאָר ער האָט אויך באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיינע גייסטיקע כוחות, צו שטודירן און צו שאַפן. ער איז טאַקע געווען אַ לערער פאַר בערנהאַרדס קינדער, אָבער פיל מער האָט ער געלערנט פאַר זיך. ער איז גלייכצייטיק געווען אי לערער און אי סטודענט.

און געלערנט האָט ער דאַמאָלס אַ סך. אין משך פון די פיר יאָר וואָס ער האָט צום אָנהויב געהאַט פאַרבראַכט אין בערנהאַרדס הויז, האָט ער פאַרפאָלקאָמט זיינע קענטניסן אין לאַטייניש און ענגליש און זיין וויסן אין דער פילאָזאָפיע. און אַלץ האָט ער געלערנט אַליין. ער איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין אַן אוניווערזיטעט, קיינמאָל נישט באַזוכט קיין שולע, קיין קאָלעדזש. אַלץ האָט ער געמוזט דערגרייכן מיט אייגענע כוחות, מיט אייגענע אָנשטרענגונגען. דערביי האָט ער אויך זיינע תלמוד'ישע שטודיען ניט פאַרנאַכלעסיקט. ער האָט זיך אויך געגריבלט אין חכמת ישראל. ער האָט זיין שטודיום נישט אָפּגעלאָזן אויף אַ רגע. דער לערער מענדעלסאָן האָט דאָן גענוג צייט געהאַט אַליין סטודענט צו זיין און ער האָט די פרייע צייט אויסגענוצט אויף ווי וויט עס איז מעגלעך געווען.

מיט געשיכטע האָט זיך מענדעלסאָן קיינמאָל נישט אינטערעסירט. עס איז אים אַפילו אין קאָפּ נישט געקראָכן. אַלץ וואָס ס'האָט געהייסן געשיכטע — נאַ־טור-געשיכטע, ערד-געשיכטע, שטאַטס-געשיכטע איז ווייט געווען פון אים. ער האָט אַ לאַנגע צייט אַפילו קיין אידייע נישט געהאַט וואָס פאַר אַ נוצן זי קאָן ברענגען און האָט נישט געקאָנט באַגרייפן ווי אַזוי מענטשן קאָנען זיך אָפּגעבן מיט גריבלען זיך אין אַלטע ביכער, אין אַלטערטימלעכע ענינים. ער פלעגט לאַכן ווען ער האָט געהערט ווי זיינע פריינט אַמפּערן זיך איבער געוויסע היסטאָרישע געשעענישן. שפּעטער האָט ער זיין מיינונג געענדערט. ער האָט שוין אַליין אויך געוואָלט אָנהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט געשיכטע. ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן, אַז די געשיכטע איז די וויסנשאַפט פונם בירגער און נישט פונם מענטשן. איצט אָבער איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די געשיכטע פון דער בירגערלעכער קאָנסטיטוציע מיט דער געשיכטע פון דעם מענטשן איז ענג פאַרבונדן צווישן זיך און ס'איז פשוט נישט אָנשטענדיק צו בלייבן אומוויסנד אין דער דאָזיקער זאַך. און באמת האָט אים דער מאַנגל, אָדער נישט־וויסן פון געשיכטע, פון יידישער געשיכטע און אַל־געמיינער געשיכטע שטאַרק געשאַדט שפּעטער ביי זיינע פילאָזאָפישע שאַפונגען. נישט וויסנדיק קיין געשיכטע האָט ער געמוזט מאַכן געוויסע אומפּינקטלעכקייטן אין זיינע אָנשוויאונגען איבערן יידנטום. וואָרום אַן געשיכטע, אָן די פאַקטישע אַנטוויקלונגען פון געשיכטלעכע געשעענישן איז שווער צו מאַכן באַשלוסן און באַהויפּטונגען איבער געוויסע דערשיינונגען.

אויב אבער ער האט געהאט די געשיכטע פארנאכלעסיקט, האט ער אבער דערפאר זיין גאנצן לעבן אפגעגעבן דער פילאזאפיע. דארטן האט ער זיך געפילט היימיש. אים האט הויפטזעכלעך אינטערעסירט די וועלט פון געדאנק, די וועלט פון פילאזאפישע ספעקולאציעס, ארויסצוגעפינען פילאזאפישע אמת'ן. מהאי טעמא איז ער שטענדיק געווען פארטיפט אין דער קלאסישער פילאזאפיע ווי אויך אין די נייע פילאזאפישע שיטות פון דייטשלאנד און ענגלאנד. ער האט דורך אט די אלע שטודיומס און גריבלענישן קיינמאל נישט דערגרייכט דערצו, אז ער זאל שאפן א נייע, אן אייגנארטיקע שיטה אין דער פילאזאפיע. ער איז אבער געווען א מייסטער אין די סיסטעמען פון אלע אנדערע דענקער און פילאזאפן, און ער איז, אגב, אויך געווען איינער פון די ערשטע וועלכע האבן פרובירט אויסטייטשן, אויפקלערן די לייבניצישע פילאזאפיע פאר דעם דייטשן פאלק אויף דער דייטשער שפראך און אין א שיינעם סטיל דערצו.

א דאנק זיין פלייסיקן שטודיום, זיינע געניאלע פעאיקייטן און גריבלענישן אין די פילאזאפישע פראבלעמען, זייענדיק אין הויז ביי ר' יצחק בערנהארד, איז ער איז געווארן א פילאזאפיש־אויסגעבילדעטער מאן און זיין נאמען האט אנגעהויבן באקאנט ווערן אין דער אינטעלעקטועלער וועלט. דערביי איז געשען, אז וואס גרעסער ער איז געווארן, וואס העכער ער איז געשטיגן, איז ער געווארן דרייסטער, מוטיקער. ער האט זיך אויפגעהערט צו שעמען, ער האט פארלארן זיין צוריקגע־האלטנקייט. ער איז ארויס פון דער געדריקטער שטימונג וואס ער געהאט פריער באקומען צוליב זיין טרויעריקן לעבן. ער האט זיך אנגעהויבן פילן מעכטיק, קרעפ־טיק, זיכער. אויב ער האט פריער געהאט אויסגעמידן געזעלשאפט צוליב זיין שעמעוודיקייט און ארימקייט, האט ער איצט דוקא אנגעהויבן זוכן באקאנטשאפט, ער האט אנגעהויבן זוכן געזעלשאפט. זיין פריינט און לערער גומפערץ האט אים געפירט און געעפנט פאר אים די טירן פון דער געזעלשאפט נאך וועלכע מענדעלסאן האט געדורשט און וועלכע איז פאר אים ביז איצט געווען פארשלאסן. גומפערץ האט אים באקאנט געמאכט מיט די יונגעלייט פון יאאכימסטאלער גימנאזיום און זיך דערביי באמיט אים אויסצולערנען דעם טאן פון דער ראפינירטער געזעלשאפט. ער איז באקאנט געווארן מיט די באדייטנדסטע געלערטע אין לאנד. אלע האבן דעם יונגען יידן אויפגענומען פיין און האבן אים געהאלטן פאר א גרויסן בעל מוח. דער שטילער מענדעלסאן האט זיך איצט ארויסגעוויזן פאר א גוטן שמועסער, ער איז געווארן זייער אנגענעם אין געזעלשאפט און איז געווארן אויך א גוטער שאך־שפילער, וואס האט פאר אים געעפנט די טירן צו איינעם פון די ליכטיקסטע מוחות אין דייטשלאנד, גאטהאלד אפרים לעסינג, וועלכער האט שפעטער געשפילט א גע־וואלדיקע ראלע אינם לעבן פון משה מענדעלסאן און וועלכער איז געבליבן פאר דער וועלט דער סימבאל פון אמת און גערעכטיקייט.

## ג.

## די באַגעגעניש מיט לעסינג. — ערשטער ליטעראַרישער אויפטריט

לעסינג איז געווען איינער פון די שענסטע פיגורן וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט געהאַט ארויסצוגעבן. ער איז געווען דער מענטש פון ריינעם, קריסטאַלענעם אמת, ער איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו אַלע אונטערדריקטע און פארפאָלגטע, ער איז געווען דער הייסעסטער קעמפער פאַר גערעכטיקייט, וואָס איז שטענדיג אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע, ער איז געווען דער אָנזאָגער פון נייע מענטשלעכע אידייען.

לעסינג איז געווען אַ פריידענקער, אַ סך פריער ווי זיין קעניג פרידריך דער גרויסער, וועלכער האָט זיך מיט אַלע זיינע פרייע געדאַנקען וואָס ער האָט געהאַט געגאָשט פון דעם פראַנצויזישן ציניקער וואָלטער, דאָך ניט געקאָנט באַפרייען פון פילע נאַרישע פאָראורטיילן. לעסינג איז געווען פאָלקאָם פריי פון יעטווידער פאָר־אורטייל. ער איז געווען דער גוטער מענטש, דער מענטש פון דער העכסטער מאָ־ראַלישער קראַפט און האָט די אַלע מידות זיינע פרובירט איינפלאַנצן אין די הערצער פון זיין פאָלק.

מענדעלסאָן האָט זיך באַגעגענט מיט לעסינגען אין יאָר 1754. עס איז אויגנ־בליקלעך ניט וויכטיק ווער עס האָט באַקענט מענדעלסאָנען מיט לעסינגען. מאַנכע האַלטן, אַז אים האָט אריינגעבראַכט צו לעסינגען זיין פריינט און רבי דאָקטאָר גומפּערץ, וועלכער איז געווען אַן אָפטער איינגייער אין לעסינגס הויז; אַנדערע האַלטן אַז אים האָט פאָרגעשטעלט פאַר לעסינגען דער פאַרברענטער שאָך־שפּילער יצחק העסס. וויכטיק איז, אַז די ביידע יונגעלייט, וועלכע זיינען געווען כמעט אין איין עלטער, ארום פינף און צוואַנציק יאָר, האָבן זיך באַקענט און זיך באַפריינדעט.

לעסינג איז נאָך דאַמאָלס נישט באַרימט געווען. אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ נישט־דערבאַקענעם, פאַר אַ מין בטלן. ער אַליין איז געווען אַ זון פון אַ פּאַסטאָר, און זיין פאָטער האָט אים געוואָלט זען אַלס גלח. אַליין, ווידער, האָט ער געוואָלט שטודירן אַלס דאָקטאָר. ער האָט אָבער זיין שטודיום נישט פאַרענדיקט און איז געבליבן נישט אַהין און נישט אַהער. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט ווערן קיין לערער און קיין באַאַמטער. איז ער געוואָרן אַ שריי־בער. ער האָט פרובירט שרייבן דראַמעס און זיי האָבן זיך ארויסגעוויזן נישט געלונגענע. אגב דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דער מצב פון דייטשן טעאַטער איז בכלל געשטאַנען אויף אַ זייער נידריקער שטופע.

די ליטעראַרישע און געלערנטע וועלט האָט אים נישט געהאַט אָנערקענט. ער האָט זיי אָבער גוט אויסגעלאַכט. ער האָט נישט געזשאַלעוועט צו שיקן שאַרפע פיילן אין די אַלע סנאָבס מיט די פאַרריסענע נעז, וועלכע בלאָזן זיך מיט זייער נאַרישקייט, פוסטקייט און לעכערלעכקייט. אַלס געבוירענער דעמאָקראַט איז ער שטענדיק געגאַנגען מיט די געפאַלענע. אַלס סטודענט אין לייפּציג זיינען זיינע באַקאַנטע געווען אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אויף וועלכע מען האָט אין יענע יאָרן

געקוקט זייער קרום. זייענדיק אין ברעסלוי, האט ער זיך געפריינדלט מיט סאַל־דאַטן, און אַז ער איז געקומען אין בערלין האט ער זיך גאַרנישט געשעמט צו פאַרקערן מיט יידן, צו וואס מען האט דאמאלס געמוזט האָבן גרויסן מוט. אפילו זיין ערשטע דראַמע, וואס ער האט געהאט געשריבן, האט ער געווידמעט דעם יידישן פאַלק. אין זיין דראַמע „די יודען" האט ער פּרובירט אַרויסברענגען, אַז אויך יידן זיינען אַדעלליִיט און גיבן אַרויס גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן. די דאָזיקע דראַמע האט אין זיין צייט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. מענטשן האָבן פּשוט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. די יידן זיינען געווען אַזוי פאַראַכטעט, אַזוי פאַרהאַסט, אַז זיי האָבן זיך גאָר בשום אופן נישט געקאַנט פאָרשטעלן אַז ס'זאָל געבן אַזאַ איידעלער ייד ווי ער ווערט געשילדערט אין לעסינגס דראַמע. זאָגאַר דער געלערטער מיכאַעליס, וועלכער האט געשריבן איבער דער דראַמע, האט זיך געהאט אויסגעדריקט, אַז עס איז אַפילו נישט אוממעגלעך, אָבער דאָך אוממוואַר־שיינלעך, אַז דאס יידישע פאָלק זאָל אַרויסגעבן אַזאַ איידעלע פּערזאָן ווי דער ייד אין דער דראַמע.

מענדעלסאָן, וועלכער האט זיך דאַן אַקאָרשט געהאַט באַקענט מיט לעסינגען, האט אַזאַ באַליידיגונג נישט געקאָנט פאַרשווייגן און איז אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע ווערטער קעגן אַט די ענג־האַרציקע און שמאַל־קעפּיקע פאַרלוימדער. דאס איז געווען זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער עפנטלעכקייט. ביי היינטיקן טאָג, ווען מען איז שוין געוואוינט צו פיל שאַרפערע אַרויסטרעטונגען קעגן אונדזערע שונאים, קלינגט מענדעלסאָנס פאַרטיידיגונג גאַנץ שוואַך, אָבער פאַר יענער צייט איז זי געווען פון גרויסער באַדייטונג און זי האט געהאַט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די געבילדעטע יידישע קרייזן.

די פריינטשאַפט וואס האט זיך דאַמאַלס פאַרבונדן צווישן די צוויי פּער־זענלעכקייטן איז געוואָרן מיט דער צייט אַלץ ענגער און אינטימער. מענדעלסאָן האט געהאַט באַוואונדערט דעם אומפּאַסענדן וויסן און שיינעם גייסט פון לעסינגען, און לעסינג האט באַוואונדערט מענדעלסאָנס הויכע געדאַנקען. ביידע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידייע פון אמת און גערעכטיקייט און ביידע זיינען גע־גאַנגען אויף דעם זעלבן וועג צו באַפרייען די וועלט פון פאַלשקייט און פאָראור־טיילן. וואס האָבן זיך זייט יאַרהונדערטע געהאַט אַרומגעוועבט אַרום איר. דערביי האט לעסינג פּרובירט איינפלאַנצן אין זיין חבר דאס פאַרשטענדניס פאַר שיינקייט, און מענדעלסאָן האט פּרובירט איינפלאַנצן אין לעסינגען דעם אינטערעס פאַר פילאָזאָפישע חקירות. עס איז צווישן זיי פאַרגעקומען אַ געגנזייטיקע ווירקונג און אַ גוטע ווירקונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם אַנגריף אויף דעם געלערטן מיכאַעליס האט מענדעלסאָן נאָך נישט געהאַט באַקומען אַ נאָמען. דאס איז געווען בלויז אַן עפּיזאָד, און אַ קליינער עפּיזאָד דערצו, וואס זאָל מאַכן אַן איינדרוק אין דער ליטעראַרישער וועלט, אין דער געלערטער וועלט. דער ערשטער ליטעראַרישער אַרויסטריט איז פאַרגעקומען עטוואָס שפּעטער אויף אַ זאָנדערבאַרן אופן. עס האט זיך איינמאָל געמאַכט אַז לעסינג האט פּרובירט מזכה זיין מענדעלסאָנען מיט אַ גוטן פילאָזאָפישן בוך און האט אים געגעבן דאס ווערק פון ענגלישן דענקער שעפּטערבוריר.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מענדעלסאָן געקומען צו לעסינגען אים אָפּגעבן דאָס בוך. אויף לעסינגס פראַגע, ווי אַזוי עס געפעלט אים דאָס ווערק, האָט אים מענדעלסאָן געענטפערט, אַז דאָס בוך געפעלט אים, נאָר אַזאַ ספר וואָלט ער אויך געקאָנט אָנשרייבן. אויב אַזוי — האָט לעסינג אַ זאָג געטאָן, — דאַן מאַכט עס.

מענדעלסאָן איז אַוועק אַהיים און אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ער געבראַכט צו לעסינגען אַ מאַנוסקריפּט און אים געבעטן דורכלעזן. לעסינג האָט דעם מאַנוסקריפּט צוגענומען. עס זיינען אַוועק אייניקע מאָנאַטן און לעסינג האָט מכח דעם מיט מענדעלסאָהנען קיינמאָל נישט גערעדט. אַז מענדעלסאָן האָט אים דאָך שפּעטער אַ פרעג געטאָן אויב ער האָט געלייענט דעם מאַנוסקריפּט, האָט אים לעסינג דערלאַנגט אַן אָפּגעדרוקטן עקזעמפּלאַר פון זיין ספר. לעסינג האָט דאָ פּשוט געלאָזן אָפּדרוקן מענדעלסאָנס ווערק אָן זיין וויסן און אָן זיין נאָמען.

דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען „די פילאָזאָפישע געשפּרעכן", און נישט וויסנדיק האָט אים לעסינג אַריינגעפירט אין דער דייטשער ליטעראַטור, ער האָט אים איבערנאַכט געמאַכט פאַר אַ דייטשן שריפטשטעלער. הגם זיין נאָמען איז אויפן ספר נישט געדרוקט געווען, האָט מען דאָך אין די ליטעראַרישע קרייזן פון בערלין שוין געוואוסט ווער עס איז דער אמת'ער פאַרפאַסער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים פון אַלע זייטן. אַחוץ זיינע העכסט אינטערעסאַנטע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם, וועלכע ער האָט איצט פּראָבירט אַרויסברענגען אויף דער וועלט, האָט מען אויך באַוואונדערט זיין מוט און זיין דרייסטקייט, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער ליטעראַרישער הערשאַפט פון די פראַנצויזן אין דייטשלאַנד. עס איז אויסגעקומען אַביסל משונה'דיק וואָס אַט דער אָרימער יידישער בחור'ל, וועלכער האָט נאָך נישט געהאַט קיין וואוינרעכט אין בערלין און וועמעס פאָלק עס איז אַזוי פאַרהאַסט געווען אין לאַנד, טרעט פּלוצלינג אַרויס קעגן די פראַנצויזן און מוסר'ט זיי פאַרוואָס זיי וויסן נישט צו שעצן זייערע אייגענע שאַפונגען און קוועלן־אָן פון אַלץ וואָס איז פראַנצויזיש. עס איז אויסגעקומען, אַז דער דאָזיקער יידישער בחור איז מער דייטש פאַר די דייטשן, מער דייטש אַפילו פאַרן דייטשן קייזער, וועלכער האָט געהאַסט אַלצדינג וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אין דייטש און אויסערגעוויינלעך געשעצט אַלצדינג וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אין פראַנקרייך. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט מענדעלסאָנס ווערטער איבערגעגעבן דעם קייזער. אָבער עס שיינט, אַז ער האָט די פאַראוואורפן אַראָפּגעשלונגען רואיק, נישט וועלנדיק מאַכן דערפון אַן ערנסטן ענין.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם וואוקס פון זיין נאָמען, אַכטונג און אָנערקענונג, איז אויך געוואַקסן די צאָל פון זיינע שונאים, וועלכע האָבן פּראָבירט אויסטראַכטן אויף אים בלבולים כדי צו שאַפן האַס צווישן זיינע פריינט קעגן אים, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. אַפילו די געגנער האָבן געמוזט אָנערקענען די גרויסקייט פון דעם „העברייאישן אינגל". אויך אין קייזערלעכן הויף האָט מען זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן יידישן בחור. מען האָט זיך געוואָלט מיט אים באַקענען, מען האָט געוואָלט אָנזען דעם יידן וואָס רעדט דייטש און שרייבט דייטש און האָט זיך זאָגאַר דערלויבט אָנצוגרייפן די אַקאַדעמיע.

צו דער צייט האט ער אבער אויף א געוויסער צייט פארלארן זיין פריינט, און דאס האט אים געהאט פארשאפט גרויס עגמת נפש. הגם ער איז שוין געווען א גוטער מייסטער אין דער דייטשער שפראך, האט אים דאך געפעלט די פינעסע, די אפגעטאקטקייט, די אפפאלירונג, דער ריינער סטיל. עס פארשטייט זיך, אז דארין האט אים א סך ארויסגעהאלפן זיין פריינט לעסינג. אין אנהויב יאר 1755 האט אבער לעסינג זיך באזעצט אין פאטסדאם. אין די זעקס מאנאטן וואס ער איז געווען באקאנט מיט לעסינגען, האט ער זיך אזוי שטארק צוגעוואוינט צו אים, אז ער האט איצט פשוט נישט געקאנט אויסקומען אז אים אפילו א מינוט. ער האט זיך געפילט זייער איינזאם. און מחמת דעם האט ער זיך אין דער דאזיקער איינזאמקייט גענומען צום שווייצארישן דענקער רוסא, וועמענס ווערק ער האט איצט אנגעהויבן צו איבערזעצן. ער האט אנגעהויבן זוכן נייע פריינט, אבער די אלע פריינט האבן נישט געקאנט דינען אלס ערזאץ פאר לעסינגען. ער האט געבענקט נאך אים, ער האט אן אים נישט געקאנט אויסקומען. אבער ענדלעך איז לעסינג צוריקגעקומען. ער האט געזאלט מאכן א רייזע איבער עטלעכע מדינות אויף א משך פון דריי יאר צייט, אבער נאך פינף חדשים האט ער זיך צוריקגע־קערט און זיך באזעצט אין לייפציג.

## ד.

## די מאטעריעלע לאגע. — דער אנגריף אויפן קייזער

עס קומט אוים גאנץ אפט צו הערן די מיינונג, אז פראסטע, וואכעדיקע ארבעט רויבט אוועק פון דעם דיכטער און דענקער זיינע שאפונגס־פעאיקייטן. עס הייסט צו זאגן, אז א דיכטער מוז נאר ארומגיין ליידיק, ארומשפאצירן אין די וועלדער און פעלדער, בלאנדזשען אין די בערג און זיך באהאלטן אויף א פעלז ערגעץ אויף א ברעג ים כדי צו זיין „פאר זיך" מיט זיינע געדאנקען און מיט זיינע איבערלע־בענישן, און ערשט דאן איז אזא מאן אימשטאנד צו שאפן. זאל זיך אבער אזא מין טאלאנט אוועקזעצן ביי פראסטער ארבעט, ביי וואכעדיקער, טאג־טעגלעכער ארבעט, אזוי ווערט אין אים געטויט דער טאלאנט, דער זשעניע. עס וואלט, נאטירלעך, געווען מעגלעך צו ברענגען צענדליקע באווייזן אין דער אומריכטיקייט פון אזא באהויפטונג. אויף וויפיל עס איז באקאנט האבן דוקא די וועלט־בארימטע דיכטער און שריפטשטעלער ווי אויך דענקער זיך באשעפטיקט מיט פשוט'ער ארבעט און דאך האט עס זיי נישט געשאדט צו ווערן גרויס אויף דער וועלט. קיין דיכטער, קיין שריפטשטעלער, קיין דענקער, אפשר מיט א פאר אויסנאמען, האט נישט געקאנט מאכן א לעבן פון זיינע שאפונגען. יעדער האט געמוזט ארבעטן, פשוט ארבעטן. און טאקע אויך א סך ארבעטן און שווער ארבעטן. נאר בלויז פיפערנאטערם קאנען באשולדיקן זייער אומפרוכטבארקייט דערמיט וואס זיי האבן געדארפט ארבעטן. גרויסע פערזענלעכקייטן האבן ארויסגעשיינט נישט קוקנדיק אויף די אלע ארבעטס־שוועריקייטן. שפינאזא האט געשאפן גאר נישט קיין שלעכטע

ווערק, כאָטש ער האָט זיך זיין גאַנצן לעבן באַשעפטיקט מיט דימאַנטן־שלייפעריי, פון וואָס ער האָט קוים געקאָנט מאַכן אַ לעבן.

אַלס לעבעדיקער באַווייז האָט אויך גערינט ר׳ משה מענדעלסאָן. ער האָט פיל שטודירט און פיל געלערנט, פיל געשאַפן און זיך געמאַכט אַ נאָמען אויף דער וועלט און דאָך איז ער געווען אַ פּשוט׳ער בוכהאַלטער און זיך געדאַרפט אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקן מיט סחורה און מיט טרוקענע ציפערן, וואָס האָבן זיכער, לויט די אָנגענומענע סברות, געדאַרפט אָוועקטויטן אַ טאַלאַנט. און דאָך איז מענדעלסאָן געבליבן דער זעלביקער שעפער ווי ער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט אַרומגעבלאָנדזשעט אין די וועלדער צו באַטראַכטן די נאַטור און זיך צו פאַרטיפן אין די מעשי בראשית. מענדעלסאָן איז שוין אין יענער צייט געווען באַרימט אין דייטשלאַנד, ער איז שוין געווען באַקאַנט אַלס דענקער און עסטעטיקער, און דאָך איז ער נאָך אַלץ געבליבן בוכהאַלטער ווי געווען. ער האָט געהאַט גענוג צייט צו פירן דיס־קוסיעס איבער מאַטעמאַטישע, עסטעטישע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, ער האָט געהאַט גענוג צייט צו פאַרברענגען אין די העכערע אינטעלעקטועלע קרייזן פון בערלין, אָבער זיין בוכהאַלטעריע, וואָס האָט אים געגעבן חיונה, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט.

עס איז קיין ספק נישט, אַז ער האָט געהאַט געוויסע שטרעבונגען נאָך זעלבסט־שטענדיקייט. דערצו שטרעבט נאַטירלעך יעדער איינציקער מענטש. ער האָט נאָך אין די יונגע יאָרן געטראַכט צו ווערן אַ רב, אָבער ער האָט עס געהאַט אויפגעגעבן. ער האָט שוין איצט קיין רב נישט געוואָלט ווערן. דאָס איז נישט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט געפילט פאַרבאַרייטעט צו דעם דאָזיקן אַמט. פאַרקערט, ער איז געווען אַ גרויסער למדן, ער האָט געקענט גוט העברייאיש און איז געווען שטרענג רעליגיעז. מיט די אַלע קוואַליטעטן האָט ער געקאָנט פאַרנעמען אַ גוטע שטעלע אַלס רב. ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געזען ווי זיין פאָלק ליידט און ער האָט גערענקט, אַז ער קאָן דינען דעם פאָלק אויף אַן אַנדער אופן און מחמת דעם האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן ווייטער אויף דער שטעלע אַלס בוכהאַלטער.

בערנהאַרד איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן שטאַרק צופרידן מיט מענדעלסאָנען אַלס בוכהאַלטער, פונקט אַזוי ווי ער איז געווען צופרידן מיט מענדעלסאָנען אַלס לערער. מענדעלסאָן האָט געאַרבעט שווער. ער האָט געאַרבעט פון אַכט אַזייגער אין דער פרי ביז ניין אַזייגער אין אָוונט. ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט אָביסל אויסנוצן דעם זומער אויף אָוועקצוגיין אויף וואַקאַציע. שפּעטער איז זיין אַרבעט עטוואָס פאַרלייכטערט געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער שוין געאַרבעט פון אַכט אַזייגער אין דער פרי ביז צוויי אַזייגער בייטאָג, אַזוי אַז ער האָט געהאַט גענוג צייט צו אַרבעטן פאַר זיך אַליין. אַחוץ דעם אַלעם האָט זיך אויך זיין מאַטעריעלע לאַגע באַדייטנד פאַרבעסערט. אין זומער 1757 האָט ער שוין געלעבט אויף דאָטשע און האָט נאָך געקאָנט איינלאַדן זיין פריינט לעסינג, ער זאָל קומען צו אים וואוינען.

מענדעלסאָן איז שוין נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט ביי בערנהאַרדן געווען אויף אַ בעסערן מאַטעריעלן מצב אויך. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטליכע

טאַלער און האָט אַזוי אַרום געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפֿן זיינע פֿריינט אין נויט. גראָד איז זיין פֿריינט לעסינג געווען אויף גרויסע צרות און מענדעלסאָן האָט אים געקאָנט קומען צו הילף. מענדעלסאָן האָט אים פֿאַרגעלייגט זיין הילף אין פֿאַל ער וועט זיך נויטיקן. און באמת אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט זיך לעסינג געווענדעט צו מענדעלסאָנען, אַז ער זאָל אים באָרגן זעכציק טאַלער. זעכציק טאַלער איז פֿאַר מענדעלסאָנען געווען אַ היבשע סומע און מחמת דעם האָט ער פֿאַרגעלייגט לעסינגען צו שיקען תיכף דרייסיק טאַלער און אין פֿיר וואָכן שפּעטער נאָך דרייסיק טאַלער. און אַזוי האָט ער אויך געטאָן. ער האָט אים תיכף אַרויסגעשיקט די די דרייסיק טאַלער און שפּעטער האָט ער אים אויסגעצאָלט אויך די איבריקע דרייסיק. בכלל האָט זיך איצט זיין מאַטעריעלע לאַגע שטאַרק פֿאַרבעסערט און ער האָט געקאָנט לעבן רואיק און צופֿרידן. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט לעבן פֿרייער, ער האָט געוואָלט האָבן מער צייט פֿאַר זיך. ער האָט געדורשט נאָך ווייטערדיקן שטודיום, דען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג און געלייגט גרויסע האָפֿנונגען אויף דער צוקונפֿט.

ער האָט זיך דעריבער אויך גענומען צו זשורנאַליסטיק, צו קריטיק. אין אַ משך פֿון עטלעכע יאָר האָט ער געהאַט אָנגעשריבן מערערע זאַכן. זיי זיינען נישט געווען פֿון גרויסן ווערט. הויפּטזעכלעך זיינען זיי געווען מאָראַלישע אויפֿזאַצן, וואָס האָבן געקאָנט דינען דעם געשמאַק פֿאַר יענער צייט. ער האָט אָבער דאַמאָלס זיך באַשעפֿטיקט אויך מיט יידישע זאַכן: ער האָט פּרובירט פֿאַרברענגען פֿאַרן דייטשן פּובליקום פֿון העברייאישע שאַפֿונגען. ער האָט געהאַט איבערגעזעצט שטיקער פֿון ר' ידעיה הפּניני'ס ווערק „בחינת עולם", און אויך ר' יהודה הלוי'ס עלעגיע, פֿון וועלכער דער גרויסער דיכטער געטהע איז געווען אַנטציקט. שפּעטער אָבער האָט מענדעלסאָן אָנגעהויבן צו שאַפֿן קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער עסטעטיק, פּסיכאָלאָגיע, פֿילאָזאָפֿיע און קונסט, און צווישן אַט די קריטיקן האָט ער שוין נישט געזשאַלעוועט צו געבן אַ חלק אַפֿילו דעם קייזער אַליין, דעם קייזער פֿרידריך דעם גרויסן.

דער קייזער פֿרידריך האָט זיך נישט באַנוגנט דערמיט צו זיין אַ קייזער, צו הערשן איבער אַ פֿאָלק און צו פֿירן מלחמות, וואָס איז אייגנטלעך די אַרבעט פֿון יעדן קייזער. ער האָט אָבער געהאַט פֿיל גרעסערע אַמביציעס. ער האָט געוואָלט זיין דענקער, היסטאָריקער, דיכטער. אַזוי ווי ער האָט די דייטשע שפּראַך פֿיינט געהאַט, זאָגנדיק, אַז מען קאָן אויף איר קיין גרויסע זאַכן נישט שאַפֿן, און איז געווען פֿאַרקאָכט אין פֿראַנצויזיש, אין דער גאַנצער פֿראַנצויזישער קולטור, האָט ער איינגעלאַדן צו זיך אין פּאַלאַץ „סאַנסוסי" דעם באַרימטן פֿראַנצויזישן דענקער וואָלטער, מיט וועמען ער האָט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען, און ער האָט אין הויף גופֿא געשאַפֿן אַזאַ מין ליטעראַרישע קליקע. וואָלטער, דער ציניקער, האָט זיכער געמוזט לאַכן פֿון דעם קייזערס גרויסקייט אין ליטעראַטור, אָבער אַלס חונף, וועלכער האָט נאָך דערצו גאַנץ געשמאַק חשק געהאַט צו לעבן אין דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ און זייענדיק אַרומגערינגלט מיט כבוד, האָט ער אים נישט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן. פֿרידריך איז נישט געווען קיין דיכטער, ער איז געווען אַ גראַמענמאַכער. ער איז נישט געווען קיין פֿילאָזאָף, נאָר סתם אַ שטיקל חקרן. האָט זיך

אים פארגלוסט, אין יאר 1760, אפצודרוקן א ביכעלע פאעזיע אויף פראנצויזיש, און נישט אויף דייטש, אויף דער שפראך פון זיין פאלק, איבער וועלכן ער האט געהאט געהערשט. מענדעלסאן האט דאן אנגעשריבן א קריטיק אויף דעם קייזערס שאפונג. אבער אזוי ווי דעם אמת האט מענדעלסאן דאך מורא געהאט צו זאגן, דען קיסרים האבן בכלל פיינט דעם אמת, האט ער די קריטיק אנגעשריבן אויף א מייסטערהאפטן אופן אין דער פארם פון א לויב־געזאנג, אזוי אז מען האט זיך געקאנט כאפן אז די שארפע קריטיק וואס ער האט דעם קייזער געגעבן, איבער־הויפט פארוואס ער שרייבט פראנצויזיש. הגם דאס אלץ איז געזאגט געווארן בדרך רמז, האט דאך עפעס איינער א פרעדיקער, יוסטי, אויסגעזאגט דעם קייזער דעם נאמען פון קריטיקער, צוגעבנדיק דערביי, אז דער דאזיקער יידל האט מיט זיין חוצפה׳דיקער קריטיק פארגעסן אן די ערע און הייליקייט פון קייזער. מענדעל־סאן איז דאריבער באלד איינגעלאדן געווארן צו קומען שבת אין פאלאץ. ער איז געווען זייער דערשראקן, ער האט אבער גארנישט געקאנט העלפן. דער קייזער האט געהייסן קומען און ער האט געמוזט פאלגן. מענדעלסאן האט באקומען א דערלויבניש פון רב צו פארן צו פארן אום שבת, און ער איז צו דער באשטימטער צייט אנ־געקומען אין פאטסדאם.

מענדעלסאן איז פון טויער געגאנגען צופוס ביז דער שטאט, און ער איז ענדלעך אנגעקומען צום פאלאץ און פארגעשטעלט געווארן צום קייזער. אז מען האט אים געפרעגט, אויב ער איז דער מחבר פון דער קריטיק, האט ער געענטפערט: „ווער עס שרייבט לידער איז פונקט ווי איינער שפילט אין קעגל, און ווער עס שפילט אין קעגל, מעג ער זיין ווער ער איז, א קעניג אדער א פויער, מוז זיך צוהערן צום קעגל אויפזועערס באשלוס, צי דער קעגל האט געטראפן אין ציל, צי נישט".

עס ווערט באהויפטעט, אז דער קייזער האט אייגנטלעך געוואלט באשטראפן מענדעלסאנען פאר זיינע באהאלטענע כוונות פון דער קריטיק, אבער ער האט זיך אפנים געשעמט פאר די פראנצויזישע הערן, וואס זיינען געווען ביי אים פאלאץ, און אזוי ארום האט מענדעלסאן נישט שלעכט אפגעשניטן. עס האט געהייסן, אז דעם קייזער איז דער משל געפעלן געווארן און איז צופרידן געבליבן מיט דער קריטיק.

## ה.

## הייראטעט, זיגט איבערן פילאזאף קאנט און באקומט פריווילעגיעס פון קייזער

מענדעלסאן איז שוין איצט געווען באקאנט און העכסט געאכטעט פון נאענטע און ווייטע פריינט. ער איז געווען ארומגערינגלט פון א גרויסער גרופע דיכטער, דענקער און שריפטשטעלער, וועלכע האבן באוואונדערט זיין חכמה און האבן זיך מיט דעם גרעסטן אינטערעס צוגעהערט צו אלץ וואס ער האט געהאט געזאגט, צו

אלץ וואס ס'איז ארוים פון זיין פעדער. אבער נאך אלעמען האט ער זיך געפילט עלענד, ער האט זיך געפילט איינזאם. איבערהויפט האט ער זיך געפילט שווער אום שבת און יום־טוב, וועלכע זיינען אין די יידישע הייזער געווען אזוי אנגעפילט מיט פרייד, מיט שיינקייט, מיט עלית נשמה, מיט א נשמה יתירה. אט די פרייד, אט די היימישע, יידישע פרייד, האט אים געפעלט און ער האט אנגעהויבן טראכטן ווי אזוי דאס צו עראבערן.

צו יענער צייט איז ער שוין געווען אריבער דרייסיק יאר און ער האט באשלאסן, אז איצט איז שוין די צייט אויפצובויען א הויז, אויפצובויען א פאמיליע, וועלכע ער האט געהאט באטראכט אלס דאס העכסטע גליק. ער איז אבער נישט געפלויגן צו־הויך אין זיינע פאנטאזיעס. ער האט געוואלט הייראטן א פרוי, וועלכע זאל זיין נאענט צו זיינע נייגונגען. און דאס האט ער אויך געפונען אין יאר 1761 האט ער געמאכט א נסיעה קיין האמבורג און דארטן האט ער זיך פארליבט אין דער טאכטער פון אברהם גוגענהיים, פראמעל. זי איז נישט געווען קיין שיינע, נישט קיין רייכע, נישט געבילדעט, אבער זי איז געווען טוגענדהאפט און צערטלעך. דאס זיינען אייגנטלעך געווען די מעלות וואס מענדעלסאן האט געהאט געזוכט און ער איז געווען העכסט גליקלעך וואס ער האט אזעלכע געטראפן. ער האט תיכף געשריבן תנאים און מען האט אפגעלייגט די חתונה אויף א יאר צייט כדי זיך איינצואורדנען ווי געהעריק. אונטער דער דאזיקער צייט האט מען אים געהאט געמאכט גלענצנדע פארשלאגן, פון וועלכע ער האט געקאנט רייך ווערן, אבער ער האט זיך פון זיי אלעמען אפגעזאגט. ער איז שוין געווען צוגעוואוינט צו דער ארבעט ביי בערנהארדן אין געשעפט און אלץ וואס ער האט איצט געוואלט, איז בלויז צו שליסן א פעסטן קאנטראקט, ער זאל זיין געזיכערט מיט לעבנסמיטל. און דאס איז אויך געשען. ער האט געהייראט און האט פון איצטער אן אנגעהויבן פילן די צערטלעכקייט פון א פרויען־האנט, די געמיטלעכקייט פון זיין הויז, וואס האבן אים געמאכט גליקלעך.

פון איצט אן האט מענדעלסאן אנגעהויבן שטייגן הויך אויף די שפיצן פון רום. עס איז נאך נישט געווען אריבער דער רויש פון פאמיליען־גליק, און א נייער גליק איז שוין געשטאנען ביי דער טיר. צו יענער צייט האט די קעניגלעכע אקאדעמיע פון וויסנשאפטן באשטימט א פרייז פאר א ווערק אויף א געוויסער פילאזאפישער טעמע, וועלכע האט מענדעלסאנען שטארק אינטערעסירט און אים האט זיך פארגלוסט צו נעמען אן אנטייל אין דעם קאנקורס, טאקע כדי צו האבן די מעגלעכקייט ארויסצוזאגן זיינע אנשויאונגען צווישן א חברה פון גרויסע געלערטע און דענקער. אין דעם קאנקורס האט אויך אנטייל גענומען זיין ליבער פריינט טאמאס אבט, וועלכע האט געהאט דיזעלבע מיינונגען און דיזעלבע פילאזאפישע אנשויאונגען ווי ער. ווען מענדעלסאן האט זיך דערוואוסט, אז טאמאס אבט גייט זיך באטייליקן אין קאנקורס, האט ער געוואלט אויפגעבן די גאנצע ארבייט. ער האט נישט געוואלט קאנקורירן מיט זיין פריינט. דאך האט ער אויף דער עצה פון זיין פריינט ניקאלאי און זיין אייגענער איבערלייגונג, באשלאסן צו נעמען אן אנטייל אין דעם קאנקורס. אין דעם דאזיקן קאמף האבן אנטייל גענומען באדייטנע קעפ, און צווישן זיי אויך דער בארימטער קעניגסבערגער פילאזאף עמנואל

קאַנט. און קענען אַלע דערוואַרטונגען האָט געזיגט מענדעלסאָן, „דער בעקאַנטע היעזיגע יודע מאָזעס מענדעלסאָן". די אַרבעט פון זיין פריינט טאָמאַס אַבט איז אפילו נישט דערמאַנט געוואָרן, און בלויז קאַנט האָט פאַר זיין אַרבעט באַקומען אַנערקענונג. די ערן־אויסצייכנונג אין דעם פּרייז פון פופציק גאָלד־דוקאַטן האָט באַקומען מענדעלסאָן. דער דאָזיקער זיג האָט צעטראָגן מענדעלסאָנס נאָמען איבערן גאַנצן לאַנד און אומעטום האָט ער געהאַט אַרויסגערופן באַוואונדערונג און פאַר־ערונג.

נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן רום וואָס מענדעלסאָן האָט זיך איצט געהאַט דערוואָרבן און איז געאַכטעט געוואָרן אין אַלע קרייזן פון דער דייטשער געזעלשאַפט, איז ער אַלץ געבליבן דער זעלבער רעכטלאָזער ייד, דער זעלבער פאַראַכטעטער ייד אין די אויגן פון די הערשנדע קרייזן, און אין די אויגן פון „פילאָזאָפישן" קייזער פרידריך דעם גרויסן, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ מער אַרומגעצאַצקעט מיט דעם פראַנצויזישן וואָלטער ווי מיט די אייגענע דייטשע דענקער און שריפטשטעלער. מענדעלסאָן איז נאָך אַלץ ווי פריער געבליבן אַ וואוינרעכט און מען האָט אים צו יעדער צייט געקאָנט אַרויסשיקן פון פּרייסן, ווייל מענדעלסאָן איז באַטראַכט גע־וואָרן אַלס „אויסלענדער", אויב ער זאָל פאַרלירן די שטעלע און ממילא אויך די שוץ פון אַ יידישן תושב.

עס איז אָבער געווען איין קריסט, דער מאַרקיז ד'אַרזשאַן, וועלכער איז אויך געווען דעם קייזערס פראַנצויזישער פאַוואָריט און צו גלייכער צייט אויך גוטער פריינט פון מענדעלסאָנען, וועלכער האָט אַזאַ עולה נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער איז איינמאָל ביי אַ געשפּרעך אין הויף צופעליק געוואויר געוואָרן, אַז די פרעמדע יידן אין לאַנד וועלן אַרויסגעשיקט ווערן.

— אָבער דאָס וועט דאָך זיכער נישט טרעפן אונדזער טייערן מאָזעס? — האָט דער מאַרקיז אַ זאָג געטאָן.

— געוויס, — האָט מען אים געענטפערט, — ער ווערט נאָר געדולדעט, ווייל ער איז אָנגעשטעלט ביי דעם יידן־פאַבריקאַנט בערנהאַרד. ווען בערנהאַרד זאָל אים היינט אָפּזאָגן און ער זאָל נישט געפינען קיין אַנדערן היגן יידן וואָס וואָל אים נעמען אונטער זיין שוץ, וועט אים די פּאָליציי צווינגען צו פאַרלאָזן די שטאָט נאָך היינט.

דער מאַרקיז איז געווען דערשטוינט צו הערן אַזאַ זאַך. ער האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי מענדעלסאָן, וועלכן יעדער איינציקער האָט געדאַרפט אַכטן, זאָל טאָג־טעגלעך שטיין אונטער סכנה אויף אַזאַ העסלעכן אופן באַהאַנדלט צו ווערן. ד'אַרזשאַן האָט זיך מכח דעם דורכגערעדט מיט מענדעלסאָנען און יענער האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז ריכטיק, אַז דאָס קאָן אַזוי פּאַסירן. ד'אַרזשאַן, וועלכער איז געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט צו אַלע געלערטע, איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט און האָט תיכף געוואָלט שרייבן וועגן דעם צום קייזער. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט מען אים דערפון אָפּגערעדט, ווייל עס איז איצט נישט די צייט דערצו.

ווען די פּאַסיקע צייט איז געקומען האָט ד'אַרזשאַן געבעטן ביי מענדעלסאָנען, אַז ער זאָל אָנשרייבן מכח דעם צום קייזער אַ בקשה, וועלכע ער אַליין וועט עס

דעם קייזער איבערגעבן, כאָטש ער טוט קיינמאָל נישט אַזעלכע זאַכן. לכתחילה האָט זיך מענדעלסאָן נישט געוואָלט לאָזן איבעררעדן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער פילט זיך שטאַרק געקרענקט וואָס ער דאַרף ערשט בעטן דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ, וואָס איז דאָס רעכט פון יעדן מענטשן, וועלכע לעבט אַלס רואיקער בירגער. אויב די מלוכה האָט שטאַרקע אורזאַכן אויפצונעמען אין אַ לאַנד יידן מיט אַ קוואָטאַ, אין אַ באַשטימטער צאָל, וואָס פאַר אַ פּריווילעגיע קומט אים לגבי זיינע איבריקע מיטברידער אין פערלאַנגען מען זאָל מיט אים מאַכן אַן אויסנאַם? ד׳אַרזשאַן האָט אים אָבער פּרובירט איבערצייגן, אַז ער דאַרף דאָס טאָן ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר זיין פאַמיליע, און סוף כל סוף האָט זיך מענדעלסאָן אונטערגעגעבן.

מענדעלסאָן האָט אָנגעשריבן די בקשה און דער מאַרקיז האָט זי אַליין איבער־געגעבן דעם קעניג, אין אַפּריל 1763. ס׳איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז דער קעניג וועט תיכף אָננעמען די בקשה פון מענדעלסאָנען און אויך די בקשה פון זיין פריינט דעם מאַרקיז. עס איז אָבער נישט אַזוי געשען. מענדעלסאָן האָט געוואַרט און געוואַרט און קיין ענטפער איז נישט געקומען. זיינע פריינט זיינען געווען איבערראַשט און האָבן זיך געפילט שלעכט בנוגע זייער חבר, וועלכער האָט זיך, אַלס זייער עמפּפינדלעכער מאַן, געפילט שטאַרק געקרענקט און ער האָט זיי זאָגאַר געמאַכט געוויסע פאָרוואורפן פאַרוואָס זיי האָבן אים גערעדט צו שרייבן אַזאַ מין בקשה, וועלכע ער האָט צום אָנהויב נישט געוואָלט. ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן אַזאַ דערנידערונג. די זאַך איז אַזוי געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ווייל מענדעלסאָן האָט בשום אופן מער נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם און האָט אויך נישט געוואָלט אַז דער מאַרקיז ד׳אַרזשאַן זאָל דערפון וויסן. ד׳אַרזשאַן האָט זיך אָבער צופעליק יאָ דערוואוסט, אַז מענדעלסאָנס בקשה האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג און אַז דער קייזער האָט נישט געענטפערט. עס שיינט, אַז דער קייזער האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין מענדעלסאָנען פאַר זיינע חוצפּה׳דיקע קריטיקן און האָט זיין בקשה אינגאַנצן געוואָלט איגנאָרירן כדי אָנצולערנען דעם „יודע“.

ד׳אַרזשאַן האָט אָבער נישט גערוט. ער איז געווען אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַז ווען ער איז איין דעם זעלבן אָוונט געקומען צום קייזער, האָט ער שוין ביים אַריינגאַנג אָנגעהויבן זיך בייזערן. דער קייזער האָט נישט געוואוסט וואָס ער וויל, אָבער ד׳אַרזשאַן האָט אים באַלד אַ זאָג געטאָן:

— סער, איר זייט דאָך געוואוינט צו האַלטן וואָרט. נו, האָב איך פון אייך איינמאָל עטוואָס געבעטן, ניט פאַר מיר, נאָר פאַר דעם ווירדיקסטן און רעכטס־שאַפּענדסטן מאַן, איר האָט מיר צוגעזאָגט די בקשה צו דערפילן און דאָך האָט איר עס ביז איצט נישט געטאָן. ניין, דאָס איז נישט ריכטיק.

דער קייזער האָט אים פאַרזיכערט, אַז מענדעלסאָן האָט די שוץ־פּריווילעגיע דערהאַלטן. דער מאַרקיז האָט אָבער געענטפערט, אַז נישט בלויז האָט ער נישט באַקומען די שוץ־פּריווילעגיע, נאָר ער האָט אַפילו קיין ענטפער אויף דער בקשה נישט באַקומען. סוף כל סוף האָט מען די זאַך גענומען אונטערזוכן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ מיספאַרשטענדניס. דער קייזער האָט באַ־הויפּטעט אַז די בקשה האָט געמוזט, אויף אַן אומגעווייגלעכן אופן, פאַרלאָרן גיין,

מחמת דעם האט ער געבעטן, אז מענדעלסאן זאל אנשרייבן נאך א בקשה און דאן וועט ער באפעלן אים צו געבן די פריווילעגיע.

— גוט, — האט געזאגט דער מארקיז, — איך וועל אייך דאס אליין ברענגען, פארלירט עס אבער נישט מער.

ער איז אוועק צו מענדעלסאנען און אים דערציילט וואס ס'איז פארגעקומען. נישט־ווילנדיק האט שוין מענדעלסאן איצט געמוזט שרייבן נאך א בקשה, אויף וועלכער ד'ארזשאן האט צוגעשריבן פון זיך אליין אויף פראנצויזיש:

„א שלעכטער קאטוילישער פילאזאף בעט ביי א שלעכטן פראטעסטאנטישן פילאזאף צו געבן די פריווילעגיע צו א שלעכטן ייִדישן פילאזאף.”

איצט האט שוין דער קייזער די בקשה נישט פארלוירן. איצט איז ער שוין געווען גוטמוטיק, איצט האט ער פרובירט באווייזן זיין „מאיעסטעטישע גוטסקייט”, און מענדעלסאן האט די פריווילעגיע באקומען. דער קייזער איז אבער דאך נישט געווען געגנוג מאיעסטעטיש צו מענדעלסאנען. מענדעלסאן האט געבעטן אין זיין בקשה, אז די פריווילעגיע זאל געגעבן ווערן נישט בלויז צו אים אליין, נאר אויך צו זיינע יורשים, אבער געבן צו א ייִדן אזוי פיל גוטעס מיט איינמאל האט דאס קייזערלעכע הארץ שוין נישט דערלאזן.

ו.

## דער קאמף פאר דער ייִדישער רעליגיע

בנאטור איז מענדעלסאן געווען זייער א רואיקער, באשיידענער מענטש און איז געווען דער גרעסטער שונא פון סכסוכים, פון קאמף. ער האט שטענדיק געזוכט דאס פרידלעכע, דאס הארמאנישע צוזאמענלעבן. די אלטע עקלהאפטע מיינונגען וואס מען האט דאמאלס געהאט קעגן ייִדן, די שנאה און האס וואס מען האט געהאט ארויסגעוויזן קעגן ייִדן, האט ער געוואלט צעברעכן נישט דורך קאמף און מחלוקות, נאר דורך טוגענד, דורך שיינע טאטן, דורך שיינע זיטן. ער האט גע־שטרעבט, אז נאר דורך מעשים טובים קאן דער ייד באזיגן די פאראורטיילן און נישט דורך פאלעמיקס און געפילדער.

עס האט זיך אבער געמאכט, אז דער דאזיקער שטילער און רואיקער קאבינעט־מענטש איז געצוואונגען געווען צו ענדערן זיין טאקטיק. ער האט עס געטאן קעגן זיין ווילן, קעגן זיינע אנשויאונגען, ווי שווער דאס זאל אים האבן אנגעקומען. דאס איז געווען דער קאמף מיט דעם שווייצארישן גייסטלעכן קאספאר לאוואטער.

דער דאזיקער לאוואטער האט זיך געהאט באקענט מיט מענדעלסאנען אין בערלין, נאך אין יאר 1763, אויף זיינער א וויסנשאפטלעכער רייזע. דער יונגער גלח האט זיך געהאלטן זייער שיין. ער איז געווען זייער פריינדלעך און האט מענדעלסאנען באשאטן מיט גרויסע קאמפלימענטן. צום אנהויב האט זיך דער געשפרעך געצויגן וועגן זייטיקע נישט־וויכטיקע זאכן, אבער שפעטער איז מען אריבער צו רעליגיאנס־פראגן. באמת האט מענדעלסאן לחלוטין נישט געוואלט שמועסן איבער אזעלכע ענינים, אבער לאוואטער האט מיט זיינע יעזואיטישע שטיק

דאָך פֿרובירט ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל „עפּעס זאָגן“. צוזאָגנדיק, אַז ער וועט פֿון דעם פּריוואַטן געשפּרעך נישט מאַכן קיין שום געברויך. נישט וועלענדיק אַריינקריכן טיף אין די פֿראַגן איבער קריסטנטום און נישט וועלענדיק באַליידיקן זיין גאַסט, האָט מענדעלסאָן נישט געזשאַלעוועט צו זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער איבער דעם מאָראַלישן כאַראַקטער פֿון יעזוס קריסטוס.

לאַוואַטער איז געווען העכסט צופֿרידן מיט דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפֿט, און ער איז אויך אַנטציקט געוואָרן פֿון מענדעלסאָנס פּערזענלעכקייט. ער האָט פּאַר זיינע פֿריינט געשילדערט מענדעלסאָנען אין אַזעלכע העלע פֿאַרבן און מיט אַזאַ געוואַלדיקער באַגייסטערונג, וואָס איז זעלטן געווען צו הערן פֿון אַ קריסט, פֿון אַ קריסטלעכן גלח. ער האָט געגעבן אַ וואונדערבאַרע און אַ מייסטערהאַפֿטע כאַראַקטעריסטיק איבער מענדעלסאָן פֿול מיט אַנטציקונג און פֿאַרערונג. די הויפּט־אידייע פֿון אָט דעם גלח איז נישט געווען בלויז די פּשוט'ע פֿריינטשאַפֿט מיטן גרויסן מאַן. זיין צוועק איז געווען אַן אַנדערער. ער האָט געוואָלט פֿאַרזאָרגן מענדעלסאָנען מיט עולם הבא אין דעם קריסטלעכן גן־עדן, זייענדיק דערביי איבערצייגט, אַז אויב אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי מענדעלסאָן וועט אַריבערגיין צום קריסטנטום וועלן באַלד אַלע יידן אָננעמען די קריסטלעכע אמונה, און די וועלט וועט באַלד געראַטעוועט ווערן. און לאַוואַטער איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס וועט אים געלינגען אויך. דען אַזאַ מאַן וואָס האָט געהאַט דורכשטודירט די פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט זיך אָנגעשעפּט מיט די אידייען פֿון רעליגיעזע קריסטלעכע דענקער, וואָס האָט געשריבן דייטשע ווערק, וואָס איז באַקאַנט מיט קריסטלעכע געלערטע, וואָס האָט געשעצט יעזוס קריסטוס — אַזאַ מאַן, אַזאַ ייד, מוז נישט זיין ווייט פֿון קריסטנטום.

און לאַוואַטער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אויסצופֿירן זיין פּלאַן. דאָס איז געשען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1769. אין יענער צייט האָט ער איבערזעצט פֿון פֿראַנצויזיש אויף דייטש דאָס ווערק פֿון שווייצאַרישן פּראָפֿעסאָר, קאַספּאַר באָנעט, וועלכער האָט פּרובירט פֿאַרטיידיקן דאָס קריסטנטום קעגן די אַפּיקורסים. די דאָזיקע שריפֿט איז נישט געווען קיין באַדייטנדע, אָבער לאַוואַטערן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָרטן איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער גאַנצער אמת אין דער וועלט און אַז עס וועט זיך נישט געפֿינען קיין איין מענטש אויף דער וועלט וואָס וועט האָבן אַזאַ קראַפֿט די אמת'ן פֿון באָנעט אָפּצולייקענען. ער האָט דעריבער באָנעטס שריפֿט אָפּגעשיקט צו מענדעלסאָנען מיט אַ ספּעציעלן בריוו דערצו, אַז ער זאָל פּרובירן אָפּענטפֿערן אויף אַלע באַווייזן פֿון באָנעט, און אויב נישט, זאָל ער טאָן וואָס די קלוגהייט, וואָס די ליבע צום אמת און צו גערעכטיקייט וועט אים דיקטירן, וואָס סאָקראַטעס וואָלט געטאָן ווען ער וואָלט די שריפֿט געלייענט און וואָלט נישט געקאָנט אָפּענטפֿערן, דאָס הייסט פּשוט, אַז אויב ער האָט נישט וואָס צו ענטפֿערן, זאָל ער פֿאַרלאָזן די אמונה פֿון זיינע אבות און זאָל אָננעמען יענע רעליגיע וועלכע באָנעט פֿאַרטיידיקט מיט דעם גרעסטן פֿייער פֿון זיין נשמה.

אָט די דאָזיקע אויפֿפֿאָדערונג האָט געהאַט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף מענדעלסאָנען. ער איז געווען טיף באַליידיקט פֿון אַזאַ מין עפֿנטלעכן אַרויסטרעט ווערנדיק דערביי געצוואונגען עפֿנטלעך אָפּצוענטפֿערן. אויך אויף מענדעלסאָנס

פריינט האט לאוואטערס ארויסטרעט געהאט געמאכט א גרויסן איינדרוק. אלע האבן געהאלטן, אז דאס איז געווען א געמיינהייט פון לאוואטערס זייט אזוי שטארק צוקוועטשן א מענטשן צו דער וואנט מיט אזא שארפן אולטימאטום. לעסינג, ניקאלאי און הערדער, די אלע גרויסע קעפ פון דעמאלטיקן דייטשלאנד, ווי אויך אלע אנדערע באדייטנדע פערזענלעכקייטן, זיינען געווען אויפגעבראכט אויף לאוואטערס ארויסטרעט. און ס'איז געקומען דערצו, אז אפילו לאוואטער אליין האט שוין אנגעהויבן חרטה האבן פון דעם עסק, דענקענדיק, אז ער האט אין אזא דעליקאטן פאל געדארפט האנדלען מיט מער טאקט און מיט מער איבערלייגונג. ער האט אפילו געבעטן אנטשולדיקונג פון מענדעלסאנען פארוואס ער האט אזוי אומפארזיכטיק געהאנדלט. אבער עס איז שוין געווען צו־שפעט. די וועלט האט שוין דערפון געוואוסט. די וועלט האט שוין געווארט מיט אומגעדולד אויף דעם ענטפער און מענדעלסאן האט געמוזט ענטפערן.

אחוץ וואס די גאנצע פאלעמיק איז אים נישט געווען צום מוט, האט ער נאך דערצו עטוואס מורא געהאט פאר דער צענזור. ווארום די ארויסטרעטונג קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע אפילו אינדירעקט און איבערהויפט דורך א יידן איז נישט געווען אזא לייכטע זאך. אבער דאס קאנסיסטאריום האט אים געגעבן די פולע פרייהייט צו שרייבן וואס ער וויל, נישט צושטעלנדיק דעם ענטפער צו דער צענזור, זייענדיק איבערצייגט, אז זיין חכמה און זיין באשיינדהייט וועט אים דיקטירן צו שרייבן אזוי, אז עס זאל ביים פובליקום נישט ארויסרופן קיין ערגערניש. און באמת איז טאקע זיין ענטפער געווען א מוסטער פון קאלטבלוטיקייט, פון רואיקייט און פון פיינקייט, נישט קוקנדיק דערויף, וואס עס האט אין אים געברויזט דאס געפיל פון באלייַדיגונג און פון קרענקונג. מענדעלסאן דערקלערט, אז זיכער האט לאוואטער געמיינט גוטעס, אז אלץ וואס ער האט געטאן איז, מן הסתם, געווען פון ריינע איבערצייגונגען, אבער דאך וואונדערט ער זיך פארוואס ער האט עס געדארפט טאן אזוי עפנטלעך, וויסנדיק, אז ער ליידט נישט אזעלכע זאכן און וויסט, אחוץ אלעם דעם, זיינע מיינונגען איבער דער פראגע, וועלכע ער האט געהאט באריהרט. וואס אנבאלאנגט דעם עצם ענין, דערקלערט מענדעלסאן, אז ער האט שוין זיין רעליגיע געפרובט פארשן נאך פון דער גאנץ פריער יוגנט. און וואלט ער געפונען, אז די רעליגיע פון זיינע אבות איז נישט די ריכטיקע, וואלט ער שוין לאנג פון איר אוועק. ווען ער וואלט געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אן אנדער אמונה, וואלט ער געהאלטן פאר א נידערטרעכטיקייט נישט ארויסצוזאגן דאס וואס זיין הארץ פילט. וואס וואלט אים געקאנט אפהאלטן דאס צו טאן ? די מורא פאר זיינע גלויבנסגענאסן ? ווייסט מען דאך ווי שוואך עס איז די וועלטלעכע מאכט פון יידן. ער האלט אז ער איז אזוי זיכער אין די עקרים פון דער יידישער רעליגיע דורך ארגומענטן,אויף וועלכע עס איז קיין תירוץ נישטא, און ער זאגט גאנץ אפן, אז ער וועט זיך האלטן אזוי לאנג אן אט די עקרים, אזוי לאנג ווי זיין גאנצער וועזן וועט זיך נישט ענדיקן. דאס יידנטום איז א פארפליכטונג נאר פאר יידן. זי שטרעבט נישט אריינצוקריגן פרעמדע מענטשן אונטער אירע פליגלען. פארקערט, עס איז די פליכט פון די רבנים שווער צו מאכן אימיצן, וועלכער וויל אננעמען די יידישע אמונה, זיי דארפן אזעלכן אפרעדן דאס

צו טאָן. די יידישע רעליגיע שטרעבט נישט זיך צו פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט און מחמת דעם דאַרפן יידן נישט שיקן קיין מיסיאָנערן קיין אינדיע אָדער גרינלאַנד צו לערנען די פעלקער, וואָס וואוינען דאָרטן, די יידישע תורה. ווען קאָנפוציוס אָדער דער גריכישער דענקער סאָלאָן זאָלן היינט לעבן, וואָלט ער, לויט די געזעצן פון דער יידישער רעליגיע, געקאָנט ליב האָבן און פאַרערן די דאָזיקע גרויסע מענטשן און ס'וואָלט אים אפילו נישט אַרויפגעקומען אויף זיין געדאַנק זיי איבערצורעדן, אַז זיי זאָלן זיך מגייר זיין. ער דערקלערט, אַז אים איז געלונגען צו דערווערבן גוטע פריינט, כאָטש זיי געהערן צו אַן אַנדער אמונה, און זיי ליבן זיך איינער מיט דעם אַנדערן מיטן גאַנצן האַרצן. עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט ביי אים, אַז ער זאָל טראַכטן, אַז ס'איז אַ שאָד וואָס יענע שיינע נשמה איז נישט קיין יידישע.

יעדנפאַלס, דער רוואיקער, זאַכלעכער און איבערצייגנדער ענטפער האָט אויף לאַוואַטערן געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט געהאַנדלט אַזוי אומערלעך קעגן דעם רואיקן באַשיידענעם חכם. ער האָט זאָגאַר געוויינט מיט טרערן אויף דער עולה, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט זיך, אגב, געשעמט פאַר דער וועלט זעענדיק, אַז אַלע זיינען צופרידן מיט מענדעלסאָנס ענטפער און אַז אפילו דער קרוינפּרינץ פון ברוינשוויג האָט אויסגעדריקט מענדעלסאָנען זיין באַוואונדערונג פאַר זיין טאַקטפולן און אינהאַלטסרייכן ענטפער אין אַז ענין, אין וועלכן מען האָט גאַנץ לייכט געקאָנט געשטרויכלט ווערן. לאַוואַטער האָט דעריבער געבעטן אַנטשולדיגונג ביי מענדעלסאָנען דערפאַר, וואָס ער האָט אים געהאַט געשטעלט אין אַזאַ שלעכטער לאַגע. ער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים און ער האָט זיך מיט מענדעלסאָנען איבערגעבעטן. מענדעלסאָן האָט דערביי אַרויסגעוויזן זיין אמת'ע מענטשנפריינטלעכקייט ניט בלויז צו לאַוואַטערן אַליין, נאָר אויך צו דעם מחבר פון דער שריפט, קאַספּאַר באָנעט, וועלכער האָט געפּרובט מענדעלסאָנען אַ שטאָך טאָן. אויך מיט אים האָט ער זיך געהאַט איבערגעבעטן, כאָטש עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז באָנעט איז אים געבליבן אַ דם שונא.

עס האָט זיך דאַן איינגעפונען בלויז איינער וואָס האָט נישט אויפגעהערט אַ געוויסע צייט אָנצופאַלן אויף מענדעלסאָנען, אויף דעם חוצפה'דיקן יידן, און געשאָטן שוועבל און פּעך אויף יידן און אויפן יידנטום. דאָס איז געווען איינער מיט דעם נאָמען יאָהאַן קעלבעלער. ער האָט אויסגעטראַכט כל'ערליי בלבולים אויף יידן און אויף מענדעלסאָנען, זאָגנדיק, אַז ער איז געבליבן טריי צום יידנטום נאָר צוליב געלט, ווייל עס איז אים בעסער צו זיין אַ בוכהאַלטער אַלס קריסטלעכער פּראָפעסאָר. קעלבעלער האָט זיך אָבער אַליין שטאַרק אונטערגעגראָבן. מיט זיינע לעבערלעכע און פאַלשע טענות האָט ער זיך געמאַכט נאַריש אין די אויגן פון דער וועלט און קיין אָנשטענדיקער שרייבער, אפילו אַ געגנער פון מענדעלסאָנען, האָט נישט געוואָלט אַרבעטן אין איין חברותא מיט קעלבעלערן און אַזוי אַרום איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער וועלט. מענדעלסאָן האָט אָפּגעהאַלטן אַ געוואַלדיקן נצחון אויף אַלע פראָנטן און דערפון איז זיין נאָמען פיל חשוב'ער און גרעסער געוואָרן.

## ז.

## דער אַנגריף פון דער רבני'שער וועלט

די יידן אין דייטשלאַנד זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען זייער שטאָלץ מיט מענדעלסאָנען, וועלכער איז איצט אַזוי באַרימט געוואָרן, און האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט און מיט זיינע מעשים טובים הויך און שיין געמאַכט דעם יידישן נאָמען אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט. אין דער באַציאונג האָט ער געהאַט געוואונען אויף זיין זייט נישט בלויז די געבילדעטע עלעמענטן, נאָר אויך די אָרטאָדאָקסישע. בעת ער איז צום ערשטן מאָל געווען געקומען אין האַמבורג האָט אים אפילו דער באַוואוסטער גאון ר' יונתן אייבעשיץ אַרויסגעוויזן גרויסן כבוד. דען מענדעלסאָן איז באַקאַנט געווען אַלס פרומער ייד. עס איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו מאַכן געוויסע ענדערונגען אין דער יידישער רעליגיע. ער האָט אַפילו אַלע מנהגים אָפּגעהיט ווי אַלע פרומע יידן. ער האָט זיך אין זיין הויז קיינמאָל נישט זשענירט. אַפילו ווען עס זיינען ביי אים אין שטוב געווען ניט־יידן האָט ער זיך געפירט יידישלעך. ערב שבת פלעגן אָפט קומען צו אים זיינע קריסטלעכע פריינט צו שמועסן איבער געוויסע פילאָזאָפישע ענינים און ער האָט זיך מיט זיי אונטערהאַלטן. אָבער ווי נאָר עס איז געקומען די צייט פון קבלת שבת פלעגט ער אריין אין אַ צווייטן צימער און דאָרטן דאַווענען.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען אַפילו געזאָגט, אַז מענדעלסאָן איז נישט פרום געווען, אָבער דאָס איז אויף קלאָר נישט באַוויזן געוואָרן. בכלל איז אָבער אָנגענומען, אַז ער האָט זיך געהאַלטן שטרענג אין די מצוות מעשיות און האָט זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער דערציאונג פון זיינע זין, זיי זאָלן לערנען תורה. און ר' שלמה דובנאָ האָט געהאַט געלערנט מיט זיין זון יוסף אַ שעה אין טאָג די העברייאישע גראַמאַטיק.

מאַנכע פּרובירן אָנצוויזן, אַז אין זיין הויז האָט געהערשט, אַזוי צו זאָגן, „טאָלעראַנץ" אין באַצוג צו רעליגיעזע פראַגן און ער האָט זיך נישט זעענדיק גע־מאַכט ווי אַזוי זיינע זין און טעכטער האָבן זיך געהאַט אויפגעפירט גאַנץ פריי — שוין אַזוי פריי, אַז זיי זיינען אַריבער די יידישע גרעניצן. אויסער דעם וויל מען אויך אָנווייזן, אַז ווען ער האָט גערעדט וועגן די עקרים פון יידישן דת האָט ער שטענדיק באַטאָנט אויף יענע עקרים, וועלכע זיינען כמעט ביי אַלע רעליגיעס גלייך, ווי: די עקזיסטענץ פון גאָט, השארת הנפש און שכר ועונש. ער האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט באַמיט צו באַלייכטן דאָס יידנטום און עם לויבן. ער האָט אין זיינע ספרים קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין ענטוזיאַזם פאַר יידישקייט, קיין ליבע צו דער יידישער רעליגיע. אין באַצוג צו דער יידישער אמונה האָט ער אַלעמאָל גערעדט נישט מיטן האַרץ, נאָר מיטן קאָפּ, מיט לאָגיק.

דאָס זיינען אַלץ סברות, וועלכע קאָנען אפשר זיין גאַנץ שטאַרק, אָבער דאָך נישט שטאַרקער פאַר דעם אמת אַליין. דער אמת איז, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ ייד. ער האָט זיך געפירט יידישלעך ביי זיך אין שטוב גופא און ער האָט זיך

אויך אויפגעפירט יידישלעך ווען ער איז געווען אין וועג. מהאי טעמא האט מען אויך שטארק געלייענט זיינע ספרים. און דאס איז געווען נישט בלויז פון די גע־בילדעטע, נאר אפילו רבנים האבן געלייענט זיינע ספרים און האבן פיל הנאה געהאט פון זיי, דענקענדיק אז מענדעלסאן האט דערגענטערט די אמונה צום שכל, אז ער האט געלייגט א בריק צווישן רעליגיע און פילאזאפיע און אז ער האט אויף זיין אייגנארטיקן אופן פארשטארקט די יידישע רעליגיע.

א גרויסע צערודערונג האט אבער אין דער ארטאדאקסישער וועלט דאן ארויס־גערופן מענדעלסאנס דערקלערונג צום גלח לאוואטער. הגם די ארטאדאקסן זיינען זעלבסטפארשטענדלעך געווען העכסט צופרידן פון מענדעלסאנס שטארקן ענטפער, איז זיי אבער דאך נישט געפעלן געווארן א געוויסער זאץ, זאגנדיק אז „ער האט געהאט געפונען ביי יידן געוויסע מנהגים, וועלכע זיינען נישט קיין גוטע, פונקט אזוי ווי זיי זיינען אין משך פון לאנגע צייטן אנגעוואקסן אויך ביי אנדערע פעלקער". די ארטאדאקסישע יידן, וועלכע האבן געהאט אפגעהיט יעדן מנהג און געהאלטן אזוי שטארק ווי א זאך וואס איז א הלכה למשה מסיני, האבן זיך געפילט שטארק אויפגעבראכט. די יידישע באפעלקערונג אין בערלין האט נישט געוואלט אנערקענען די אידייע, אז די יידישע רעליגיע איז מיט דער צייט פארעלטערט גע־ווארן און עס האבן זיך אין איר אנגעקלעפט נישט קיין גוטע זאכן. עס שיינט, אז דער דאמאלסטיקער בערלינער רב ר' הירשעל לעווין האט מענדעלסאנען אנגע־פרעגט וואס ער האט דערמיט געמיינט צו זאגן און מענדעלסאן האט אים דארויף געענטפערט. עס שיינט, אז ר' הירשעל, וועלכער איז נישט געווען קיין קנאי, איז מיטן ענטפער צופרידן געבליבן. אבער פון דאמאלס אן האט מען אויף אים אנ־געהויבן צו קוקן אביסל קרום, איבערהויפט ווען מען האט דערזען, אז מאנכע יידן וואס זיינען געווען אין זיין חברותא זיינען אראפ פון דרך הישר. זיי האבן נישט געקאנט זאגן גענוי, אבער זיי האבן עפעס געפילט, אז זיינע חידושים וועלן קיין גוטעס יידן נישט ברענגען.

דער דאזיקער פארדאכט, אז מענדעלסאן געהערט נישט צו די אמת'ע מאמינים, איז הויפטזעכלעך שטארק געווארן דורך דער פאראָרדנונג פון מעקלענבורג־שווע־רינער הערצאג. אין יאר 1772 האט ער ארויסגעלאזן א באפעל, אז די יידן וואס וואוינען אין זיין לאנד מוזן זייערע מתים מקבר זיין נישט תיכף נאכן טויט, נאר זיי וועלן מוזן אפווארטן וויניקסטנס דריי טעג, ווייל עס איז שווער אין ערשטן אויגנבליק צו דערקענען אויב דער מענטש איז ווירקלעך טויט, אדער ער איז בלויז פאר'חלש'ט. דער דאזיקער באפעל איז אייגנטלעך געווען קעגן דעם דין פון דער גמרא, וועלכע פארבאט צו האלטן לאנג א מת. מחמת דעם האבן די ארטאדאק־סישע יידן געמאכט א ליארעם, ווייל זיי האבן געהאלטן, אז די דאזיקע גזרה איז קעגן די יידישע רעליגיע. די פירער פון דער יידישער געמיינדע פון שווערין האבן זיך געווענדעט צו ר' יעקב עמדין אין אלטאנא און אים געבעטן, אז ער זאל זיי ארויסהעלפן און זאל פרובירן באווייזן פון תלמוד און פוסקים, אז דער איסור פון האלטן א מת איז איינער פון די הויפט יסודות פון דער יידישער תורה. ר' יעקב עמדין, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער איז נישט בכח צו שרייבן אין דייטש איבער אזא ענין, האט געגעבן אן עצה די שווערינער געמיינדע, אז זי זאל

זיך ווענדן מכח דעם צו מענדעלסאָנען, וועלכער איז שטאַרק געאַכטעט געווען ביים שווערינער הערצאָג. די שווערינער געמיינדע האָט געפאָלגט די עצה פון ר׳ יעקב עמדין און האָט זיך געווענדעט מכח דעם דירעקט צו מענדעלסאָנען, אָנווייזנדיק אַז דאָ שטייט פאַר אַ גרויסע סכנה פאַרן יידנטום.

מענדעלסאָן האָט נישט לאַנג געוואַרט און געענטפערט. צום אָנהויב דערקלערט ער די יידישע פאַרשטייער, אַז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי צערודערט און מאַכן אַזאַ געוואַלד איבער אַזאַ קלייניקייט. לויט זיין מיינונג האָט די שווערינער רעגירונג גאַרנישט געטאָן אַזאַ זאַך וואָס זאָל זיין קעגן יידישן דין. דער מנהג תיכּף מקבר צו זיין די מתים איז דורך קיין דין נישט איינגעפירט געוואָרן. דאָס איבערלאָזן אַ מת איבער נאַכט מוז אָנגעזען ווערן אַלס חוב, כּדי עס זאָל פאַרשוואונדן ווערן יעטווידער צווייפל, אַז דער מת וועט נאָך קאָנען קומען צו זיך. אַגב דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קאָנען ביישטיין קעגן פּקוח נפש. כּדי צו פאַרשטאַרקן זיינע אַרגומענטן, האָט ער פּרובירט ברענגען ראיות פון תלמוד, אַז אויך נאָך אין יענע אַלטע צייטן האָט מען זיך אַזוי נוהג געווען מיט מתים, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז עס טרעפט אַמאָל אַז איינער ווערט פאַר׳חלש׳ט און מען קאָן אים האַלטן אַלס טויט. דאָס איז נישט מער ווי אַ שיינבאַרער טויט און מען קאָן דאַריבער אַזאַ מענטשן נישט מקבר זיין. ער האַלט, אַז דאָס איז דער חוב פון יעדער פרומער געמיינדע אַזוי צו טאָן און די רבנים פון דער צייט דאַרפן די זאַך שטיצן. מענדעלסאָן דריקט זיך אויס צום סוף, אַז ער ווייסט אַז מען וועט אים נישט פאָלגן, ווייל די מאַכט פון געוואוינהייט איז זייער שטאַרק. עס איז נאָך מעגלעך, אַז מען זאָל אים דערקלערן פאַר אַן אַפּיקורס פאַר אַזאַ מין פאַרשלאַג. ער האַלט אָבער אַז ווי עס זאָל נישט געשען — ער האָט געטאָן זיין פליכט, און ער פילט אַז ער האָט געהאַט פאָלקאָמען רעכט.

די יידישע וועלט האָט אויפגערודערט, די פרומע יידן זיינען ערשטוינט געוואָרן צו הערן אַז מענדעלסאָן זאָל מסכּים זיין אויף דער גזרה פון הערצאָג. באַזונדערס איז קעגן אים אַרויס ר׳ יעקב עמדין, וועלכער איז דאַן געווען רב אין אַלטאָנאַ. ער האָט פּשוט געברענט און זייענדיק אַזוי פאַרקאַכט אין דעם בראַנד פון שאַרפער קנאות איז ער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט די גאַנצע פראַגע געמאַכט פון איינעם פון די הויפּט־גרונדלאַגן פון דער יידישער רעליגיע. ער האָט אין זיין בריוו צו מענדעלסאָנען געבעטן, אַז ער זאָל נישט אַראָפּגיין פון דרך הישר און זען צו פאַרהאַלטן דעם אַלטן יידישן מנהג. אויב דער ערשטער בריוו איז נאָך געווען געשריבן רואיק און באַטראַכט, האָט ער אים שוין אין זיין צווייטן בריוו ענגמען אַנגרייפן. ער האָט געמאַכט פאַרוואורפן, ער האָט אים געדראָט, ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט זיך שטאָלץ און אים געגעבן אַ שטיקל אָנצוהערעניש, אַז ער איז עפּעס אַביסל געכאַפּט. יעדנפאַלס מיינט ער נישט חס וחלילה קיין שלעכטס. זיינע שטראָף־רייד זיינען נישט פון קיין פיינט, נאָר דוקא פון אַ גוטן פריינט. ער איז אויסן נאָר זיין טובה, די טובה פון מענדעלסאָנען, כּדי אַראָפּצונעמען פון אים דעם חשד, אַז ער איז פון די שוואַך־גלויביקע צוליב זיינע שלעכטע חברים וואָס ער האָט.

מענדעלסאָן איז געווען גענוג פאַרזיכטיק אויף דעם דאָזיקן בריוו נישט צו

ענטפערן. ער האָט מורא געהאַט אַז דורך אַט די ברױװ־שרײַבערײַ קאָן נאָך אױס־װאַקסן אַ שאַרפע מחלוקה און עס קאָן נאָך קומען דערצו, אַז מען זאָל אים דער־קלערן אַלס אַפּיקורס. יעדנפאַלס איז צוליב דער דאָזיקער זאַך דאָך אַרײַנגעפאַלן אַ שטיקל שנאה צװישן מענדעלסאָנען און די אָרטאָדאָקסן, װעלכע איז שפּעטער שטאַרקער און גרעסער געװאָרן און דאָס פײַער פון מחלוקה האָט זיך צעפלאַקערט מיט דער פולער קראַפט.

## ה.

## די איבערזעצונג פון דער תורה און דער באור

נאָך דער באַדײַטנדער פילאָזאָפישער און שריפטשטעלערישער טעטיקײט איז שױן מענדעלסאָנס נאָמען אין דער װעלט געװען גענוג גרױס און אַנערקענט. מיט זײַנע שאַפונגען האָט ער געהאַט אױסגעאיבט אַ גרױסן אײַנפלוס אױף דער קול־טורעלער אַנטװיקלונג פון דײַטשלאַנד, אױף דעם גײַסטיקן אױפשװאונג פון דײַטשן פאָלק, װעלכער האָט געהאַט אָנגעהױבן אַרױסשײַנען דורך די דיקע און פינצטערע װאָלקנס, װאָס האָבן אים געהאַט אַרומגערינגלט. פאַר דער ייִדישער װעלט, האָט זיך אָבער די גרױסע נײַע תקופה אָנגעהױבן ערשט מיט דער איבערזעצונג פון דער תורה אױף דײַטש און מיט זײַן באור, װאָס ער האָט צוגעגעבן צו דער איבער־זעצונג. די דאָזיקע שאַפונג איז געקומען פון אַזאַ שטאַרקער קראַפט, אַז זי האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש, נישט בלױז אין דײַטשלאַנד, נאָר אױך אין פּױלן און רוסלאַנד, װאו מענדעלסאָן האָט אָנגעהױבן דינען אַלס אַ מוסטער פון קולטור און בילדונג. די געבילדעטע ייִדן פון אַט די אַלע לענדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַז מענדעלסאָנען װי אַן אבן טוב און ס'האָט זיך אָנגעהױבן פאַרשפּרײטן די אַזױ־גערופענע השכלה־באַװעגונג, װעלכע האָט זיך געשטעלט אַלס איר אױפגאַבע „צו קעמפן קעגן דער פינצטערניש און צו עפענען די אױגן" פון די ייִדן אױף די נײַע קולטור־װערטן, װעלכע זײַ זײַנען געגאַנגען שאַפן. עס האָט אָנגעהױבן אױסװאַקסן אַ נײַער דור פון שרײַבער, פון פאָרשער, פון דיכטער, װעלכע האָבן באַזונגען די „השכלה בת השמים". הײַנט האָט מען שױן אַנדערע מײנונגען װעגען דער גרױס־קײט פון יענער עפּאָכע, מיט אַלע אירע שאַפונגען, אױפטואונגען, קולטור־טרעגערײַ און מיט די רעזולטאַטן, װעלכע זי האָט געהאַט געבראַכט. אָבער דאָן איז די אַרבעט פון יענע קולטור־טרעגער געװען פון גרױסן רעװאָלוציאָנערן כאַראַקטער. דאָס אַלץ איז געשאַפן געװאָרן דורך מענדעלסאָנס אײַנפלוס, דורך דעם „בער־לינטשיק".

פון גרױסער װירקונג איז געװען די איבערזעצונג פון דער תורה אױף דײַטש. דאָס איז געװען אַ גיגאַנטישער שריט. באמת האָט מענדעלסאָן לכתחילה גאָרנישט געהאַט בדעה צו איבערזעצן די תורה פאַרן ברײטן פּובליקום. ער האָט געזוכט די תורה צו איבערזעצן אױפן פּשוט'ן פּשט און איר צו באַפרײַען פון פאַרשידענע אַנדערע פּשטים, װעלכע זײַנען, לױט זײַן מײנונג, נישט געװען פולשטענדיק צו־

טרעפנד און זיינען געווען ווייט פון דעם אמת'ן פשט. און אט די איבערזעצונג האט ער געוואלט מאכן פאר זיינע אייגענע קינדער, וועלכע זאלן קאנען אויף א קלארער שפראך פארשטיין די תורה לויט דעם ריכטיקן פירוש. ער האט די איבערזעצונג געמאכט און זי געוויזן דעם געלערנטן גראמאטיקער ר' שלמה דובנא, וועלכער איז געווען דער לערער פאר זיין זון יוסף. ר' שלמה'ן איז די איבערזעצונג געפעלן געווארן און ער האט אים פארגעלייגט די איבערזעצונג אפצודרוקן, ווייל זי קאן פיל נוצן ברענגען דער יידישער יוגנט. מענדעלסאן האט דארויף מסכים געווען, נאר האט אויסגענומען א תנאי, אז איידער די איבערזעצונג גייט צום דרוק זאל דובנא נאכזען יעדע שטעלע אויב זי איז נישט קעגן דעם גייסט פון דער טראדיציע, קעגן די אנדערע מפרשים, אויב דער פשט איז ריכטיק לויט דעם גייסט פון דער העברייאישער שפראך. מענדעלסאן האט זיך אויך אפגעזאגט פון די מאטעריעלע נוצן וואס קאן דערפון ארויסקומען. ער האט נישט געזוכט קיין כבוד, ער האט אפילו זיין נאמען אלס איבערזעצער נישט געוואלט ארויסשטעלן אויף זיין ספר. דאס האט שוין אבער ר' שלמה דובנא נישט דערלאזן, דערקלערנדיק, אז מיט זיין נאמען וועט מען די איבערזעצונג בעסער קויפן און פארשפרייטן.

נאך לאנגע ארבעט האט מען שוין עטלעכע קאפיטלעך פון חומש מיט דער דייטשער איבערזעצונג אין דייטשע און העברייאישע בוכשטאבן מיט א הקדמה פון ר' שלמה דובנא פארעפנטלעכט און זיי זיינען דערשינען אונטער דעם נאמען „עלים לתרופה". די דאזיקע מוסטער־איבערזעצונג האט געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק. פון דייטשלאנד, האלאנד, ענגלאנד און פראנקרייך און אפילו פון פוילן זיינען אנ־געקומען באשטעלונגען אויף דעם דאזיקן ספר. אויך פיל קריסטן — פראפעסארן, גלחים, פרעדיגער, קעניגלעכע ראטגעבער און אפילו דער דענישער קעניג אליין, האבן איינגעהאנדלט פאר זיך די איבערזעצונג פון דער תורה. אויך פילע רבנים האבן באגריסט די אונטערנעמונג אלס אן אנפאנג פון א נייער עפאכע אין דער קולטור־געשיכטע פון יידישן פאלק. דער דאמאלדיגער רב הכולל פון בערלין, ר' הירשעל לעווין, האט אויסגעדריקט די האפנונג, אז איצט וועט אויפהערן די אומ־באקאנטשאפט פון די דייטשע יידן מיט דער דייטשער שפראך. אויך זיין זון, ר' שאול, וועלכער איז געווען רב אין פראנקפורט אם אדער, האט פיל געארבעט אז די איבערזעצונג זאל פארשפרייט ווערן, און ער איז געווען איבערצייגט, אז דאס וועט ברענגען גרויסע נוצן די יידן אין דייטשלאנד, וועלכע וועלן זיך אויסלערנען צו פארשטיין די תורה, זיי וועלן זיך אויסלערנען העברייאיש און אויך דייטש. אויך דער פרומער ר' נפתלי הירש וויזעל האט אויסגעדריקט זיין באגייסטערונג פון דער דאזיקער איבערזעצונג.

און ס'מוז געזאגט ווערן אז די איבערזעצונג איז באמת א מייסטערווערק. נאך קיין איבערזעצונג פון דער תורה האט נישט געמאכט אזא שטארקן איינדרוק אויף דער אנטוויקלונג פון יידישער בילדונג ווי מענדעלסאנס איבערזעצונג, כאטש ער האט זי אנגעהויבן, אזוי צו זאגן, פאר זיינע אייגענע קינדער. מענדעלסאנס איבערזעצונג איז א שטרענג טראדיציאנעלע. ער האט זיך נישט גערעכנט מיט די אלע פרייע קריטיקער, מיט די אלע פרייע אויסטייטשער. עס זיינען פאראן אזעלכע וואס גריבלען זיך צי מענדעלסאן האט זיך געהאלטן אן דער טראדיציע מיט אן

אמת, צי ער האט מורא געהאט ארויסצוטרעטן מיט פרייע אויסטייטשונגען. אבער דאס איז פשוט לעכערלעך. אויב מען זאל אזוי בודק זיין יעדנס הארץ, וואלט מען אפשר געקאנט חושד זיין נאך פיל פרימערע מפרשים ווי מענדעלסאָן. עס איז פשוט נאריש און איבריק זיך צו גריבלען אין די כוונות פון איבערזעצער, אין די כוונות פון מפרש, פארוואס ער איז געווען אזוי קאנסערוואטיוו. עס איז א פאקט אז די איבערזעצונג איז א טראדיציאָנעלע און איז זיך סומך אויף אויף די חז״ל — צו וואס איז דא די איבריקע גריבלענש ?

אבער ווי שטרענג טראדיציאָנעל מענדעלסאָן איז געווען אין זיין איבערזעצונג און אין זיין באור, און ווי שטארק עס האבן אים געהאט געשטיצט מאנכע גרויסע רבנים און מחברים, האבן דאך מאנכע ארטאדאקסישע עלעמענטן נישט געקאנט בלייבן רואיק און זיי זיינען שארף ארויסגעטראטן קעגן דער איבערזעצונג. זיי האבן געהאלטן, אז נישט ר׳ הירשעל לעווין און נישט זיין זון ר׳ שאול זיינען גענוג אויף צו געבן א הסכמה אויף אזא ספר. ר׳ הירשעל איז פון דער נאטור געווען א רואיקער מענטש, האט אויסגעמידן מחלוקות און שטענדיק גע׳משפט א מענטשן לכף זכות. ער איז געווען א רודף שלום, מחמת דעם האט ער מסכים געווען אויף צו דרוקן די איבערזעצונג. זיין זון ווידער, ר׳ שאול, איז געווען פאררעכנט ביי די ארטאדאקסישע רבנים אלס גנבאפטער. מהאי טעמא האבן די עקסטרעמע רבנים נישט געקוקט אויף דעם טאטן מיטן זון און זיינען ארויס אין א מלחמה קעגן מענ־דעלסאנס איבערזעצונג. בראש פון אט די געגנער איז געשטאנען הרב ר׳ רפאל פון האמבורג, וועלכן מען האט, אגב, פריער געוואלט נעמען פאר א רב אין בערלין, זיין איידעם ר׳ הירש יאנאוו, אדער ר׳ הירש חריף, און דער גרויסער גאון ר׳ יחזקאל לאנדוי פון פראג.

מענדעלסאָן האט זיך, אזוי צו זאגן, גאנץ רואיק געקוקט אויף דער גרויסער באוועגונג קעגן אים און האט פרובירט שמייכלען. ער האט דאמאלס געזאגט, אז לכתחילה האט ער געמיינט, אז זיין איבערזעצונג וועט זיין גוט נאר פאר קליינע קינדער, איצט איז ער שוין געוואויר געווארן, אז זי איז גוט און ניצלעך פאר דערוואקסענע און פאר תלמידי חכמים. נאטירלעך ביי א געלעגנהייט האט ער פרובירט עפעס טאן אז מען זאל אים אזוי שטארק נישט רודפ׳ן, איבערהויפט ווען ער איז געוואויר געווארן אז ר׳ רפאל הכהן וויל ארויסרופן א חרם אויף די מענטשן, וועלכע וועלן לייענען זיין איבערזעצונג פון דער תורה. ער האט זיך דאמאלס גע־ווענדעט צו זיין פריינט הינינגס, וועלכער האט געשפילט א ראלע אין דענעמארק, דען דאמאלס האט אלטאנא געהערט צו דענעמארק, און אים געבעטן ער זאל זיך משתדל זיין, אז אויך דער קעניג זאל זיך אבאנירן אויף דער תורה־איבערזעצונג, און אזוי ארום וועט דער רב נישט האבן דעם מוט אנצונעמען קעגן אים אזעלכע שארפע מיטלען. הינינגס האט באלד געשריבן וועגן דעם צום בילדונגס־מיניסטער אין קאפענהאגען. פון קאפענהאגען האט מען הינינגסן געלאזט וויסן, אז דער קעניג און זיינע ברידער ווילן זיך גערן אבאנירן אויף דער תורה־איבערזעצונג פון מענ־דעלסאנען, ער וויל אבער וויסן צי עס איז נישטא אין דער איבערזעצונג עפעס קעגן דער הייליקייט פון די כתבי הקודש, אויב דער איבערזעצער פארדרייט נישט דעם פשט פון דער תורה.

היינגס האט געענטפערט דעם בילדונגס־מיניסטער, אז מען קען מענדעלסאָנען אין אזעלכע זאכן נישט חושד זיין. דאן האט דער קעניג מסכים געווען זיך צו אבאנירן אויף דער איבערזעצונג און דאמאלס האט שוין ר׳ רפאל געמוזט אויפ־הערן זיין קאמף דורכצופירן זיין פּלאן אריינצוליגן די לעזער פון דער איבערזעצונג אין חרם.

## ט.

## די מיטשאַפער פון באור און די ווירקונג

דער קאמף וואס האט זיך געהאט אנגעהויבן קעגן מענדעלסאָנס תורה־איבער־זעצונג און פּירוש איז נישט אזוי גיך איינגעשטילט געוואָרן. פאַרקערט, דאס פייער פון קאמף האט זיך נאך מער צעפלאַקערט. ר׳ רפאל אַליין האט זיך אויף א ווייל געמוזט בארואיקן, ווייל דער דענישער קעניג און קרוינפּרינץ זיינען געווען בראש פון די אבאנענטן. דערפאר האבן אבער געברענט די איבריקע רבנים פון דייטשלאַנד און האבן געזוכט אַנדערע מיטלען ווי אזוי צו צעשטערן די וויטערדיקע אַרבעט פון מענדעלסאָנען אויף צו פאַרענדיקן זיין איבערזעצונג פון דער תורה און דעם באור, וועלכע זיי האבן געהאַלטן פאַר א סכנה פאַרן יידנטום.

הופּטזעכלעך האבן זיי זיך א נעם געטאָן צו ר׳ שלמה פון דובנא. זיי האבן געוואוסט, אז דער הויפּט־אַרבעטער פונם באור און פון דער איבערזעצונג איז ר׳ שלמה. ער איז געווען דער וואס האט געהאט צוגערעדט מענדעלסאָנען די דאָ־זיקע איבערזעצונג צו מאַכן; ער האט אים אויפגעמונטערט, ער האט אים גע־שטאַרקט אין זיין אַרבעט; אויף זיינע פּלייצעס איז געלעגן די גאַנצע אַרבעט פון שאַפן און אַרויסגעבן די איבערזעצונג. ער האט געאַרבעט מיט אן אומגעוויינלעכער איבערגעבנהייט. ער האט געאַרבעט גאַנצע טעג און נעכט. ער האט אפילו זיך נישט פאַרגונען צו עסן, ער האט נישט געשאַנעוועט זיין געזונט. ער האט געהאַט פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענעם געשעפט, אַלץ כדי צו קאָנען שאַפן דאָס גרויסע ווערק. און באמת איז דער ספר „בראשית", מיט דער אויסנאַם פון דער ערשטער פרשה, וועלכע מענדעלסאָן אַליין האט באַאַרבעט, אויסגעטייטשט געוואָרן אויס־שליסלעך פון ר׳ שלמה'ן. ער האט געשאַפן דעם באור. אויב זיי האבן מיט די חכמות און מיט די אַנדערע מיטלען נישט געקאָנט צעשטערן מענדעלסאָנס אונ־טערנעמונגען דירעקט, האבן זיי פּרובירט אַרבעטן אוועקצורייסן פון דער אַרבעט ר׳ שלמה דובנא. דאָס איז לכתחילה נישט געגאַנגען אזוי לייכט. ר׳ שלמה איז געווען א פּוילישער פרומער ייד און ער האט געוואוסט, אז עס זיינען לחלוטין נישט פאַראַן קיין שלעכטע כוונות ביי דער איבערזעצונג און ביי דעם באור און אז די גאַנצע אַרבעט ווערט געלייטעט לויט דעם יידישן גייסט, לויט דער יידישער טראַדיציע. אָבער עס האט זיך גראָד געמאַכט, אז צו יענער צייט איז אין בערלין אָנגעקומען ר׳ נפתלי הירץ, דער רב פון דובנא, ביי וועלכן ר׳ שלמה האט געהאַט געלערנט. ר׳ רפאל און ר׳ יחזקאל לאַנדוי האבן דאמאלס אויפגעוויזן ר׳ נפתלי'ן,

אז מענדעלסאָנס איבערזעצונג איז אַ סכנה פאַרן יידנטום און זיי האָבן אים גע־בעטן, אַז ער זאָל ווירקן אויף זיין תּלמיד. ר׳ נפתּלי האָט דאַן אָנגעוויזן ר׳ שלמה׳ן אויף דער סכּנה און אים געבעטן אָוועקצוגיין פון מענדעלסאָנען מיט זיין חברותא. דאָס איז אים זייער שווער געווען. ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיין באַליבטער שאַפנדער אַרבעט, אָבער ס׳איז אים אוממעגלעך געווען אָפּצוזאָגן זיין רבּי׳ן און ער איז סוף כּל סוף אַוועק קיין פּוילן.

פאַר מענדעלסאָנען איז זיין אַוועקגיין געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ר׳ שלמה איז געווען זיין רעכטע האַנט, ער איז געווען דער הויפּט־שאַפער. דערצו האָט ער לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז אַוועק. אפשר האָט ער זיך שפּעטער דערוואוסט פאַרוואָס ער איז אַזוי פּלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן. אָבער צום אָנהויב האָט ער זיין שריט נישט געקאָנט באַגרייפן. איבריקענס, איצט איז מענדעלסאָן געבליבן איינער אַליין אויפן פּלאַץ אי צו שאַפן, אי צו פאַרענדיקן זיין גראַנדיעזע אַרבעט און אי צו קעמפן מיט די געגנער. ער האָט זיך תּיכף גענומען צום ספר „שמות״ און אַליין גוט שטאַרק געאַרבעט ביז ער האָט אים פאַרענדיקט. ער איז אָבער געווען צו־שוואַך די אַרבעט פאָרטצוזעצן און ער האָט דעריבער געזוכט אַ פריינט וואָס זאָל אים קאָנען מיטהעלפן אין דער אַרבעט. דער מאַן האָט זיך ענדלעך אַרויסגעפונען, און דאָס איז געווען ר׳ נפתּלי הארטוויג וועסעלי, אָדער ווי ער איז באַקאַנט אין דער יידישער וועלט — ר׳ נפתּלי הירץ וויזעל.

ר׳ נפתּלי הירץ וויזעל איז נישט געווען אַזאַ טיפּ פּערזענלעכקייט ווי ר׳ שלמה דובנא. ער איז געווען געלערנט און געניט אויסגעבילדעט אין דער העבריי־אישער שפּראַך צו זיין אַ שותּף צו דער אַרבעט פון משה מענדעלסאָן ביי דעם באור פון דער תּורה. וויזעל איז געווען כּמעט אין איין עלטער מיט מענדעלסאָנען. ער האָט אַליין געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע אין האַמבורג, וועלכע האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין קאָפּענהאַגען, וואו ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „קרוב למלכות״. דער יונגער וויזעל האָט באַקומען אַן עכט־יידישע דערציאונג. ער האָט געלערנט תּלמוד און לשון קודש און אַנדערע שפּראַכן. אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט זייער גוט, אָבער שפּעטער האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן פאַרקערט און ער איז געוואָרן אַן אָרימאַן. ער איז דאַן אַוועק קיין בערלין, אָבער ס׳איז אים נישט געגאַנגען. וואָכנלאַנג האָט זיין פאַמיליע נישט געהאַט די מעג־לעכקייט צו פאַרזוכן עפּעס וואַרימע עסן, אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען צוגעוואוינט צו אַ שפע. ער האָט אָבער קיינעם נישט געוואָלט דערציילן פון זיין אומגליק. ער האָט זיינע ליידן געטראָגן טיף ביי זיך אין האַרצן, און אַפילו מענ־דעלסאָן, מיט וועמען ער איז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין בערלין, געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג, האָט דערפון נישט געוואוסט.

אָט צו דער דאָזיקער צייט האָט זיך עם מענדעלסאָן געווענדעט צו זיין פריינט וויזעל, ער זאָל אים קומען אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט און שרייבן דעם באור אויף דעם ספר „ויקרא״. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. אָבער וויזעל האָט די אַרבעט איבערגענומען, ווייל דאָס האָט אים אויף עטלעכע חדשים געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוקריכן פון נויט, פון אָרימקייט. וויזעל האָט געאַרבעט שווער, אָבער ער האָט זיין צוועק דערגרייכט. ער האָט מבאר געווען גאַנץ „ויקרא״

און ער האָט אין דעם דאָזיקן באור אַרויסגעוויזן פיל געלערנזאַמקייט און קענטענישן. דער דאָזיקער באור איז שוין נישט געווען אַזוי לייכט, אַזוי געשמאַק און אַזוי קורץ און טיף ווי ר׳ שלמה׳ס פון דובנא, אָבער די וועלט האָט אים גוט אויפגענומען.

די דאָזיקע איבערזעצונג האָט אָבער פאַרשאַפט ר׳ נפתלי׳ן אַ סך עגמת נפש. ער איז אויך אַריינגעשלעפט געוואָרן אין פייער פון די מחלוקות און מען האָט אויך קעגן אים אָנגעווענדעט שאַרפע פיילן. בכלל איז ר׳ נפתלי הירץ וויזעל געווען שטאַרק געאַכטעט אין דער פרומער וועלט. ער איז אַליין געווען אויסער־געווײנלעך פרום. אַפילו יענע רבנים, וועלכע זיינען געווען קעגן מענדעלסאָנען, האָבן אויך שטאַרק געשעצט און געאַכטעט ר׳ נפתלי׳ן און האָבן זאָגאַר געגעבן הסכמות אויף זיינע ערשטע ספרים. איצט אָבער, ווען עס איז אַרויס זיין באור, האָט די אָרטאָדאָקסישע וועלט זיך אַ נעם געטאָן צו אים אויך. ר׳ נפתלי הירץ וויזעל האָט צו יענער צייט זיך געהאַט פאַרזינדיקט ביי דער יידישער וועלט אויך מיט אַנדערע זאַכן, און זיין לעבן איז שוין יעדנפאַלס נישט געווען מקנא צו זיין.

אַז וויזעל איז שוין אַוועק פון דער אַרבעט האָט מענדעלסאָן איינגעלאַדן אַנדערע געהילפן צו מאַכן דעם באור צום ספר „במדבר״. מענדעלסאָן אַליין האָט געהאַט דערקלערט, אַז ער קאָן נישט פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די געהילפן, ווייל יענע ווילן נישט צוליב זייער גרויסער באַשיינדהייט, מען זאָל וויסן זייערע נעמען. מען האָט אָבער זיך דאָך דערוואוסט און דאָס זיינען געווען אהרן בר׳ זכריה פון יאַראָסלאַוו און הערץ האַמבערג. ווער דער דאָזיקער אהרן איז געווען איז נישט גענוי באַקאַנט. אַלץ וואָס מען ווייסט איז נאָר, אַז ער איז געווען אַ געבוירענער פון יאַראָסלאַוו, פּוילן, און אַז ער האָט מיטגעהאָלפן מענדעלסאָנען אין זיין פירוש אויף דעם ספר „במדבר״.

דער דאָזיקער האַמבערג איז געווען געבוירן אין אַ דערפל ליעבען, נעבן פּראָג. די ערשטע דערציאונג האָט ער געהאַט באַקומען אין פּראָג, וואו זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן און פון דאָרטן איז ער אַוועק לערנען אין דער פּרעסבור־גער ישיבה. ביז אַכצן יאָר האָט ער נישט געוואוסט קיין אַנדערע זאַך אויסער תלמוד און די מפרשים. נאָכדעם האָט ער אַליין אָנגעהויבן לערנען „זייטיקע למודים״. ער האָט זיך דאָן געלאָזן קיין ברעסלוי, בערלין און האַמבורג, וואו ער האָט זיך געהאַט פאַרפאַלקאָמט אין פּעדאַגאָגיק און דאָן האָט אים מענדעלסאָן, אין יאָר 1779, צוגענומען אַלס לערער ביי זיך אין שטוב, צו לערנען מיט זיין עלטסטן זון יוסף יידישע און וועלטלעכע זאַכן. ער איז אָפּגעווען אין מענדעלסאָנס הויז דריי יאָר. מענדעלסאָן האָט פון אים, קענטיק, אַ סך געהאַלטן און האָט דעריבער אָנגעהאַלטן מיט אים פריינטשאַפט ביזן טויט.

נאָך זייענדיק ביי מענדעלסאָנען אין שטוב האָט האַמבערג אָנגעהויבן מבאר צו זיין דעם ספר דברים. ווען ער איז, באַלד נאָכדעם, אַוועק קיין ווין, האָט ער דאָרטן פאָרטגעזעצט די אַרבעט און האָט אָנגעשריבן דעם פירוש צו די סדרות „עקב״, „ראה״, „שופטים״, „כי תצא״, „כי תבוא״. די איבעריגע האָט שוין מענ־דעלסאָן אַליין פאַרענדיקט. אין יאָר 1783 איז ענדלעך דער גאַנצער באור, אין וועלכן עס האָבן זיך געהאַט באַטייליקט אַחוץ מענדעלסאָנען אַליין נאָך פיר אַנ־

דערע פּערזאָנען, פאַרענדיקט געוואָרן און איז דערשינען אין דער וועלט אונטער דעם נאָמען „נתיבות השלום".

עס איז אָבער נישט געווען בלויז די תורה אַליין וואָס ער האָט געהאַט איבער־זעצט און מבאר געווען. ער האָט אויך איבערזעצט „תהלים", „שיר השירים", און געשריבן אַ פּירוש צו „קהלת". אָט די אַלע איבערזעצונגען זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, עפּאָכע־מאַכנד, און האָבן אויסגעאיבט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער השכלה־באַוועגונג נישט בלויז אין די גרעניצן פון דער דייטשער מלוכה, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. דען אויב עס איז פון איין זייט אַנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף קעגן מענדעלסאָנען מיט זיין באור, האָט אָבער פון דער אַנדערער זייט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ נייער עלעמענט, וואָס האָט זיך דווקא אַ כאַפּ געטאָן אָן מענדעלסאָנען. די יוגנט האָט אָנגעהויבן לערנען בשתיקה מענ־דעלסאָנס פּירוש, מען האָט אָנגעהויבן לערנען דייטש, מען האָט אָנגעהויבן שטו־דירן לשון־קודש, די יידישע פּאָעזיע, די יידישע פילאָזאָפיע און די יידישע עטיק וואָס געפינט זיך אין דער תורה. דער באור איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער וועג־ווייזער פון דער לומדישער יוגנט. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהאַט אירע געוויסע גוטע זייטן. זי האָט געבראַכט געוויסע גוטע רעזולטאַטן און זי האָט אויך גע־בראַכט צו געוויסע אומגעווינטשטע דערשיינונגען, אָבער די ווירקונג איז געווען פון גרויסער קראַפט.

## י.

## דער קאַמף פאַר יידישע רעכט

שלעכט איז צו יענער צייט געווען די לאַגע פון די יידן אפילו אין די ציווי־ליזירטע לענדער. אין ענגלאַנד האָבן די יידן קיין שום רעכט נישט געהאַט. דאָס ביסל יידן, וואָס זיינען דאָרטן געזעסן, זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס „פרעמדע" און האָבן געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער. געוויינלעך זיינען שטענדיק געווען פּערזאָנען פון דער קריסטלעכער וועלט וואָס האָבן געפּרובירט זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר יידן און ס'זיינען אויך דעמאָלט געווען מאַנכע קריסטן, וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף געבן די יידן בירגער־רעכט אין לאַנד, ווייל זיי זיינען לאָיאַלע איינ־וואוינער און מיטהעלפער צו שאַפן די ציוויליזאַציע. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז דורך זייערע פעאיקייטן וועלן זיי העלפן רייך מאַכן דאָס לאַנד. אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן. די שונאי־ישראל האָבן שטענדיק געהאַט איבערגעזונגען דאָס אַלטע לידעלע, אַז אויב מען וועט יידן געבן בירגער־רעכט, וועלן יידן פאַרכאַפּן אַלע רייכטימער אין לאַנד, זיי וועלן פאַרטרייבן די קריסטן, זיי וועלן פאַרכאַפּן די הערשאַפט פון דער מדינה און וועלן נאָך מיט דער צייט אַרויפזעצן אין ענגלאַנד אַ יידישן מלך. די דאָזיקע טיפע געדאַנקען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן שטענדיק פון גרויסער אומוויסנהייט און אויך פון גרויסער שנאה צו דער יידישער רעליגיע. און צו זייער קול האָט מען זיך שטענדיק צוגעהערט מער ווי צו די איינצלנע שטימען פון פאַרנונפט. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען דאָס געזעץ צו געבן יידן

בירגער־רעכט אַז צו האָבן די מעגלעכקייט צו קריגן אַ רעגירונגס־שטעלע און אַז צו האָבן שטימרעכט צום פּאַרלאַמענט, איז דורך ביידע געזעצגעבערישע הייזער אנגענומען געוואָרן און דער קעניג דזשאָרדזש, דער צווייטער, האָט דאָס געזעץ באַשטעטיקט. אָבער דער געשריי קעגן דעם מצד די אונטערהעצער און דעם המון איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס געזעץ האָט געמוזט בטל ווערן.

פיל ערגער איז די לאַגע געווען אין פראַנקרייך. דאָרטן האָט דעמאָלט גע־הערשט דער גרויסער שריפטשטעלער און ציניקער, וואָלטער, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך געהאַט צוגעהערט, און ער האָט געפייערט קעגן יידן. זיין שנאה צו יידן איז, חס וחלילה, נישט געווען צוליב רעליגיעזע טעמים, ווייל דעמאָלט איז ער אַליין געווען דער גרעסטער אָפּלאָכער פון אַלע הייליקטימער. זיין שנאה האָט געשטאַמט פון ריין פּערזענלעכע מאָטיוון. זייענדיק אין פּאָטסדאַם ביים קייזער פרידריך דעם גרויסן, וועלכער איז געווען אַ פאַרערער פון זיין טאַלאַנט, האָט ער אָפּגעטאָן אַזעלכע שווינדלען איבער אַ יידן, אַז דער קייזער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון פּאַלאַץ און פאַראָרדענט, אַז ער זאָל נישט וואָגן צו וואוינען אין דער פרייַ־סישער מלוכה. די דאָזיקע שענדלעכע טאַט פון וואָלטערן איז דאַן באַוואוסט געוואָרן אין דער וועלט און ער האָט זיך דעריבער געפּרובירט נוקם זיין אַן אַלע יידן. ער האָט אַנגעגריפן דאָס יידנטום און געוואָרפן שמוץ אויף די יידן פון די פריערדיקע דורות, ווי אויך אויף די יידן פון זיין דור.

איין ייד איז דעמאָלט געווען, וואָס האָט אָנגענומען דעם מוט און דעם כח ארויסצוטרעטן קעגן אָט דעם שווינדלערישן דענקער. דאָס איז געווען דער פּאָר־טוגעזישער ייד יצחק פּינטאָ. ער איז געווען זייער רייך און אָנגעזען אין זיין שטאָט באָרדאָ. אַנשטאָט אָבער צו פאַרטיידיקן אַלע יידן, האָט פּינטאָ פאַרטיידיקט בלויז די ספרד'ישע יידן. ער האָט געזאָגט, אַז וואָלטער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול קעגן יידן פון דער וועלט, בעת אין דער אמת'ן זיינען פאַראַן פאַרשידענע מינים יידן. דער ענגלישער ייד איז נישט גלייך צו דעם ייד וואָס וואוינט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, אַזוי ווי דער ייד פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז נישט גלייך צו אַ כינעזישן מאַנדאַרין. דער ייד פון באָרדאָ און דער ייד פון מעץ זיינען אַזוי ווי צוויי באַ־זונדערע באַשעפענישן. פּינטאָ האָט דאָ דעריבער די זאַך נאָך פיל ערגער געמאַכט. ער האָט נאָר געוואָלט זאָרגן פאַר זיינע יידן. פּינטאָס דערקלערונג האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. די פראַנצויזישע און ענגלישע צייטונגען האָבן פאַרטיידיקט די יידן קעגן וואָלטערס בלבולים, זיי האָבן אָבער אויך געהאַלטן מיט פּינטאָס מיינונג, וועלכער האָט שטאַרק געלויבט די טאַטן פון די פּאָרטוגעזישע יידן און געוואָרפן שלעכטס אויף די יידן פון דייטשלאַנד און פּוילן. עס איז אויסגעקומען, אַז פּינטאָ אַליין איז געווען אַ קליינער וואָלטער פאַר די דייטשישע יידן. פּינטאָ האָט, נאַטירלעך, געמיינט, אַז מיט זיין וואַרפן שמוץ אויף די יידן פון אַנדערע לענדער, וועט מען די פּאָרטוגעזישע יידן געבן אַ קוש אין באַק. באמת אָבער האָבן די גרויסע קריסטלעכע סוחרים פון באָרדאָ געפאָדערט, אַז מען זאָל יידן נישט געבן קיין שום רעכט און באַזונדערס די פּאָרטוגעזישע יידן.

די אַלע צרות וואָס יידן האָבן געהאַט אין פראַנקרייך און עטוואָס אין ענג־לאַנד זיינען אָבער געווען גאָרנישט לגבי די ליידן פון די יידן אין עלזאַס. דאָרטן

האט מען די יידן געהאלטן אין איין מאטערן מיט כל׳ערליי בלבולים. מען האט
זיי גע׳רודפ׳ט און פארביטערט דאס לעבן. איינמאל האט מען אפילו דורכגעפירט
א גזירה, אז יידן טארן נישט זיין מער ווי 800 פאמיליעס. דערפון איז ארויס־
געקומען, אז די בחורים האבן נישט געטארט חתונה האבן אדער אוועקצופארן
אין אן אנדער לאנד און די פרויען פלעגן מוזן זיצן ביזן גרויען צאפ. די יידן
זיינען געווען אפגעשלאסן אין געטאס און נאר אין געוויסע צייטן האבן זיי זיך
געמעגט וויזן אין אנדערע טיילן פון שטאט. די יידן אין עלזאס האבן געדארפט
צאלן שטייערן צום קייזער, צום שטראסבורגער בישאף, צום ארטיקן גראף, פאר
דעם אדעלשטאנד, פאר דער ארמיי. דאס וואוינרעכט איז געווען אריבערגעגאנגען
בירושה צום עלטערן זון, נאר יעדער ייד האט זיין וואוינרעכט געמוזט קויפן פאר
געלט. דערביי האט דער אדעלמאן דעם יידן געקאנט ארויסטרייבן פון זיין לאנד,
ווען עס האט זיך אים געגלוסט. מחמת דעם האט ער נאך געמוזט ברענגען צום
פריץ שיינע „מתנות". האנדווערק און מסחר איז געווען פארבאטן פאר די יידן
אין עלזאס. זיי האבן געמוזט האנדלען נאר מיט פי און מיט צירונג. אין מעץ
האט מען געמעגט שעכטן נאר פאר אייגענעם געברויך און די שוחטים האבן
געמוזט פארשרייבן אין פנקס יעדע בהמה וואס זיי האבן געקוילעט פאר דער
קהלה. אז א ייד האט געוואלט פארן ערגעץ אויסערן „תחום", האט ער געמוזט
באצאלן א ספעציעלן טעקס. אין שטראסבורג, די הויפט־שטאט פון עלזאס, האט
א פרעמדער ייד נישט געטארט נעכטיקן אפילו איין נאכט. ס׳פארשטייט זיך, אז
ביי אזא באשרענקונג פון לעבן און טאט האבן די יידן געמוזט עפעס טאן צו
דערהאלטן די נשמה, און זיי האבן זיך באשעפטיקט מיטן בארגן געלט אויף
פראצענט. זעלבסטפארשטענדלעך, אז ווען די גוים איז געווען שלעכט האט מען
געווארפן דעם בלבול אויף די יידן, וועלכע האבן אויסגעזויגן די מארך און ביינער
פון די קריסטן. די געלט־בארגעניש איז געווען א קוואל פון אייביקע צרות, פון
אייביקע רדיפות.

די לאגע האט אויסגענוצט איינער א קריסט, היל, וועלכער האט זיך ספעציעל
אויסגעלערנט לשון קודש צוליב שאנטאזשיסטישע צוועקן. ער פלעגט שרייבן
העברייאישע בריוו צו רייכע יידן און זיי געסטראשעט, אז אויב זיי וועלן אים
נישט געבן דאס געלט, וואס ער פארלאנגט, וועט ער זיי אנקלאגן אין געריכט
פאר אפנארעריי און פראצענט־כאפעניש. דער דאזיקער פארשוין איז שפעטער
געווארן א ריכטער ביי אייניקע עלזאסער אדעליגע און דאן האט ער זיין ארבעט
אנגעפירט ווי עס באדארף צו זיין. די רעגירונג איז אבער דערפון געוואויר
געווארן און מחמת דעם האט ער אנגעהויבן אויסגיסן זיין הארץ אויף די יידן.
ער האט געפרובירט איינרעדן די אלע יידישע בעלי־חובות זיי זאלן פטור ווערן
פון די שווערע חובות און די גלחים האבן נאך דערצו אויך צוגעלייגט זייער
האנט, זאגנדיק, אז ס׳איז א גרויסע מצוה צו באראבעווען די יידן, אז זיי וועלן
דערפאר קריגן עולם הבא. די אגיטאציע האט געהאט געווירקט. די בעלי־חובות
האבן זיך פאראייניקט מיט די שווינדלער און יידן־פרעסער און געבעטן ביים
קעניג לודוויג דעם זעכצענטן, אז ער זאל ארויסטרייבן די יידן פון עלזאס. דער
דאזיקער היל האט זיך דערצו געפרובירט גיסן אויל אויפן פייער. ער האט אנגע־

שריבן א פאסקוויל אויף יידן, אין וועלכן ער האט געהאט צונויפגעזאמלט אלע פארשידענע בלבולים, כדי פארצושטעלן די יידן אין דעם ערגסטן ליכט און אז מען זאל די יידן אויסראטן. ער האט פארלאנגט, אז מען זאל די יידן אומברענגען אדער וויינעקסטנס ארויסטרייבן פון לאנד. ער האט אבער, קענטיק, צופיל איבער־געכאפט די מאס און מען איז סוף־כל־סוף דערגאנגען פון זיינע שווינדלערייען. ער איז לויט דעם קעניגס פאראָרדנונג ארעסטירט געווארן און איז ארויסגעטריבן געווארן פון עלזאס. דערביי האט דער קעניג ארויסגעלאזן א באפעל, אז די אלע פראצעגט־משפטים זאלן שוין מער נישט פארקומען אין די געריכטן פון די פריצים, נאר אין דעם רעגירונגס־ראט פון עלזאס.

די דאזיקע געזעצן האבן דערמוטיקט די עלזאסער יידן צו בעטן דעם קעניג לודוויג, ער זאל זיי שטיין צו שוין. די יידישע פארשטייער האבן אנגעשריבן א מעמאראנדום צו דעם רעגירונגס־ראט וועגן די שרעקלעכע געזעצן קעגן די יידן און, אגב, פארגעלייגט פלענער ווי אזוי די לאגע אויסצובעסערן. די יידן האבן געפילט, אז דער דאזיקער מעמאראנדום דארף אויסגעארבעט ווערן אזוי, אז ער זאל מאכן אן איינדרוק אויף דער עפנטלעכער מיינונג. עס איז אבער צווישן זיי נישט געווען אזא מענטש, וואס זאל עס קאנען טאן.

זיי האבן זיך דעריבער געווענדעט צו מענדעלסאנען, אויף וועלכן די יידן פון איירָאפּע האבן געקוקט ווי אויף א מלאך מושיע, ווי אויף א רעטער אין זייער אומגליק. די יידן האבן אים אוועקגעשיקט דורך ר׳ סערף בער, וועלכער איז שוין פון פריער געשטאנען אין פארבינדונג מיט מענדעלסאנען, דעם גאנצן נויטיקן מאטעריאל און אים געבעטן, אז ער זאל אויסארבעטן אט דעם מעמאראנדום. מענדעלסאן איז אבער דעמאלט געווען שטארק פארנומען און ס׳איז אויך מעגלעך, אז ער האט נישט געקאנט אליין דערפילן די בקשה ווי עס באדארף צו זיין. עס האט זיך אבער געמאכט אז אזא מאן איז געפונען געווארן. דער דאזיקער מאן איז ווירקלעך פעאיק געווען צו שרייבן א מעמאראנדום. דאס איז געווען ווילהעלם דאהם, איינער פון די באוואוסטע חסידי אומות העולם, וועלכער איז געווען אן איבערגעגעבענער פריינט פון משה מענדעלסאן.

## יא.

## דאהם און מענדעלסאן

משה מענדעלסאן איז דאמאלס געווען אזוי פאפולער אין לאנד, אז יעדער געבילדעטער מענטש, וואס איז געקומען אין בערלין, האט געהאלטן פאר זיין פליכט צו גיין אנקוקן דעם יידישן סאקראטעס, דעם יידישן דענקער. אז דער יונגער דאהם איז אנגעקומען אין בערלין, האט ער אויך געטאן דאס וואס אלע אינטעליגענטן פון יענער צייט. ער איז אויך נעגאנגען זיך באקענען מיט מענדעל־סאנען. מענדעלסאנס פערזענלעכקייט איז געווען אזוי אנציענד און אזוי שטארק,

אז ווער עס איז געקומען אין זיין געזעלשאפט האט געמוזט ארונטערפאלן אונטער זיין איינפלוס. מען האט באלד דערזען, אז מען האט דא צו טאן נישט בלויז מיט א גרויסן דענקער, נאר מיט א מערקווירדיקן מענטשן, מיט א מענטשן פון א הויכער עטישער מדרגה, מיט א מענטשן פון א ריינעם, קריסטאלענעם הארץ און מיט א צארטער נשמה. אפילו פערזאנען, וועלכע האבן נישט געהאט קיין גוטע מיינונג וועגן יידן האבן געמוזט זייערע אנשויאונגען ענדערן קומענדיק אין באַרירונג מיט מענדעלסאנען.

דאהם איז שוין אויך פריער געווען ווייט פון די פאראורטיילן קעגן יידן. ער האט זיך אבער איבערגעגעבן צו העלפן דעם יידישן פאלק זינט ער איז געווארן א בן בית ביי מענדעלסאנען. ער האט שטודירט די געשיכטע פון יידישן פאלק און געפלאנעוועט אויפצוקלערן די קריסטלעכע וועלט מכח דער יידישער לאגע אין אייראפע, און אז זייער ביטערער מצב איז נאר א רעשט פון אנשויאונגען פון די פינצטערע צייטן פון מיטלאלטער. די יידישע לאגע מוז פארבעסערט ווערן. עס איז א שאנדע פאר דער וועלט אז דאס יידישע פאלק זאל אזוי ליידן.

דאהם האט דערקלערט, אז ער איז גרייט זיך צו באטייליקן מיט מענדעלסאנען אין דער דאזיקער ארבעט און אויסצוארבעטן דעם מעמאראנדום פאר די עלזאסער יידן. ער האט זיך גענומען צו דער ארבעט, אבער בעת דער דאזיקער ארבעט איז אים איינגעפאלן א געדאנק צו שרייבן וועגן דער לאגע פון די יידן נישט בלויז אין עלזאס, נאר אויך אין דייטשלאנד, וועלכע ליידן אויך אזוי ווי די יידן אין עלזאס. און אזוי ארום איז געשאפן געווארן זיין ארבעט אונטער דעם נאמען „איבער די בירגערליכע פארבעסערונג דער יודען". פונקט אזוי ווי לעסינג, אזוי האט אויך ריכארד דאהם פרובירט ארויפווארפן אביסל שולד אויף דעם דייטשן פאלק, וועלכע האט מער ווי אלע פעלקער פארקנעכט די יידן און זיי דערנידעריקט. דאהם האט נישט אנגערירט די רעליגיעזע פראגע. ער האט זיך הויפטזעכלעך געווענדעט צו די פאליטיקער, וועלכע קוקן מיט קלארערע אויגן אויף דער וועלט. ער האט אמשטארקסטן אנגעוויזן אויף די פראקטישע נוצן פון דער מלוכה ווען די יידן וועלן פריי ווערן. ער האט גע'טענה'ט, אז א לאנד קאן רייך ווערן נאר ווען עס ווערט פארגרעסערט מיט מענטשן. מאנכע מלוכות גיבן־אוים גרויסע סומען געלט אויף צוצוציען נייע מענטשן אין לאנד, דאס ווערט אבער נישט געטאן בנוגע יידן. פארקערט, בנוגע דעם דאזיקן אומגליקלעכן פאלק באמיען זיך די רעגירונגען, אז זיי זאלן וואס וויניקער אריינקומען אין זייערע לענדער און אפילו זיי זאלן זיך בכלל נישט פארמערן. יידן האבן נישט דאס רעכט צו וואוינען אין א לאנד, און אויב מען דערלויבט זיי שוין יא, איז עס נאר אויף א קורצער צייט און פאר גוטע געלט. מען טרייבט זיי מיט די בארבארישסטע מיטלען. אויף דעם אופן קומט זיי אוים אדער צו שטארבן פון הונגער, אדער זיך צו באשעפטיקן מיט אומגעווינטשטע זאכן. יידן לאזט מען נישט צו צו קיין מסחר, צו קיין מלאכה. צוליב וואס האבן זיך אלע אייראפעאישע מלוכות גענומען אזוי שטארק צו רודפ'ן יידן? אויב די יידישע רעליגיע וואלט געהאט שעדלעכע זאכן אין זיך, דאמאלס וואלט מען נאך געקאנט האבן א תירוץ די יידן ארויסצוטרייבן פון לאנד. אבער דאס איז דאך נישטא. די אלע בלבולים אויף דער יידישער רעליגיע האבן דאך

אויסגעטראַכט די יידן־פּרעסערישע גלחים, וואָס באַווייזט נאָר, אַז די גלחים האָבן באַשמוצט זייער אייגענע רעליגיע. דער גרעסטער יידישער ספר איז תורת משה און די תורה איז דאָך פאַרערט אויך ביי די קריסטן. די רעגירונגען האָבן דאַריי־בער, לויט זיין מיינונג, זיך געדאַרפט באַמיען צו פאַרשפּרייטן אַלגעמיינע בילדונג צווישן יידן און זיי אויפהויבן מאָראַליש. אַז די מלוכה וועט זיך באַציען צו יידן גוט, וועלן די יידן זיך באַציען גוט צו דער מלוכה. אין דער רוימישער אימפּעריע זיינען יידן געווען פרייע און געטרייע בירגער. מען זאָגט, אַז יידן זיינען איצט אַזוי פאַרדאָרבן, אַז מען קאָן זיי נישט געבן קיין גלייכבארעכטיגונג און זיי אַריינגעמען אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. דאָס איז נישט אמת. יידן זיינען טאַקע אין נישט קיין גוטן צושטאַנד, אָבער דערין זיינען דאָך נישט שולדיק די יידן, נאָר די קריסטן, די מלוכות וואָס האָבן זיי געבראַכט דערצו, נישט געבנדיק זיי די מעגלעכקייט פריי צו אַרבעטן און צו האַנדלען און מען האָט נאָך אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן.

דאָהם האָט דערביי אויך אָנגעוויזן אויף דער גרויסער קולטורעלער ראָלע וואָס יידן האָבן געהאַט געשפּילט אין די לענדער וואו זיי זיינען פריי געווען. דורך דער רוימישער אימפּעריע, וואו יידן זיינען געווען פרייע בירגער, האָבן זיי אַריינ־געבראַכט קולטור צווישן אַלע איבעריקע פעלקער אין אייראָפּע. בעת אַנדערע פעלקער זיינען דורך די שטענדיקע מלחמות פאַרזונקען געוואָרן אין אומוויסנ־הייט, אין אַבערגלויבעריי, אין דומהייט, זיינען יידן געבליבן גאַנץ און ווייטער געטראָגן די פאָן פון קולטור. אין שפּאַניען האָבן די יידן צוזאַמען מיט די אַראַבער געהאַט געשאַפן אַ מעכטיקע קולטור, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט נישט געוואוסט. די דאַמאָלדיקע קריסטן האָבן אַרויסגעוויזן זייער אכזריות, זייער ווילדקייט, בעת די יידן האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען אין פייער. אויב דאָס אַלץ האָט געקאָנט זיין אין מיטלאַלטער, איז דאָס אומדערטרעגלעך אין דער מאָדערנער צייט. די גרויסע מלוכות דאַרפן זען ליב צו האָבן יעדן בירגער, וועלכער איז טריי דעם לאַנד און העלפט שאַפן דאָס רייכטום פון לאַנד. און די יידן האָבן דאָס פולע רעכט צו פאָדערן מען זאָל זיי אַוועקשטעלן אין דעם גע־העריקן צושטאַנד. אַ מענטש טאָר נישט פאַרלירן זיינע רעכט צוליב דעם וואָס ער געהערט צו אַן אַנדער אמונה. אויב די רדיפות אין משך פון יאָרהונדערטע האָבן די יידן עטוואָס פאַרדאָרבן, וועט דאָס אַלץ פאַרשוואונדן ווערן ווען מען וועט זיי גוט באַהאַנדלען. אויך די קאַטוילים אין אירלאַנד זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן צוליב די גרויסע רדיפות אויף זיי, וועלכע זיינען זיכער עבער געוואָרן ווי נאָר מען האָט זיי אָנגעהויבן גוט באַהאַנדלען. די יידן וועלן זיך גיכער דער־הויבן פון די אירלענדער, ווייל די יידן זיינען פעאיק, זיי זיינען שאַרף, טיף, ענערגיש. זייער דערפאָלג איז געשעפט איז אַלעמען באַקאַנט. די אַלע יידן וואָס האָבן זיך געהאַט באַשעפטיקט אין ווויסנשאַפט און קונסט זיינען געווען דערפאָלגרייך. דאָס וואָס די יידן זיינען אַזוי איבערגעבן צו דער טראַדיציע, צו דער תורה, איז נישט קיין חסרון, ווי אַ סך מיינען, נאָר דווקא אַ מעלה. די יידן זיינען אַן עטיש פאָלק. זייערע אָרימעלייט פאַלן נישט צו־לאַסט אויף דער מלוכה, נאָר זיי ווערן געשטיצט פון די יידן גופא. אין זייער פאַמיליען־לעבן זיינען זיי

א סך שענער ווי די קריסטן. יידן זיינען טריי דעם לאַנד וואו זיי וואוינען און האָבן דאָס געהאַט באַוויזן ווען ס'איז נויטיק געווען.

דאַהם האָט דערביי אָנגעגעבן אויך די מיטלען ווי אַזוי די לאַגע פון די יידן קאָן פאַרבעסערט ווערן. קודם כל, האָט ער געזאָגט, מוזן זיי זיין גלייך פאַרן געזעץ צוזאַמען מיט אַלע בירגער אין לאַנד. מען דאַרף זיי געבן די דערלויבניש זיך צו באַשעפטיקן מיט יעדער זאַך, מיט יעדער מלאכה, זיי אָפּגעוואוינען פון געשעפט און פון לייען געלט אויף פּראָצענט און זיי צוגעוואוינען צו אַרבעט, צו ערד־אַרבעט, צו קונסט און וויסנשאַפט, און דאָס נישט דורך צוואַנג. די מאָראַלישע אויסבעסערונג פון יידן דאַרף קומען דורך שולן, דורך בילדונג. דערביי אָבער מוז מען אויך די קריסטן אויסבעסערן, אַז זיי זאָלן באַטראַכטן די יידן פאַר ברידער און זיי זאָלן זיך אויפפירן מיט זיי די מיט זייער גלייכן. מען דאַרף די יידן געבן אינערלעכע פרייהייט בנוגע זייער אמונה. זיי זאָלן האָבן דאָס רעכט צו בויען בתי מדרשים, צו קלייבן לערער, צו פילאַנטראָפּיע, אפילו מחרים צו זיין געוויסע זינדיקע. די רעגירונג דאַרף נאָר בלויז אויפפּוקן, אַז אַלץ זאָל גיין אין אָרדנונג, אָבער זיך נישט אַריינמישן אין זייערע ענינים. זיי דאַרפן באַקומען פולע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיגונג, אָבער נישט פּאָליטישע. אַזוי ווייט איז שוין דאַהם אויך נישט געגאַנגען. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן זיינען נאָך נישט גענוג צוגעגרייט צו פאַרנעמען שטעלעס אין דער מלוכה, און אַזעלכע צוגעגרייטע מצד די קריסטן זיינען שוין פאַראַן גענוג. דערווייל אָבער וועט עס זיין גענוג ווען די רעגירונג וועט זען די יידן אַוועקצושטעלן אויף אַ געזונטן פּי־זישן און מאָראַלישן באַרן, צו עפענען פאַר זיי אַ וועג פאַר בילדונג און אַרבעט.

דאַהם האָט, פאַרשטייט זיך געוואוסט, אַז זיינע עצות לטובת יידן וועלן אַריינברענגען אין רוגזא אַלע גלחים און די גאַנצע טעאָלאָגישע קליקע, און זיי וועלן קעמפן קעגן דעם מיט אַ כוחות. מחמת דעם האָט זיך דאַהם געווענדעט צו די פירער פון דער מאַכט גופא און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן באַלד דורכפירן אין לעבן זיינע פאַרשלאָגן, ווייל די רעגירונגען זיינען געווען שטאַרק פאַראינ־טערעסירט צו עפענען אַ וועג צו בילדונג. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע פאַר־שלאָגן וועלן ברענגען נוצן, נישט נאָר די יידן אַליין, נאָר אויך די מלוכות.

דאָס דאָזיקע ווערק האָט אין יענער צייט געמאַכט דעם געהעריקן רושם, דען אַזעלכע ווערטער איז אין אַזאַ פאָרם כמעט נאָך נישט געווען געהערט פון אַ קריסט. דאָס דאָזיקע ווערק איז אומעטום געלייענט געוואָרן און דיסקוטירט געוואָרן. ווי דער שטייגער, זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן מיט דאַהמען און אַזעלכע וואָס זיינען געווען קעגן אים. אַזוי ווי פאַרדאַרבענע מענטשן האָבן בכלל זעלטן אַ פאַרשטענדנים פאַרן אמת. זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן גע־זאָגט, אַז דאַהם האָט געקראָגן גוט באַצאָלט פון די יידן. אין אַלגעמיין אָבער האָט דאַהמס ווערק געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און באַלד האָט דער קייזער יאָזעף דער צווייטער פון עסטרייך געמאַכט דעם ערשטן שריט צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. אויסערדעם זיינען אויפגעשטאַנען אַ ריי באַדייטנדע קריסטלעכע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געלויבט דאַהמען פאַר זיין מוט און פאַר זיין דרייסטקייט צו זאָגן דעם אמת וועגן דער יידישער לאַגע, און אַז די יידן זאָלן באַקומען גלייכע רעכט

מיט אלע בירגער פון לאנד. עס זיינען אויך געווען פערזענלעכקייטן וואס האבן זיך א ווארף געטאן אויף דאהמען ווי אויף אלע יידן און גענומען העצן קעגן יידן אן א שיעור. באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט דער פראפעסאר מיכאעלים, דער זעלבער מיכאעלים, וועלכער האט אויף לעסינגס דראמע „די יודען" געזאגט, אז די גאנצע מעשה איז אויסגעטראכט פון קאפ, אז אזא ייד ווי לעסינג שטעלט פאר איז נישטא אויף דער וועלט, אז עס זיינען נישטא קיין גוטע יידן און ס'וועלן נישט זיין קיין גוטע יידן, ווייל אלע יידן זיינען שווינדלערס. מחמת דעם וואלט געווען דאס גרעסטע אומגליק פאר דער קריסטלעכער וועלט, ווען יידן זאלן באקומען גלייכבארעכטיגונג. איבריקנס, דאהם האט צערודערט די מוחות פון די דענקענדע מענטשן און פון די רעגירונגס-לייט, און די יידישע פראגע האט אנגעהויבן ארויפקומען אויפן טיש. די יידישע פראגע איז געווארן א מלוכה-פראגע, וואס איז ביז איצט נישט געווען, דען קיינער האט גארנישט געטראכט וועגן א יידן-פראגע. ס'איז געווען א פראגע פון איינצלנע יידן און נישט פון גאנצן פאלק. אויב דאהמס אנגריף האט אין דייטשלאנד נישט געהאט אזוי שטארק געווירקט, האבן אבער זיינע ארויסגעזאגטע מיינונגען געהאט א גרויסע ווירקונג אין פראנקרייך, וואו די יידישע לאגע האט זיך אנגעהויבן בעסערן.

זעלבסטפארשטענדלעך האט אין דאהמס ארבעט א גרויסן חלק גענומען מענדעלסאן. ער האט אים אבער געלאזן א פרייע האנט אין דער גאנצער ארבעט. ער איז צוליב דעם אין א סך פונקטן נישט געווען מסכים מיט זיין גוטן פריינט דאהם און ער האט זיי פרובירט אליין אויסבעסערן און מוסיף זיין, כדי די וועלט זאל וויסן דעם גאנצן און פולן אמת וועגן דער יידישער לאגע, וואס די יידן זיינען באמת און וואס ס'קאן פאר זיי געטאן ווערן.

## יב.

## מענדעלסאנס ארויסטריט. דאס ווערק „ירושלים"

די גאנצע צייט וואס ס'איז אנגעגאנגען דער שטרייט צווישן די קעמפער פאר די יידישע רעכטן און זייערע געגנער, נאכדעם ווי דאהם האט געהאט אויפגערודערט די וועלט מיט זיין ארויסטריט, איז מענדעלסאן געזעסן און זיך צוגעקוקט פון דערווייטנס. ער האט געהאט געהאלטן, אז ס'איז א סך בעסער פאר דער יידישער זאך, אז די קריסטן אליין זאלן ארבעטן און קעמפן פאר דאס יידישע רעכט, אז זיי אליין זאלן זיין די אויפקלערער פון פאלק און אירע פירער אין דער נויטווענדיקייט פון א הארמאנישן צוזאמענלעבן צווישן יידן און קריסטן אויף אלע געביטן פון קולטור און ציוויליזאציע. ער האט זיך, אגב, זייער געפרייט צו זען ווי קריסטן באטייליקן זיך אין דעם צער פון פאלק. ער האט געהאט געדאנקט דעם אויבערשטן וואס ער האט זוכה געווען צו דערלעבן די צייט ווען מען האט שוין גענומען ריידן וועגן אנערקענען די רעכטן פון יידישן פאלק. עס זיינען אבער געווען א פאר זאכן וואס האבן אים נישט געלאזן זיצן רואיק, וואס האבן אים געצוואונגען זיך צו נעמען צו דער פעדער.

קודם האָט מענדעלסאָן געהאַלטן, אַז דאָהם האָט נאָך נישט גענוג שאַרף אָנגעגריפן די העסלעכע דערשיינונג, וואָס מען רופט יידן־האַס. דען שליסלעך האָט עס געשיינט, אַז דאָהם אַליין איז נאָך אויך נישט געווען פאָלקאָם פריי פון געוויסע פאָראורטיילן, וואָס אַלע קריסטן האָבן געהאַט, דען ער האָט דאָך גע־זאָגט, אַז די יידן פון זיין צייט זיינען נישט אַזוי גוט, זיינען פאַרדאָרבן, נאָר ער האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיי אויסצובעסערן. מענדעלסאָן האָט אָבער געוואוסט דעם אמת בעסער ווי דאָהם. מענדעלסאָן האָט די יידן בעסער געקענט, און מחמת דעם האָט ער נישט געקאָנט איינשטימען מיט זיין חבר דאָהם, אַז די יידן זיינען נידריקער מאָראַליש ווי די קריסטן. מענדעלסאָן האָט דאָן דערקלערט, אַז די אַלע קריסטן, אַפילו אַזאַ גוטער מענטש ווי דאָהם, שויז אָפּגערעדט פון די יידן־פרעסער, האָבן בכלל אַ גרונד־פאַלשע מיינונג וועגן יידן. אָט די דאָזיקע משונה'דיקע אָנ־שויאונג ענדערט נאָר איר פאָרם לויטן גייסט פון דער צייט. אין מיטלאַלטער, אין דער צייט פון דער פינצטערער אָבערגלויבעריי, האָט מען אויף יידן געזאָגט, אַז זיי פאַרשוועכן די קריסטלעכע הייליקטימער, גנב'ענען קריסטלעכע קינדער, טרינקען קריסטלעך בלוט אום פסח, פאַרגיפטן די ברינעמער. מען פלעגט אויך זאָגן, אַז יידן זיינען נישט קיין גלויביקע, איינגעשפּאַרטע, מאַכן כשוף און פירן זיך אַרום מיט שדים, און אָט צוליב די דאָזיקע שקרים האָט מען די יידן גע'רודפ'ט, פאַר־ניכטעט, צוגענומען יידישן פאַרמעגן און יידישן לעבן.

איצטער, אין דער אַזוי־גערופענער געבילדעטער צייט, האָט זיך די צייט גע־ענדערט און ס'האָבן זיך ממילא געענדערט אויך די שקרים מיט די בלבולים, דען יענע בלבולים האָבן שוין פאַרלאָרן זייער שטאַרקייט, זייער רייץ און זייער אָנצי־אונגס־קראַפט. איצטער זאָגט מען אויף יידן, אַז זיי האָבן נישט דאָס געפיל פון געזעלשאַפטלעכקייט, געשמאַק און שיינע זיטן, אַז יידן פעלט דער טאַלאַנט צו קונסט, צו וויסנשאַפט, צו וויכטיקע שאַפונגען און בפרט צו מיליטער־דינסט און מאַכט; אַז יידן זיינען גרויסע אָפּנאַרער, פּראָצענטניקעס, גזלנים־צעשטערער. די נייע בלבולים האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די אַלטע בלבולים, פון גראָבע און פאַרעלטערטע, כדי מען זאָל יידן נישט געבן קיין גלייכבאַרעכטיגונג, און מען זאָל די יידן נישט געבן די שוץ פון דער מלוכה. צום אָנהויב האָבן זיך די קריסטן באמת מיט אַלע כוחות צו מאַכן די יידן נישט פאַר גוטע, נוצלעכע בירגער, נאָר זיי צו שמד'ן, זיי צו מאַכן פאַר קריסטן, אָבער ווען יידן האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געבליבן שטיין בייַ דאָס זייעריקע, האָבן זיי געפונען דערין אַ גוטן אַרגומענט צו האַלטן די יידן פאַר אַ לאַסט אויפן לאַנד, אויסצוטראַכטן שקרים אויף יידן און צו פאַר'מיאוס'ן דעם יידישן נאָמען אין דער וועלט. אַצינדערט איז שוין אַריבער די צייט און דער חשק די יידן אָפּצו'שמד'ן, איצטער טראַכט שוין קיינער נישט צו ברענגען די יידן אונטער די פליגלען פון קריסטנטום, און פּונקט אַזוי ווי דאַמאָלס דערווייטערט מען די יידן פון יעטווידער קונסט, פון וויסנשאַפט און מלאכה, וואָס ברענגען נוצן פאַר דער וועלט און פאַרצוימען נאָך דערצו דעם וועג וואָס קאָן די יידן ברענגען צו גוטע טאַטן. און דאָן ווערט דער מאַנגל אין קולטור אַ מין אַרגו־מענט צו אונטערדריקן די יידן פּונקט אַזוי ווי פריער. די קריסטן שמידן די יידן די הענט און דערנאָך שטראָפן זיי די יידן פאַרוואָס זיי טוען גאַרנישט. דער

גאנצער גייסט פון קולטור און פארשונג פון אכצענטן יארהונדערט האט נאך אלץ קיין כח נישט געהאט אפצומעקן יעטווידע געדעכעניש צו די ווילדקייטן פון די אמאליקע צייטן. עס איז שווין קענטיק די נאטור פון יעדן שקר און בלבול, וואס ער פארבלייבט אין די הערצער אויף שטענדיק אפילו ווען ס׳האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן אז דאס איז פאלש. עס זיינען נאך פאראן שטעט אין דייטשלאנד, וואו א ייד האט נישט קיין רעכט צו גיין בייטאג אן שומרים, מורא־האבנדיק טאמער וועט ער גאנב׳ענען א קריסטלעך קינד, אדער ער וועט אריינווארפן גיפט אין א ברונעם. און ביינאכט האט א ייד קיין רעכט נישט ארויסצוגיין אויפן גאס אפילו אין דער באגלייטונג פון וועכטער, ווייל דאן קאן זיך דער ייד פארבינדן מיט די שדים, און דאס הייסט אז אויפגעקלערט פאלק, א געבילדעט פאלק!

דאס צווייטע וואס מענדעלסאן האט נישט מסכים געווען מיט דאהמען איז געווען דאס, וואס ער האט פארלאנגט אז די רעגירונג זאל געבן די מאכט צו דער יידישער רעליגיעזער פארטרעטונג דאס רעכט אריינצוווארפן א יידישן בעל־עבירה אין א חרם. מענדעלסאן האט געהאלטן, אז די דאזיקע רעכטן שטימען נישט מיט דער ריינער רעליגיע. כדי עס זאל נישט ארויסקומען קיין קלקול פון דאהמס פארשלאג האט מענדעלסאן געבעטן זיין יונגען פריינט מארקוס הערץ צו איבער־זעצן פון ענגליש די שריפט פון מנשה בן ישראל וועגן די בלבולים וואס מען טראכט־אויס אויף די יידן, און ער האט צו דעם געשריבן אן הקדמה אלס צוגאב צו דאהמס שריפט. אין אט דער הקדמה האט מענדעלסאן דערקלערט, אז די פירער פון די רעליגיאנען האבן באמת זיך גענומען דאס רעכט צו באשטראפן די מענטשן וועלכע זיינען עובר אויף די מצוות, אבער די רעליגיע גופא, די אמת׳ע רעליגיע, וועלכע איז געגרינדעט אויפן שכל און מענטשן־ליבע, האט לחלוטין נישט נויטיק זיך צו באשעפטיקן מיט די אלע שטראפונגען, ווייל די רעליגיע איז נאר גייסט און הארץ. ער האט געהאלטן, אז די ברידערשאפט צווישן מענטשן איז נאך נישט דערגאנגען צו אזא מדרגה אז מיר זאלן זיין זיכער, אז אויב א באאמטער וועט באקומען די מאכט צו באשטראפן מענטשן וועט ער די מאכט נישט מיסברויכן צו טאן שלעכטס. מענדעלסאן איז געווען קעגן חרם בכלל, מחמת דעם האט ער באשוואוירן די רבנים און די פירער פון דער יידישער געמיינדע, אז זיי זאלן זיך אפזאגן פון חרם־רעכט.

מענדעלסאנס אנשויאונגען, וואס ער האט איצט געהאט ארויסגעזאגט, האבן ארויסגערופן א צערודערונג איז דער געזעלשאפט. זיי זיינען געווען גאנץ ניי. די קריסטן זיינען נאך אפילו נישט געקומען צו דער מדרגה ארויסצוזאגן אזעלכע זאכן. די קאטוילישע קירך האט זיך געשטיצט נאר אויף געוואלט, אויפן פויסט. דאס זעלבע האט געטאן אויך די פראטעסטאנטישע קירך. דאס זיינען מאנכע גע־בילדעטע גלחים געווען צופרידן מיט מענדעלסאנס מיינונגען. די פאנאטיקער האבן דארין איינגעזען א מין כפירה. אויך צווישן יידן זיינען געווען אזעלכע וואס זיינען נישט צופרידן געווען מיט אים. מאנכע האבן פרובירט טראכטן, אז מענ־דעלסאן איז אפשר גאר אראפ פון דרך הישר. איינער א קריסט האט אפילו פרובירט דענקען, אז מענדעלסאן האט זיך אפגעקערט פון יידישן וועג. דער דאזיקער קריסט איז דוקא געווען פון די פרומאקעס. ער האט געוואוסט, אז מענ־

דעלסאָן איז געבליבן אַ ייד ווי געווען, ער האָט אָבער דורכדעם געוואָלט, אַזוי צו זאָגן, פּראָוואָצירן מענדעלסאָנען, ער זאָל שאַרפער אַרויסטרעטן קעגן דער קריסט־לעכער קירך.

דאָס אַלץ האָט געצוואונגען מענדעלסאָנען ווידער צו ברעכן זיין שטיל־שווייגן און אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם גאַנצן ענין פון רעליגיע, וואָס ער האָט אויך געטאָן אין זיין נייעם ווערק „ירושלים”. אין דעם ספר צעגלידערט ער די גאַנצע יידישע אמונה און ווייזט־אָן אויף איר ריינקייט און איר שיינקייט. מענדעלסאָן האָט אין דעם ספר נישט געוואָלט אויפבויען אַ נייע פילאָזאָפיע פון יידנטום, אַ נייע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג פון די עקרים. ער האָט נאָר געוואָלט באַווייזן איר גרויסקייט, די טאָלעראַנץ וואָס עס געפינט זיך אין דער תורה, די וואונדערבאַרע עטיק פון דער יידישער רעליגיע. מענדעלסאָן האָט ליב געהאַט דאָס יידנטום. ער האָט געהאַט געגלויבט אין מציאות ה׳, וועלכער שפּרייט־אויס זיין גוטסקייט און גערעכטיקייט אויף אַלע מענטשן; ער האָט געגלויבט אין דער אייבי־קייט פון דער נשמה און אין שכר ועונש נאָכן טויט. ער האָט זיך לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטעלן דאָס לעבן פון מעשים טובים, אין וועלכן עס געפינט זיך נישט דער באַגריף פון דער געטלעכער עקזיסטענץ.

דאָס דאָזיקע ווערק האָט געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג ווי ער האָט זיך גע־קאָנט דערוואַרטן. דער פילאָזאָף עמנואל קאַנט, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען באַרימט אין דער וועלט, איז געווען אַנטציקט פון דעם ווערק, און האָט געזאָגט אַז ער איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט צו פאַרשפּרייטן דעם אמת און האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי אַריינדרינגען אין די הערצער פון אַלע מענטשן. דער גרויסער פראַנצויזישער פרייהייט־קעמפער מיראַבאָ האָט געזאָגט, אַז דאָס ווערק איז ווערט איבערזעצט צו ווערן אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. מיט דעם דאָזיקן ווערק האָט מענדעלסאָן פאַרשטאָפּט די מיילער פון די קריסטלעכע שונאים און בלבולים־מאַכער. זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דאַרויף. דאָס יידנטום, די יידישע רעליגיע איז דורך מענדעל־סאָנען פאַרגעשטעלט געוואָרן, אַ דאַנק זיינע קלאָרע און לאָגישע ראיות, ווי אויך די שיינקייט און קלאָרקייט פון דער שפּראַך, אין אַזאַ ליכט, אַז אַלע געגנער פון יידנטום האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף יידן גאַנץ אַנדערש. די קריסטלעכע וועלט האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָרווערטס, זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גערעכטיקייט, וועגן פרייהייט און ס׳איז פאַר יידן אָנגעקומען אַ נייע, בעסערע צייט.

## יג.

## זיין טויט. — זיינע קינדער

משה מענדעלסאָן האָט שוין איצטער געהאַט דערגרייכט דעם שפּיץ פון רום און כבוד. זיין הויז איז געווען דער זאַמלפּונקט פון די שענסטע שאַפנדע גייסטער פון דייטשן פאָלק און אויך פון אַנדערע פעלקער, וועלכע פלעגן קומען אין בערלין

אנזען דעם גרויסן יידישן חכם, זיין א ווײלע אין זיין געגנווארט און אין דער געגנווארט פון זיינע פריינט. ער איז פאראייביקט געווארן אין דער ליטעראטור נישט בלויז דורך זיינע אייגענע שאפונגען, נאר אויך דורך די שאפונגען פון זיינע פריינט. לעסינג האט אים פאראייביקט אין זיין „נאטהאן דער וויזע", וואס האט אין זיין צייט געהאט ארויסגערופן א גרויסן אויפרור אין דער וועלט. דיכטער, געלערטע און דענקער — אלע האבן געהאט פארערט דעם גרויסן דענקער און אלע האבן זיך פרובירט ווארעמען ארום זיין ליכט. מען קאן, נאטירלעך, נישט זאגן, אז מענדעלסאן איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער זשעניע. ער האט קיין נייעס אין דער געדאנקען־וועלט נישט געהאט געשאפן און האט קיין נייע סיסטעמען אין דער וועלט פון וויסנשאפט נישט אנטדעקט, ער האט אבער מיט זיינע אויפקלערונגען געשאפן א באוועגונג אין דער יידישער וועלט. ער האט, נאטירלעך, נישט געהערט צו יענע וועלכע האבן מיט א געוויסער כוונה פרובירט מאכן ענדערונגען אין יידישן לעבן. מענדעלסאן איז געווען ווייט דערפון. ער איז געווען דער גאנצער ייד, דער פרומער ייד, דער אלטמאדישער ייד, און האט נישט געזוכט קיין זאך צו מאכן אנדערש. ער האט בלויז פרובירט געוויסע רעליגיאנס־באגריפן אויפצוקלערן מיטן שכל. די נייע תקופה וואס איז אנגעקומען נאך אים איז נישט געווען זיינע א שאפונג. ער איז בלויז געווען איינער פון די טרעגער פון דער נייער תקופה און דערצו אויך איינער פון די שענסטע, איינער פון די בעסטע, וואס האבן די תקופה גע־טראגן. ער איז געווען דער חכם, דער מאן פון גרויסן געשמאק, ער איז געווען א וואונדערבארער מענטש, ער איז געווען א למדן, א קענער פון דער תורה, א קענער פון דער העברייאישער שפראך און אן איבערגעגעבענער ייד. עס זיינען אויך דאן געווען ביי יידן גרעסערע דענקער ווי מענדעלסאן, אבער אזא פערזענ־לעכקייט ווי מענדעלסאן איז צווישן זיי נישט געווען.

מענדעלסאן איז שטענדיק געווען א שוואכער מענטש. זיין מוח איז געווען פיל שטארקער ווי דער קערפער, זיין מוח האט געהאט אויפגעהאלטן דעם קערפער. אבער כאטש ער איז געווען פיזיש א שוואכער, האט ער זיך זעלטן באקלאגט אויף זיין געזונט און האט שטענדיק געארבעט. צו דער צייט אבער, ווען ער איז שוין געווען זיבן־און־פופציק יאר, האט ער זיך אנגעהויבן פילן זייער אויסגעמאטערט. זיין זכרון איז עטוואס שוואך געווארן און פלעגט שוין מאכן אפטיקע טעות'ן אין דער בוכפירונג. שטארק קראנק איז ער געווארן, דורך א דערקעלטונג, דעם 2־טן יאנואר 1786, און מיט צוויי טעג שפעטער האט ער געהאט אויסגעהויכט זיין נשמה. זיין טויט האט דאמאלס געהאט געמאכט א רושם נישט בלויז אויף יידן אין דייטשלאנד, וועלכע האבן אים געהאט אפגעגעבן גרויס כבוד, נאר אויך אויף דער ארומיקער וועלט.

א נייע וועלט האט זיך אנגעהויבן אין יידישן לעבן נאכן טויט פון מענדעלסאן. עס איז אנשטאנען א וועלט פון רעליגיעזן ליבעראליזם, פון רעליגיעזן רעפארמיזם, פון סתם הפקרות, און מען האט דאס אלץ פרובירט ארויפווארפן אויף די פלייצעס פון מענדעלסאנען. אלע אומגעווינטשטע דערשיינונגען, וואס זיינען שפעטער אויפגעשוואומען אין יידישן לעבן, זיינען באטראכט געווארן אלס רעזולטאט פון מענדעלסאנס טעטיקייט און שאפונג. דאס איז אבער נישט אינגאנצן פינקטלעך.

מענדעלסאָן איז נישט געווען קיין רעפאָרמער. עס איז דאָן אין אַלגעמיין אַזאַ צייט געווען און יידן זייען שטענדיק געווען פון די ערשטע זיך אָנצוכאַפּן אָן נייע אידייען און זיי צו פאַרשפּרייטן, זיי צו פאַרשטאַרקן.

די ערשטע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין אייגענער פאַמיליע. אָבער אויך דערין איז ער נישט געווען אינגאַנצן שולדיק. מען טרעפט אָפּט אויך אין פרימערע הייזער, וואו די קינדער גייען אַרויס לתרבות רעה, וואו קינדער גייען נישט אין די וועגן פון זייערע עלטערן, כאָטש זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ גוטן מוסטער אין זייערע אייגענע עלטערן. עס איז געווען אַזאַ הפקר־צייט בכלל אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער קולטור.

בעת מענדעלסאָן האָט געהאַט געלעבט, איז זיין הויז געווען דער צענטער פון וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע געשפרעכן. אין די דאָזיקע אונטערהאַלטונגען פלעגן אויך אָנטייל נעמען זיינע שיינע און געבילדעטע טעכטער. אַז מענדעלסאָן איז געשטאָרבן, איז דער צענטער אַריבער צו דר. מאַרקוס הערץ, וועלכער איז אויך געווען אַ מאַן פון הויכער בילדונג און פיינעם געשמאַק. עס איז אָבער נישט געווען אַזוי מאַרקוס הערץ וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם דאָזיקן ליטעראַרישן סאַלאָן, נאָר טאַקע זיין פרוי, די באַרימטע שיינקייט און חכמה, הענריעטע הערץ. זי אַליין האָט געשטאַמט פון אַ פּאָרטוגעזישער פאַמיליע, וואו זי האָט זיך געהאַט דערצויגן אין יידישן גייסט. זי האָט געקענט לשון קודש און תנ"ך, זי האָט געקענט פילע אַנדערע שפּראַכן. אויסער אַלעם איז זי געווען אַן אָנערקענטע וואונדערבאַרע שיינקייט. צו פופצן יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיט מאַרקוס הערץ. זי האָט עס געהאַט דעם ליטעראַרישן סאַלאָן, וועלכער איז געווען באַרימט אין לאַנד. אין דעם סאַלאָן פלעגן אַריינקומען די בעסטע שעפערישע כוחות פון דייטשלאַנד. דאָרטן זיינען געקומען די באַרימטע ברידער הומבאָלדט, שלייערמאַכער, שלעגעל און אויך דער באַוואוסטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנס־פירער מיראַבאָ, וועלכער האָט דאָן פאַרבראַכט אין בערלין. אפילו די העכסטע אַריסטאָקראַטן האָבן געהאַט באַזוכט איר סאַלאָן און האָבן גרעסטנטיילס געהאַט צו טאָן מיט איר ווי מיט איר מאַן. אַ סך יידן האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער דערשיינונג, וואָס יידן מיט קריסטן חבר'ן זיך צוזאַמען, און האָבן געד־דענקט, אַז דורך דעם וועט די יידישע לאַגע אין דייטשלאַנד פאַרבעסערט ווערן. די ליבעראַלע קריסטן, וועלכע זיינען איצט באַקאַנט געוואָרן מיטן יידישן לעבן, וועלן זיכער קעמפן פאַר יידישע רעכט.

הענריעטע הערץ האָט זיך געלאָזן פאַרפירן פון די אַלע קריסטלעכע געביל־דעטע און אַריסטאָקראַטישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן איר נישט אויפגעהערט צו פאַרשיטן מיט קאָמפּלימענטן פאַר איר שיינקייט און גייסטרייכקייט. זי איז פאַר'שכור'ט געוואָרן פון צופיל גרויסקייט און רום און זי האָט אינגאַנצן פאַר־לאָרן איר גלייכגעוויכט אין לעבן. איר סאַלאָן האָט אָנגעהויבן ווערן נישט אַ סאַלאָן פון שיינקייט און גייסטרייכקייט, נאָר אַ סאַלאָן פון אויסגעלאַסנקייט, אַ סאַלאָן פון אַ מין „פרייער ליבע". עס האָט זיך דאָן געגרינדעט דער אַזוי־גערופענער „טוגענד בונד", וועלכער האָט געהאַט דעם צוועק אַז פרויען און מענער זאָלן זיך נישט זשענירן נישט מיט זייערע רייד און נישט מיט זייערע טאַטן און זאָלן טאָן

אלץ וואס זייער הארץ גלוסט אז שום שטערעניש, אז שום שעמעוודיקייט. אט צו דעם דאזיקן בונד איז אויך געווען צוגעשטאנען נישט בלויז העגריעטע הערץ אליין, נאר אויך איר שיינע שוועסטער און מענדעלסאנס צוויי טעכטער, וועלכע האבן זיך אויך גהאט געפילט גליקלעך צו זיין אין חברה פון גרויסע קריסטן. די קריסטן האבן זיי אויך נישט געזשאלעוועט קיין שום קאמפלימענטן און כאטש זיי זיינען געווען זייער קלוג, האבן זיי זיך דאך געלאזט פארפירן פון זייערע גנבה׳שע רייד. די הויפט־ראלע אין „טוגענד בונד" האט געשפילט העגריעטע הערץ, וועלכע פלעגט לעבן א גוטן טאג מיט אירע קריסטלעכע פריינט, ווען איר מאן, דר. מארקוס הערץ, פלעגט אוועקגיין צו זיינע פאציענטן. פארשטייט זיך, אז מען האט געזאגט, אז איר ליבע צו די קריסטן איז בלויז א פלאטאנישע. זי האט אויך געהאט געפירט א געהיימע קארעספאנדענץ מיט דעם בארימטן דייטשן געלערטן ווילהעלם פאן הומבאלד, וועלכער איז נאך דאמאלס יונג געווען, אבער ווען ער איז גרוים געווארן, האט ער זי פארלאזן און זי האט זיך דאן איבערגעגעבן צום טעאלאג שלייערמאכער. אין בערלין האט מען שטארק געלאכט ווען מען האט זיי געזען ביידן צוזאמען. ער איז געווען א קליינינקער און א מיאוסער, און זי א הויכע און א שיינקייט. אבער וואס האט איר געקימערט?

אויף דעם זעלבן וועג איז געווען אוועק אויך די פעאיקסטע טאכטער פון מענדעלסאן, דאראטעא, וועלכע איז געווען פארהייראט פאר איינעם שמעון פעיט. אבער ווי נאר זי איז אריין אין „טוגענד בונד" אזוי האט זי אויך פארלארן איר קאפ. זי האט זיך פארליבט אין פרידריך שלעגעל, און האט שפעטער מיט אים געהייראט. אבער דאס האט אויך לאנג נישט געדויערט. צוערשט האט זי אנגע־נומען דעם פראטעסטאנטישן גלויבן, און דערנאך האט זי, צוזאמען מיט שלעגעלן, אנגענומען דעם קאטוילישן גלויבן, ווייל ער האט געמיינט אז מיט זיין קאטויליציזם וועט ער קאנען מאכן א בעסערן לעבן. זי האט אבער פארבראכט אירע יארן אין א טרויעריקן לעבן, און איר פריערדיקער יידישער מאן האט געמוזט שטיצן איר מיט איר נייעם מאן כדי זיי זאלן נישט שטארבן פון הונגער.

איר צווייטע שוועסטער העגריעטע איז נישט געווען אזוי שיין, אז זי זאל ווערן אן אטראקציע אין הערצס סאלאן און אין „טוגענד בונד", אבער בלייבן א יידיש קינד האט זי נישט געוואלט, און זי האט זיך איבערגעקערט אלס קא־טויליקין, און אז ס׳איז איר ענג געווארן צו זיצן אין בערלין, איז זי אוועק אין פאריז, וואו זי איז געווארן א לערערין אין רייכע הייזער. זייער נישט גליקלעך האט אויך געלעבט מענדעלסאנס טאכטער רעכא, וועלכע לעסינג האט געהאט פאר־אייביקט אין זיין „נאטהאן דער וויזע".

פון זיינע זין איז זייער פעאיק געווען יוסף, און ער איז געווען דער ליבלינג פון פאטער. ער האט פריער געהאט געלערנט ביים פאטער, אבער אזוי ווי ער האט קיין שום וויסנשאפטלעכע קאריערע נישט געקאנט דערגרייכן אלס ייד, איז ער אוועק אין קאמערץ. ער איז געווארן באנקיר. זיין צווייטער זון אברהם איז אויך געווען אריין אין באנק־געשעפט, און ער איז געווען דער גרינדער פון דעם באנק־הויז „מענדעלסאן און קאמפ.", וועלכע האט נאך ביז ניט־לאנג עקזיסטירט אין בערלין. זיין זון פעליקס מענדעלסאן בארטאלדי איז שפעטער באקאנט געווארן אלס

גרויסער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט אויך געהאַט צוויי גראָטענע טעכטער — פאַניע און רבקה.

דער דריטער זון פון מענדעלסאָן איז געווען נאַרמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבן מיט עלעקטראָ־מאַגנעטיזם, א. ד. ג. ער האָט געהאַט געהייראַט מיט הענריעטא איציג, די יונגסטע טאָכטער פון דניאל איציג.

פון אַלע מענדעלסאָנס אייניקלעך איז בלויז יוסף'ס זון געשטאָרבן אַלס ייד. דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער מענדעלסאָן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און האָט גענומען אנטייל אין יידישן לעבן פון בערלין. בעת די בערלינער קהלה האָט אין יאָר 1842 געשטימט צו נעמען אַלס רב ר' זכריה פראַנקעל, איז אַלעקסאַנדער מענדעלסאָן געווען קעגן אים, ווייל ער איז, לויט זיין מיינונג, נישט גענוג פרום.

# ר׳ נפתלי הירץ וויזעל

## א.

ר׳ נפתלי הירץ וויזעל, אדער ווי ער האט זיך גערופן אין דער נישט־יידישער וועלט, הארטוויג וועסעלעי, איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטסטע און אייגנטימלעכסטע דערשיינונגען אין דער נייער אויפקלערונגס־צייט, אין דער תקופה פון השכלה. ער איז געווען אויסגעבילדעט יידיש און אויך וועלטלעך; ער איז געווען דער קאלטער פארשער און גלייכצייטיק אויך ענטוזיאסט, פאנטאסט; ער איז געווען א רואיקער דענקער און גלייכצייטיק אויך א קעמפער. ער איז געווען דער גרויסער ירא שמים און גרויסער אנהענגער פון וועלטלעכער בילדונג. ער איז געווען דער גרעסטער שונא פון עם הארצות, אגוויינזנדיק, אז נישט דערין ליגט די אמת׳ע אמונה; ער איז אבער אויך געווען דער שונא פון הפקרות און אפיקורסות, זאגנדיק, אז נישט דערין ליגט דער אמת׳ער פראגרעס. ער איז געווען שטארק באַגייסטערט פאר דער העברייאישער שפראך און זיין באגייסטערונג איז דאס געווען, וואס האט געבראכט צו דער אפפרישונג, צו דער פאריונגערונג פון לשון קודש. ער איז געווען דיכטער, ער איז געווען דענקער, ער איז געווען מפרש, ער איז געווען גראמאטיק־פארשער און דערביי נישט קיין פארשלאפענער קאבינעט־מענטש. ער האט זיך אינטערעסירט מיט אלץ וואס איז פארגעקומען אין יידישן לעבן און האט אן אקטיוון אנטייל גענומען ווען ער האט געפונען פאר נויטיק. מיט זיין הויכער קולטור און מיט זיין ריינער, אומבאפלעקטער רעליגיעזער אנשויאונג, האט ער דערווארבן א גרויסן נאמען און האט געהאט אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס אויף ברייטע יידישע קרייזן.

ר׳ נפתלי הירץ וויזעל איז געבוירן געווארן אין א רייכער און אנגעזעענער פאמיליע אין קאפענהאגען, אין יאר 1725. אורשפרינגלעך האט די פאמיליע געשטאמט פון באר, דרום פוילן, וועלכע האט געהאט אויסגעוואנדערט קיין אמסטערדאם בעת די ציוויליזאטארישע קאזאקן האבן גענומען קוילן די יידן אין אוקראינע. די אויסגעוואנדערטע פאמיליע איז אין אמסטערדאם זייער רייך געווארן און האט געשפילט א באדייטנדע ראלע. נפתלי׳ס פאטער, ישכר בער, און זיין זיידע משה, וועלכער האט געהאט אנגענומען דעם פאמילין־נאמען וויזעל, צוליב דער שטאט וועזעל, וואו ער האט געהאט געוואוינט, האבן שוין געהאט געוואוינט אין דענעמארק, וואו זיי זיינען הויך געשעצט געווען אין לאנד. זיין זיידע האט געהאט אין האלשיין א געווער־פאבריק און איז געווען דער האנדלס־ראטגעבער פון קעניג. אויך זיין פאטער איז געווען א גרויסער סוחר און אנגעזען אין לאנד און הויפט־

זעכלעך אין קאָפּענהאַגען, וואו עס איז שוין פון לאַנג געווען אַ גרויסע פּאָרטוגעזישע קהלה און אויך אייניקע דייטשישע יידן.

די דערציאונג, וואָס נפתלי הירץ האָט געהאַט באַקומען, איז געווען ענלעך צו דער פּשוט'ער דערציאונג, וואָס יידישע אינגלעך האָבן דעמאָלט בכלל באַקומען, דאָס הייסט: ער האָט געלערנט „עברי", חומש מיט מפרשים און אַז ער איז אַלט געוואָרן 9 יאָר, האָט ער שוין געהאַט געלערנט גמרא. עס האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז גראַד צו יענער צייט איז אין קאָפּענהאַגען אָנגעקומען דער יידישער מדקדק ר' שלמה זלמן הענאו, דער מחבר פון „צהר התבה", און ער איז עס געווען יענער, וואָס האָט אים געהאָלפן צו אַנטוויקלען זיינע פאַרבאָרגענע פעאיקייטן. די אָרטאָדאָקסן פון יענער צייט האָבן געקוקט אויף ר' שלמה זלמנ'ען אַביסל קרום דערפאַר, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט „דברים בטלים", מיט „נאַרישקייטן", ווי דקדוק און קענטניש פון דער העברייאישער שפּראַך, און מחמת דעם האָט ער שטענדיק געמוזט אַרומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט. ער האָט זיך אָבער פון זיין ליבלינגס-לערע, גראַמאַטיק, נישט געוואָלט אָפּזאָגן און האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין אַרבעט. ער האָט מיט ווייזלען געלערנט תנ"ך און גראַמאַטיק פון לשון קודש און האָט אין אים איינגעפּלאַנצט די ליבע צו דער העבראַיישער שפּראַך. קיין שטאַרק גרויסער קענער אין גראַמאַטיק און אין דער העברייאישער שפּראַך איז ר' שלמה זלמן אַליין נישט געווען. ער האָט אָבער געהאַט גענוג ידיעות צו לערנען מיט אַן אָנפאַנגער. שפּעטער אָבער האָט זיך ווייזעל אַליין פאַרטיפט אין דער וויסנשאַפט פון דער העברייאישער שפּראַך און האָט זיך אין דער דאָזיקער וויסנשאַפט פאַרפאָלקאָמט.

פון דעמאָלט אָן איז דער תנ"ך געווען ביי אים דאָס לעבן. ער האָט זיך נישט גענוג געקאָנט אָנזעטיקן פון דער שיינקייט און טיפקייט פון דער תורה און ער האָט זיך געשטעלט אַלס לעבנס-צוועק אויסצושטודירן און צו פאַרשטיין די תורה. אָבער אויך אַחוץ תנ"ך האָט ווייזעל שטודירט אַנדערע למודים. ער האָט שטודירט אויסלענדישע שפּראַכן, געאָגראַפיע, געשיכטע און זיך אָנגעלייענט מיט רייזע-ספרים. די אַלע שטודיען האָט ער אַליין געהאַלטן אַלס הילפס-וויסנשאַפטן צו זיין הויפּט-צוועק, צו זיין באַליבטן ציל — צו דער תורה-פאָרשונג, צו פאַרשטיין דעם פּשט און דעם גאַנצן גייסט פון דער תורה. ווייזעל האָט בכלל נישט אויפגעהערט צו לערנען. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שטודירן, צו גריבלען זיך און האָט זיך הויפּטזעכלעך ספּעציאַליזירט אין דער דייטשישער שפּראַך, אין דער שיינקייט און אין דעם פיינעם, ריינעם סטיל פון דער דייטשישער שפּראַך. בכלל האָט זיך ווייזעל נאָך פון דער יוגנט אָן דערוווּיטערט פון די דייטשישע יידן און באַזונדערס פון די פּוילישע יידן און זיך דערנענטערט צו די פּאָרטוגעזישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט גערירש'ענט פון זייערע עלטערן די ריכטיקסטע אויסשפּראַך פון לשון קודש. ווייזעל איז אַזוי אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין די יאָרן אין דעם הויז פון זיין רייכן פעטער, וואו ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען און צו פאָרשן. שפּעטער האָט ער געהייראַט און האָט אָנגענומען די שטעלע אַלס דירעקטאָר פון אַ באַנק אין קאָפּענהאַגען.

די ליבע, וואָס ווייזעל האָט געהאַט געטראָגן ביי זיך אין האַרצן צו דער העברייאישער שפּראַך און צו די כתבי הקודש, האָט אים געצוויגן צו נייע פאָר-

שונגען און צו נייע גריבלענישן. ער האט זיך ספעציעל אפגעגעבן מיט דער פארשונג פון די סינאנימען, פון די „שמות נרדפים", און האט אנגעשריבן דעם ספר „גן נעול". ער האט אבער אויף דעם דאזיקן געביט קיין גרויסע זאכן נישט אויפגעטאן און האט אויך טאקע נישט געקאנט אויפטאן, ווייל אים האט געהאט געפעלט די אלע באדינגונגען און די קענטנישן, וואס זיינען נויטיק געווען צו אזא טיפער פארשונג. ער האט נישט געקאנט די שפראכן, וואס זיינען פארוואנדעט מיט לשון קודש און מחמת דעם האט ער ווייט אין זיינע גראמאטיקאלישע און פילא־לאגישע פארשונגען נישט געקאנט אוועקגיין. דערפאר אבער האט ער ארויסגעוויזן זיין פראכטפולן סטיל אין דער העברייאישער שפראך אין דעם ספר „חכמת שלמה". דאס דאזיקע ווערק, וועלכעס געהערט צו די „אפאקריפן", איז געווען געשריבן פון א גריכישן יידן אויף גריכיש און איז שפעטער איבערזעצט געווארן אויף אנדערע שפראכן. עס האט א צייט לאנג געהערשט די מיינונג, אז דאס ווערק שטאמט פון שלמה המלך. אזוי האט אויך געמיינט וויזעל, ווען ער האט דעם ספר דערזען צום ערשטן מאל. ער איז אזוי אנטציקט געווארן פון דעם ווערק, אז ער האט באשלאסן דאס איבערצוזעצן אויף לשון קודש. ער האט געוואלט ברענגען צו דער יידישער וועלט די טיפע און שיינע געדאנקען, וואס ווערן דארטן ארויסגעבראכט און ער האט אים איבערזעצט אין אן עכט ביבלישן סטיל, אין דער אמת'ער ביבלישער שפראך. דערצו האט ער נאך צום ספר געשריבן א ספעציעלן פירוש אונטער דעם נאמען „רוח חן". ער האט אויף דער דאזיקער איבערזעצונג געארבעט זייער שווער. ער האט געהאט געשליפן יעדן זאץ, ער האט אויסגעזוכט דאס שענסטע, דאס פאסנדסטעווארט צום געהעריקן אויסדרוק. ער האט אבער זיינס דערגרייכט. די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן מייסטערהאפט און זי לייענט זיך ווי אן אמת'ער שטיק פון דער ביבל. דאס גלייכן האט ער אויך געשאפן א פירוש אויף די „פרקי אבות", זייענדיק אנטציקט פון די עטישע לערעס פון אלטן יידנטום. אויב די דאזיקע ווערק האבן ביי היינטיקער צייט פארלוירן זייער ווערט, זיינען זיי אבער געווען פון גרויסער ווירקונג און פון גרויסן רום אין יענע יארן, ווען דאס שיינע העברייאישע ווארט איז נאך געווען הייליק און טייער ביי יעדן יידן, ווען די אינ־טעליגענץ האט זיך געהאט געקוויקט מיט די שיינקייטן פון דער העברייאישער שפראך, וואס וויזעל האט באמת געהאט ארויסגעבראכט, הויפטזעכלעך, אין זיין „חכמת שלמה".

## ב.

## דער פירוש אויף „ויקרא". — דער קאמף פאר בילדונג

אויב ער איז אין זיין קולטורעלער טעטיקייט און שאפונג געגאנגען פאר־ווערטס, איז ער אבער אין מאטעריעלער הינזיכט געגאנגען צוריק, בארג־אראפ. דער רייך־דערצויגענער און אליין רייך־געווארענער וויזעל איז געווארן ארים. ער איז דאריבער אוועק פון קאפענהאגען קיין בערלין, וואו ער האט זיך צום אנהויב

פּרובירט עפּעס איינאָרדנען, אָבער אויך דאָ האָט זיין בעל־הבית געהאַט אויפגע־געבן זיין באַנק־הויז און וויזעל איז געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט. ער און זיין פרוי און זעקס קינדערלעך זיינען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאָס האָט אָבער קיינער נישט געוואוסט. ער און זיין פרוי זיינען געווען צו־שטאָלץ צו אַנטדעקן זייערע ליידן כדי אַנצוקומען צו גנאַר. זיי האָבן געליטן און געשוויגן.

מיט משה מענדעלסאָן איז שוין וויזעל געווען באַקאַנט נאָך פון פריער, זינט באַגעגענדיק אין האַמבורג, דאַמאָלס ווען מענדעלסאָן איז געוואָרן אַ חתן מיט פראָמעט גוגענהיים. איצט אָבער, זייענדיק אין בערלין, האָט ער זיך צו מענדעל־סאָנען מער דערנענטערט און מענדעלסאָן ווידער האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו וויזעלען, ווײַלכן ער האָט זייער הויך געשעצט פאַר זיינע גרויסע ידיעות אין יידישע און אַלגעמיינע למודים. עס האָט זיך אָבער גראָד דאַמאָלס געמאַכט, אַז ר׳ שלמה דובנא, וועלכער האָט געמאַכט די פּירושים צו מענדעלסאָנס תורה־איבערזעצונג, איז געווען אַוועק צוליב דעם דראַנג פון דער אָרטאָדאָקסישער וועלט און ער האָט זיך געהאַט געניוטיקט אין אַ מאַן, וועלכער זאָל קאָנען פאָרטזעצן די ווייטערדיקע אַרבעט פון אינטערפּרעטירן די תורה. און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פריינט וויזעל, וועלכער האָט זיך באמת אָנגעכאַפּט דאַרויף מיטביידע הענט צוליב ביידע זאַכן — אי צו פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע און אי אויסצופירן זיין לאַנג־יעריקע אַמביציע צו מאַכן פּירושים אויף דער תורה. ער האָט דאַן איבערגענומען צו מבאר זיין דעם ספר „ויקרא". מען קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַ געלונגענע. ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון ר׳ שלמה דובנא. ער האָט נישט געוואוסט דעם סוד הצמצום. ער האָט זיך צופיל און צו־ברייט אָפּגעשטעלט אויף מאַנכע פּירושים, אויף מאַנכע ווערטער און זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט אַזוי־גערופענע חקירות. ער האָט זיך אויך נישט געהאַט פאַרטיפט אין דער שפּראַך־פאָרשונג, וואָס איז, נאַטירלעך, געווען אומ־געהייער נויטיק ביי מבאר זיין די תורה. אויך מענדעלסאָן איז געווען נישט שטאַרק צופרידן פונם פּירוש. שפּעטער אָבער, אַז וויזעל איז גרויס געוואָרן, באַרימט געוואָרן און אויך געערט געוואָרן, האָט מען אויך זיין פּירוש אויף „ויקרא" שטאַרק געלויבט.

די גאַנצע צייט האָט וויזעל געלעבט מיט דער אָרטאָדאָקסישער וועלט זייער גוט. דען כאָטש ער איז געווען געבילדעט אין וועלטלעכע זאַכן, וואָס איז געווען געוויינלעך אַ חסרון אין די אויגן פון דער פרומער וועלט, איז ער אָבער באַקאַנט געווען אַלס ירא שמים, אַלס גרויסער פרומער ייד. שפּעטער אָבער האָט זיך דאָס אַלץ אומגעדרייט און די פרומע יידן האָבן אים גענומען רודפ׳ן. עס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ שונא.

דאָס איז געווען אין יאָר 1781. צו יענער צייט האָט דער עסטרייכישער קייזער יאָזעף דער צווייטער אַרויסגעגעבן זיין באַוואוסטן טאָלעראַנץ־אַקט, לויט וועלכן אויך די יידן האָבן באַקומען רעכט אין לאַנד. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע שמחה צווישן יידן, כאָטש פיל פון זיי זיינען געווען קעגן דעם. מען האָט דעם קייזער נישט אויפגעהערט צו לויבן ביזן הימל אַריין פאַר דעם גרויסן גנאָד וואָס ער האָט געהאַט געטאָן צו די יידן. באמת איז יאָזעף דער צווייטער גאָרנישט

געוועז אזא פיינער מענטש, ווי מען האט אים פרובירט פארשטעלן. דען זיין ציל איז געוועז מיט געוואלד ארויפצוזעצן אויף די יידן ווי אויך אויף אנדערע פון זיינע פעלקער די דייטשע קולטור. ווייזעל האט זיך נישט געקאנט און אפשר נישט געוואלט ארײנלאזן אין די כוונות פון קייזער יאזעף. ער האט אפשר ווייניק גע־וואוסט פון דער גאנצער פאליטיק וואס דער קייזער האט געוואלט באצוועקן מיט זיין גנאד. ער האט אבער דערין געזען א גרויסן זשעסט פון א קייזער וואס וויל געבן יידן רעכט, וואס וויל די יידן אויסבילדן, וואס וויל עפענען שולן פאר יידן זיי זאלן קאנען לערנען סיי יידישע, סיי אלגעמיינע למודים. ער איז געוועזן אזוי פארקאכט אין בילדונג, אז ער האט געמיינט, אז מיט יאזעפס באפעל הויבט זיך אן ממש א גאלדענע פעריאדע אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק. ער איז דאריבער תיכף ארוים מיט א שיר, אין וועלכן ער האט געלויבט דעם קייזער פאר זיינע מענטשלעכע טאטן, פאר זיין גרויסן חסד וואס ער האט געהאט געטאן צום יידישן פאלק.

דאס אליין איז אבער נאך געוועזן ווייניק. ווען ווייזעל האט דערהערט, אז די ווינער רבנים, די ווינער פרומע יידן האלטן דעם קייזערס באפעל פאר אן אומגליק, פאר א גזרה וועלכע שטרעבט אויסצוראטן דאס יידנטום, איז ער ארוים מיט א שריפט אונטער דעם נאמען „דברי שלום ואמת" צו אלע יידישע קהלות פון עסטרייך, אין וועלכער ער האט זיי פרובירט איבערצייגן און אויפקלערן, אז די יידן מוזן זען אפצוהיטן דעם קייזערס באפעל און אים באלד דורכפירן אין לעבן, ווייל דער קייזער מיינט קיין שום שלעכטס נישט, ווייל דער קייזער האט לחלוטין נישט קיין שום זייטיקע כוונות. ער האט געבראנגט ראיות, אז די אלגעמיינע בילדונג איז א רעליגיעזער חוב לויטן תלמוד און אז דערמיט וועלן די יידן אראפנעמען פון זיך די שאנדע וואס עס ליגט אויף זיי פון אזוי פיל יארן צוליב זייער אומוויסנהייט אין וועלטלעכע זאכן. ער האט געראטן, אז יעדער ייד זאל זיך אויסלערנען גוט דייטש, ער זאל רעדן אויף א שיינער, קלארער שפראך. ער האט פארטיידיקט די יידישע שולן, וואס דארפן אומבאדינגט געגרינדעט ווערן ווי באלד דער קייזער האט אזוי געהייסן.

די דאזיקע שריפט איז געווען אנגעשריבן מיט פייער און מיט לאגיק און האט זיך אפילו דערלויבט צו זאגן, אז די יידישע יונגעלייט דארפן לערנען נישט בלויז געשיכטע און געאגראפיע, נאר אפילו אויך נאטור־וויסנשאפט, אסטראנאמיע און רעליגיאנס־פילאזאפיע, טענה'נדיק אז נאר דורך אזעלכע וויסנשאפטן קאן דער מענטש דערגיין צו פארשטיין די תורה און דאס יידנטום. דאס אליין איז שוין אויך געווען שווער גענוג פאר אן ארטאדאקסישן אויער. ער האט זיך אבער דערלויבט ארויסצוזאגן נאך שארפערע אויסדריקן קעגן די רבנים פון יענער צייט, און דאס האט ארויסגערופן אן אמת'ן שטורם. עס זיינען געווען פערזאנען און גרופעס יידן וואס זיינען געווען צופרידן פון יאזעפס באפעל. די טריעסטער יידן, וועלכע זיינען געווען פון איטאליען און פארטוגאל, האבן זיך דערפרייט דערמיט, ווייל זיי האבן בילדונג קיינמאל נישט געהאלטן פאר אפיקורסות. זיי האבן זיך געהאט געווענדעט צום שטאטסהאלטער גראף צענצענדארף און אים געלאזט וויסן, אז זיי זיינען גרייט צו עפענען א שולע פאר קינדער און אים געבעטן ער זאל זיי

ראטן וועגן די פּאסיקע לער־ביכער פאר רעליגיע און מאראל. צענצענדארף האט זיי געראטן, אז זיי זאלן מכח דעם זיך ווענדן צו מענדעלסאָנען, וועמענס נאָמען עס איז געווען באקאנט אויך אין עסטרייך. דער פארשטייער פון דער טריעסטער געמיינדע האט זיך געווענדעט צו מענדעלסאָנען און אים געבעטן ער זאל זיי שיקן זיינע ספרים און האט אים אגב, אנגעוויזן, ער זאל נעמען אין אכט וויזעלס שריפט „דברי שלום ואמת". דער פארטרעטער פון דער קהלה האט זיך דאן אויך גע־ווענדעט צו וויזעלען, וועלכער האט אים געשיקט אויך זיינע ספרים. עס זיינען אויך געווען אנדערע פערזאָנען, באזונדערס אין פראג, וועלכע זיינען געווען צו־פרידן מיט יאזעפס באפעל, האפנדיק אז דורכדעם אלעם וועט זיך פארבעסערן די יידישע מאראלישע לאגע.

די דאזיקע אנהענגער פון קייזער יאזעף זיינען אבער געווען זייער ווייניק. די מערהייט איז געווען קעגן די אלע נייאיקייטן, קעגן די אלע נייע רעפארמען און האבן זיי ביטערלעך פארדאמט. זיי האבן אין די נייע מאדערנע שולן געזען א סכנה פארן יידנטום. געוויינלעך איז די ארטאדאקסישע וועלט שטענדיק געווען שטארק עמפפינדלעך צו נייע דערשיינונגען. זיי האבן געהאלטן אז דער גאנצער סיסטעם פון יידישן לעבן טאר אויף א האר נישט געענדערט ווערן. דער גאנצער חינוך, די גאנצע פירונג פון יידישן לעבן מוז בלייבן ביים אלטן. מיט דעם מאמענט אבער ווי מען וועט אנהויבן דעם גאנצן ארט לעבן ענדערן, אדער בלויז פארזוכן צו ענדערן, דאן איז מען שוין לחלוטין גארנישט זיכער מיט וואס דאס קאן זיך ענדיקן. עס קאן קומען צו פאלקאמענער כפירה, עס קאן קומען צו הפקרות, עס קאן קומען צו א פאלקאמענע דעזארגאניזאציע פון געשלאסענעם יידישן לעבן און ממילא וועט דאס גאנצע יידנטום שטיין אין א סכנה. און זיי זיינען אריין אין קאמף.

ג.

## דער קאמף קעגן אים. — זיינע „שירי תפארת"

דער קאמף האט זיך איצט צושפּילט אין א גרויסן פארמאט און אין א שארפער פארם. די ארטאדאקסישע וועלט האט בשום אופן ניט געוואלט נאכגעבן, זי האט ניט געוואלט דערלאזן די נייע שולן גרינדן, אבער הויפטזעכלעך האט זי ניט געוואלט פארשוויגן ר' נפתלי הירש וויזעל פארוואס ער האט אנגעמאכט אזא צורודערונג אין די מוחות מיט זיינע ווענדונגען צום פאלק, אז מען זאל זיך נעמען צו אלגעמיינע בילדונג און מען זאל אננעמען די גוטע עצה פון דעם עסטרייכישן קעניג יאזעף דעם צווייטן און בילדן מאדערנע שולן, וואו מען זאל לערנען א חוץ יידישע זאכן אויך וועלטלעכע למודים.

באזונדערס שארף איז ארויסגעטראטן ר' יחזקאל לאנדא פון פראג, וועלכער האט מיט א קורצער צייט פריער געהאט מחרים געווען מענדעלסאָנס דייטשע איבער־זעצונג פון דער תורה. ער האט זיך געשטעלט אז דער שפּיץ פון די ארטאדאקסישע

עלעמענטן, וועלכע האָבן געהאַט געציטערט פאַר השכלה. ער איז אַרויס אין שול מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן ווייזעלן און קעגן שריפט, וועלכע איז פול־מיט אפיקורסות, כאַטש, האָט ער געזאָגט, ער אַליין האָט פריער געהאַט געשריבן גוטע ווערטער אויף ווייזעלן אין אַ הסכמה וואָס ער האָט געהאַט געגעבן אויף זיינס אַ ספר. דאָס אַליין איז נאָך ווייניק געווען. מען האָט נאָך דערצו געשיקט בריף פון פּראָג צו אַלע רבנים אין פּוילן און דייטשלאַנד, אין וועלכע מען האָט אָנגעגריפן ווייזעלן אויף אַזאַ אופן ווי ער וואָלט באמת געהאַט געקומען מיט אַ פּלאַן ווי אַזוי אָפּצושמד׳ן די יידן. פון אַלע רבנים האָבן זיך געהאַט דערויף אָפּגערופן בלויז צוויי רבנים: דאָס איז געווען ר׳ שלמה פון גלאָגאָו און ר׳ דוד טעוועל פון ליסא. ר׳ דוד האָט אפילו איינמאָל ערקלערט אין שול אין איינע פון זיינע שבת׳דיקע דרשות, אַז ווייזעלס בריף דאַרף פאַרברענט ווערן, און די איבריקע ספרים וועלכע ער אַליין האָט פריער געהאַט אויסערגעוויינלעך געלויבט, האָט ער געזאָגט, דאַרפן באַזייטיקט ווערן.

די דייטשע רבנים האָבן די זאַך גענומען אַביסעלע קעלטער, אָן שום היץ, און אָן התפעלות. בלויז איין ר׳ הירשעל, דער רב הכולל פון בערלין, וועלכער איז געלעגן אונטער דעם איינפלוס פון ר׳ יחזקאל לאַנדא און אַנדערע רבנים, האָט פּרובירט אָנפאַלן אויף ווייזעלן און צו אסר׳ן זיינע ספרים. עס איז אַגב, אַ סברא, אַז ר׳ הירשעל איז געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן, ווייל די עקסטרעמע רבנים האָבן געקוקט אויף אים שטאַרק קרום דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעוויזן זיין צופרידנהייט מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג פון דער תורה, און דערפאַר וואָס מען האָט געהאַט געזאָגט אויף זיין זון ר׳ שאול, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רב אין פראַנקפורט אם אָדער, אַז ער איז נוטה נאָך די „משכילים״, די „רעפאָרמער״. ר׳ הירשעל האָט דאָ דאַריבער געוואָלט באַווייזן די דאָזיקע רבנים, אַז ער גייט מיט זיי און איז קעגן ווייזעלן. כדי אַרויסצורופן אַן אסור אויף ווייזעלס ספרים האָט ער פּרובירט איינלאַדן צו זיך נאָך איניקע אָנגעזעענע לומדים פון שטאָט. דאָס איז שוין אים ניט געלונגען געווען דורכצופירן. די פירער פון דער געמיינדע, וועלכע זיינען על פּי רוב געווען ווייזעלס פריינט, האָבן אַזוי שטאַרק אָנגעשראָקן ר׳ הירשלען פאַר זיין פּלאַן וואָס ער גייט דורכפירן, אַז ער האָט אויף זיין גאַנצע אונטערנעמונג חרטה געהאַט.

די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן, אויב זיי האָבן ניט געפונען קיין שטיצע אין בערלין, האָבן זיי פּרובירט אַרבעטן אַליין. זיי האָבן אין יעדער דרשה, וואָס זיי האָבן געהאַלטן שבת אין שול, געזידלט און אפילו גע־שאָלטן ווייזעלן מיט כל׳ערליי קללות, און אין ליסא האָט מען פאַרברענט ווייזעלס שריפט פאַר די אויגן פון פאָלק.

ווייזעל האָט איצט דערזען אַז ער איז געבליבן אייגער אויפן שלאַכטפעלד, אַז ס׳איז ניטאָ קיין איינציקער פון זיינע פריינט וואָס אָל אים שטיצן, וואָס זאָל אים פאַרטיידיקן. מענדעלסאָן איז בכלל ניט געווען קיין גרויסער ליבהאָבער צו „קעמפן״ דערצו איז ער סתם געווען קראַנק אויך, און האָט קיין שום אַנטייל ניט געקענט נעמען אין דער קאַמף. ער האָט דאַריבער דעם גאַנצן קאַמף געמוזט פירן מיט אייגענע כוחות. ער איז אַרויס מיט אַ צווייטן בריף אונטער דעם נאָמען „רב טוב לבית ישראל״, אין וועלכן ער ווייזט אַז נאָך אַמאָל אויף דער נויטווענדיקייט פון

דער מאָדערנער ערציאונג. ער האָט אָבער גלייכצייטיק פּרובירט אָפּשוואַכן זיינע אויסדריקן, די שאַרפע ווערטער און געדאַנקען, וואָס עס זיינען געווען אַרויסגעזאָגט אין ערשטן בריף. שפּעטער, אַזוי ווי דער רעש איז נאָך נישט געווען פאַרביי, האָט ער אָנגעשריבן אַ דריטן בריף אונטער דעם נאָמען „עין משפּט”. ווייזעל באַקלאָגט זיך בכלל דאַרויף וואָס די יידן אין דייטשלאַנד און פּוילן האָבן פאַר־נאַכלעסיקט דאָס לערנען תנ"ך, וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, זיין דער עיקר, דער הויפּט באַזיס פון יידישן חנוך. זיינע טענות האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די איטאַליענישע שטעט, ווי טריעסט, פעראַראַ, ווענעציע, און די דאָרטיקע רבנים זיינען אַרויס צו פאַרטיידיקן ווייזעלס שטאַנדפּונקט וועגן ערציאונג, וועגן די נייע שולן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ אַלט און ער האָט געזען וואָס פאַר „פּרוכטן” די דאָזיקע נייע מאָדערנע שולן האָבן געהאַט אַרויסגע־געבן, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן די בעזונגענע „השכלה” האָט געהאַט געבראַכט, וואָסערע הפקר מענטשן עס האָבן אָנגעהויבן אויסוואַקסן אין דער יידישער וועלט, איז ער אַליין אַרויס קעגן זיי אין אַ שאַרפער פאָרם. צום אָנהויב האָט טאַקע גע־וואונען ווייזעל, און די רבנים האָבן געמוזט אַוועקלעגן די געווער. עס האָבן זיך געהאַט געעפנט אומעטום די נייע שולן און אפילו אין פּראָג גופא האָבן זיך אַזעלכע שולן געעפנט, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווייזעל האָט זיך צופיל בעגייסטערט מיט דער דאָזיקער אידעע.

אויסער מפרש און קולטור־פאַרשפּרייטער איז ווייזעל געווען אויך דיכטער. ער האָט געהאַט געשריבן פאַרשידענע געלעגנהייטס־שירים, אָבער זיי זיינען ניט געווען פון גאַנץ הויכער דיכטערישער קוואַליטעט. ער האָט ניט געקענט זיך דער־הויבן צו דיכטערישע בילדער און אַריינצוהויכן לעבן אין זיי. ער איז אָבער געווען בעדייטענד פאַר זיין צייט. ער האָט געהאַט געשריבן פיל אַנדערע לידער, אָבער הויפּטזעכלעך האָט ער זיך פאַראייביקט מיט זיין ביבלישן עפּאָס, אין וועלכען דער הויפּט העלד שפּילט משה רבנו, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „שירי תפארת”. עס ווערט געוויינלעך בעהויפּטעט, אַז צו דער דאָזיקער אידעע, צו שאַפן אַט דעם עפּאָס, איז ווייזעל געקומען דורך דעם וואָס דער דייטשער דיכטער הערדער, האָט, ריידנדיק איבער דעם גייסט פון דער יידישער פּאָעזיע, אויסגעדריקט זיין פאַר־וואונדערונג פאַרוואָס עס איז נאָך ביז איצט ניט געשאַפן געוואָרן קיין עפּאָס איבער דאָס וואונדערבאַרע לעבן פון משה רבנו. דערביי האָט ער געהאַלטן, אַז די דאָזיקע אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן ניט דורך אַ דייטשן דיכטער, נאָר דורך אַ יידישן דיכטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווייזעל האָט צו דעם דאָזיקן שטאָף געהאַט אויך זיין אינער־לעכן דראַנג. ער איז אַליין אויך געווען דורכגענומען מיט דעם וואונדערבאַרן היסטאָרישן שטאָף וואָס האָט זיך געהאַט אַרומגעוועבט אַרום דער געטלעכער פיגור פון משה רבנו אין זיין גאַנצן קאַמף אויפצוהויבן דאָס יידישע פאָלק, אַרויס־צוציען פון מצרים און געבן אַ תורה. זאַנסט וואָלט אוממעגלעך געווען פאַר אים צו שאַפן דעם עפּאָס בלויז, אַזוי צו זאָגן, „צו בעשטעלונג”. אַלס מוסטער פאַר דער קאָנסטרוקציע פון זיין עפּאָס איבער משה רבנו, האָט ווייזעל גענומען דעם עפּאָס פון קלאָפּשטאָקס „משיח”. יעדנפאַלס האָט זיך ווייזעל גאַנץ אָריגינעל אַריינגעלאָזן אין אויספורעמען זיין מאַטעריאַל איבער משה'ן. די דאָזיקע שאַפונג

האט געהייסן „שירי תפארת". דאס איז געווען א שיינע שאפונג, זאגאר ווען זי איז ניט געשטאנען אויף דער גרויסער דיכטערישער הויכקייט. דאס דאזיקע העלדן־ליד איז געווען שיין אין סטיל און רייך אין שיינקייט פון דער העברעאישער שפראך, און דאס האט גערינט שפעטער אלס מוסטער פאר אלע משכילים. עס איז אגב אינטערעסאנט אז דער פרשן אין אים איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט אפילו אויף זיין עפאס געמאכט פארשידענע פירושים און הערות, אויסטייטשנדיק פיל שטעלן אין דער גאנצער געשיכטע פון יציאת מצרים ביז קבלת התורה, ווי זי ווערט געשילדערט אין דער תורה.

אויסער דעם האט וויזעל געהאט געשריבן א ספר „קהלת מוסר" איבער דער יידישער עטיק, און אויך א פירוש צום ספר „בראשית", וועלכן מען האט געהאט געפונען צווישן זיינע איבערגעלאזטע כתבים אונטער דעם נאמען „אמרי שפר". די דאזיקע ספרים זיינען געווען אינטערעסאנט און באלערעבד פאר יענער צייט.

וויזעל האט געלעבט אכציק יאר. שווערע און ביטערע יארן האט ער דורכגעמאכט אין זיין לעבן. יארן פון הונגער, יארן פון קאמף. אין יאר 1805 איז ער געשטארבן אין האמבורג.

# ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג

## א.

## דער גייסט פון דער נייער צייט

דאָס ספּעציעלע שטודיום פון די כתבי הקודש, די אינטערפּרעטירונג און איבערזעצונג פון דער תורה, דאָס שטודיום פון דער העברייאישער שפּראַך, וואָס האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד מיט משה מענדעלסאָן, האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פאַרשפּרייטן צווישן פאַרשידענע קרייזן פון דייטשן יידנטום. מענדעלסאָן האָט מיט זיינע שאַפונגען אויפן געביט פון תורה־אינטערפּרעטירונג אַרויסגערופן דעם אינטערעס פאַר אַזעלכע שטודיעס, וועלכע זיינען עטלעכע יאָר־הונדערט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, ער האָט געעפנט דעם וועג, ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אינדירעקט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון תורה־פאַרשונג, אַז יידן דאַרפן שטודירן, לערנען די כתבי הקודש פּונקט אַזוי ווי מען שטודירט און מען לערנט גמרא. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, געשאַפן די אַטמאָספערע פאַר אַזעלכע שאַפונגען אין זיינע תלמידים, און אָנהענגער זיינען שוין, נאַטירלעך, געגאַנגען ווייטער.

אָט די דאָזיקע תלמידים און אָנהענגער, באַגייסטערט פון די שאַפונגען פון זייער רבי׳ן און זייער פאַרשטייער, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין דער תורה. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין פאַרשונגען, אין גריבלענישן פון דער העב־רייאישער שפּראַך, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט מבאר צו זיין די תורה, כדי אַרויסצובריינגען דעם פּשוט׳ן פּשט פון דער תורה. די תורה־פאַרשונג האָט אַ פליי‌ץ געטאָן איבער גאַנץ דייטשלאַנד און זי האָט מיט דער צייט צעוואַקסן אַלס גאַנצע וויסנשאַפט. אַ סך פון זיי זיינען שפּעטער אַוועקגעקראָכן צו־ווייט. עס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן ביי יידן און ביי גוים, די אַזוי־גערופענע ביבל־קריטיק וואָס האָט צעשניטן און צעהאַקט די תורה אויף שטיקער און ברעקלעך, אַז עס איז זי כמעט שווער געווען צו דערקענען. עס זיינען אָבער געווען גענוג אַזעלכע מפרשים און פאַרשער, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף דעם גראַדן וועג און האָבן פּרובירט אויסטייטשן די תורה, אַזוי ווי זי איז, על פּי פּשט, נישט מאַכנדיק קיין שום, אַזוי צו זאָגן, וויסנשאַפטלעכע אָפּעראַציעס. עס זיינען געווען מאַנכע וואָס האָבן זיך געהאָט אַוועקגעלאָזן אין דרש, אין מיסטישע און פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען פון דער תורה, אָבער הויפּטזעכלעך איז געווען די ריכטונג פון פּשט.

די נייע מפרשים זיינען נישט געווען פון גאנץ הויכן שוואונג און זייערע שאפונגען זיינען נישט געווען פון גאנץ גרויסן אומפאנג. זיי זייען אויך נישט געווען פון עפאכע־מאכענדן איינפלוס. אבער זייערע שאפונגען זיינען געווען פון באדייטענדן ווערט און זיינען געווען שיינע בייטראגן צו דער אנטוויקלונג פון דער תורה־אינטערפרעטאציע אין דייטשלאנד און אויך אויסער די גרעניצן פון דייטשלאנד.

מערערע פערזענלעכקייטן זיינען זיי געווען, לייטנדע גייסטער פון יענער צייט זיינען זיי געווען, וואס האבן זיך אפגעגעבן מיטן שטודיום פון תורה און מיט דער אינטערפרעטירונג פון דער תורה. עס האט דאמאלס געווירקט ר׳ יצחק אייכעל, וועלכער איז אין מענדעלסאנס צייט און שפעטער געווען דער פירער פון השכלה. ער אליין איז געווען א געבוירענער פון קאפענהאגען, אבער ער האט זיך אין דער יוגנט באזעצט אין בערלין און גענומען פארקערן אין די געבילדעטע יידישע קרייזן. ער האט געהאט שטודירט פילאזאפיע ביי קאנטן אין קעניגסבערג, וואו ער האט געהאט געגרינדעט א מין חברה „דורשי לשון עברית". ער איז געווען דער רעדאקטאר פון „המאסף", און שפעטער האט ער געהאט געשריבן מענדעלסאנס ביאגראפיע. ער האט אפילו געהאט געשריבן א קאמעדיע אויף יידיש. ער האט אויך געשריבן א ווערק איבער די יסודות פון דער יידישער אמונה, פאר וועלכן ער איז געלויבט געווארן פון מענדעלסאנען און אויך פון די רבנים. דער דאזיקער אייכעל האט געהאט איבערזעצט משלי אין דייטש און דערביי געגעבן אויך זיין שיינעם פירוש. אויסער דעם האט ער אויך געמאכט א פירוש אויף איוב על פי דרך הפשט, לויט די געזעצן פון דער העברייאישער גראמאטיק און פילאלאגיע אונטער דעם נאמען „פשר דבר".

צו יענער צייט האט געלייסטעט אויף דעם זעלביקן געביט מענדעלסאנס א תלמיד ר׳ יואל בר׳ יהודה לעוו, אדער ווי מען רופט אים אויך, ר׳ יואל ברי"ל. ער איז געווען א באדייטנדער געלערטער. אין דער יוגנט איז ער געווען א לערער ביי ר׳ דוד פרידלענדער אין הויז, וואו ער האט זיך געהאט באקענט מיט משה מענדעלסאן. שפעטער איז ער געווארן לערער אין א יידישער שולע אין ברעסלוי, וואו ער האט פארבראכט אלע זיינע יארן. ר׳ יואל האט דארטן געהאט אנגעשריבן א פירוש אויף תהלים אונטער דעם נאמען „זמירות ישראל", און דערביי געשריבן דריי הקדמות, וועלכע זיינען שיינע בייטראגן צו דער געשיכטע און אנטוויקלונג פון פאעזיע און געזאנג. אויסער דעם האט ער איבערזעצט און מבאר געווען דעם ספר יונה, ער האט געשריבן א ספר „עמודי הלשון" — א העברייאישע גראמאטיק אויף דייטש. ר׳ יואל ברי"ל האט פיל געווירקט און זיינע פירושים זיינען העכסט אינטערעסאנט.

א באדייטנדע פערזענלעכקייט איז דאמאלס געווען ר׳ וואלף דעסוי. ער האט פארנומען א באדייטענדן פלאץ צווישן די משכילים פון יענער צייט. ער האט געהאט איבערזעצט אויף דייטש און געשריבן א פירוש צו עובדיה, מיכה און צפניה, — א טייל פון תרי עשר, וואס איז דערשינען אונטער דעם נאמען „מנחה טהורה". ער האט אויך צו דער דאזיקער אויסגאבע געשריבן די באוואוסטע הקדמה „סלת למנחה". ער האט אויך געהאט איבערזעצט דעם ספר דניאל, וואס איז ארוים מיטן באור פון משה פיליפזאן־ארענסוואלד.

זייער פיל געלייסטעט אויף דעם דאזיקן געביט האט ר' וואלף היידענהיים, וועלכער איז געווען א מייסטער אין דער גראמאטיק פון לשון קודש און תורה־אינטערפרעטאציע און האט נאך פיל אויפגעטאן מיט זיין בארימטער דרייקעריי אין רעדעלהיים. ר' וואלף היידענהיים האט געהאט איבערזעצט די תפלות אויף דייטש, אויך דעם מחזור, די הפטורות. אבער הויפטזעכלעך האט ער פיל בייגע־טראגן מיט זיין חומש „מודע לבינה", אויף וועלכן ער האט געמאכט א פירוש אויף רש"י אונטער דעם נאמען „הבנת המקרא". דערביי האט ער אליין געהאט געשריבן צוויי ביאורים אויף דער תורה „מקרא מפורש" און „שום שכל". נישט אלע פון די דאזיקע פירושים זיינען אבער דערשינען. ער האט אויך געהאט איבערזעצט און אינטערפרעטירט אייניקע קאפיטלעך פון איוב. ער האט אויך געשריבן איבער דער העברייאישער גראמאטיק.

א באדייטנדער קענער פון לשון קודש און א פיינער גראמאטיקער איז געווען ר' אהרן וואלפסאן. ער איז אויך געווען פון יענער גרופע, וועלכע האבן פארגע־זעצט די ארבעט פון משה מענדעלסאן אויף צו איבערזעצן און אינטערפרעטירן יענע ספרים פון די כתבי הקודש, וועלכע מענדעלסאן האט נישט באוויזן צו איבערזעצן. ר' אהרן וואלפסאן איז געווען א גרויסער אנהענגער פון פשוט'ן פשט און אלע אויסטייטשונגען האבן געמוזט געמאכט ווערן לויט די כללים פון דקדוק. ר' אהרן האט געהאט איבערזעצט רות, איכה און אסתר. ער האט אנטייל גענומען אין דער ארבעט פון זיין חבר יואל ברי"ל צו אינטערפרעטירן שיר השירים. ער האט אויך מבאר געווען און איבערזעצט מלכים א' און מלכים ב', ווי אויך דעם ספר איוב.

מיט זיינע שאפונגען אויף דעם געביט פון תורה־אינטערפרעטאציע האט פיל געלייסטעט דער באדייטנדער, פילזייטיקער שריפטשטעלער לודוויג פיליפסאן, וועלכער האט געהאט איבערזעצט די תורה, און אויך דער בארימטער פרעדיקער און שריפטשטעלער מכאל זאקס, וועלכער האט געהאט איבערזעצט מערערע ספרים פון די כתבי הקודש און זיי זיינען דערשינען אין דער אויסגאבע פון לעאפאנד צונץ.

זייער פאפולער און איינפלוסרייך זיינען געווען די אינטערפרעטאציעס אויף דער תורה פון ר' יום טוב ליפמאן אדער לעאפאלד צונץ און ר' יעקב צבי מעקלענבורג. ר' יום טוב ליפמאן צונץ איז געווען פון באדייטנדסטע געלערטע ביי יידן, ער איז געווען דער פאקטישער גרינדער פון דעם וואס מיר רופן ריינע „חכמת ישראל". ער איז געווען דער פיאניר אויפן געביט פון יידישער וויסנשאפט. ער איז געווען א באדייטנדע שעפערישע קראפט דערצו אלזייטיק, פארשידנארטיק. ער איז געווען א מייסטער אין דעם גרויסן ליטעראַרישן אוצר, וואס איז אונדז איבערגעבליבן בירושה. ער האט געפארשט און געזוכט. ער האט מחדש געווען חידושים און האט ארויסגעבראכט זאכן וואס זיינען ביז אים געווען פארבארגן. ער האט געהאט געעפנט דעם וועג נישט סתם צו בילדונג, נאר צו פארשונג, צו שטודיום פון אונדזער גרויסן גייסטיקן פארמעגן. הגם ער אליין איז נישט געווען שטארק פרום, האט ער דאך געהאלטן, אז די טראדיציע איז אומבאדינגט נויטיק פארן קיום היהדות. ער האט נישט ליב געהאט די רעפארמער, ווייל ער האט גע־האלטן, אז זיי לערנען נישט געווען, פארשן נישט גענוג און זיינען יוצא בלויז מיט

שיינע רעדעס אויף אויסצופוצן דאס יידנטום און אים צוצופאסן צו דער מאדערנער וועלט, אויסער די אלע פארשונגען זיינע, האט צונץ זיך פארמאסטן אויף א נייער דייטשער איבערזעצונג פון דער תורה אויף א טראדיציאנעלן אופן. ער אליין האט געהאט איבערזעצט דברי הימים, און די איבריקע ספרים זיינען געמאכט געווארן מיט דער הילף פון מכאל זאקס און יוליוס פירסט. אלס מפרש פון א העברען שניט, שאפנדיק א גרויסן פירוש אויף דער גאנצער תורה, וועלכער איז פאפולער געווארן ביי יידן אין אלע לענדער, וואו מען האט געלערנט תורה, איז געוועזן דער גאון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג.

## ב.

## זיין דערציאונג און זיין סביבה

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג איז געבוירן געווארן אין יאר 1785 אין אינאווראצ־לאוו, פראווינץ פאזען. די דאזיקע שטאט האט געטראגן מערערע נעמען. לויט דעם עלטסטן דאקומענט פון יאר 1185 איז צו זען, אז די שטאט האט געהאט געהייסן „נאוואום וולאדיסלאוו". זי האט אויך געהייסן „יונג ברעסלא" און „יונג לעסלא" און די יידן האבן זי גערופן לעסלא. דעם דאזיקן נאמען פון דער שטאט האבן זיי געברויכט אין אלע דאקומענטן. אין יאר 1904 האבן אבער די דייטשן פארביטן דעם פוילישן נאמען פון דער שטאט אינאוואצלאוו אויף דעם דייטשישן נאמען „האהענזאלצא".

אינאווראצלאוו איז געוועזן אן אלטע פוילישע שטאט און יידן איז דארטן דער־לויבט געווארן זיך צו באזעצן אין פופצענטן יארהונדערט. שפעטער האט דער פוילישער קעניג יאן סאבעסקי די יידישע רעכטן אויסגעברייטערט און זיי זיינען באשטעטיקט געווארן פון ווארשעווער סיים. אבער, ווי געוויינלעך, האבן זיך די פוילישע מאגיסטראטן וויניק גערעכנט מיט די אלע „רעכטן" און האבן געטאן וואס זיי האבן געוואלט. ווען אינאווראצלאוו איז, נאך דער ערשטער פוילישער צעטיילונג, אין יאר 1772, אריבער צו פרייסן אונטער דער צייט פון פרידריך דעם גרויסן, איז די יידישע לאגע געווארן נאך ערגער צוליב די הויכע שטייערן וואס מען האט געהאט ארויפגעלייגט אויף די יידן. מחמת דעם האבן די יידן געמוזט אויסוואנדערן. פון די אכט הונדערט נפשות וואס די שטאט האט געהאט אין יאר 1773 זיינען אין יאר 1785 געוועזן נישט מער ווי הונדערט מיט זיבן און דרייסיק נפשות. ערשט מיט צוואנציק יאר שפעטער, אין יאר 1800, איז די יידישע באפעלקערונג ווידער געשטיגן. זי האט שוין דאן געהאט ניין הונדערט מיט זעקס און ניינציק נפשות קעגן טויזנט מיט עלף קריסטן. זי האט אין יאר 1833 דערגרייכט ביז ניינצן הונדערט מיט פערציק יידישע נפשות, אבער נאך דעם האט זי ווידער אנגעהויבן פאלן. אבער כאטש דער עקאנאמישער און פאליטישער מצב איז נישט געוועזן קיין גוטער, האבן די יידן דאך עוסק געוועזן אין תורה און האבן געהאט גאר גרויסע רבנים.

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורגס פאטער, ר׳ גמליאל, איז, ווי די דייטשישע קוועלן גיבן אן, געווען א „כירורג״. דאס מיינט אבער נישט צו זאגן, אז ער איז געווען א כירורג אין דעם זין ווי מיר פארשטייען עס היינט, ווען די כירורגיע איז געווארן א טייל פון דער מעדיצינישער וויסנשאפט. ער איז געווען בלויז א פעלדשער, דען די דייטשן האבן געברויכט פאר א פעלדשער דעם נאמען „כירורג״ פאר מערערע יארהונדערטע ביז טיף אין אכצענטן יארהונדערט, ווען די פעלדשעריי איז אינ־גאנצן פארבאטן געווארן.

ר׳ צבי הירש מעקלענבורג האט געהאט צוויי רביים. דער נאמען פון איינעם איז נישט באקאנט. וועגן אים דערמאנט דער באקאנטער געלערטער שריפטשטעלער און ארכעאלאג ד״ר יוסף לעווין זאאלשיץ, וועלכער איז שפעטער געווען מעקלענ־בורגס א געגנער. ער גיט־אן ביי א געלעגנהייט, אז מעקלענבורגס רבי אויף תלמוד איז געווען איינער וועלכער איז שפעטער געווארן א לערער אין בערלינער ידישן סעמינאר. וועגן אן אנדער רבי׳ן דערמאנט מעקלענבורג אליין אין זיין פירוש אויף דער תורה, שמות כ׳, שרייבנדיק: „בילדותי שמעתי מפי מורי הרב מהור״ר זכריה מענדעל ז״ל אב״ד דק״ק לעסלא, עיר מולדתי״.

דער דאזיקער ר׳ זכריה מענדעל איז געווען איינער פון די דריי זין פון דעם בארימטן גאון ר׳ דוד טעבלא, רב אין ליסא, וואס האט געהייסן אויף פויליש לעשנא און איז אריבער צו פרייסן נאך דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן. איין זון זיינער, ר׳ הערץ, האט געוואוינט אין פוילן. א צווייטער זון, ר׳ אריה לייב, איז געווען רב אין אניקשט, ליטע. ר׳ דוד טעבלא האט אויך געהאט א גרויסן איידעם, ער איז געווען ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ, רב אין סלוצק.

די שטאט ליסא איז געווען בארימט אין דער ידישער וועלט מיט אירע רבנים און ישיבות. די ידישע באפעלקערונג איז צו יענער צייט באשטאנען פון א פינף טויזנט נפשות, אבער זי איז געווען גרעסער פון פאזען, וועלכע האט פארמאגט בלויז א דריטל ידן. זי האט פארמאגט עטלעכע גרויסע סוחרים, אבער בכלל איז די עקאנאמישע לאגע פון די ידן געווען א טרויעריקע. און כדי צו פארגעסן די טאג־טעגלעכע צרות האט מען זיך פארטיפט אין לערנען תלמוד, אין פלפול. און ס׳איז אויך געווען ביי וועמען צו לערנען. דארטן האט געווירקט דער גרויסער גאון ר׳ יעקב ליסער, דארטן האט אנגעפירט מיט א גרויסער ישיבה דער גאון ר׳ עקיבא אייגער בעת ער איז געזעסן אויף קעסט ביי זיין רייכן שווער, איידער ער איז געווארן רב אין פאזען, און דארטן האט אויך געווירקט ר׳ צבי הירש קאלישער, דער תלמיד פון ר׳ עקיבא אייגער, וועלכער איז אחוץ אלע זיינע גרויסקייטן אין תורה און חכמה פארערעכנט געווארן אלס דער פאטער פון דעם מאדערנעם ציוניזם. אויסער אלעם האט ליסא געהאט געשפילט א ראלע אין דעם קאמף צווישן ר׳ יעקב עמדן און ר׳ יונתן אייבעשיץ. די שטאט איז דאן צעטיילט געווארן אויף צוויי צדדים, אבער די ראשי העדה האבן געהאלטן מיט ר׳ יעקב עמדן, וועמענס עלטערער זון עס האט געהאט געוואוינט אין ליסא.

אז דער רב ר׳ טעבלא איז אין יאר 1792 געשטארבן איז זיין זון ר׳ זכריה מענדעל אויסגעוויילט געווארן פון דער שטאט אלס דיין. אין יאר 1796 איז ער געווארן דיין שני און אין יאר 1800 אב״ד. אונטער דער גאנצער צייט האט ר׳

זכריה מענדעל געהערט צו דעם קרייז וואָס האָט זיך געהאַט גרופּירט אַרום דעם גאון ר' עקיבא אייגער. ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט אים. אין אַנהויב יאָר 1805 איז ר' זכריה מענדעל אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רב אין אינאָווראַצלאַוו און איז פון דאָרטן געשטאַנען אין אַ שריפטלעכן פאַרקער מיט ר' עקיבא אייגער. ר' עקיבא אייגער האָט אים געהאַט געענטפערט אויף צוויי שאלות און די דאָזיקע תשובות ע' און ע"א זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די תשבות ר' עקיבא אייגער חלק ב'. ר' זכריה מענדעל האָט אין אינאָווראַצלאַוו לאַנג נישט געלעבט. ער איז מיט פיר יאָר שפּעטער, ה' אייר 1809, געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אויף זיין מצבה נישט שטעלן קיין טיטולן. און אויף זיין מצבה שטייט טאַקע נישט מער ווי „הרב מו"ר זכריה מענדעל אב"ד ור"מ דקהילתנו ק"ק לעסלא בן לאותו צדיק הרב הגאון הגדול המפורסם החסיד מו"ה דוד טעבלא זצ"ל, אב"ד דק"ק ליסא.

הגם עס איז אייגנטלעך נישט קיין גרויסער חילוק וועלכער רבי עס האָט מיט אים געהאַט געלערנט פריער, דאָך איז אַ סברא אַנצונעמען, אַז דער ערשטער רבי איז געווען יענער, וועגן וועלכן עס דערמאָנט ד"ר זאַלשיץ. און דער צווייטער איז געווען זכריה מענדעל. ער האָט ביי אים געלערנט זייער שפּעט, דען ווען ר' זכריה איז געוואָרן רב אין אינאָווראַצלאַוו איז שוין ר' יעקב צבי מעקלענבורג געווען אַלט אַ יאָר צוואַנציק. דאָס וואָס ער שרייבט „בילדותי" איז נישט מאָס־געבנד, דען ווען ער האָט עס געשריבן איז ער שוין געווען ווייט אין די זעכציקער. און דערביי איז, אגב, נישט באַקאַנט, אַז ער זאָל האָבן פריער געפאָרן צו אים לערנען תורה אין ליסא.

כאָטש ר' יעקב צבי מעקלענבורג איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ שיינער קענער פון העברייאיש און דייטש, האָט ער זיך מיט רבנות נישט געוואָלט באַ־שעפטיקן. ער האָט זיך בעסער אָפּגעגעבן מיט מסחר און איז געוואָרן רייך. גע־ווינלעך האָט ער די תורה נישט געהאַט פאַרלאָזן. ער איז געזעסן און געלערנט מיט גרויסער התמדה פונקט ווי פריער. אָבער ווען די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ, האָט ער, אין יאָר 1831, אָנגענומען די אָנגעבאָטענע שטעלע פון רבנות אין דער שטאָט קעניגסבערג.

ג.

## רב אין קעניגסבערג און זיין קאַמף מיט רעפאָרמער

ר' יעקב צבי מעקלענבורג האָט זיך איצט געפונען אין אַן אַנדער וועלט ווי אין דער, אין וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן. ביי אים אין דער היים, ווי אויך אין די איבריקע שטעט אין פּאָזען, איז די יידישע וועלט געווען אַ גאַנצע, אַן איינהייטלעכע. עס האָט אין זיי געהערשט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער גייסט. מען האָט געלערנט תורה און מען האָט זיך מפלפל געווען אין תורה. אין קעניגסבערג אָבער האָבן שוין געבלאָזן די ווינטן פון דער נייער

צייט. עס האָט שוין דאָרטן געהערשט אַן אַנדער אַטמאָספערע, עס האָט שוין דאָרטן געהערשט דער גייסט פון השכלה. אונטער דעם איינפלוס פון דעם גרויסן דייטשישן פילאָזאָף עמנואל קאַנט און פון מענדעלסאָנס השכלה אידייען זיינען דאָרטן אויסגעוואַקסן די פרידלענדערס, די הערצעס, די אייבעלס. און ביסלעכווייז האָט מען שוין אויך אָנגעהויבן רעדן וועגן רעפאָרמען אין דער יידישער רעליגיע. קעניגסבערג האָט אפילו געהאַט פרומע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט בויגן פון דעם ניי-אָנגעקומענעם פרייהייט־שטורם. ווען מען האָט דאָרטן נאָך אין אַכצענטן יאָרהונדערט געברובט איינאָרדנען אַ פרייע שול לויט בערלינער מוסטער האָבן די טראַדיציאָנעלע יידן נישט דערלאָזן און אַלע באַמיאונגען פון די רעפאָרמער זיינען דורכגעפאַלן. דאָסגלייכן איז די אָרטאָדאָקסן געלונגען נישט צו דערלאָזן דורכפירן די רעפאָרמערס אידייען אין צוואַנציגסטן יאָר פון ניינצענטן יאָרהונדערט. נאָך מער דער ראַבינער יצחק אשר פראַנקאָלם, וואָס האָט אָנגעפירט די רעפאָרמיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין יידנטום, האָט געמוזט רעזיגנירן פון זיין שטעלע לויט אַ פאָראָרדנונג פון דער פּרייסישער רעגירונג. אָבער וואָס ווייטער איז דער קאַמף געוואָרן שווערער. די רעפאָרמער האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָבן שוין געפּרובט איינפירן קאָנפירמאַציע פאַר מיידלעך, ווי דאָס פירט זיך אין דער קריסטלעכער קירך. און אין יאָר 1835 האָט דער קאַמף אויסגעבראָכן אין אַ שאַרפער פאָרם.

דער באַוואוסטער היסטאָריקער ד"ר יאָסט, שילדערנדיק די קולטורעלע באַוועגונגען פון די יידן אין דייטשלאַנד, דערמאָנט, דרך אגב, די ענדערונג וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביי די יידן אין קעניגסבערג אין דעם דאָזיקן יאָר. ער דערציילט, אַז אין יאָר 1820 איז אַנטשטאַנען אין דער קעניגסבערגער קהלה אַ געדראַנק, אפנים דורך דעם איינפלוס פון בערלין און האַמבורג, איינצולאַדן אַ ספּעציעלן פּרעדיגער אחוץ דעם רב. די שטאָט איז אָבער, קענטיק, נאָך נישט רייף געווען צו אַזאַ נייעס, זי האָט נאָך נישט געפילט די באַדערפעניש דערפאַר. אָבער אין יאָר 1835, ווען עס איז אַרויס אַ באַפעל פון דער רעגירונג, אַז די שטאָט זאָל אָנשטעלן אַ רעליגיאָנס-לערער, האָט די קהלה איינגעלאַדן צו דעם צוועק דעם ד"ר יוסף לעווין זאַאַלשיץ פון ווין. דערביי האָט זאַאַלשיץ אָפּט געהאַלטן דרשות אַמאָל איבער אַמאָל מיט דעם רב מעקלענבורג, וועלכער איז געווען אַ מאַן פון פיינע קענטניסן". דער דאָזיקער יוסף לעווין זאַאַלשיץ איז געווען אַ געבוירענער פון קעניגסבערג, האָט געענדיקט די אָרטיקע אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אַ לערער אין יידישע שולן, פריער אין בערלין און דערנאָך אין ווין. ער איז שפּעטער געווען פּריוואַט־דאָצענט אין דער אוניווערזיטעט און האָט געהאַלטן פאָרטראָגן איבער יידישע אַרכעאָלאָגיע און איז געווען אַ קעמפער פאַר רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע.

אַ מער אויספירלעך בילד פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן ד"ר יוסף לעווין זאַאַלשיץ און ר' יעקב צבי מעקלענבורג גיט איבער חיים (היימאַן) יאָלאָוויטש, וועלכער איז געווען פּרעדיגער און עקסטרעמער רעפאָרמער. ער דערציילט, אַז ווען די רעגירונג האָט געפאָדערט מען זאָל אָנשטעלן אַ רעליגיאָנס-לערער האָט זי איינגעלאַדן אויף דעם פּאָסטן דעם ד"ר יוסף זאַאַלשיץ און ער איז אָנגעקומען אין קעניגסבערג אין חודש סעפּטעמבער 1835. אין אָקטאָבער 1836 האָט ער שוין געהאַט אין דער שול קאָנפירמירט צוואַנציק יידישע מיידלעך. די אָרטאָדאָקסן,

זאָגט ער, זיינען נישט געווען אזוי געגנעריש ווי פריער, אָבער דער נייער רעליגיאָנס־לערער, כאָטש ער איז געווען פרום, איז זיי נישט געפעלן געווען און זיי האָבן גע־אַרבעט קעגן אים.

„די געגנערשאַפט, — דערציילט ער ווייטער, — האָט זיך אַרויסגעוויזן ווען אַ קאָמיסיע פון דער קהלה האָט איינגעאָרדנט אין אַפּריל 1838 אַ באַראַטונג צו רעגולירן דעם סדר התפלות. אין דער קאָמיסיע זיינען געווען פאַרטראָטן הירש פרידהענדלער (פאָרזיצנדער), ד"ר מ. ב. קאָהן, וויצע־ראַבינער יעקב צבי מעקלענ־בורג, ד"ר י. ל. זאַאַלשיץ, דר. קאָש, מ. בערלינער, ד"ר יאָהאַן יאַקאָבי, ק. מיכעלסאָן, ד. מ. יאַפּע, מ. שלעזינגער און ד"ר לואיס יאַקאָבסאָן. די קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטן פינף זיצונגען אין משך פון אַכטן אַפּריל ביז דעם פינפטן יוני און האָט אויסגעאַרבעט געוויסע תקנות בנוגע די שול־ענינים און בנוגע דאָס איינפירן פון דרשות אויף דייטש, וועלכע ד"ר י. ר. זאַאַלשיץ זאָל דאַרפן האַלטן יעדן שבת בעת'ן דאַווענען, אָדער וויניקסטנס איינמאָל אין צוויי וואָכן.

„דער דאָזיקער באַשלוס האָט אויף דאָס ניי דערוועקט די ליידנשאַפט פון די אָרטאָדאָקסן, וועמענס צאָל עס האָט זיך געהאַט פאַרגרעסערט דורך די אָנגעפאָרענע יידן פון די קליינע שטעטלעך און זיי האָבן פּראָטעסטירט דורך דעם וויצע־ראַבי־נער (?) קעגן דעם פּרעדיגער י. ל. זאַאַלשיץ, וועלכער זאָל זיין נישט גענוג באַ־האַוונט און קאָמפּעטענט אין דער יידישער טעאָלאָגיע. דערביי האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך צופרידנשטעלן נאָר דעמאָלט ווען זאַאַלשיץ וועט מסכים זיין צוצושטעלן אַ ענטוואָרף פון זיינע דרשות פאַר אָדער וויניקסטנס נאָך דעם עפנטלעכן פאָרטראָג, כדי הער מעקלענבורג זאָל זיי איבערקוקן און געבן זיין הסכמה דערויף.

„כדי נישט צעשטערן דעם שלום אין דער קהלה, — זאָגט יאָלאָוויטש, — האָט די קאָמיסיע דעם פאָרשלאָג פון די אָרטאָדאָקסן יאָ אָנגענומען, אָבער נישט ד"ר זאַאַלשיץ, דען ווען ער זאָל דעם פאָרשלאָג אָננעמען וואָלט ער דערמיט פאַרלייקנט זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין פריערדיקע ווירקונג אַלס טעאָלאָג אין וויען און בערלין. מחמת דעם האָט ער זיך געווענדעט, דעם עלפטן מאַי, מיט אַן אויספירלעכן בריוו צו דער קאָמיסיע, אין וועלכן ער האָט צווישן אַנדערעם געזאָגט:

„זיבן לערערס זיינען געשטאַנען אונטער מיר אין בערלינער יידישן סעמינאַר און צווישן זיי איז אויף תלמוד־אונטערריכט געווען אַ מאַן, וועלכער האָט באַ־הויפּטעט, אַז ער איז געווען דער גמרא־רבי פון מעקלענבורגען. אַלזאָ, האָט ער געענדיקט זיין בריוו, ווען איך בין געווען אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט האָב איך געהאַט די ערע צו זיין דער דירעקטאָר פון אונדזער הער מעקלענבורגס רבי און איצט ווען איך בין אַלט זיבן און דרייסיק יאָר, נאָך דעם ווי איך האָב צוועלף יאָר געהאַלטן באַדייטנדע אַמטן, וועלכע זיינען מיר אָנגעבאָטן געוואָרן אָהן מיינע בקשות; נאָך דעם ווי די באַדייטנדע קהלות האָבן מיך אָנערקענט אַלס לערער, דאָס הייסט אַלס קענער פון רעליגיע, איז דאָ פאַראַן אַ מאַן, וועלכער האָט זיך מיט טעאָלאָגיע אַלס ווירקלעכן באַרופס־פאַך, — ווייל פריער איז ער געווען אַ סוחר, — אָנגעהויבן באַשעפטיקן ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער טרויט מיר נישט אַז צו לערנען די יסודות פון דער רעליגיע.

„די פארוואלטונג פון דער קהלה איז נישט געניגט געווען אנצונעמען דעם פארשלאג פון דער קאמיסיע, אז אויב זאאלשיץ וועט זיך אפזאגן צוצושטעלן א קאפיע פון זיין דרשה צו רב יעקב צבי מעקלענבורג, זאל מען אנשטעלן אן אנדערן אויף זיין פלאץ. די פארוואלטונג פון דער קהלה האט דעם עניין געלאזן הענגען אין דער לופטן און דער סוף איז געווען, אז מען האט שפעטער דערלויבט דעם ד״ר זאאלשיץ צו פרעדיקן ווייטער אן שום באשרענקונגען״.

ד״ר יאלאוויטש האלט, אז ער גיט איבער די פאסירונג אומפארטייאיש און פינקטלעך. ער קריטיקירט די דערקלערונג פון ד״ר יאסט, אז ד״ר זאאלשיץ און ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג פלעגן האלטן דרשות אמאל איבער אמאל. ער זאגט, אז די דאזיקע שילדערונג מוז קאריגירט ווערן, ווייל ער, יאלאוויטש, האט זיך באנוצט מיט די אקטן פון דער קאמיסיע, וועלכע ד״ר יאסט, ווי ער מיינט, האט די דאזיקע אקטן נישט געזען. אבער פון דער פארביטערטקייט, פון דעם סאר־קאסטישן טאן און פון דער גרינגשעצונג, מיט וועלכע ער רעדט וועגן אזא גאון ווי ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג, איז צו זען, אז ער איז גאנץ ווייט אומפארטייאיש. איבערהויפט איז עס צו זען פון זיין באמערקונג וואס ער מאכט צו דעם ווארט „וויצע־ראבינער״, וועלכן ער דערמאנט אין זיין טעקסט ווען ער רעדט וועגן מעק־לענבורגן. ער זאגט אז ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג „איז קיינמאל נישט געווען קיין „אויבערראבינער״ און ווען ער האט זיך האט אונטער דעם טיטול (ער האט אויך גע־קאנט צולייגן דעם טיטול „נשיא ארץ ישראל״, וועלכן די שנארערס פון ירושלים האבן אים געגעבן) אנגעשלאסן אן דעם חרם, וועלכן זעקס און זיבעציק אונגא־רישע און גאליצישע רבנים האבן ארויסגעטראגן קעגן דער ראבינער־פארזאמלונג (ער מיינט די ערשטע פארזאמלונג פון די רעפארם־ראבינער. — ד.ד.). אין יאר 1844, אין ברוינשוויוג, איז עס געווען א מין חוצפה, וואס מוז געשיכטלעך פעסט־געשטעלט ווערן״. און די דאזיקע דערקלערונג איז זיכער נישט קיין פינקטלעכע, דען ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג האט זיך שטענדיק גע׳חתמ׳ט „אב״ד דק״ק קע־ניגסבערג״, און דעם זעלבן טיטול פלעגן אים געבן די גרויסע רבנים פון זיין צייט, ווען זיי פלעגן עפעס שרייבן צו אים. ער האט זיך דעם טיטול אליין נישט גע־נומען און ער האט אים אנגעווענדעט נישט בלויז ווען ער האט זיך מיט אנדערע רבנים פאראייניקט אין אן אפאזיציע צו דער קאנפערענץ פון די רעפארם־ראבינער. אויך ד״ר יאסט רופט אן מעקלענבורגן „ראבינער״ און נישט „וויצע־ראבינער״, ווי יאלאוויטש וואלט געוואלט.

דער קאמף האט א פנים אנגעהאלטן א לאנגע צייט און ר׳ יעקב צבי מעק־לענבורג האט זיכער דורכגעמאכט ביטערע טעג ווען די רעפארם־באוועגונג האט זיך צעפלאקערט. יעדנפאלס נאך דעם ווי ביידע פירערס זיינען געשטארבן (זאאלשיץ איז געשטארבן צוויי יאר פריער פאר מעקלענבורגן) זיינען די פונקציעס פון פרע־דיגער און רב פארבונדן געווען אין איין פערזאן און ווען די רעפארמער זיינען אוועק צו־ווייט און האבן אין יאר 1870 איינגעפירט אן ארגל אין שול, האבן די פרומע יידן געגרינדעט א קהלה פאר זיך, וועלכע האט שפעטער אנגענומען דעם נאמען „עדת ישראל״.

## ד.

## זיינע פירושים אויף דער תורה

די שווערע טעג וואס ער האט דורכגעמאכט צוליב דעם קאמף מיט די פאר־שטייער פון דער רעפארם־באוועגונג אין זיין קהלה, האט אבער נישט געבראכן זיין געמיט. פארקערט, ער האט דורך דעם געשעפט נייע כוחות אויף אנצוגיין מיטן קאמף ווייטער. און כדי אפצושוואכן זייער איינפלוס און צו פארשטארקן די אלטע טראדיציע, האט ער אנגעשריבן א פירוש אויף דער תורה, וואס איז גע-שטאנען אין פולן קאנטראסט צו דעם גייסט פון דער נייער צייט. עס זיינען אייגנטלעך, פאר אים, זינט מענדעלסאנס פירוש אויף דער תורה, אויך געווען מערערע מפרשים אין דייטשלאנד אויף טיילן פון דער תורה. עס זיינען געווען אזעלכע פערזאנען ווי ר׳ יצחק אייכעל, וועלכער האט אנגעשריבן א פירוש אויף משלי און איוב, ר׳ יואל ברי״ל, וועלכער האט אנגעשריבן א פירוש אויף תהלים און יונה, ר׳ וואלף דעסוי, וועלכער האט אנגעשריבן א פירוש אויף עטלעכע ספרים פון תרי עשר אונטערן נאמען „מנחה טהורה״. עס איז געווען ר׳ וואלף היידענהיים מיט זיינע פירושים, „מקרא מפורש״ און „שום שכל״, אויך ר׳ אהרן וואלפסאן, לודוויג פיליפסאן, מכאל זאקס און לעאפאלד צינץ. די אלע מפרשים און תורה־איבערזעצער זיינען אין זייערע באורים על פי פשט דאך נישט ארונטער פון דער מסורה, אבער די קאנסערוואטיווע, פרומע יידן האבן זיי נישט אנגענומען, ווייל דער נייער גייסט פון השכלה, וואס האט געשוועבט איבער און ארום די דאזיקע מפרשים, האט ארויסגערופן אין זיי א געוויסע אומרואיקייט, דען זיי האבן גע־דענקט, אז די נייע מפרשים איז נישט געגאנגען אום לעבן בלויז דאס וואס יידן דארפן לערנען די תורה על פי פשט. דער דאזיקער ארט פירוש האט זיך אנגעהויבן נאך פון סעדיה גאון און די חז״ל אליין האבן געהאלטן, אז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו״. דער עיקר, האבן זיי געפילט, האבן די דאזיקע משכילים גע־שטרעבט דערמיט צו עפענען א נייעם וועג פאר השכלה, פאר נישט־פרומקייט. אט די מורא האט געבראכט צו א רעאקציע קעגן דער נייער שטרעמונג און דאס איז געווען די סיבה וואס ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג איז ארוים מיט א נייעם פירוש אויף דער תורה, וואס האט געהייסן „הכתב והקבלה״.

דער נייער פירוש איז געווען א פולער צוריקטריט. אלס קענער פון העברייאיש, אלס גוטער גראמאטיקער און פיינער סטיליסט האט ער זיך אויך אפגעשטעלט אויפן פשוט׳ן פשט. ער האט נישט דורכגעלאזן קיין אייןווארט, קיין איין אות, וואס ער זאל נישט דורכלאזן אן א גראמאטיקאלישע אנאליזע, אן א פיינע דעפיניציע פון די סינאנים־ווערטן. ער איז אויך געווען א ליבהאבער פון ריינעם פשט, פון אויסטייטשן א פסוק לויט דעם זין פון דער שפראך. און כדי קלערער און פאר־שטענדלעכער ארויסצוברענגען די באדייטונג פון ווארט, האט ער זיך באנוצט מיט דער זעלבער מעטאדע ווי רש״י מאכנדיק די בלעז״ן, דאס הייסט געבנדיק די באדייטונג פון ווארט, אדער דעם זין פון דעם פסוק אין דייטש, אין דער שפראך,

אויף וועלכער יידן האבן דארטן גערעדט, אבער ער האט דעם פירוש איינגעהילט מיט דער טראדיציע אויך. דער פסוק מעג זיך זיין א פארשטענדלעכער, אבער ער האט גלייכצייטיק געמוזט שטימען מיט די כוונות וואס די טראדיציע האט אין אים אריינגעלייגט. ער האט געפרובט באווייזן, אז די מסורה ליגט טאקע אין פשט גופא. דען די תורה שבעל פה איז נישט קיין באזונדערע זאך פאר זיך און די תורה שבכתב איז ווידער א זאך פאר זיך. די תורה שבעל פה איז באמת נכלל אין תורה שבכתב. ער האט געפרובט באווייזן, אז „כתב" און „קבלה", די תורה און די טראדיציע איז איין זאך, איין שאפונג און איז געגעבן געווארן דעם יידישן פאלק אין איין און דער זעלבער צייט. ער האט אין זיין פירוש געשטרעבט צו ברענגען הארמאניע צווישן פשט און דרש און ער האט געפרובט אנווייזן זייער אינערלעכן צוזאמענהאנג.

דער דאזיקער פירוש זיינער איז זיכער אריגינעל. ער באנוצט זיך געוויינלעך נישט בלויז מיט די חז"ל, מיט מדרש און הלכה, נאר אויך מיט אנדערע מפרשים, ווי רש"י, רבנו בחיי, ספורנו, הגר"א, שד"ל און אנדערע. אבער די גאנצע קאמפאזיציע אין פארם און אינהאלט איז זיין אייגנס. עס איז זיין שטה, מיט וועלכער ער איז צוגעגאנגען מבאר צו זיין די תורה. דאס איז, נאטערלעך, געווען נישט קיין לייכטע ארבעט. נישט אלעמאל האט די דאזיקע שטה געקאנט אויסגעטאקט ווערן אין א פאלקאמענער פארם. אפטמאל איז ער אוועק אין א סך דרשות, וואס זיינען געווען קעגן דער שפראך־פארשונג. אבער בכלל איז ער געווען א גרויסע יצירה, פון וועלכער מען זעט ארויס זיין גרויסע לומדות, זיין טיפע ערודיציע, זיין שפראך־קענטניש, זיין אלגעמיינעם וויסן און זיין שארפן, קלארן און לאגישן מוח.

זיין „הכתב והקבלה" איז, קענטיק, געקומען אין דער ריכטיקער צייט. דאס זעט מען פון זיין גרויסן דערפאלג וואס ער האט געהאט. דער ספר האט דורכגעמאכט פינף אויפלאגעס. די ערשטע אויפלאגע איז דערשינען אין לייפציג אין יאר 1839. זי איז געווען פון קליינעם פארמאט מיט רש"י־כתב, אן חומש, מיט פירושים אויף גאנץ ווייניק פסוקים. אבער די דאזיקע אויפלאגע איז אויספארקויפט געווארן. דאן האט דער מחבר ארויסגעגעבן א צווייטע, פארגרעסערטע און פארבעסערטע אויפלאגע אין יאר 1853. די דאזקע אוסגאבע איז שוין געווען מיט חומש, רש"י, תרגום אינקלוס און אויך מיט א דייטשישער איבערזעצונג אין העבּרייאישע אותיות, לויט מעקלענבורגס פירוש, אונטער דעם נאמען „תרגומא דבי רב", וועלכע איז געשאפן געווארן פון ר' יונה ד"ר קאסמאן אב"ד דק"ק פרידלאנד, בעת ער האט אין די יארן 1846 - 1848 געוויילט אין קעניגסבערג.

ווען די דאזיקע אויפלאגע איז פונאנדערגעגאנגען האט ר' יעקב צבי מעקלענבורג ארויסגעגעבן א דריטע אויפלאגע פון „הכתב והקבלה" אין יאר 1856, לויטן צוזאמענשטעל פון דער צווייטער אויסגאבע און האט נאך צו איר צוגעגעבן אזוי צו זאגן דעם „תשלום", א סעפעראטן העפטל, וועלכער איז געווען פול מיט פירושים אויף נייע פסוקים, וועלכע זיינען נאך פון אים נישט אויסגעטייטשט געווארן. דען זינט עס איז ארוים די ערשטע אויפלאגע, האט דער מחבר נישט אויפגעהערט דעם פירוש צו פארגרעסערן און צו פארבעסערן, אזוי אז דער „הכתב והקבלה" איז מיט יעדער נייער אויפלאגע געוואקסן אלץ גרעסער און אינהאלטס־

רייכער. מיט זיבן יאָר שפּעטער, אַרום 1863, האָט מען דעם „הכתב והקבלה" אָנגעהויבן דרוקן אַלס אַ פּערטע אויסגאַבע אין יאָהאַניסבורג און מער ווי דעם ספר „בראשית" האָט מען נישט געענדיקט. דען עס האָבן אויסגעבראָכן סכסוכים צווישן די דרוקער און אַרויסגעבער. זאָגאַר דער אָפּגעדרוקטער ספר בראשית האָט קיינמאָל די וועלט נישט אָנגעזען. בלויז איין עקזעמפּלאַר פון אים איז צוגעשיקט געוואָרן צום מחבר און ווען ער איז געשטאָרבן איז ער איבערגעגאַנגען בירושה צו זיין איידעם ר׳ אברהם זאַמאַרא צוזאַמען מיט אַנדערע שריפטן וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן. אַזוי ווי אַ סך מענטשן האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל דעם ספר ווידער אַרויסגעבן האָט זיך זיין איידעם געווענדעט צום באַרימטן יידישן געלערטן ר׳ אברהם בערלינער און אים איבערגעגעבן אי דעם געדרוקטן ספר בראשית מיט אַלע הוספות וואָס דער מחבר האָט געמאַכט סיי אויף די זייטלעך (שולי היריעות) פון ספר ווי אויך די אַלע איבעריגע הוספות פון די איבעריגע טיילן פון חומש. ר׳ אברהם בערלינער האָט די נייע פערטע אויסגאַבע רעדאַגירט און געבראַכט אַלע פּירושים אין פולער אָרדנונג און זי איז דערשינען אין יאָר 1880. און ערשט גאָרנישט לאַנג צוריק, אין יאָר 1924, איז דער „הכתב והקבלה" אַרויסגעגעבן געוואָרן, אין דער פינפטער אויפלאַגע, אין דייטשלאַנד אין נירענבורג, פון וואַנען עס זיינען איצט אַנטשטאַנען די גרעסטע גזירות אויף יידן.

ביי דער געלעגנהייט איז ווערט צו דערמאָנען אַ העכסט אינטערעסאַנטע פּערזאָן, די פרוי דבורה פּאָלאַק, צו וועלכער דער גאון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג דריקט־אויס זיין דאַנקבאַרקייט אין דער אויסגאַבע פון „הכתב והקבלה" פון יאָר 1856, דערפאַר וואָס זי האָט אים געגעבן דאָס געלט צו דרוקן זיין ספר. אויך אַ צווייטער מאַן, ר׳ שמואל לוריע, וואָס האָט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם „היכלות הזוהר" מיטן באור פון ווילנער גאון, דאַנקט איר דערפאַר וואָס זי האָט אים מעגלעך געמאַכט דעם ספר אַרויסצוגעבן. דערביי דערציילט ער וועגן די גרויסע צדקות וואָס דבורה פּאָלאַק האָט געגעבן אויף צו בויען שולן אין ירושלים און אויף צו געבן די מעגלעכקייט אַז יידישע קינדער זאָלן לערנען תורה.

ווער די דאָזיקע פרוי איז געווען איז לחלוטין נישט באַקאַנט געווען. די וואָס האָבן געהאַט אַ אינטערעס צו וויסן וועגן איר, האָבן בלויז געוואוסט, אַז זי איז געווען אַ פרומע, אָבער קיינער האָט נישט געקאַנט געוואויר ווערן ווער זי איז געווען, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט, ווי אַזוי זי האָט געלעבט און וואָס ס׳איז געוואָרן פון אירע קינדער און קינדס־קינדער. עס איז מיר אָבער אויסגעקומען, אויף אַ מערקווירדיקן אופן, זיך צו באַגעגענען, מיט עטלעכע יאָר צוריק, נישט מיט קיין אַנדערן ווי דבורה׳ס אַן אייניקל. דאָ איז געווען ד״ר ערנסט קאָהן־ווינער, באַרימטער קונסט־פאָרשער. און אָט פון אים בין איך געוואויר געוואָרן ווער זי איז געווען.

דבורה׳ס מיידלשער פאַמיליען־נאָמען איז געווען מאַנדעל. הגם מען קאָן דאָס נישט פעסטשטעלן אויף זיכער, דאַך קאָן מען משער זיין, אַז זי זאָל האָבן געווען אַ טאָכטער פון חזן מאַנדעל, וועלכער האָט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק געלעבט אין פּריסן. יעדנפאַלס, ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָט זי געהייראַט מיט היינריך, אָדער הירש, פּאָלאַק, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע אין קעניגסבערג. דער דאָזיקער היינריך פּאָלאַק האָט אַ דאַנק זיין פיינעם

נאמען און זיין רייכקייט, דורך זיינע פילאנטראפישע טאטן און דורך זיין אנגעזעענקייט באקומען די בירגער־בריוו פון דער שטאט קעניגסבערג. דאס איז מעגלעך געווארן צו באקומען אין דער צייט פון דער הערשאפט פון פרידריך ווילהעלם דעם דריטן, קעניג פון פרייסן, אין יאר 1810, ווען עס איז דורכגעגאנגען דער אזוי־גערופענער שטיין־הארדענבורגען־געזעץ. די דאזיקע צוויי פערזאנען זיינען געווען פרייסישע מיניסטארן.

היינריך פאלאק האט זיך באשעפטיקט מיט צוקער־פאבריקאציע, מיט דעם האנדל פון ראהר־צוקער. דערצו האט ער פארמאגט, אזוי צו זאגן, א גאנצע האנדלס־פלאט, א רייע אייגענע שיפן, וועלכע פלעגן שווימען מיט שווערע לאדונגען צו די ענגלישע ברעגעס.

זיין פרוי דבורה פאלאק איז אין א געוויסער הינזיכט געווען ענלעך צו א צווייטער פרוי, וועלכע איז בארימט געווארן אין דער געשיכטע. זי איז געווען דאנא ריינה ,די פרוי פון דאן יוסף נשיא, הערצאג פון נאקסאס, וועלכער האט געשפילט א גרויסע ראלע אין טערקיי אין זעכצענטן יארהונדערט. די דאנא ריינה האט געהאט איינגעארדענט ביי זיך אין פאלאץ נעבן קאנסטאנטינאפאל, א יידישע דרוקעריי, וואו עס זיינען געדרוקט געווארן יידישע ספרים אן שום באלוינונג. דער אלשי״ך איז אויך געווען איינער פון די ספרים וואס האבן זיך געדרוקט אין איר דרוקעריי.

דבורה פאלאק האט נישט געהאט געגרינדעט קיין אייגענע דרוקעריי, אבער זי האט געגעבן געלט ארויסצוגעבן ספרים פון ארימע מחברים. זי האט געשטיצט יידישע רבנים און האט געגעבן א סך געלט אין ארץ ישראל. זי האט אין יאר 1850 געהאט א שטיק לאנד ביים הר הזיתים, אויף וועלכן זי האט געבויט א שול און אפגעגעבן צו דער קהלה. זי האט געגעבן געלט פאר אנדערע שולן אין ירושלים און האט געשטיצט דעם כולל פון די פרושים, וועלכער איז געגרינדעט געווארן פון די תלמידים פון ווילנער גאון. פארוואס די דאזיקע יידישע פרוי פון פרייסן האט זיך אפגעגעבן צו שטיצן בלויז דעם כולל פון ווילנער גאונ׳ס אנהענגער, האלט מען, ערשטנס, דערפאר וואס זי זאל האבן געשטאמט פון ווילנער גאונ׳ס פאמיליע און, צווייטנס, דערפאר וואס זי איז באאיינפלוסט געווארן דורך דעם קעניגסבערגער רב ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג אליין, ווי אויך דורך די בארימטע משולחים שמואל סאלאנט און ר׳ זאב וואלף וואולפסאן, — ר׳ וועלוועל באבעס, — וועלכע פלעגן אפט קומען אין קעניגסבערג צו קלייבן געלט פאר די כוללים. וועגן אין נאענטקייט צו די דאזיקע פערזאנען איז צו זען דערפון, וואס דאס געלט אויף צו קויפן דאס לאנד אין ירושלים איז געגאנגען דורך די הענט פון קעניגסבערגער רב ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג, און וואס אויף דעם אריגינאל פון דעם לאנדס־קאנטראקט — וועלכן איך האב געזען ביים ד״ר ערנסט קאהן־ווינער — זיינען געצייכנט אלס עדות אויך ר׳ שמואל סאלאנט און ר׳ זאב וואלף וואלפסאן.

אבער אויסער די אלע אויפלאגעס איז אין קעניגסבערג, אין יאר 1862, דערשינען אן אויסצוג פון „הכתב והקבלה״ פון אברהם ישעיה קארא בה״ג נפתלי קארא אב״ד דק״ק שרימס. דער דאזיקער אברהם קארא האט געשטאמט פון

טראַכטענבערג, שלעזיען, וועלכער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פירושים אויף דער תורה. ווען ער איז איינמאָל געווען אין קעניגסבערג, האָט ער באַזוכט דעם גאון הרב ר' יעקב צבי מעקלענבורג און האָט אים געפרעגט וועגן עטליכע פסוקים אין דער תורה, וועלכע אים איז שווער געווען צו פאַרשטיין. ער איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פון זיינע פירושים, אַז ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם „הכתב וקבלה״ אין פולער דייטשישער איבערזעצונג. דערוויַיל אָבער האָט ער איבערזעצט ר' יעקב צבי מעקלענבורגס פירושים אויף געוויסע פסוקים פון דער תורה. דעם דאָזיקן „אויסצוג״ האָט דער מחבר געווידמעט זיין אָנקל דעם באַרימטן שפּראַך־פאָרשער פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער אין פּאַריז.

אויסער דעם „הכתב והקבלה״ האָט ר' יעקב צבי מעקלענבורג געמאַכט אַ פירוש אויף אַלע יידישע תפלות אונטער דעם נאָמען „עיון תפלה״, וועלכער איז געדרוקט צוזאַמען מיטן פירוש „דרך החיים״ פון ר' יעקב ליסער, און אויך דער דאָזיקער פירוש האָט געהאַט אַ דערפאָלג. עס זיינען פון אים דערשינען פיר אויפלאַגעס. די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין יאָר 1857 (לויט בן־יעקב. צעדנער גיט־אָן אין קלאַמערן 1855) און די צווייטע אין יאָר 1859. דיביידע אויפלאַגעס זיינען דערשינען ביים לעבן פון מחבר. מיט יאָרן נאָך זיין טויט האָט דער באַקאַנטער העברייאישער שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר פון אַמעריקאַנישן העברייאישן זשורנאַל „נר המערבי״ שמואל בנימין שוואַרצענבערג, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אָפּגעקויפט דאָס דרוק־רעכט פון מעקלענבורגס יורשים און ער האָט אים אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1895 און שפּעטער נאָכאַמאָל אין יאָר 1901. אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויסגאַבע דערקלערט דער מחבר, אַז לכתחילה האָט ער געשריבן דעם פירוש נאָר פאַר זיך אַליין און דעריבער האָט ער דעמאָלט פאַרנאָטירט מאַנכע פירושים, וועלכע האָט געפונען ביי אַנדערע מחברים. און אַזוי ווי ער האָט די נעמען פון מאַנכע מחברים פאַרגעסן, האָט ער זיי אין זיין ספר נישט דערמאָנט. מחמת דעם בעט ער מען זאָל אים נישט באַשולדיקן אַלס „למתלבש במלבוש שאינו שלי״.

ר' יעקב צבי מעקלענבורג האָט אויך אָנגעשריבן אַ פּאָר תשובות אויף די שאלות וואָס דער ניויאָרקער רב ר' יוסף משה אהרנסאָן פון קאָנגרעגיישאָן „עדת ישורון״ האָט געשיקט צו אים און צו אַנדערע רבנים אין אייראָפּע מכח דער הפקרות וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אין ניו יאָרק אין ענינים פון כשרות. ר' יעקב צבי מעקלענבורג וואונדערט זיך אין זיין תשובה אויף דער דערשיינונג וואָס „מכים בכלי ברזל בצואר הבהמה קרוב לסימנים סמוך לשחיטה להוריק דמה ער שבמעט היא קרובה למות כדי ללבן את הבשר. ולולא ראיתי במכתבו אריכות דברים בחכמה ודעת, בפלפול וסברא להראות גודל האיסור, לא האמנתי כי נבלה נעשה בפרסום בין אחינו בני ישראל. ער זאָגט, אַז ער וואָלט געשריבן מערער „אף דלגופא דעובדא אינו מן הצורך כי איסור הדבר גלוי כמעט לינוקי דבי רב״. אויף דער צווייטער תשובה זיינען גע'חתמ'עט אחוץ ר' יעקב צבי מעקלענבורג, רב דקעניגסבערג, אויך הגאון ר' שמשון רפאל הירש, רב דפראַנקפורט אם מאַין, און הגאון ר' שלמה קלוגער, רב בבראָדי. די דאָזיקע תשובות זיינען אָפּגעדרוקט אין ספר „מטעי משה״, וואָס איז דערשינען אין ירושלים אין 1878.

אלס באַרימטער מאַן  אין זיין צייט האָט מען זיך צו אים געווענדעט נאָך הסכמות אויף ספרים און אַט זיי געפינען זיך אויף די ספרים פון ר׳ צבי הירש קאַלי־שער „אמונה ישרה״ ח״ב, אין וועלכער ער שרייבט, אַז ער איז געווען אַ „ידיד נעורי״ און אויף זיין ספר „דרישת ציון״, אויף דער ביאָגראַפיע פון ווילנער גאון, גע־שריבן פון ר׳ יהושע העשיל לעווין, מיט וועלכן ער האָט זיך געקענט פערזענלעך ווען ער האָט צוליב געשעפטלעכע ענינים געוויילט אין קעניגסבערג. דערביי האָט ער אים אויך געגעבן פיל מאַטעריאַל וועגן גאונ׳ס לעבן. ער האָט אויך געשריבן אַ הסכמה אין דער פאָרם פון אַ שיר אויף די „שירי נעימות״ פון לעווין וויטקאָווסקי און אויף ספרים פון אַנדערע מחברים.

## ח.

## זיין פטירה, זיין משפחה.

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג איז אָפּגעווען רב אין קעניגסבערג פיר און דרייסיק יאָר און איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצע קראַנקהייט דאָנערשטיק י׳ ניסן (דעם 6-טן אַפּריל), צען אַזייגער אינדערפרי, אויף דעם אַכציקסטן יאָר פון זיין לעבן. פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אויף אים קיין הספדים נישט מאַכן און אין צוואה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט האָט ער אויסגעדריקט זיין וואונטש, אַז מען זאָל זי אין משך פון שלשים פאַרלייענען פאַרן עולם דריי מאָל אַ וואָך צו קריאת התורה. די צוואה האָט זיך געלייענט:

„שמעו נא אחי את דברי הנפטר לעולמו. אנכי הולך בדרך כל הארץ, בדרך רחוקה וצידה לדרך זה מעוטה מאוד אשר אקח אתי.

„זכור נא אחי ואל תשכח כי רק אדם הייתי בשגם הוא בשר, והבשר לא יכנע תמיד תחת ממשלת הרצון הטוב; ע״כ סלח ומחל לי אחי, אום אולם פגעתי בכבודך. הרוח שהיה קשור בגוש העפר המונח בקבר מבקש ממך שתסלח לו למען לא יוכרח לתת דין וחשבון גם על הטאתי נגדך בעת יעמוד לפני כם שופט כל הארץ. ובסלחך לי תחשב לך זאת לצדקה. גם אתם ראשי ומנהיגי העדה אנשי שלומי אשר הסיבותם עמדי. אולי לא מלאתי עבודת הצבור כראוי וע״כ היו תשלומי השכירות אשר קבלתי מכם בעד משרתי כגזל בידי; פן אשמתי בהוראתי להטריף דבר הכשר וגרמתי נזק ממון אשר על פי דין הייתי מחויב להשיב הנזק לבעליו, ע״כ מבקש אני מחילה וסליחה מכל אחד ואחד מכם לבלי אבא על כל אלה במשפט וכו׳.״

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג איז אויסער זיינע גאונות געווען אַ מאַן מיט אַ צאַרטער נשמה, אַ גוטער און פריינטלעכער מענטש און מחמת דעם האָט זיין טויט אַרויסגערופן טרויער אין פילע יידישע קהלות און מען האָט אים אומעטום מספיד געווען. אויך משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער האָט אים, אַפּנים, געמוזט טרעפן אין קעניגסבערג, ווען ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד זיך צו זען מיטן קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטן, צו בעטן חסד פאַר די רוסישע יידן, אַדער ווען ער

איז געווען אין פּאָזען, וואו ר׳ שלמה איגר האָט אים אויפגענומען, צוריקפאָרנדיק פון רוסלאַנד, האָט געשיקט אַ טריעסט־בריוו צו זיין פרוי. משה מאָנטעפיאָרע האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן.

ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג איז געווען פאַרהייראַט דריי מאָל און האָט איבער־געלאָזט אַן אַלמנה, פינף טעכטער, פון וועלכע איין טאָכטער, פירקא, איז געווען פאַרהייראַט פאַר ר׳ אברהם זאַמאָרא. די יונגסטע טאָכטער, אויף וועמענס חתונה ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אין דער צייט ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָט חתונה געהאַט נאָכן פאָטערס טויט און האָט זיך באַזעצט אין מעמעל. זיין שטיף־זון האָט געוואוינט אין בערלין אַלס סוחר און דער צווייטער, שמואל מעקלענבורג, איז געווען אַ געלערנטער און האָט געשריבן אין דעם „אָריענט" פון יוליוס פירסט איבער יידישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

אין באַצוג צו פריינדלעכקייט און הילף פאַר פרעמדע מענטשן איז ער געווען ענלעך צו זיין גרויסן פאָטער. עס האָט דאָן פּאַסירט, אַז דער זון פון ר׳ צבי הירש קאַצענעלענבאָגען, איינער פון די פּיאָנערן פון דער השכלה־באַוועגונג אין ליטע און פון די חשוב׳סטע בעלי־בתים אין ווילנע, וועלכן מען האָט אגב גערופן ר׳ הירשעל שמחה׳ס, שלמה קאַצענעלענבאָגען איז אַוועק שטודירן אין ברעסלוי. דער פאָטער איז נישט געווען צופרידן דערפון און האָט אים צוליב דעם נישט געשיקט קיין געלט. אָבער דער ברעסלויער ראַבינער אברהם גייגער און אויך דער יונגער חוואָלסאָן, נאָך דעמאָלט אַ ייד, וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט שטודירט אין ברעסלויער אוניווערזיטעט, האָבן אים מקרב געווען און געשיקט בריוו צום פאָטער ער זאָל שיקן זיין זון געלט. דער יונגער קאַצענעלענבאָגען האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צו שמואל מעקלענבורג, וועלכער האָט געוואוינט אין בערלין און ער האָט דעם פינפטן מערץ 1843 געשיקט אַ בריוו צו ר׳ הירשלען און אים געשילדערט די לאַגע פון זיין זון און אים געבעטן רחמים, ער זאָל שיקן באַטש דרייסיק טאַלער, אַז נישט ווילן איהם קרעדיטאָרן אריינזעצן אין געפענגעניש.

אַט די אַלע בריוו ווי אויך פיל אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן געפינען זיך אין ארכיוו פונם נישט־לאַנג־פאַרשטאָרבענעם יידישן היסטאָריקער, רעדאַקטאָר פון אַמאָליקן „פריינד" אין פעטערבורג, שאול גינצבורג. און אַט די אויבנדערמאָנטע בריוו ווייזן ארויס די האַרציקע באַציאונג וואָס די דאָרטיקע דייטש־יידישע געלערטע האָבן ארויסגעוויזן צו אַ ליטווישן יונגנמאַן וואָס איז אַוועק שטודירן אין אויסלאַנד. די זעלביקע באַציאונג האָט אברהם גייגער ארויסגעוויזן צום יונגן חוואָלסאָן ווען ער איז געקומען אין ברעסלוי שטודירן דירעקט פון ווילנע. ווען נישט גייגער וואָלט ער געשטאָרבן פון הונגער. ער האָט אים געשטיצט און געזאָרגט פאַר אים ווי פאַר זיינעם אַן אייגענעם זון. אַזוי ווי חוואָלסאָן האָט נישט געהאַט געענדיקט גימ־נאַזיום און ער האָט זיך געמוזט צוגרייטן צום עקזאַמען האָט גייגער געבעטן פער־דינאַנד לאַסאַל, וועלכער האָט דאָן געלערנט אין ברעסלויער גימנאַזיום, ער זאָל מיט אים לערנען אומזיסט און לאַסאַל האָט גייגערס בקשה דערפילט.

שמואל מעקלענבורג האָט, אַלזאָ, נישט פאַרשעמט זיין פאָטער נישט בנוגע יידישקייט, נישט בנוגע יידישער געלערזאַמקייט און נישט בנוגע גוטסקייט און פריינטלעכקייט צו מענטשן.

# ר׳ שמשון רפאל הירש

## א.

### זיין צייט און זיין פערזענליכקייט

דער נייצענטער יארהונדערט עפנט זיך פאר דעם יידישן גייסטיקן און רע־ליגיעזן לעבן אין דייטשלאנד מיט גרויסן שטורם. מענדעלסאן האט אנגעהויבן ארויסקוקן אויף דער אייראפעאישער וועלט בלויז דורך א קליינעם פענצטערל, אבער זיינע תלמידים און זיינע נאכפאלגער האבן אויפגעריסן די פענצטער מיט די טירן צוזאמען. די יידן, וועלכע זיינען נאך געווען אפגעזונדערט פון דער ארומיקער וועלט און האבן זיך געווארעמט ארום דעם פייער פון דער תורה, פון דער טראדיציע, האבן זיך א לאז געטאן מיט גרויסן אימפעט צו בילדונג, צו וועלטלעכער בילדונג. וואלט דער פראצעס געווען א לאנגזאמער, וואלט ער נישט געווען אזוי שעדלעך. דער איבערגאנג איז אבער געווען א צו־שנעלער, א צו־האסטיקער און מיט שטארקער קראפט און מחמת דעם האט זיך ביי פיל יידן אנגעהויבן דרייען דער קאפ.

די דאזיקע ענדערונג אין דעם יידישן דענקען איז פארגעקומען הויפטזעכלעך דורך דער ווירקונג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. עס זיינען אויך אנדערע היימישע, אינערלעכע פאקטארן געווען וואס האבן געטריבן יידן צו דער אויסער־לעכער וועלט, אבער פארבלענדעט זיינען געווארן זייערע אויגן פון דעם גלאנץ פון די נייע, פרייע אידייען, וואס האבן אנגעהויבן ארויסשיינען ביי די ברעגעס פון דער סעין. זיי האבן דערזען ווי עס זיינען מיט איינמאל צעשמעטערט געווארן אלע טראדיציעס וואס האבן אזוי פיל יארהונדערטע זיך געהאט אזוי פעסט איינ־געווארצלט אין דער וועלט; זיי האבן געזען אז אלע הייליקטימער זיינען צעבראכן געווארן; נייע לאזונגען, נייע אידייען האבן אנגעהויבן אויפשיינען אויף דער וועלט. די דייטשע יידן זיינען דעריבער אויך באגייסטערט געווארן פון דער אנגע־קומענער נייער עפאכע, וועלכע האט פרובירט אנצייכענען דעם וועג פאר א נייער ציוויליזאציע, פאר א נייער קולטור אין אייראפע. זיי האבן דעריבער געדענקט, אז פונקט אזא מין רעוואלוציע דארף אויך געמאכט ווערן אין יידנטום. אויב די קריסטלעכע וועלט קאן צעברעכן אלע טראדיציעס, פארוואס זאלן זיי עס אויך נישט טאן? איבערהויפט ווען מען נעמט אין אכט, אז די דאזיקע יידן האבן געדענקט, דאס נאכמאכנדיק די קריסטן וועלן זיי זיך גיכער דערנענטערן צו זיי,

גיכער באפריינדעט ווערן מיט זיי און דאס וועט ממילא ברענגען די דערלייזונג פון יידישן פאלק.

א סך יידן האבן אינגאנצן פארראטן זייער פאלק. כדי צו מאכן זייער לעבן באקוועמער, האבן זיי זיך דורך דעם טויף־וואסער אינגאנצן געלאזט אוועקשווימען ווייט פון יידישן לאגער. אויב די טראדיציע האט קיין ווערט נישט, אויב די אלע פארצוימונגען זיינען צעבראכן געווארן, דאן, האבן זיי געדענקט, לוינט זיך נישט צו מאכן האלבע טריט, דאן דארף מען אריבערגיין צום קריסטנטום און פארטיק. עס זיינען אבער געווען א סך וואס האבן נאך מורא געהאט צו מאכן אזא שריט, וואס האבן זיך נישט געקאנט אינגאנצן אפרייסן פון יידישן לאגער, פון זייער יידישער סביבה, פון זייערע יידישע פריינט, און האבן זיך דאריבער געמאכט בלויז ענלעך צו קריסטן. זיי האבן זיך אפגעזאגט פון יידישער טראדיציע, זיי האבן זיך אפגעזאגט פון דער יידישער תורה, זיי האבן זיך אפגעזאגט פון אלע יידישע חלומות און האפנונגען, זיי האבן זיך אפגעזאגט פון דער יידישער גאולה, פון ארץ ישראל און פון אלץ וואס איז ביי יידן געווען טייער און הייליק און האבן זיך פרובירט פארמאסקירן אלס קריסטן. זיי האבן געבויט טעמפלען ענלעך צו די קריסטלעכע. זיי האבן איינגעפירט גאטעס־דינסטן וואס זיינען אויך ענלעך געווען צו קריסט־לעכע, זיי האבן איינגעפירט קירכן־גלאקן, קירכן־מוזיק, קריסטלעכע כארן. אלץ וואס ס'איז געווען קריסטלעך איז אנערקענט געווארן פאר שיין, און אלץ וואס ס'איז געווען יידיש איז פארהאסט געווארן.

די יידישע ארטאדאקסישע וועלט איז אויפגעטרייסלט געווארן, אבער זי איז געווען עפעס ווי מאכטלאז. די אלטע ארטאדאקסישע רבנים, די טרעגער פון דער תורה, פון דער טראדיציע זיינען אין דעם גרויסן כאאס געבליבן שטיין אין הינטערגרונד. זיי האבן זיך פרובירט שטעלן אנטקעגן, אבער זיי זיינען געווען צו־שוואך. דער גייסטיקער שטראם פון דער נייער צייט האט פארפלייצט דאס גאנצע לאנד, און זיי זיינען נישט אימשטאנד געווען אט דעם דאזיקן שטראם צו צעברעכן, צו פארהאלטן. זיי האט אויך געפעלט די מאדערנע כלי־זין. די יידישע וועלט האט זיך איצט גענויטיקט אין א פערזענלעכקייט וואס זאל זיך קאנען אויס'טענה'ן מיט די נייע קולטור־טרעגער, וואס זאל קאנען רעדן אויף זייער שפראך, וואס זאל קאנען אריינדרינגען אין זייערע פעסטונגען, וואו שמד און אסימילאציע האט געהאט געבושעוועט אין פולער קראפט. און אט דער מאן איז ענדלעך געקומען. דאס איז געווען ר' שמשון רפאל הירש.

ר' שמשון רפאל הירש איז געווען א מאן פון טאט. ער איז אפשר נישט געווען א אזא לייכטער שווימער אין ים פון תלמוד. ער איז אפשר נישט געווען אזא שארפער מוח אין לומדות. ער איז אבער געווען א מאן פון גרויסן רעליגיעזן פייער; ער איז געווען א מאן פון גרויסן ענטוזיאזם, ער איז געווען א מאן פון גרויסער גייסטיקער און זיטלעכער קראפט; ער איז געווען א מאן א קעמפער און פון אנגרייפנדער נאטור. ער איז געווען באשאנקען מיט אזא צארטער נשמה, מיט אזא פיין־פילנד הארץ, אז אפילו זיינע געגנער האבן זיך געמוזט בויגן פאר אים. זיי האבן נישט געהאלטן מיט זיינע אידייען, אבער זיי האבן אים געמוזט פארערן פאר זיין שלימות, פאר זיין אמת'דיקייט.

ר׳ שמשון רפאל הירש איז געווען די דאָמינירנדע אָרטאָדאָקסישע קראַפט אין זיין צייט, וואָס האָט זיך געקאָנט שטעלן קעגן אַט דעם שוימענדן שטראָם. ער איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער, ער איז געווען מאָדערן אויסגעבילדעט, ער איז געווען אַ מייסטערהאַפטער אָרגאַניזאַטאָר, ער האָט פאַרמאָגט אַ פּראַקטפולע שפּראַך, ער איז געווען אַ שעפער און אַ בויער. ער האָט געהאַט געשאַפן נייע אידייען און ער האָט זיי פאַרשפּרייט דורך וואָרט און שריפט. ער האָט דאַריבער נישט בלויז געקעמפט קעגן די נייע ברעכער פונם יידנטום, נאָר ער האָט אויך געשאַפן נייע פּאָזיציעס, נייע פעסטונגען, נייע גייסטיקע פונקטן, צו וועלכע דער מעכטיקער אַסימילאַציאָנס־שטראָם זאָל נישט קאָנען דערגרייכן. ער האָט געהאַט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען נישט בלויז ווי אַזוי צוצוגיין צו מענטשן, נאָר ער האָט אויך געוואוסט וועלכן טיף־פאַרבאָרגענעם פּינטעלע ער דאַרף אָנרירן כדי מענטשן צו עלעקטריזירן, צו מאַגנעטיזירן. ער האָט געקאָנט אויפציטערן הערצער, ער האָט געקאָנט אַרויסנעמען די גיפט פונם מענטשן, ער האָט געקאָנט אויפקלערן געדאַנקען און האָט געקאָנט אויספיינערן, אָפּפּאָלירן די זיטן; ער האָט געקאָנט אויפוועקן פאַרשלומערטע נשמות און האָט געקאָנט די אומגעהובעלטע, אומגעשליפענע פאַר־זאַנגען פאַרוואַנדלען אין אַ הויכער עטישער קראַפט, אין בעל־תשובות.

ר׳ שמשון רפאל הירש האָט מיט זיין אומדערמידלעכן פייערדיקן קאַמף פאַר דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט געקאָנט פאַרגליכן ווערן צו די געציילטע יחידים פון יידישן פאָלק אין משך פון לאַנגע דורות. עס האָבן געקאָנט זיין פיל גרעסערע גייסטיקע כוחות ביי יידן, עס האָבן געמעגט זיין גרעסערע גייסטער, טיפערע, שאַרפערע מוחות; ס׳האָבן געקאָנט זיין באַדייטנדע קרעפטן אויפן געביט פון דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור; עס האָבן געקאָנט זיין פיל גרעסערע שעפערישע כוחות, אויף דעם געביט פון הלכה, וואָס האָבן מיט האָר־שפּאַלטנדע סברות און שאַרפן פּלפּול געקאָנט צוזאַמענברענגען צו איין פונקט אַלע עקן פון דער וועלט — ער איז אָבער דאָך געווען אַן אייגנטימלעכע פּערזענלעכקייט, אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע קראַפט מיט זיין האַרטנעקיקן קאַמף אויף איינצוהאַלטן און פאַרפעסטיקן דעם אַלטן יידישן געדאַנק, אויף אָפּצוהאַלטן די ריינקייט, די שיינקייט, זיטלעכע הויכקייט פון דער אומה.

עס איז געווען אַ שווערער קאַמף, אַ ביטערער קאַמף, נישט קיין גלייכער קאַמף. די פאַרשטייער פון דער נייער גייסטיקער באַוועגונג האָבן שנעלער געקאָנט צוציען צו זיך די שוואַכע, וואַקלדיקע נשמות. זיי האָבן געגעבן פרייהייט, זיי האָבן די יידישקייט לייכט געמאַכט, זיי האָבן פון די יידן פּרובירט אַראָפּנעמען אַ סך באַשרענקונגען. די פאַרשטייער פון דער נייער פרייער באַוועגונג האָבן פון די יידן נישט פאַרלאַנגט קיין שום קרבנות, זיי האָבן פון זיי נישט פאַרלאַנגט קיין תורה, קיין תלמוד, קיין מצוות מעשיות. זיי האָבן אַוועקגענומען די תפלות, זיי האָבן אַוועקגענומען דעם בית־המדרש, זיי האָבן אַוועקגענומען דעם שבת, די אַלע שוועריקייטן פון שבת, זיי האָבן אַוועקגענומען די כשרות — זיי האָבן אַוועקגע־נומען אַלץ וואָס האָט חס וחלילה געקאָנט שווער זיין פאַר אַ יידן און דאָך צוגעזאָגט עולם הבא דערפאַר. די פאַרשטייער פון דער נייער וועלט האָבן געדרייצט די אויגן פון די יידן מיט דעם אויסערלעכן גלאַנץ, מיט דעם פּאַראַד, מיט דער פּאָמפּע,

מיט דער נאָכגעמאַכטער, נישט־יידישער צערעמאָניע. דאָס איז די שוואַכע נשמות בעסער געפעלן געוואָרן. מיט זייער תורה איז זייער לייכט געווען צו זיין א ייד. ר' שמשון רפאל הירשס יידישקייט איז געווען א שווערע. ער האָט געמוזט קעמפן פאַר חומרות, פאַר סייגים פאַר אָפּהיטן דינים, די אומגעהייער גרויסע צאָל דינים. די פאַרשטייער פון דער נייער וועלט האָבן צוגעטראָגן די יידן א תורה וואָס הייסט נישט אָפּצוהיטן די דינים. ר' שמשון רפאל הירש האָט אָבער געמוזט שרייען, אַז מען מוז אָפּהיטן די אַלטע תורה, וואָס הייסט נישט טאָן אַלצדינג וואָס דאָס האַרץ געלוסט,א תורה וואָס הייסט יאָ אָפּהיטן אַלע דינים. ר' שמשון רפאל הירש האָט דאָ געהאַט א פיל שווערערע אויפגאַבע אין זיין קאַמף קעגן דער נייער ליבע־ראַלער שיטה אין יידנטום. דער גרויסער פייער וואָס האָט אין אים געהאַט געברענט, זיין גרויסער ענטוזיאַזם פאַר דער תורה, און זיין הויכע זיטלעכע פּערזענלעכקייט האָט אים געמאַכט פאַר א שטאַרקע ווירקנדע קראַפט קעגן דער פאַרפליצונג פון דעם נייעם רעליגיעזן ליבעראַליזם און זיין השפעה איז געוואָרן גרויס נישט בלויז אין זיין אייגענעם לאַנד נאָר אויך אין אַנדערע לענדער.

## ב.

## זיין יוגנט, שטודיום און אויפשוואונג

ר' שמשון רפאל הירש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין האַמבורג אין יאָר 1808, האָט זיך געהאַט דערצויגן אין א הויז, וועלכע האָט געהאַט געאָטעמט מיט תורה, מיט חכמה, מיט טראַדיציע, מיט אויסערגעוויינלעכער פרומקייט. דער פאָטער זיינער איז געווען א סוחר, זייער א פרומער, וועלכער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אַז דאָס קינד זאָל באַקומען די גויטיקע יידישע און וועלטלעכע אויסבילדונג. פון גרויסן איינפלוס אויף די אַנשויאונגען פונם יונגען פיינפילענדן הירש איז געווען זיין זיידע ר' מענדעל פראַנקפורטער, א זון פון ר' שלמה פראַקפורטער. ר' מענדעל פראַנקפורטער איז געווען א גרויסער למדן. צום אָנהויב האָט ער געהאַט געלערנט ביי זיין פאָטער אַליין, אָבער שפּעטער איז ער אַוועק אין דער ישיבה פון יונתן פּרעגער, וואו ער האָט זיך געהאַט אָנגעלערנט מיט א סך תורה. אָפּזייענדיק א געוויסע צייט אין דער ישיבה, האָט ער זיך גענומען אויך צו וועלט־לעכער בילדונג, און דאַן איז ער אָנגענומען געוואָרן אַלס לערער און דערציער אין שטוטגאַרט. ער איז אָבער אויך דאָרטן נישט געבליבן לאַנג. ער איז צוריק־געפאָרן אַהיים און האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַלטאָנער רב ר' יהודה לייב סאַלאַמאָן, ציפּורה. נאָך דער חתונה האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק קיין בערלין אויך אַלס לערער און האָט דאָרטן דערביי אַרויסגעגעבן דעם „ספר תורת הבית להרשב"א". ער האָט זיך אָבער ענדלעך אומגעקערט אַהיים, וואו ער האָט זיך אַחוץ זיין פּריוואַטע באַשעפטיגונג זייער פיל אָפּגעגעבן מיטן פאַרשפּרייטן תורה. ער האָט געגרינדעט די גרויסע תלמוד תורה אין האַמבורג און האָט זיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן צו מאַכן פון דער דאָזיקער שולע א צענטער

פון תורה און חכמה, וואס זאל זיין א מוסטער פאר אנדערע שטעט. פאר אט די אלע לייסטונגען האט אים די שטאט געהאט באשטימט אלס ראש אב בין דין אין אלטאנא, ער האט זיך אבער אויסדריקלעך אפגעזאגט צו נעמען שכירות, אנגייענדיק ווייטער מיט זיין ארבעט, פון וואס ער האט געהאט געצויגן חיונה. פארן טויט האט ר׳ מענדעל געלאזט א צוואה, אין וועלכער ער האט געהאט באשוואוירן זיינע טעכטער, אז זיי זאלן נישט גיין מיט די אייגענע האר און זאלן שטרענג אפהיטן די כשרות אין הויז. די זין ווידער האט ער געהאט אנגעזאגט, אז זיי זאלן נישט דורכלאזן א טאג צו לערנען תורה, זאגאר ווען זיי זאלן לערנען בלויז א האלבע שעה טעגלעך.

אויסער די השפעה וואס דער יונגער הירש האט געהאט באקומען פון זיין פרומען און געלערנטן זיידן ר׳ מענדעל, האט אויף אים געהאט א געוואלדיקע ווירקונג זיין רבי ר׳ יצחק בארנאים, וועלכער איז געווען אנגעקומען אין האמבורג אלס אויבערראבינער, אדער חכם, אין יאר 1821, דאמאלס ווען דער יונגער הירש האט געהאט געפייערט זיין בר מצוה. ר׳ יצחק בארנאים איז געווען א מאן פון אלטן שניט, אבער צוגעפוצט מאדערן. ער האט געהאט געלערנט תלמוד ביי ר׳ אברהם בינג און אין זיינע סטודענטישע יארן, אין ווירצבורג, איז ער געווארן פארקאכט אין פילאזאפיע. ר׳ יצחק בארנאים איז געווען, אזוי צו זאגן, דער ערשטער דייטשער רב, וועלכער האט געהאט פאראייניקט אין זיך אויף א זייער הארמאנישן אופן א סך תורה און חכמה, א סך לומדות און אלגעמיינע וויסנשאפט. בארנאים איז געווען דער מייסטער פון ווארט. ער איז געווען א וואונדערבארער רעדנער. ער האט געהאט דעם גרויסן טאלאנט צו קאנען צושמידן דעם עולם. ער איז אייגנטלעך נישט געווען קיין פאלקס-רעדנער פאר די ברייטע מאסן. ער איז געווען דער רעדנער פאר העכערע, געבילדעטע שיכטן, וואס נישט אלע זיינען געווען אימשטאנד נאכצופאלגן, צו כאפן. דאך האט ער געהאט א ווירקונג אויף דעם ברייטן עולם, וועלכער איז געווען באגייסטערט פון אים. און אט דער בארנאים איז עס געווען וואס האט געהאט אויסגעאיבט אויף הירשן אזא גרויסן איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון זיינע אנשויאונגען און זיינע געשמאקען. ער האט אים זאגאר דערמונטערט צו ווערן רב, צו לערנען אויף רבנות, און באמת איז טאקע הירש געווען א מין קאפיע פון זיין גרויסן רבי׳ן, וועלכער האט, ליידער, נישט לאנג געלעבט.

עס איז געווען א צייט ווען דער יונגער הירש איז געווען אנגעקומען אין א געשעפט. ער האט אבער נישט געקאנט געפינען קיין שום באפרידיגונג אין געשעפט און איז בעסער אריין אין גימנאזיום זיך פארצובארייטען צו העכערער בילדונג און גלייכצייטיק האט ער אויך געלערנט גמרא און תנ״ך ביי ר׳ יצחק בארנאים.

צו צוואנציק יאר האט הירש פארלאזן האמבורג און איז אוועק קיין מאנהיים, וואו ר׳ יעקב עטלינגער האט געהאט א גרויסע ישיבה. אויף דער רייזע האט ער זיך געהאט אפגעשטעלט אויף צוועלף טעג אין פראנקפורט-אם-מאין און איז דורך זיין פאטערס א גוטן פריינט פארגעשטעלט געווארן פארן באראן אנשעל ראטשילד, וועלכער האט אים געהאט איינגעלאדן צו א מיטאג. דער צוואנציק-יעריקער הירש

האָט דאַמאָלס געמאַכט אַזאַ גרויסן איינדרוק אויף ראָטשילדן, אַז ווען די אָלדענ־בורגישע רעגירונג האָט ביי אים געבעטן ער זאָל אָנווייזן אויף אַ פּאַסיקן רב פאַר אָלדענבורגער פירסטענטום, האָט ער תיכף פאָרגעשלאָגן דעם יונגען הירש. אין פראַנקפורט האָט ער זיך דאַמאָלס געהאַט באַקענט אויך מיט די פאָרשטייער פון די אינטעלעקטועלע קרייזן, קעגן וועלכע עס איז אים שפּעטער אויסגעקומען זייער ביטער צו קעמפן.

אין מאַנהיימער ישיבה האָט הירש פאַרבראַכט בלויז איין יאָר. ער האָט זיך אָבער דאָרטן אויסגעצייכנט אין לערנען און איז געווען שטאַרק באַליבט ביים ראש הישיבה. דאָס קאָן מען זען דערפון וואָס זיין רבי ר׳ יעקב עטלינגער האָט ביי אים אָנגעפרעגט שפּעטער אַ סך שאלות.

פון מאַנהיים איז ער אַוועק קיין באָן, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער דאָר־טיקער אוניווערזיטעט. זיין דורשט נאָך וויסנשאַפט, זיין שאַרפער קאָפּ און זיין אויסערגעוויינלעכע התמדה איז געווען פון אַזאַ באַדייטנדער קראַפט, אַז ער האָט דערוואָרבן אין איין יאָר צייט מער וויסנשאַפט ווי מאַנכע אַנדערע אין מערערע יאָרן. אין משך פון אָט דער צייט וואָס ער איז געווען אין באָן האָט ער זיך באַקענט מיט אַנדערע יידישע סטודענטן, וועלכע האָבן געהאַט געהערט צו אַן אַנדער ריכ־טונג ווי ער. הירש איז געווען גאַנץ אין זיין גלויבן, אין זיין פירונג. אים האָבן נישט געפרעסן קיין ספקות. די בילדונג האָט אים נישט צעבראָכן. די וויסנשאַפט האָט אים לחלוטין נישט געשטערט צו גיין אויף די אַלטע וועגן פון דער מסורה. ביי אים איז אַלץ געווען קלאָר, פאַרשטענדלעך, נאַטירלעך און לאָגיש. ביי אים איז די חכמה געווען בלויז אַ מיטל צו פאַרטיפערן און צו פאַרשטערקערן דעם יידישן געדאַנק. יענע סטודענטן זיינען געווען אומרואיקע נאַטורן, סקעפּטיקער. די וויסנשאַפט האָט זיי אָראָפּגעריסן פון די רעלסן. עס איז ביי זיי געווען אַ מין „ויתרוצצו” צווישן דאָס אַלטע און צווישן דאָס נייע. מאַנכע האָבן הויפּטזעכלעך געהאַט געשטרעבט צו קאַריערעס, נאָך מאַכט, באַרימטקייט, וואָס איז אין דייטש־לאַנד שטענדיק געווען שווער צו דערגרייכן. צווישן די מער דענקענדע און געביל־דעטע יונגע סטודענטן פון יענער צייט איז געווען נישט קיין קלענערע פּערזענ־לעכקייט ווי דער פּאָטער פון דער שפּעטערער רעפאָרם־באַוועגונג אברהם גייגער.

הירש האָט זיך געהאַט זייער שטאַרק צוגעבונדן צו דעם דאָזיקן דענקענדן גייגער. ער האָט אין אים געזען אַ מאַן מיט אידייען. און מיט דער צייט איז זייער פרוינטשאַפט נאָך שטאַרקער געוואָרן. זיי האָבן אַפילו געלערנט גמרא צוזאַמען. ביי דיביידע יונגעלייט איז דאַמאָלס אַנטשטאַנען אַ געדאַנק, אַז עס וואָלט געווען זייער ווינטשנסווערט צו גרינדן אַ געזעלשאַפט פון די אַלע טעאָלאָגישע סטודענטן אין באָנער אוניווערזיטעט, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן מיט דעבאַטירן געוויסע יידישע רעליגיעזע פּראָבלעמען. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן, און אַלע שבת פלעגן זיך די סטודענטן צונויפקלייבן ביי גייגערן אין צימער צו האַלטן רעדעס און צו דיסקוטירן יידישע ענינים. דער ערשטער וואָס האָט געהאַלטן אַ רעדע אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז געווען הירש. הגם גייגער האָט געהאַט אַנדערע מיינונגען ווי הירש איז ער דאָך באַגייסטערט געווען פון זיין עלעגאַנטן רעדן, פון זיין קלאָרקייט און פון זיין שאַרפן קאָפּ. באמת זיינען שוין די ביידע

יונגעליים, שפּעטער יידישע פירער פון גרויסן איינפלוס, געשטאַנען דאַמאָלס ווייט איינער פון דעם אַנדערן אין זייערע אַנשויאונגען אויף רעליגיע. זיי זיינען שוין דאַמאָלס געגאַנגען אויף גענגזעצלעכע ריכטונגען און עס האָט יעדע מינוט געקאָנט קומען אַ קאַטאַסטראָפע וואָס זאָל צעברעכן זייער פריינטשאַפט. אָבער אַזוי ווי ביידע האָבן דאַמאָלס געהאַט געלערנט גמרא צוזאַמען אין אַ משך פון צוויי סע־מעסטערס און האָבן זיך געהאַט אויסגעטוישט מיט מיינונגען אויף אַ פריינטלעכן אופן איז זייער פריינשאַפט נישט צעריסן געוואָרן. זיי האָבן זיך געשעצט איינער דעם אַנדערן און האָבן זיך זאָגאר ליב געהאַט. גייגער האָט אפילו אין די שפּע־טעריקע יאָרן נישט געקאָנט פאַרגעסן די שיינע, אַנגענעמע טעג און נעכט, ווען ער האָט געהאַט פאַרבראַכט מיט הירשן אין באָן. אַפילו אין דעם שפּעטערדיקן קאַמף קעגן די אָרטאָדאָקסיע און קעגן רעפאָרם האָבן זיי זיך נישט שאַרף געקריגט. ווען דאָס שיקזאַל האָט געוואָלט אַז ביידע פירער זאָלן זיצן אין איין שטאָט — אין פראַנקפורט־אַם־מאַי׳, האָבן זיי זיך בלויז געהאַלטן פון ד׳ערווייטנס און האָבן שטע־דיג אויסגעמידן אַ קריג.

אין יאָר 1830 האָט הירש פאַרלאָזן די אוניווערזיטעט אין באָן און איז אופגענומען געוואָרן אַלס לאַנד־ראַבינער פון אָלדענבורגער פירסטענטום. נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען, איז ער שוין אָבער דאַמאָלס געווען אַ פאָלקאָמען רייפער מענטש, קערפּערלעך און גייסטיק. מען האָט שוין דאַמאָלס געזען אַז דאָס וואַקסט אַ בעדייטענדע קראַפט, אַ פּערזענלעכקייט אין יידנטום.

ג.

## שאַפונג און ווירקונג

ר׳ שמשון רפאל הירש האָט נישט געהערט צו יענע שיין־רעדנער, וועלכע זיינען שטאַרק צופרידן פון זיך, הערנדיק די לויב־געזאַנגען פון עולם; ער איז נישט געווען פון יענע, וועלכע גייען אַוועק נאָך זייער הויכווירדיקער דרשה אַהיים זיך צוצולייגן אויף דער ווייכער זאַפע. ר׳ שמשון איז געווען דער מענטש פון טאַט, פון מעשים. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אוממיטלבאַר. דער עולם האָט אים געהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. אָבער דאָס אַליין איז פאַר אים ווייניק געווען. ער האָט געוואָלט אויפבויען, פאַרשטאַרקן דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום. ער האָט געוואָלט נישט בלויז פּרעדיקן די תורה, נאָר פאַרשפּרייטן די תורה, איינפלאַנצן די תורה. עס איז דאַריבער געפאָרן איבערן לאַנד צו פאַרשטאַרקן די שולן, פאַרפעסטיקן דעם טראַדיציאָנעלן חינוך, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין וואַקלען, אַ דאַנק דעם אויפשוואונג פון דעם נייעם ליבעראַלן יידנטום. אויסער דעם האָט ער זיך פאַרמאַסטן אויף אַ ריזן־אַרבעט צו איבערזעצן די משנה אויף דייטש, וואָס ער האָט אויך געטאָן, און אַליין, איינער אַליין געטאָן. ער האָט איבערזעצט די משנה און געשיקט בויגנס־ווייז צו די לערער פון זיינע געמיינדעס, ער האָט אַליין איבערגעשריבן עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון זיי און צוגעשיקט צו די לערער

און צו די תלמידים, כדי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען די תורה שבעל פה. אָבער אויך דאָס האָט ער נישט געהאַלטן פאַר גענוג. דען מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער געווירקט בלויז אויף אַ געווויסן קרייז, אויף אַ געוויסער געגנט. זיין ציל איז אָבער געווען צו ווירקן אויפן גאַנצן דייטשן יידנטום, אויף אַלע יידן וואו זיי געפינען זיך, זיי זאָלן נישט באַאיינפלוסט ווערן פון דעם ליבעראַלן יידנטום, וועלכע אַברהם גייגער און זיינע אָנהענגער האָבן שוין דאַמאָלס אָקאָרשט אָנגע־הויבן צו פּרעדיקן. ער האָט זיך דאַן גענומען צו אַן אַנדער שעפערישן געביט, צו שריפטלעכער אַרבעט, און צוויי בריליאַנטענע ווערק זיינען דאַמאָלס פון אים געשאַפן געוואָרן. דאָס זיינען געווען „די ניינצן בריוו פון בן עוזיאל", און דער „חורב". אייגנטלעך האָט ער דעם „חורב" געהאַט געשריבן פריער פאַר די „ניינצן ברייו", דערשינען זיינען אָבער די „בריוו" פריער צוליב דעם פאַרלאַנג פון פאַר־לעגער.

די דאָזיקע ספרים זיינען געווען מייסטערווערק לויט זייער קאָנסטרוקציע, זייער קינסטלערישער שפּראַכלעכער פאָרם און זייער גייסטרייכן אינהאַלט. די ניינצן בריוו זיינען געווען די העכסטע געזאַנגען פאַרן טראַדיציאָנעלן יידנטום, פאַר דער תורה, פאַר דער יידישער עטיק. מיט זיין טיפער עמפינדונג פאַר שיינקייט און מיט זיין שיינעם גייסט האָט ער פּרובירט באַווייזן אַז די געזעצן פון תורה שטייען לחלוטין נישט אין געגנזאַץ צו פלעבן, אַז זיי זיינען כלומר'שט נישט צו־געפּאַסט צום לעבן. פונקט פאַרקערט. דוקא די הויכע עטיק פון דער תורה, די אַלע געבאָטן פון פאַרבאָטן זיינען פון העכסטן מאָראַלישן ווערט און ערשט דורך זיי קאָן מען דערגרייכן צו פאָלקאָמענהייט. ערשט דורך זיי קאָן מען דערגרייכן צום לעבן, — צו אַ לעבן פון שיינקייט, צו אַ לעבן פון פרייד. אָבער כדי צו פאַרשטיין, צו פילן און איבערצולעבן די גרויסקייט פון יידנטום מוז מען לערנען תורה, מוז מען לערנען תלמוד, מדרש. מען מעג אויך לערנען וויסנשאַפט; מען מעג אויך מיטנעמען צוהילף די וויסנשאַפט אויף צו דערגרייכן די שיינקייט פון יידנטום. פריער פון אַלץ מוז אָבער ביי יעדן איינציקן פעסטגעשטעלט ווערן דער אמת פון די כתבי הקודש, פון תלמוד, וואָס זיינען דער יסוד היסודות פון יידנטום. די תורה איז דער העכסטער אמת און ס'איז נישט נויטיק צו פרעגן קיין שאלות. מהאי טעמא איז הירש געווען קעגן רמב"ם, וואָס האָט פּרובירט שאַפן אַ פאַריינט־שאַפט צווישן דער תורה און וויסנשאַפט. ער האָט מער געהאַלטן פון ר' יהודה הלוי און דעם רמב"ן, וועלכע זיינען, לויט זיין מיינונג, געווען גאַנצער, פעסטער. הירש האָט געהאַלטן אַז דער וואָס צווייפלט אין דער עכטקייט פון דער תורה, דער וואָס צווייפלט אין איר אמת, דער שטייט אויסער די גרעניצן פון יידנטום.

די זעלבע רעיונות אין אַ שטאַרקערער און פאַרברייטערטער פאָרם פירט הירש דורך אין זיין „חורב", וואו ער באַלויכטעט די תרי"ג מצוות. דאָס דאָזיקע ווערק האָט ער געהאַט געשריבן פאַר דער יוגנט. הירש איז געווען אַ גוטער פּסיכאָלאָג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס יידנטום, כדי אויפצוקלערן דעם מהות פון יידנטום מוז מען פאַנגען די הערצער און די מוחות פון דער יוגנט, וועלכע איז מער עמפינדלעך פאַר הויכע אידייען, פאַר שיינע אידייען. ער האָט אין דעם דאָזיקן ווערק אַריינגעלייגט זיין גאַנצן טאַלאַנט, זיין גאַנצן פייעריקן ענ־

טוזיאזם. ער האָט געוועקט דעם געדאַנק, ער האָט גערייצט די פאַנטאַזיע. פון יעדער שורה זיינער האָט געוויט מיט ליבע, מיט מאָרגן־פרישקייט און מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער עולם איז אויפגעציטערט געוואָרן.

דער רושם פון זיינע שריפטן איז באמת געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק. דאָס זיינען געווען שריפטן וואָס האָבן געמאַכט אַן עפּאָכע. די געדאַנקען זיינען געווען ניי, דערמונטערנדיק, באַגייסטערנדיק און דערפרישנד. די שריפטן זיינען געלייענט געוואָרן פון אַלע קלאַסן, פון די העכסטע ביז די נידעריקסטע. מען האָט זיך פון זיי נישט געקאָנט אָפּרייסן. די שריפטן זיינען פאַר זיי געווען אַ מין התגלות, דען זיי האָבן ביז איצט כמעט נישט געהאַט קיין שום באַגריף וואָס דאָס איז אַזוינס די יידישקייט. זיי האָבן זיך געהאַט פאָרגעשטעלט אַז יידישקייט איז אַזאַ בין אַבערגלויבעריי, וואָס האָט נישט קיין שום גרויסקייט, וואָס האָט נישט אין זיך קיין שום שיינקייט , וואָס האָט נישט קיין אידייען, וואָס האָט נישט קיין אידעאַלן, וואָס איז בלויז אַזאַ מין טויטע, אָפּגעלעבטע זאַך, וואָס גייט אַזוי איבער בירושה פון דור צו דור. דאָ האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערזען אַז יידישקייט איז די העכסטע עטיק, אַז די גאַנצע גריכישע שיינקייט איז בלויז אַ מין „פאָרשטופּע" צו דער יידישער שיינקייט, וואָס איז דורכגעוועבט מיט גרויסע אידעאַלן. אויב זיי האָבן זיך אַזאַ יידישקייט גאָרנישט געהאַט פאָרגעשטעלט, איז דאָס ביי זיי געווען אַ פאָלקאָמענע אַנטדעקונג.

די עלעקטריזירנדע ווירקונג פון זיינע שריפטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט פאַרכאַפּט אַפילו דעם סקעפּטישן און אַנטטוישטן יונגען גרעץ. גרעץ האָט געהאַט שטודירט, געלערנט, ער איז אָבער געווען, אַזוי צו זאָגן, פאַרצווייפלט, עס האָט אים געפעלט אמונה אין עפּעס, עס האָט אים געפעלט אינספּיראַציע. הירשס שריפטן האָבן אים דערוואַכט צו אַ נייעם לעבן. ער איז אים פון באַגייסטערט געוואָרן. ער האָט אין אים דערזען דעם מאַן וואָס קאָן אים אויפהויבן, וואָס קאָן אים אויסלייטערן, וואָס קאָן אים געבן די ריכטונג. גרעץ שרייבט אים בריוו, און הירש לאַדעט אים איין צו זיך. ער האָט אים אַריינגענומען צו זייך אין הויז, האָט אים באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס ער האָט נויטיק געהאַט, און גיט אָפּ פיל צייט מיט אים צו לערנען. ער האָט זיך באַצויגן צו גרעצן ווי צו אַן אייגן קינד, דען אויסער דעם וואָס ער האָט געהאַט מיט אים געלערנט תורה, האָט ער נאָך אויפגעפּאַסט אויף זיין מאָראַלער און רעליגיעזער אויפפירונג. דריי יאָר צייט האָט גרעץ פאַר־בראַכט אין הירשס הויז און האָט שפּעטער מיט גרויס דאַנקבאַרקייט דערמאָנט די שיינע טעג וואָס ער האָט געהאַט פאַרבראַכט אין הירשס הויז. ער האָט זאָגאַר זיין ערשטן ווערק „גנאָסטיציזם און יודאַאיזם" געווידמעט מיט דאַנקבאַרקייט און ליבע צו זיין „אומפאַרגעסלעכן רבי און פאַטערלעכן פריינט". די פריינטלעכע באַ־ציאונגען זיינען אַפילו מיט יאָרן שפּעטער אָפּגעקילט געוואָרן, דען גרעץ איז אַוועק, לויט הירשס מיינונג, נישט אויף דעם גראַדן וועג, אָבער די ווירקונג וואָס הירש האָט אויף אים געהאַט איז געווען פון אויסערגעוויינלעכער שטאַרקייט.

מיט אַ צייט שפּעטער, נאָך זייענדיק אין אָלדענבורג, האָט הירש אַרויסגעגעבן נאָך צוויי קלענערע ליטעראַרישע שריפטן, וועלכע זיינען אויך באַטראַכט געוואָרן אַלס מייסטערווערק. איינע איז געווען אַ שאַרפע קריטיק אויף די רעפאָרמער־

וועלכע שאפן א נייע אומאנהאלטבארע רעליגיע און באצייכענען נאר, צום אומ־גליק, זייער נייע רעליגיע אלס יידנטום. די אנדערע איז געווען געריכטעט קעגן דעם ליטעראטור־היסטאריקער אדאלף שטאהר, דירעקטאר פון גימנאזיום אין אלדענבורג, וועלכער האט געהאט ארויסגעלאזן אן אנאנימען פאמפלעט קעגן דער ביבל. אויך הירש האט אויף זיין פאמפלעט נישט אנגעגעבן זיין נאמען. אבער ווי נאר מען האט זיך דערוואוסט ווער דער מחבר איז האט דער גרויסהערצאג פון אלדענבורג געשיקט זיינע אדיוטאנטן צו הירשן אויסצודריקן זיין דאנקבארקייט פארוואס ער האט אזוי ווארעם פארדייטיקט די ביבל, וועלכע איז אויך הייליק ביי די קריסטן. און נישט בלויז דער גרויסהערצאג, נאר אפילו די געבילדעטע און נישט־געבילדעטע קריסטען פון שטאט, זיינען געקומען צו אים אין הויז אויסדריקן זייער דאנקבארקייט פארן פארטיידיקן די ביבל. דאס איז גראד געווען ערב שבת, ווען די קריסטן האבן זיך דערוואוסט דעם נאמען פון דעם ביבל־פארטיידיקער, און די מאסע גראטולירער איז געווען אזוי גרויס, אז די רבי'צן האט געמוזט אנ־ווענדן אלע אירע כוחות און אלערליי מיטלען צוריקצוהאלטען דעם שטורם פון די באזוכער, ווייל זי האט מורא געהאט, אז זי וועט צוליב דעם נישט קאנען בענטשן ליכט אין דער צייט.

עלף יאר האט ר' שמשון רפאל הירש פארבראכט אין אלדענבורג. ער איז געווען פארערט נישט בלויז ביי די יידן, נאר אויך ביי די קריסטן, וועלכע האבן באדויערט וואס ער גייט אוועק פון זיי. אין יאר 1841 איז ער אויפגענומען גע־ווארן אלס רב אין עמדין. דא האט ער געהאט פיל מער צו זארגן פאר דער קהלה, דען די יידן אין עמדין זיינען געווען ארים, אבער ער האט זיך פאר קיינע שוועריקייטן נישט אפגעשטעלט. ער האט פרובירט אויסבעסערן נישט בלויז דעם מאראלישן צושטאנד, נאר אויך דעם מאטעריעלן צושטאנד פון זיינע ברידער. פינף יאר האט ער אומדערמידלעך געארבעט אין עמדין. עס זיינען געווען גענוג אנגעלעגנהייטן דארטן צו דערלידיקן, און דאס אלץ האט ער אליין געמוזט טאן. ער האט דארטן זאגאר געגרינדעט א ליי־קאסע, וואס איז געווען, אזוי צו זאגן, די ערשטע אין לאנד, צו געבן הלוואות אהן פראצענט אויף גאנץ קליינע ראטעס. די קאסע האט קיינמאל נישט פארלוירן קיין גראשן. אלע האבן געצאלט צו דער צייט און דאס איז געווען א דאנק דעם פארטרויען וואס ער האט אין זיי איינ־געפלאנצט.

צופיל איז ר' שמשון רפאל הירש געווען פארנומען מיט די שטאטישע ענינים און האט דעריבער ווייניג וואס געקאנט שאפן. בלויז איין שריפט האט ער געהאט ארויסגעגעבן, וועלכע איז געווען געריכטעט קעגן האלדהיימען און אנדערע פון זיינע חברים. כאטש ער האט זיך שוין געהאט גוט איינגעלעבט אין שטאט און איז געווען, זעלבסטפארשטענדלעך, שטארק פארערט און באליבט, האט ער דאך ענדע יאר 1846 אנגענומען דעם כסא הרבנות פון ניקאלסבורג והגליל, וועלכע איז בארימט געווען מיט אירע רבנים.

## ד.

## רב הכולל פון מעהרען און שלעזיען

די כסא הרבנות אין ניקאָלסבורג, וואָס האָט אייגנטלעך געהאַט אַרומגענומען גאַנץ מעהרען און עסטרייכיש שלעזיען, איז פון שטענדיק אָן באַטראַכט געוואָרן אַלס גרויסער כבוד, אַלס גרויסע זכיה אין דער רבני'שער וועלט. ניקאָלסבורג האָט פאַר הונדערטער יאָרן געהאַט גע'שמ'ט מיט אירע גאונים, מיט אירע גרויסע רבנים, וועלכע זיינען באַרימט געווען אין דער יידישער וועלט. דאָרטן איז געווען ר' פתחיה פון וואָרמס, דאָרטן איז געווען ר' מנחם מענדעל קראָכמאַל, ר' יום טוב ליפמאַן העליר, ר' יהודה ליב בר' בצלאל, ר' מרדכי בענעט. דאָרטן האָבן פאַר אַ געוויסער צייט פאַרבראַכט דער ש"ך און דער רמ"א. דאָרטן איז אויך געווען ר' דוד בר' אברהם אָפּענהיים — אַלע גרויסע פּערזענלעכקייטן אין תורה און חכמה.

צו יענער צייט איז דער רב הכולל פון ניקאָלסבורג געווען ר' נחום טרעביטש, אויך אַ גדול אין זיין דור. אין יאָר 1842 איז ר' נחום געשטאָרבן און די שטאָט איז געבליבן אָן אַ רב. פינף יאָר צייט האָבן די בעלי־בתים געזוכט אַ רב, וואָס זאָל זיין נישט בלויז אַ גרויסער גאון, נאָר אויך אַ פירער פון דער קהלה, וואָס זאָל מיט זיין וואָרט אויסאיבן אַן איינפלוס אויף דעם יידנטום פון מעהרען און שלזעיען. וואָרים דעמאָלט האָט דער נייער גייסט פון דער צייט שוין געהאַט אַריינגעדרונגען אויך אין די פאַרשפּאַרטע און אַרומגעצוימטע הייזער פון דער געטאָ. די אַלטע רבנים האָבן דאָס אַלץ צוגעזען. זיי האָבן געזען ווי אַזוי דער ליבעראַלער, רעפאָרם־גייסט אין יידנטום האָט גענומען אונטערהאַקן די וואָרצלען פון דער יידישער אמונה. אָבער זיי האָבן גאָרנישט געטאָן קעגן דעם. זיי האָבן די רעפאָרמער מבטל געמאַכט און האָבן זיך געהאַט אָפּגעזונדערט פון זיי אויף מיילן ווייט, מיינענדיק, אַז דערמיט אַליין וועט שוין די רעפאָרם־באַוועגונג פאַרשוואונדן ווערן. אַזעלכער ווידער, וועלכער זאָל זיין געבילדעט און אָרטאָדאָקסיש צוגלייך, וואָס זאָל קאָנען אויף אַ מאָדערנעם אופן און אין אַגרעסיווער פאָרם אָפּשוואַכן די ווירקונג פון די רעפאָרמער — אַזעלכער איז דעמאָלט דאָרטן נישט געווען בנמצא.

עס איז זעלבספאַרשטענדלעך, אַז אויף אַזאַ באַדייטנדער שטעלע, אויף אַזאַ גרויסע רבנות האָבן קיין קאַנדידאַטן נישט געפעלט. עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן די נעמען פון באַרימטע גדולים, פון גרויסע גאונים. די ניקאָלסבורגער בעלי־בתים האָבן געהאַלטן אין איין קלייבן און האָבן זיך אין משך פון פינף יאָר צייט נישט געקאָנט צוקלייבן קיין רב. ר' שמשון רפאל הירש איז שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט נישט בלויז אין זיין אייגענעם לאַנד. ער איז געווען באַוואוסט נישט בלויז אַלס גרויסער למדן און ירא שמים, נאָר אויך אַלס אַ געבילדעטער מענטש, אַלס פייערדיקער רעדנער, אַלס באַדייטנדע פּערזענלעכקייט מיט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס. די ניקאָלסבורגער בעלי־בתים האָבן דעריבער געדענקט, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס פּאַסט פאַר זיי, וועלכן זיי דאַרפן האָבן אין דער

איצטיקער געפאלענער צייט, אין דער צייט פון מאראלישער און רעליגיעזער דעקאדאנס און מחמת דעם איז דער גורל געפאלן אויף אים, אז ער זאל זיין דער גייסטיקער פירער פון מעהרען און שלעזיען.

דאס לאנד איז געווען צופרידן פון דעם אויסוואל און אלע האבן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אנקומען פונם מאן, פון וועלכן זיי האבן געהערט אזעלכע גרויסע טאטן און אז ער איז באליבט געווען אין אלע קהלות, וואו ער האט געהאט פארבראכט. עס פארשטייט זיך, אז ר׳ שמשון רפאל הירש איז געווען זייער צופרידן פון דער נייע שטעלע, וואס מען האט אים געהעט פארגעלייגט. דען ער האט גאנץ גוט געוואוסט, וואס פאר א ראלע די שטאט ניקאלבורג האט געהאט געשפילט אין דער ארטאדאקסישער וועלט, וועלכע גאונים עס זיינען דארטן געזעסן אויף דער כסא הרבנות.

ר׳ שמשון רפאל הירש האט ביי זיין אנקומען אין ניקאלסבורג באקומען אן אמת קעניגלעכן קבלת פנים. פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך ארום זיינען אנגעקומען מאסן מענטשן אנצוקוקן דעם בארימטן רב, פון וועלכן מען האט דער־ציילט גאנצע וואונדער. די גאסן זיינען געווען געפאקט מיט מענטשן. די הייזער זיינען געווען דעקארירט. מ׳האט אים באגלייט צו דער שול מיט א פאקל־צוג. עס זיינען געקומען פילע אידישע פארטרעטער פון דער פראווינץ. עס זיינען גע־קומען רעגירונגס-פארשטייער, זאגאר דער רעפארם־ראבינער פון ווין, דר. מאנ־היימער, איז עקסטרא געקומען צו פארן אים צו אינסטאלירן אלס רב און אויך דער בארימטער חזן זולצער איז געקומען מיט זיין כאר קיין ניקאלסבורג לכבוד ר׳ שמשון רפאל הירש. א גאנצע וואך איז יום־טוב געווען. מען האט זיך געהאלטן אין איין משמח זיין, וואס די שטאט האט באקומען אזא גרויסן רב.

דער פאראד איז אוועק. די פאקעלן האבן זיך אויסגעלאשן. די גוזאנגען האבן אויסגעהויכט דעם לעצטן טאן און עס איז אנגעקומען די ארבעט — די פשוט׳ע, וואכעדיקע ארבעט. דען ר׳ שמשון רפאל הירש איז נישט געקומען קיין ניקאלסבורג צוליב כבוד און צוליב פאראדן. ער איז געקומען טאן, שאפן, בויען. ער איז געקומען צו ווירקן אויף דער צייט, אויף דער גאנצער געמיינדע, וועלכע זאל נישט האבן געווען אינגאנצן אין ארדענונג. ער איז בכלל נישט געווען דער מאן פון זיצן ליידיק און לאזן די צייט גיין אזוי ווי זי גייט. בפרט נאך דא, אין ניקאלסבורג, וואו ארבעט איז נויטיק געווען, וואו מען האט נישט געטארט פאר־נאכלעסיקן א טאג, וואו מען האט געדארפט ארויסרייסן די יידישע יוגנט פון די שמד-הענט. ער האט פארנומען די מאכט און געפרווט ארויסווייזן זיין קראפט, אלץ מיט דעם צוועק צו פארשפרייטן תורה, צו פארשטארקן די יידישקייט.

עס האט זיך אבער שוין באלד ביים אנהויב עפעס פארהאקט. עס איז נישט געגאנגען אזוי לייכט ווי מען האט זיך געהאט פארגעשטעלט. דאס איז נישט געווען דערפאר, וואס הירש איז געווען שוואך, וואס ער האט די ארבעט נישט געפירט ווי געהעריק. הירש האט נאך געהאט גענוג ענערגיע, גענוג פייער אנצוגיין מיט זיינע פלענער. די צרה איז דא געווען, וואס ער האט מיט זיינע שאפונגען נישט גע־פונען קיין אפקלאנג אין די הערצער פון דעם אלטן ארטאדאקסישן עלעמענט, פון די אלטע רבנים גופא. זיין ציל איז געווען ארגאניזאציע. ער האט געוואלט

דאס יידנטום ארגאניזירן, פארשטארקן און אויפבויען. די אלטע רבנים, וואס זיינען געזעסן אין פארשידענע קהלות אין מעהרען און שלעזיען, ווי אויך אין ניקאלסבורג גופא, האבן ארגאניזאציע געהאלטן פאר „נארישקייטן". זיי האבן בכלל נישט געוואלט, אז ער זאל זיך צופיל מישן אין רבני'שע זאכן, אין קהלה זאכן, אין ענינים פון חינוך, אין ענינים פון וואוילטאט. עס האט זיך, קענטיק, געבילדעט א שטילע אפאזיציע צו דעם נייעם מן ארטאדאקסיע און די הערדן פון דער אפאזיציע האבן אים געפראוואוט שטערן אויף יעדן שריט. זיי האבן נישט געקאנט פארשטיין ווי אזוי א רב זאל זיך שבת אנטאן א פראק מיט א וויסן האלדזטוך. זיי האבן נישט געקאנט פארשטיין ווי אזוי א רב זאל זיך אוועקזעצן לערנען תהלים מיט א נייער מעטאדע, מיט דער הילף פון לעקסיקאנען און קאנקארדאנצן. איינער א דיין האט געהאט געזאגט: „פארצייטנס האט מען גמרא געלערנט און תהלים האט מען געזאגט. איצט האט מען גמרא אנגעהויבן זאגן און תהלים האט מען אנגעהויבן לערנען". די אלטע רבנים האבן גארנישט געקאנט פארשטיין ווי אזוי א רב זאל זיך זעצן לערנען תנ"ך. עס איז דעריבער אויסגעקומען הירש'ן צו זיין אין א שווערער לאגע. די רבנים האבן געקוקט אויף אים ווי אויף א מין רעפארמער און די רעפארמער ווידער האבן געקוקט אויף אים ווי אויף אן ארטאדאקס. זיינע אידייען און זיין שטרעבן האט מען נישט אנערקענט, מען האט זיי אפילו נישט פארשטאנען.

ר' שמשון רפאל הירש איז אבער נישט געווען פון יענע מענטשן, וואס לאזן זיך בויגן. ער איז געווען א צו־שטארקע, אויסגעשפראכענע פערזענלעכקייט. ער איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין ארבעט. הויפטזעכלעך האט ער זיך דעמאלט אפגעגעבן מיט דעם קאמף פאר יידישער גלייכבארעכטיגונג, בעת עס האט זיך אנגעהויבן די פרייהייטס־באוועגונג אין עסטרייך. ער האט זיך געווענדעט צו די לייטנדע קריסטלעכע פערזענלעכקייטן און זיי אויפגעפאדערט, אז אין דעם טאג פון דער גרויסער באפרייאונג זאלן זיי נישט פארגעסן אז די יידן. און ארויסגעטרעטן איז ער מיט אזא קראפט, אז מען האט תיכף אנגעהויבן צו רעדן וועגן אים. מען האט אנגעהויבן פילן, אז עס זיצט אין ניקאלסבורג א גרויסע קראפט, א פערזענלעכקייט פון גרויסער ווירקונג. ווען דער קייזער פערדינאנד איז אין יאר 1848 געצוואונגען געווען צו געבן דעם פאלק א קאנסטיטוציע, האט זיך הירש געשטעלט אין פארבינדונג מיט די קריסטלעכע פארשטייער און ער האט אויף זיי געווירקט, זיי זאלן שטיין פאר יידישע רעכט. הירש איז אויך געקומען מיט נאך אנדערע צוויי רבנים אלס דעפוטאטן אויף דער ערשטער פארזאמלונג און האט פארטיילט צווישן די דעפוטאטן א מעמאראנדום וועגן פרייהייט פאר יידן. ווען די גאנצע פארזאמלונג איז אויפגעלייזט געווארן און ס'איז דערנאך ארויף אויפן טראן דער קייזער פראנץ יאזעף דער ערשטער, וועלכער האט געהאט געגעבן פרייהייט פאר אלע פעלקער אין זיין לאנד, איז הירש געקומען מיט א דעפוטאציע פון די מעהרישע קהלות צום קייזער אים צו באגריסן און דער קייזער האט אים פארשפראכן אפצוהיטן די יידישע רעכט אויף שטענדיק.

דעמאלט האט ער זיך אויך גענומען איינמאל פאר אלע מאל צו ארגאניזירן דאס געטא־יידנטום. ער האט גערופן די רבנים און די בעלי־בתים צו פארזאמלונ־

גען; ער האט זיי גערופן קומען צו הילף אין זיין ארבעט; ער האט געפרואווט ווירקן אויף די בעלי־בתים מען זאל גרינדן מאדערנע שולן פון תורה און חכמה. ער האט עטוואס געהאט אויפגעטאן, אבער דאס איז נישט געווען דאס, וואס ער האט געוואלט, צו וואס ער האט געשטרעבט, צו וואס ער איז אהער געקומען. מען האט אים געשעצט, מען האט אים געאכטעט, אבער מען האט אים נישט פאר־שטאנען.. די ארטיקע יידן זיינען געווען נאך נישט רייף פאר זיינע אזוי־גערופענע מאדערנע אידייען, צו פאראייניקן תורה מיט בילדונג. זיי האבן אזא מין עניין נאך נישט געקאנט איינבייסן. זיי האבן נישט פארשטאנען צו וואס מען דארף די גאנצע בילדונג־שמילדונג, אז מען קאן זיין א גוטער ייד אן דעם אויך. זיי האבן נישט פארשטאנען דעם גייסט פון דער צייט, זיי האבן נישט געזען, אז מען דארף אין א צייט פון אזעלכע פרייהייטלעכע באוועגונגען אינם יידנטום, פון אזא גרויסער רעפארם־באוועגונג, וואס פירט צו אסימילאציע און שמד, געבן דער יוגנט אן אנדער דערציאונג, כדי זי זאל קאנען ביישטיין דעם שטראם. און טאקע דערפאר איז די אסימילאציע און שמד געווען אין עסטרייך גרעסער ווי אין אלע איבעריקע לענדער פון אייראפע. הירש האט עס גוט פאראויסגעזען און האט געוואלט פארכאפן דעם וועג, נאר מען האט אים נישט געלאזט. מען האט אים זאגאר קריטיקירט. פיר יאר זיינען אזוי אוועק און ווי שטארק עס איז געווען זיין גדולה, האט ער שוין אזא באציאונג נישט געקאנט אויסהאלטן. ער האט דערקלערט, אז ער גייט אוועק פון דער רבנות אין ניקאלסבורג.

דער דאזיקער באשלוס האט אויף די יידן, הויפטזעכלעך אויף די העכערע בעלי־בתים, געמאכט א שטארקן איינדרוק. זיי האבן גענומען חרטה האבן. זיי האבן איינגעזען, אז זיי האבן געטאן דעם רב אן עולה דערמיט, וואס זיי האבן נישט געשטיצט זיינע פלענער. מען האט געפרואווט טאן, וואס מ'האט געקאנט. מ'האט געשיקט צו אים א דעפוטאציע פון אלע קהלות פון לאנד צו פועל'ן, אז ער זאל צוריקציען זיין באשלוס, אים צוזאגנדיק די געהעריקע שטיצע אויף יערן שריט. די גבירים האבן שון געוואלט געבן גרויסע סומען געלט פאר זיינע פלענער צו בויען מאדערנע שולן, וואו מען זאל אויסבילדן די יוגנט אין תורה און חכמה, וואו זיי זאלן קריגן א שטרענג רעליגיעזע דערציאונג פארבונדן מיט וועלטלעכער אויסביל־דונג — אבער עס איז שוין געווען צו־שפעט. הירש איז נישט געווען פון די שוואכע, וואקלדיקע מענטשן. ער האט זיין ווארט נישט געענדערט. ער האט נישט געזוכט קיין געלט, ער האט נישט געזוכט קיין כבוד, ער האט נאר געוואלט, אז אין דעם פלאץ, וואו ער זיצט, זאל ארגאניזירט ווערן א שטארקע ארטאדאקסיע, וואס זאל וויסן וואס זי וויל, וואס זאל זיין שטאלץ מיט דער תורה, מיט דער יידישער וועלט־אנשויאונג, און אויב ער האט עס נישט געקאנט דערגרייכן, האט ער געמוזט גיין ערגעץ אנדערש, וואו עס איז אים געגעבן געווארן מער מעגלעכקייטן. דאס איז געווען פראנקפורט־אם־מאין. ער האט געזען, אז דארטן וועט ער קאנען בויען דאס יידנטום פון פונדאמענט אן, ווערנד דא אין נאקילסבורג איז שווער געווען צו באזייטיקן די אלטמאדישע אנשויאונגען און דאן ערשט אנהויבן בויען עפעס נייעס. ער האט דערפון שטארק געליטן. ער האט געזען, אז די יידישע עסטרייך וועט ליידן גרויסע פארלוסטן פון דער אלטמאדישער פאליטיק, אבער וואס האט ער געקאנט העלפן? איינער איז דאך קיינער.

## ה.

## דער אויפבוי פון יידישקייט אין פראַנקפורט

די גרעסטע שאפונגס־פעריאָדע הויבט זיך אָן ביי הירשן מיט פראַנקפורט. דאָרטן האָט ער אַרויסגעוויזן אַלע זיינע פעאיגקייטן אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע, אויפן געביט פון קולטורעלע שאפונגען, אַלס רב, אַלס דערציער, אַלס פירער, אַלס רעדנער, אַלס שריפטשטעלער, און אויך אַלס מפרש פון דער תורה. ערשט דאָרטן האָט ער אַרויסגעוויזן וואָס פאַר פאַרשידנאַרטיקע שעפערישע כוחות עס זיינען אין אים געווען באַהאַלטן.

נאָך צו דער צייט ווען הירש איז געווען דער רב הכולל פון מעהרען און שלעזיען, איז שוין פראַנקפורט־אַם־מאַין געלעגן אונטער דער הערשאַפט פון דער רעפאָרם־באַוועגונג. די אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישקייט איז שוין געווען אוועקגערוקט אין הינטערגרונד. פרומקייט האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שאַנדע, וואָס פּאַסט לחלוטין נישט פאַר דעם גייסט פון דער צייט. דער, ווער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין רעליגיעז, איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ בטלן, פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם מענטש מיט אַלע אַבערגלויבעריין. עטלעכע פערזאָנען פון דעם אַלטן שניט האָט מען נאָך ווי־עס־איז מוחל געווען. וואָס קאָן מען שוין, מישטיינס געזאָגט, פון עלטערע מענטשן פאַרלאַנגען? אָבער ווען יונגערע מענטשן זיינען געווען פרום, האָט מען זיי געהאַלטן, אָדער פאַר באַשרענקט, אָדער פאַר צבוע׳קעס. פון אַלע געבוירענע פראַנקפורטער איז בלויז איינער געווען דאַמאָלס וואָס האָט געהאַט געלייגט תפילין.

די יידישע קהלה איז געלעגן אין די הענט פון דער אַלמעכטיקער רעפאָרם. אָבער די גרויסע פרייהייטס־כוואַליע פון אַכט און פערציק האָט אויך אונטערגעמינעוועט די מאַכט פון דער אויטאָקראַטישער געביידע. די פאָרשטייער פון דער קהלה איז גאַרנישט געווען אַזוי צו האַרצן צו עפענען די טירן פאַר דער נייער טאָלעראַנץ־באַוועגונג, אָבער עס האָט עפּעס דאָך נישט געפּאַסט צו בלייבן „אָפּגעשטאַנענע", בעת די קריסטלעכע וועלט האָט טריאומפירט מיט אירע פרייהייטס־ערקלערונגען און מען האָט צונויפגערופן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַכטצן פאָרשטייער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען בלויז פינף פאַרטרעטער פון דער אָרטאָדאָקסיע. די „ליבעראַלן" האָבן פּרובירט גיין אויף געוויסע הנחות „לויט דעם גייסט פון דער צייט", אָבער זיי זיינען געווען אַזוי נישטיק, אַז די פרומע יידן האָבן זיך פון זייערע טובות געמוזט אָפּזאָגן. זיי האָבן אַפילו נישט געוואָלט נאָכגעבן די אָרטאָדאָקסן בנוגע דער השגחה אויף כשרות. מחמת דעם האָבן עלף פּערזאָן פון דעם פרומען עלעמענט דערלאַנגט צו דער רעגירונג אַ בקשה, אַז מען זאָל זיי דערלויבן גרינדן אַן אייגענע קהלה מיט אַן אייגענעם רב. די רעגירונג האָט זיי דערלויבט צו גרינדן די אַזוי־גערופענע „רעליגיאָנס־געזעלשאַפט" צו האָבן אַן אייגענעם רב, אָבער נישט צו שאַפן אַן אייגענע קהלה. זייערע פאַרפליכטונגען צו דער קהלה האָבן געמוזט בלייבן ווי פריער.

די „רעליגיאָנס־געזעלשאַפט" האָט זיך געהאַט געגרינדעט. אין א משך פון א פּאָר יאָר איז די „געזעלשאַפט" אויסגעוואַקסן ביז זעכציק מיטגלידער און ביים יאָר 1851 האָט זי שוין געהאַט הונדערט מיטגלידער. דאַן האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן נעמען א רב, און דער גורל איז געפאַלן אויף ר' שמשון רפאל הירש, וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען אין פראַנקפורט. הירש האָט דערפילט, אַז אַט דאָ וועט פאַר אים זיין דער בעסטער אָרט צו אַרבעטן און ער האָט די שטעלע אָנגענומען, כאָטש זיין גאַנצע „געמיינדע" איז באַשטאַנען פון אַזא קליינער צאָל מענטשן.

אַז הירש איז געקומען אין פראַנקפורט זיינען קיינע שום אינסטיטוציעס פון דער געמיינדע, דאָס הייסט, פון דער „איזראַעליטישער רעליגיאָנס־געזעלשאַפט", נישט געווען. עס איז אַפילו קיין שול נישט געווען. מען האָט געהאַט געדונגען בלויז א פּאָר צימערן פאַר א מנין. אָבער הירש האָט זיך דאָרטן געפילט גוט. אַט אין די קליינע צימערלעך האָט ער געהאַלטן זיינע פייערדיקע דרשות און באַגייסטערט דעם עולם פאַר נייע שאַפונגען אויף אויפצוהאַלטן די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט באַנוגענט. ער האָט אָנגעהויבן צו שאַפן א נייע שול, וואָס זאָל ווערן דער צענטער פון יידישן לעבן. עס איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אָבער מיט זיין אייזערנעם ווילן און אומדערשעפּלעכע ענערגיע האָט ער זיינס דערגרייכט. ער האָט נישט בלויז באַוויזן אויפצובויען א שול, וואו עס זאָל קלינגען גאָטס וואָרט, נאָר ער איז אים אויך געלונגען צו גרינדן א שול פר דער יוגנט, וואָס עס זאָל געלערנט ווערן אי תורה, אי וועלטלעכע בילדונג, וואָס עס איז געווען זיין הויפּט־שטרעבונג. דען נאָר פון א גוט־דערצויגענער, א געזונטער, פיזיש און גייסטיק, יוגנט, וועט אימשטאַנד זיין אויסצואוואַקסן א שיינער און שטאַרקער טראַדיציאָנעלער יידנטום. דאָס איז אויך אָנגעקומען שווער. ער איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב צו קלייבן געלט און צו דערקלערן די נויטווענדיקייט פון אַזא אינסטיטוציע, אָבער סוף־כל־סוף זיינען די פינאַנציעלע מיטלען געשאַפן געוואָרן. פיל שווערער איז געווען צו באַקומען שילער. די פרומע יידן, וועלכע האָבן געהאַט געזען צו וואָס בילדונג קאָן ברענגען, האָבן מורא געהאַט אָפּצוגעבן אַהין זייערע קינדער, ווייל טאָמער וועלן זיי אויך אַרויס לתרבות רעה ווי אַלע אַנדערע, אַז די שול וועט מאַכן פון זייערע קינדער אָבערגלויבישע פאַנאַטיקער. די וואָס האָבן הירשן נישט געקאַנט אָפּזאָגן, האָבן געשיקט אין דער שולע זייערע נישט־פעאיקע קינדער. מיט אַזא מין טאַמעריאָל איז שווער געווען צו אַרבעטן, אָבער הירש איז געגאַנגען אויף זיין וועג ווייטער און מיט פעסטע, זיכערע טריט.

די שולע האָט זיך געעפנט אין אָנהויב יאָר 1853. דאָס איז געווען א געשעניש פון ערשטן ראַנג. דען א שולע, וואו מען זאָל לערנען טראַדיציאָנעלע יידישקייט און גלייכצייטיק אויך אַלגעמיינע בילדונג, איז באַטראַכט געוואָרן אין פראַנקפורט פאַר א וואונדער. מען האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז ביידע וועלטן זאָלן זיך קאָנען פאַרטראָגן — אַז מען זאָל קאָנען זיין א געבילדעטער מענטש און דאָך פרום. ווארום פון דער פּראַקטיק האָט מען געוואוסט, אַז דער וועד ס'איז געבילדעט מוז זיין אַן אפיקורס, און דער וועד ס'איז פרום דאַרף זיין ווייט פון וועלטלעכער בילדונג. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט שטענדיק געהערשט

אין דייטשלאַנד פון די גאַנץ אַלטע צייטן, בעת אין בבל, שפּאַניען, פּראָוואַנס, נאָרד פראַנקרייך און איטאַליען איז די מעגלעכקייט פון אַ האַרמאָניע צווישן תורה און בילדונג געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג.ביידע צדדים, סיי די פרומע ייִדן און סיי די רעפאָרמער, האָבן געקוקט אויף דער נייער שולע מיט גרויסער נייגעריקייט.

די פרומע ייִדן האָבן געוואַרט. זיי האָבן געשוויגן און האָבן געוואָלט זען וואָס עס וועט דערפון אַרויס, כאָטש זיי האָבן, נאַטירלעך, געגלייבט אין דער אויפריכטיקייט און איבערגעבנהייט פון ר׳ שמשון רפאל הירש צו דער אידייע. די רעפאָרמער אָבער האָט עס שוין אויך געקרענקט. עס האָט זיי פאַרדראָסן וואָס די פרומע וועלט גייט ביי זיי צונעמען דעם מאָנאָפּאָל אויף בילדונג. מחמת דעם איז איינער פון די רעפאָרם־פירער אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע אויף דער שולע, אויף הירשן און הויפּטזעכלעך אויף דעם טראַדיציאָנעלן ייִדנטום. הירש האָט אים אָבער נישט פאַרשוויגן. ער איז אַרויס קעגן אים מט אַזאַ שאַרפקייט און האָט אַזוי וואונדערבאַר צעקלאַפּט די טענות פון דעם אַנגרייפער, אַז מען האָט אויף דעם שרייבער געטייטלט די פינגער און ער האָט זיך פשוט געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס. ער האָט זיך דאַריבער ווידער גענומען צו הירשן. ער האָט אים ווידער אָנגעגריפן אין אַ ברוטאַלער פאָרם, מיינענדיק אַז דערמיט האָט ער זיך פאַלקאָמען רעהאַביליטירט און כלומר׳שט געוואונען די סימפּאַטיע פון פראַנקפורט אויף זיין זייט. דאָ האָט אים הירש ווידער געגעבן אַ שלאַכט און מיט זיין פיינער ערודיציע, מיט זיין שטאַרקער לאָגיק און שיינער פאָרם האָט ער אים אַזוי צעמאַלן, אַז יענער האָט שוין געהאַט פאַרזאָגט אַ צענטן זיך ווייטער צו פאַרמעסטן מיט הירשן. דער דאָזיקער קאַמף צווישן אים און די רעפאָרמער האָט אַזוי גיך נישט אויפגעהערט. אָבער גראָד אָט דער קאַמף איז עס געווען וואָס האָט הירשן אָוועקגעשטעלט אין פראָנט פון ייִדישן אָרטאָדאָקסישן לעבן און האָט גלייכצייטיק געשטאַרקט און פאַרפעסטיקט די „רעליגיאָנס־געזעלשאַפט" מיט אירע אינסטיטוציעס.

הירש איז געווען נישט בלויז אַן אָרגאַניזאַטאָר, שעפער און קעמפער. ער האָט געהאַט אַ טיפן בליק אויפן לעבן, ער האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראַקטישן קוק, ער האָט געקאָנט אַריינדרינגען אין דערשיינונגען און זייערע לאָגישן אויסגאַנג. עס איז צו אים אַ מאָל געקומען אַ יונגער ראַבינער און אים געפרעגט אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן צו באַזייטיקן דעם שענדלעכן צושטאַנד וואָס ייִדישע קינדער מוזן גיין אין שולע שרייבן אום שבת. אַלע רעגירונגס־באַאַמטע זיינען קעגן דעם, אַז די זאַך זאָל געענדערט ווערן, און ער גלויבט נישט, אַז אויך אַנדערע באַאַמטע וועלן דאַרויף איינגיין.

— איך ווייס נאָר איין מיטל, — האָט אים הירש געענטפערט, — און עס וועט זיכער פירן צום ציל. איר מוזט זען עפּעס צו טאָן, אַז איר, אָדער אייער פרוי, אָבער ביידע צוזאַמען זאָלן אַריינגעזעצט ווערן אין געפענגנים אַלס מין קרבנות פון רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ. ווען דאָס וועט געטאָן ווערן דאַרפט איר זען אַז אַלע צייטונגען זאָלן וועגן דעם שרייבן, און די וועלט זאָל זיך דערוויסן ווי אַזוי מען פירט דורך אין אייער געגנט די רעליגיאָנס־פרייהייט, אַז מען פאַרשפּאַרט אין געפענגנים יעדן מענטשן וואָס וויל בלייבן טריי זיין אמונה. דאָס וועט העלפן.

קיין אנדער מיטל איז נישטא. דער יונגער רב האט געוואלט טאן ווי הירש האט אים געראטן, אבער עס איז נישט געגאנגען. די ישועה איז אבער געקומען פון אן אנדער זייט, נישט פון רב, נאר פון א שילער. א שילער האט עס יא געטאן. ער האט זיך מערערע מאל אפגעזאגט צו קומען אין שול צו שרייבן אום שבת, און מחמת דעם איז ער פארשפארט געווארן. דאס האט געמאכט אזא רושם, אז מען האט אויפגעהערט די יידישע שילער צו צווינגען צו קומען שבת אין שול צו שרייבן.

הירש האט זייענדיק אין פראנקפורט געארבעט ממש איבערמענטשלעך. ער איז געווען פארטאן אין דער ארבעט אויף אלע געביטן פון רעליגיעזן און געזעלשאפטלעכן לעבן און ער האט נישט געוואוסט פון קיין רו. און טאמער איז נאך דאס אליין ווייניק, האט ער באלד אין א יאר ארום ווי ער האט געעפנט זיין שולע, אין יאר 1854, געגרינדעט די מאנאטשריט „ישורון״, וואס איז דערשינען זעכצן יאר נאכאנאנד. הירש האט די דאזיקע שריפט נישט בלויז רעדאגירט, נאר האט זי אליין אנגעפילט מיט מייסטערהאפטע מאמרים איבער פארשידענע פראבלעמען און אידייען פון יידישן רעליגיעזן לעבן. דארטן האט ער ארויסגעבראכט און קלאר געמאכט די גרויסע אידייען און אידעאלן פון דער יידישער תורה, וועלכע אטעמען מיט גערעכטיקייט, מיט אלמענטשלעכע גערעכטיקייט און הומאניזם. דארטן איז ער עס געשטאנען אויף דער וואך צו שיצן דאס יידנטום און צו פארשטארקען דאס יידנטום און איינצופלאנצן אין די יידישע הערצער די שיינקייט און גרויסקייט פון דעם טראדיציאנעלן יידנטום.

ו.

## די תורה איבערזעצונג און קאמענטאר

גייענדיק אויפן וועג צו פארשטארקן און צו פארשפרייטן די טראדיציאנעלע יידישקייט אין דייטשלאנד, וועלכע האט אין זיין צייט געהאלטן אין צוזאמנברעכן דורך דער שטורמישער אפענסיוו פון די רעפארמער, האט ער אזוי צו זאגן, געמוזט קומען צום רעיון אויף צו איבערזעצן און אויסטייטשן די תורה לויט זיינע אייגענע מעטאדן, לויט זיינע אייגענע אנשויאונגען. און דערפאר האט ער, דער ארטאדאקס, איבערזעצט די תורה און זי אויך פארטייטשט אין א ריינעם דייטש, אין א עכטן דייטש, כדי אויך די אסימילירטע און האלב־אסמילירטע, וועלכע האבן אויסער דייטש ניט געקענט, זאלן קענען בעקומען די מיינונג וועגן דער שיינהייט און גרויסקייט פון תורת משה, פון דער יידישער אמונה. הירש האט אויך זיי, די וואקלדיקע, די שוואכע, געוואלט געבן דעם טראדיציאנעלן בליק אויף דער תורה, אויף די אלע געבאטן אין א מאדערנער שפראך, אין דער שפראך, וועלכע זיי האבן געברויכט אין דער היים און אין דער פאמיליע, אין דער צייט וואס מענדעלסאן האט מיט זיין תורה־איבערזעצונג און מיט זיינע פירושים געהאט מער אין זינען די פרומערע וועלט, וועלכע זיינען ניט בעקאנט געווען מיט דער עכטער דייטשער

שפּראַך, מיט דער דייטשער שריפט. אַרויסגעקומען איז אָבער, אַז מענדעלסאָן האָט מיט זיין תורה־איבערזעצונג געווירקט מער אויף די משכילים, און הירש האָט גע־ווירקט מער אויף דער אָרטאָדאָקסיע, ריכטיקער, ער האָט די וואַקלדיקע אָרטאָדאָק־סיש געמאַכט און געשאַפן אַן אָרטאָדאָקסישע אַטמאָספּערע בכלל.

ר׳ שמשון רפאל הירש האָט געשאַפן אַ מייסטערהאַפטע איבערזעצונג און אויך זיין דייטשער קאָמענטאַר צו דער תורה איז פון גרויסן ווערט, פונקט ווי אַלע אַנדערע תרגומים, אַזוי איז, נאַטירלעך, אויך הירש אין זיין איבערזעצונג אַ מפרש. ער איבערזעצט די תורה לויט געוויסע מפרשים, ער איבערזעצט די תורה לויט זיינע אייגענע פירושים. לויט זיינע אייגענע חידושים וואָס ער פּרובירט אַרויסבעקומען דורך גראַמאַטיקאַלישע און פילאָלאָגישע פאָרשונגען. דער פּשוט׳ער פּשט איז ביי אים וויכטיקער פון אַלעם. כדי צו מאַכן דעם פּסוק פאַרשטענדלעכער און קלערער, ווענדעט ער אָן כל׳ערליי פילאָלאָגישע און גראַמאַטיקאַלישע סברות צו געבן דעם וואָרט, דער שורש, אַן אַנדער זינן. מאַנכעס מאָל פאַרגייט ער אפילו צו ווייט, אָבער גרעסטנטיילס קומט ביי אים אַרויס גלאַט און שיין. זייער אָריגינעל טייטשט ער דעם פּסוק „והארץ היתה תהו ובהו וחושך על פני תהום". מיר טייטשן גע־וויינלעך „על פני תהום" — אויפן אַבגרונד. פאַרוואָס עפּעס אויפן אַבגרונד? דער פּסוק שילדערט דאָך דאָס אויסערלעכע און נישט דאָס אינערלעכע, טייטשט ער דאַריבער „על פני תהום" — אויף דעם געוואָגע, אויף דעם ברויזנדען, באַוועגנדען וואַסער. דען פּונקט ווי די וועלט איז געווען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד, אַזוי איז דער ים געווען אַ ווילדע מאַסע און אַ חושך האָט געהערשט אויף אים. דאָ האָט איר אַ פאָלקאָמענע שילדערונג פון דעם כאַאָס, אָבער פון אָט דעם כאַאָס האָט זיך גענומען אויסוועבן די וועלט — גאַנס אַטעם, די געטליכע שעפּפערישקייט האָט אָבער געשוועבט איבערן וואַסער.

עס שטייט אין דער תורה „והנערה טובת מראה מאד, בתולה, ואיש לא ידעה". אויב דאָס וואָרט „ידעה" האָט דעם זעלבן זינען ווי „וידע אדם את חוה אשתו", איז דאָך דער גאַנצער זאַץ אַן איבריקער. שטייט דאָך שוין פריער דאָס וואָרט „בתולה". טייטשט הירש, אַז אויסער דעם וואָס זי איז געווען אַ בתולה, איז זי געווען אַזוי אומשולדיג אַז אפילו קיין יונגערמאַן האָט ניט געוואָגט צו קומען צו איר נענטער. אַנדערש טייטשט ער אויך „טטפות". עס הייסט ביי אים „שטירנ־שמוק", אַ שמוק־זאַך אויפן שטערן, און ער ברענגט אַ ראיה צו זיין פּשט פון מסכת שבת נ"ז עמוד א׳.

אַ חוץ די אַלע איבערזעצונגען האָט הירש געמאַכט אַ גרויסן פירוש, וואו ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ברייטן אופן אַנצואווייזן אויף די אַלע חידושים וואָס ער מאַכט, פאַרוואָס ער האָט זי געמאַכט און די באַרעכטיקונג דערצו פון דער שפּראַכ־לעכער זייט. אין דעם פירוש שווימט ער אַרום אין אַ וועלט מיט חקירות, ניט בלויז מיט שפּראַכלעכע פאָרשונגען, נאָר אויך פילאָזאָפישע. דען, נאָך אַלעמען, איז ביי אים די תורה ניט סתם אַ ספר, נאָר אַ געטלעכע שאַפונג, דער יסוד פון דער וועלט, דער יסוד פון יידנטום. די תורה איז פון גאָט אַליין געגעבן געוואָרן און ממילא איז זי די געטלעכקייט. די תורה איז נאָך געווען פריער פון דער וועלט, דען בעת דער אויבערשטער האָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט, האָט ער פריער געקוקט אין דער

תורה, דאס הייסט צו זאגן, אז די חכמה עליונה, די העכסטע ווייזהייט וואס איז פארקערפערט אין דער תורה, זי איז דאס געווען וואס האט געשאפן אלע וועלטן, די גאנצע יוניווערס. און פונקט ווי די תורה איז אייביק, אזוי איז אויך דער ייד אייביק. טויזנטע פעלקער זיינען אומגעקומען פאר די אויגן פון יידישן פאלק אין משך פון טויזנטע דורות, אבער די יידן וואס האבן געהאלטן די תורה, זיינען גע־בליבן, און ניט נאר סתם געבליבן, אין א ווילדער פארשטיינערטער פארם ווי די איבריגע אומות, נאר זיינען געבליבן שטיין העכער פאר זיי, רייִנער פאר זיי — אלץ ווייל יידן האבן אפגעהיט די תורה. אט דאס איז דער סוד פון דער וועלט, דאס איז דער סוד פון דער תורה, פון דער יידישער אומה. גאט און די תורה און דאס פאלק ישראל, דאס איז אן אייביקער בונד, איין כח וואס וועט אנהאלטן אייביק.

דער גאנצער פירוש זיינער איז פול מיט געטלעכן פייער. אלץ ווערט ביי אים אויפגעקלערט, אלץ ווערט ביי אים אויסגעטייטשט פון א העכערן רעליגיעזן און עטישן שטאנדפונקט. די תורה איז פול מיט רחמים, די מענטשן לעבן שיין, רייִן, אפגעזונדערט פון העסלעכע ערשיינונגען ווי מען זעט עס ביי די ניט־יידן, ביי די געצנדינער. דער גאנצער עניין פון כלאים, פון בשר וחלב, פון שעטנז און פון אלע אנדערע געבאטן פון דער תורה — אלץ ווערט ביי אים ארויסגעבראכט אין דעם ליכט פון העכסטער עטיק, פון העכסטער געטלעכער מאראל, דאס הייסט אלץ צו זאגן, אז כדי צו זיין הויך און רייִן, כדי צו שטעלן זיך אויף א העכערן עטישן ניוואָ מוז מען זיין באהעפטן מיט דער תורה, מוז מען אפהיטן אלע אירע געבאטן. דען דאס אלץ איז פארן גליק פון דער מענטשהייט. זיין פירוש אויף דער תורה איז, אלזא, ניט בלויז אויף אויסצוטייטשן פסוקים, נאר איז אויך א גאנצער רעליגיעז־פילאזאפישע שיטה פון דעם יידנטום און פאר דעם יידנטום.

א חוץ די חמשה חומשי תורה, האט ר׳ שמשון רפאל הירש אויך איבערזעצט און מבאר געווען תהלים. און דאס איז ניט געווען קיין צופאל. דען נאך „חומש״ איז תהלים געווען דאס צווייטע ספר פון אלע כתבי הקודש וואס האט געהאט דעם גרעסטן איינפלוס אויסגעאיבט אויף יידן. תהלים איז געווען דער פאפולערסטער ספר ביי יידן. א גאנצן לעבן האט מען געזאגט תהלים. עס איז ניט געווען קיין סוף אין זאגן תהלים. דאס איז א מערקווירדיקע ערשיינונג אין דער געשיכטע. תהלים האט מען געזאגט אין יעדער צייט, ביי יעדער געלעגנהייט. מען האט געזאגט תהלים אין שול, מען האט געזאגט תהלים אין שטוב, מען האט געזאגט תהלים אויפן דארף, מען האט געזאגט א „קאפיטל תהלים״ פארנדיק אין א באן, אויף א וואגן. דער ייד האט זיך קיינמאל מיטן תהלים ניט געשיידעט. יידן זיינען געווען צונויפגעוואקסן מיטן תהלים. און אונדזערע חכמים האבן אויך געהאלטן אז עס איז פאראן א מין צוזאמענבונד צווישן דער תורה מיט תהלים. דער מדרש זאגט, אז דוד המלך האט אנגעהויבן מיט די ווערטער, מיט וועלכע משה רבנו האט געהאט געענדיקט ביים בענטשן די יידן. „אשריך ישראל מי כמוך וכ׳ו״ האט געזאגט משה רבנו, און דוד המלך האט אנגעהויבן „אשרי האיש״. „לא איברא עלמא״ זאגן די חז״ל, אלא לדוד. יעדנפאלס איז צו זען, אז ווי משה רבנו איז געווען גאטס ווערקצייג צו שאפן דאס יידישע פאלק, אזוי איז דוד המלך געווען גאטס

ווערקצייג צו זיין דער גייסטיקער פירער אויף ווייטער — צו פירן די יידן ביז צום ציל, עד סוף כל הדורות.

הירש האט געשאפן א פראכפולן פירוש אויף תהלים. הירש האט מיטגעזונגען די געזאנגען — די געזאנגען פון גאטס שיינקייט, פון גאטס גרויסקייט. דען דאס איז דאך אייגנטלעך תהלים. תהלים איז דאך דער געזאנג פון דער פארהערלעכונג פון גאט און זיין יצירה. תהלים איז דאך דער לויב־געזאנג צו דער געטלעכקייט, דער לויב־געזאנג צו דער שאפונג.

אויך דא האט הירש שיינע טייטשן, אריגינעלע טייטשן. עס שטייט „אשרי האיש וכ'ו ובדרך רשעים לא עמד". שפראכלעכער וואלט געדארפט שטיין „לא הלך". ער זאגט דעריבער, אז אייגנטלעך איז יעדער מענטש אמאל געגויגט און גייט טאקע אויך אין דעם „דרך רשעים". קיינער איז ניט געשיצט פון מענטשלעכע שוואכקייטן. דערפאר איז אבער וואויל צו דעם מענטשן וואס ער איז ניט געבליבן שטיין אין דעם וועג פון די רשעים, וואס ער האט געגוג קראפט אוועקצוגיין פון דער זינדיקער סביבה אין דער רעכטער צייט. „קול ה' בכה, קול ה' בהדר", טייטשט ער: „גאטס שטימע איז אין יעדער קראפט, די שטימע גאטס איז אין יעדער שיינקייט", דאס הייסט, אז די גאטהייט ענטפלעקט זיך אין אלץ וואס איז מעכטיג, אין אלץ וואס איז שיין. „נשקו בר" טייטשט ער „באוואפנט זיך מיט א ריינעם געוויסן".

זיינע פירושים אויף דער תורה און אויף תהלים האבן אין זיינער צייט געמאכט א גוואלדיקן איינדרוק. זיי זיינען אומעטום געלייענט געווארן. זיי זיינען געווען שיין, אנציִענד און גייסטרייך. עס זיינען ביי אים פארבליבן מאנכע דונקעלע שטעלן, אבער בכלל איז דאס געווען א יצירה פון גרויסער בעדייטונג און האט געהאט אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס אויפן דייטשן יידנטום.

ז.

## הירש און דאס רוסישע יידנטום

דער גייסט וואס האט געהאט געשוועבט איבער הירשם שאפונגען האט געהאט אויסגעאיבט אן איינפלוס נישט בלויז אויפן דייטשן יידנטום אליין. ער איז אריינגעדרונגען אין פילע אייראפעאישע לענדער און אויך אין דעם לאנד פון די צארן. זיין פייערדיקער ווארט האט דערגרייכט אומעטום וואו יידן האבן געהאט געוואוינט און אומעטום האט ער געהאט געווירקט מיט אומגעהייערער קראפט. דאס רוסישע יידנטום, וועלכע האט פארמאגט די גרעסטע לייכטנדע גייסטער אין דער יידישער וועלט, זיינען אויך ארונטערגעפאלן אונטער דעם רייץ פון ר' שמשון רפאל הירשס געדאנקען איבער דעם מהות פון יידנטום. דאס איז געווען נישט בלויז דאמאלס ווען זיינע ניינצן בריוו זיינען איבערזעצט געווארן אויף לשון קודש, נאר אויך אפילו פריער האבן שוין די רוסישע יידן פיל געהערט פון דעם וואונדערבארן מאן, וואס האט מיט אזא שטארקייט און מיט אזא קראפט גע־

קעמפט פארן טראדיציאנעלן יידנטום. עס האט פון אים געוואוסט די לומדישע, די רבנ׳ישע וועלט.

עס איז אבער געווען נישט בלויז דאס גייסטיקע, מיט וועלכן ער האט פרובירט אויפלעבן און אפפרישן דאס יידנטום. ער האט זיך אינטערעסירט מיט אלע דערשיינונגען וואס עס זיינען פארגעקומען אין דער יידישער וועלט. ער האט זיך געהאט אפגעגעבן מיט דעם זעלבן פייער און מיט דער זעלבער ענערגיע אויך מיט דעם מאטעריעלן און פאליטישן מצב פון די יידן אין דער וועלט. יידישע ליידן זיינען געווען זיינע ליידן און דער ערדישער וויטאג איז געווען זיין אייגענער וויטאג. און אז ער האט דערהערט דעם יידישן וויי־געשריי פון די יידן אין צארן־לאנד איז ער באלד געווען אויפן פלאץ זיי צו העלפן.

דאס איז געווען אין יענער שווערער צייט, ווען עס איז ארויף אויפן רוסישן טראן דער קייזער אלעקסאנדער דער דריטער, וועלכער האט מיט דער הילף פון זיינע גאטעס־טרייע בעלי יועצים אנגעהויבן המנ׳ס פאליטיק פון להשמיד ולהרג את כל היהודים. צוערשט האט ער אנגעהויבן מיט פאגראמען און דערנאך, מיט דער הילף פון אינערן־מיניסטער גראף איגנאטיעוו, צו שיטן אויף די יידישע קעפ כל׳ערליי גזרות, וועלכע האבן ביטער געמאכט און רואינירט דאס יידישע לעבן. עס איז שלעכט געווען די יידן וואס האבן אנגעהויבן צו פליען איבער אלע עקן וועלט און נאך שווערער איז געווארן די יידן וואס זיינען פארבליבן אין דעם דאזיקן גיהנום.

דער וויי־געשריי פון די רוסישע יידן האט אפגעקלונגען אין דער גאנצער וועלט. נישט בלויז די יידן אליין זיינען צעטרייסלט געווארן פון די אלע שוידער־לעכע ברוטאליטעטן פון רוסישן צאר, נאר אפילו קריסטן פון אלע לענדער זיינען פון געשריי דערוואכט געווארן און דערשיטערט געווארן פונם צארישן בארבאריזם. מען האט אומעטום געגרינדעט קאמיטעטן, מען האט גערופן די פילנדע וועלט אנטייל צו נעמען און העלפן די רוסישע יידן, אין פאריז, אין לאנדאן, אין ניו־יארק — אומעטום האט אנגעהויבן דערוואכן דאס מענשלעכע געוויסן. אין דייטש־לאנד איז דער ערשטער וואס איז ארוים מיט אן אויפרוף צו שאפן א קאמיטעט צו העלפן די רוסישע יידן געווען קיין אנדערער ווי ר׳ שמשון רפאל הירש.

דאס אליין איז אבער נאך נישט אלץ וואס שמשון רפאל הירש האט דאמאלס געטאן פאר דאס רוסישע יידנטום. הירשס טעטיקייט האט זיך ניט באנוגענט בלויז מיטן זאמלען געלט פאר די נויטליידנדע יידן אין צארן־לאנד, ער האט זיך אויך גענומען צו א פאליטישער מיסיע, וואס האט געהאט א פיל בעסערע ווירקונג.

ר׳ שמשון רפאל הירש איז נאך פון פריער געשטאנען אין שריפטלעכן פארקער מיטן גאון פון יענער צייט ר׳ יצחק אלחנן פון קאוונא, וועלכער האט פון הירשן שטארק געהאלטן. צו יענער צייט האט זיך ר׳ יצחק אלחנן געווענדעט צו הירשן מיט א בריף אז ער זאל עפעס טאן אין פאריז און אין לאנדאן צו ווירקן דורך יידישע איינפלוסרייכע פערזאנען אויף די דארטיקע רעגירונגען, אז זיי זאלן אויסאיבן זייער איינפלוס אויפן רוסישן צאר לטובת די יידן. הירש האט זיך תיכף געשטעלט אין פארבינדונג מיט געוויסע פערזענלעכקייטן פון יענע לענדער. מען האט עפעס פרובירט טאן, אבער עס איז געווען אן ערפאלג. הירש האט זיך אבער נישט בע־

רוּאיקט. ער איז דערגאַנגען אַז איינער אַ דייטשער פירסט שטייט אין גוטע בעצי־
אונגען מיט דעם רוסישן קייזערלעכן הויף און איז צו גלייכער צייט אויך אַ פריינט
פון יידן. הירש האָט תיכף געשריבן אַ בריף צום ראַבינער פון יענער שטאָט וואו
דער פירסט האָט געלעבט, און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך זען מיטן פירסט און
זען ביי אים עטוואָס צו פועל'ן מכח די יידן אין רוסלאַנד. דער פירסט האָט דעם
ראַבינער אויפגענומען און אויסהערנדיק די שילדערונגען פון ראַבינער, איז ער
זייער גערירט געוואָרן פון די שרעקלעכע טאַטן. ער האָט אָבער ערקלערט, אַז ער
איז ניט גענוג מעכטיג אויסצואיבן אַן איינפלוס אויף דעם רוסישן קייזער. ער האָט
אים אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער פערזאָן, אויף אַ פרינץ פון רעגירנדען הויז אין
דייטשלאַנד, וועלכער שטייט מיט דער קייזערלעכער פאַמיליע אין גוטע פאַרבינ־
דונגען און ער וועט מיט זיין איינפלוס זיכער קענען אויפטאָן פאַר די יידן אין
רוסלאַנד. דער ראַבינער האָט זיך באַמיט צו זען מיטן פרינץ, און ווען מען האָט
אים אויך געשילדערט די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד, האָט ער צוגעזאָגט מיטן
גאַנצן האַרצן צו טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר קענען.

פריער פון אַלץ האָט אָבער דער פרינץ פערלאַנגט צו וויסן ווער עס זיינען די
פערזאָנען פון וואַנען ער האָט באַקומען די ידיעות, ער האָט געוואָלט וויסן צי מען
קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, צי די מאַטעריאַלן וועלכע מען שטעלט אים צו פון
רוסלאַנד זיינען ריכטיקע, צוזאַגנדיק דערביי אַז אַלץ וועט בלייבן בסוד סודות.
דער ראַבינער האָטזיך באַלד געזעצט אין פאַרבינדונג מיט ר' שמשון רפאל הירש,
און ער האָט אים צוגעשיקט ר' יצחק אלחנן'ס בריף. אָבער פון די בריף האָט מען
גאָרנשט געקענט דערגיין, דען אויסער דעם וואָס זיי זיינען געשריבן געוואָרן אויף
לשון קדוש, וואָס דער פרינץ האָט, נאַטירלעך, ניט פאַרשטאַנען, זיינען זיי גע־
שריבן געוואָרן אַזוי פאַרשטעלט, אַז ווער עס האָט ניט געקענט גענוי די פאַרהעלט־
ניסן האָט זיי בכלל ניט געקענט פאַרשטיין.

די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען דאַמאָלס געשריבן געוואָרן אַזוי פאַרשטעלט
ווייל אין רוסלאַנד האָט געהערשט אַ „שוואַרצער קאַבינעט" וואו מען פלעגט עפנען
אַלע פאַרדעכטיקטע בריף און עס זיינען שוין דאָרטן געזעסן מענטשן וועלכע האָבן
געקענט פאַרשידענע שפּראַכן, העברעאיש בתוכם, און מען האָט דאַריבער געקענט
שטאַרק דורכפאַלן. ר' יצחק אלחנן, מורא האָבנדיק פאַר אָט דעם „שוואַרצן
קאַבינעט", האָט אַלע זיינע דאָקומענטן געשיקט אין דער פאָרם פון „שאלות
ותשובות" מכח געוויסע הלכות, אָבער לויט פון פריער אָפּגערעדטע סמנים האָט
נאָר הירש אַליין געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָרטן ווערט דערציילט. און אפילו
פאַר הירשן איז אויך דאָרט שווער געווען צו דערגיין אין די פּלפּולים אָדער הלכות
די אמת'ע כוונה מכח איגנאַטיעווס גזרות און רדיפות. אין אַזעלכע פאַלן האָט מען
פון קאָוונאַ געמוזט ארויסשיקן בסוד סודות ספּעציעלע שלוחים איבער די דייטשע
גרעניץ מיט איינפּאַכע, פשוט'ע אויפקלערונגען און זיי האָבן אָפּגעשיקט די אַלע
מאַטעריאַלן פון אַ דייטשער פּאָסט ביי דער גרעניץ.

אַז די אַלע מאַטעריאַלן זיינען אָפּשיפרירט געוואָרן, האָט הירש זיי אָפּגעשיקט
צום ראַבינער און ער האָט אין אַ קלאָרער פאָרם איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון
די צוגעשיקטע דאָקומענטן צום פרינץ. דער פרינץ האָט געשריבן צו זיינע פריינט

אין פעטערבורג זיי זאָלן געוואויר ווערן אויב די אַלע פאַקטן וועגן די יידן אין רוסלאַנד וואָס ער גיט זיי אָן, זיינען ריכטיק, און ער האָט בעקומען אַן ענטפער אַז ס'איז אַלץ אמת. דער פּרינץ האָט זיך אָפּט באַראַטן שטונדן לאַנג מיט דעם ראַבינער אויסצוגעפינען די שריט וואָס מען קען דאָ אָננעמען. איינמאָל ווען דער פּרינץ האָט געהאַט בעקומען געוויסע ידיעות פון רוסלאַנד, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ראַבינער:

— עס וואָלט זייער וויכטיק געווען, אַז איר זאָלט בעטן אונדזער געמיינזאַמען פריינט — אַזוי האָט ער גערופן הירשן, וועלכן ער האָט פּערזענלעך ניט געקענט, נאָר דורך דער דאַזיקער פאַרמיטלונג, — ער זאָל אָנשרייבן עפּעס וועגן תלמוד, כדי דערמיט צו פאַרשטאָפּן די מיילער פון די געגנער פון תלמוד. מען האָלט דעם קייזער אין איין אײַנ'טענה'ן אַז אַזוי לאַנג ווי די יידן לערנען דעם תלמוד און האַלטן זיך אָן אים, זיינען זיי שונאים פון דער מלוכה און פון דער רעגירונג.

אויף דער בקשה פונם פּרינץ, האָט עס הירש דאַמאָלס, אין יאָר 1884, גע־שריבן זיין בראָשורע „איבער די בעציאונג פון תלמוד צום יידנטום”. די דאָזיקע בראָשור איז דעם פּרינץ שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט אין פעטערבורג מיט דער בראָשור ניט דורכפאַלן, האָט ער זי געגעבן אַ קריסטלעכן געלערנטן אין לייפּציג איבערצוקוקן, כדי ער זאָל באַשטעטיקן אַז אַלץ וואָס דאָרטן איז געשריבן איז ריכטיק. דער קריסטלעכער געלערנטער האָט אים געשריבן, אַז די בראָשור שילדערט דעם תלמוד אין דעם ריכטיקן ליכט. דאָן האָט דער פּרינץ די בראָשור אָפּגעשיקט צום קייזער און דער קייזער האָט אים דערפאַר בעדאַנקט.

דער אַנאָנים וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע גיט איבער, אַז כאָטש אים איז דער פאַקט גאַנץ גוט בעקאַנט געווען, האָט ער דאָך אָנגעפרעגט דעם ראַבינער מיט יאָרן שפּעטער צי דאָס איז גווען אמת. דער ראַבינער האָט אים צווישן אַנדערעס ערקלערט, אַז „מיר איז קיין ספק ניט, אַז איגנאַטיעוו איז געפאַלן דורך דעם איינפלוס פון פּרינץ. דער פּרינץ איז געווען טיף באַוועגט ווען ער האָט אים איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה. די שריפט האָט בעדייטענד מיטגעהאָלפן”.

אויף די עלטערע יאָרן איז דער דאָזיקער פיזישער און גייסטיגער ריז געוואָרן אַלץ שוואַכער. ער איז אויך געוואָרן האַרט־הערִיג, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבייטן. ער האָט געשאַפן ביי די גרעסטע קערפּערליכע ליידן. און דעם 31טן דעצעמבער, 1888, האָט ער זיך געשיידט מיט דער וועלט.

# פוילן און ליטע

# ר' נתן שפירא

## אָפּשטאַמונג, שאַפונג און נאָכפאָלגער

ר' נתן שפירא האט געשטאמט פון די אלטע יידישע גרויסע משפחות אין שפייער, וועלכע איז פאר יארהונדערטע געווען איינע פון די שענסטע און אנגע־זעענסטע קהלות אין דייטשלאנד און גלייכצייטיק אויך איינע פון יענע אומגליק־לעכע געמיינדעס, וועלכע זיינען פארניכטעט געווארן פון די טויטאנישע, ארישע מערדערס. דער נאמען פון אט דער שטאט, וועלכע די יידן האבן געהאט גערופן „אשפירא", איז איבערגעגאנגען אלס יידישער פאמיליע־נאמען „שפירא" פון דור צו דור כדי די יידן זאלן אויף אייביק געדענקען דעם גרויסן חורבן פון שפייער, די „הרוגי אשפירא" אויף וועלכע מען האט גאנצע קינות געשאפן, און מען זאל אויך געדענקען די בלוטדורשטיקע, די בארבארישע טויטאנער, וועלכע האבן אן שום רחמנות געשאכטן די דארטיקע יידן ווי די שעפסן.

די יוגנטלעכע ערציאונג פון ר' נתן שפירא ווי אויך דער גאנצער לויף פון זיין לעבן איז ניט באקאנט. פון זיינע שאפונגען איז אבער צו זען, אז ער איז געווען א באדייטנדע פערזענלעכקייט. ער איז געווען א גרויסער למדן, אבער גלייכצייטיק אויך א דענקער און א גוטער העברייאישער גראמאטיקער. צו יענער צייט איז אין פוילן געווען א העכסט זעלטענע ערשיינונג, אז א ייד וואס איז געווען א ראש הישיבה און געווען פארטיפט אין גמרא זאל זיך אזוי גריבלען און פארטיפן אין דער העברייאישער שפראך, אין דער העברייאשער גראמאטיק. און פון זיינע שאפונגען איז צו זען, אז ער האט געהאט געלערנט די גראמאטיק פון די באוואוסטע העברייאישע מדקדקים. ר' נתן איז אויך געווען פארטיפט אין מורה נבוכים, אין די עקרים, אבן עזרא, עקדת יצחק. ער איז א מאן פון א גראדן ארט דענקען, ער האט ליב געהאט קלארקייט, לאגישקייט. ער האט דערפאר נישט ליב געהאט דעם פלפול, וועלכער האט זיך געהאט דאמאלס אנגעהויבען פארשפרייטן אין לאנד. און ניט נאר איז ער ניט געווען קיין ליבהאבער פון פלפול, נאר ער איז אפילו אויך געווען א געגנער.

ר' נתן שפירא האט געהאט געלעבט אין גראדנא, וואו ער האט געהאט אנגע־פירט מיט א גרויסער ישיבה, און דארטן האט ער אויך געהאט געשאפן עטלעכע ספרים, צווישן זיי אויך חידושים אויפן מרדכי און חידושים אויף די טורים, וועלכע זיינען פארלוירן געגאנגען. געבליבן זיינען בלויז זיינע צוויי באדייטנדע ווערק: „מבוא שערים" און „אמרי שפר". דער „מבוא שערים" איז א ספר וואו עס ווערן באהאנדלט פראקטישע הלכות. ר' נתן'ס נאמען איז דאמאלס באוואוסט געווען

אין גאַנץ פּוילן און די גרויסע גאונים פון יענער צייט פלעגן זיך ווענדן צו אים מיט שאלות. מיט גרויסער אומגעדולד פלעגט מען דאַן וואַרטן אויף זיינע תשובות. דען ר׳ נתן איז אויסער חריף געווען אַ גרויסער בקי אין תלמוד און פסוקים פון אַלע ראשונים און אחרונים. דערצו האָט ער געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון פילע אַלטע הלכה׳שע האַנדשריפטן, פון וועלכע מען האָט דאַמאָלס ווייניק געוואוסט און ער פלעגט אָפט פסק׳ענען לויט זייערע פסקים.

זיין ווערק „אמרי שפר" איז געווען אייגנטלעך אַ פירוש אויף רש"י, אויף די חמשה חומשי תורה. אין גרונד אָבער איז ער געווען אַ מין זעלבסטשטענדיקער פירוש אויף דער תורה. ער האָט דאָרטן אַרויסגעבראַכט פירושים פון פילע אַנדערע מפרשים — פון רבנו בחיי, פון רמב"ן, פון צרור המור און חזקוני און האָט אויך זיינע אייגענע אָריגינעלע פירושים אַרויסגעבראַכט וועלכע זיינען געווען לויטן פשוט׳ן פשט. זיין פירוש „אמרי שפר" איז דאַן זייער פּאָפּולער געווען צווישן די יידן אין פּוילן און ליטא.

מיט דעם דאָזיקן פירוש איז געווען פאַרגעקומען אַ מערקווירדיקער צופאַל אָדער שווינדל. אַז ר׳ נתן שפּירא איז געשטאָרבן אין יאָר 1577, איז דער פירוש געווען געבליבן אין כתב יד. זיין עלטערער זון ר׳ יצחק, וועלכער איז געווען רב און ראש הישיבה אין קאָוועל, האָט אויפגעגעבן די שטעלע און איז אוועק קיין קראָקאָ און האָט אָנגעהויבן דרוקן דעם פאָטערס ספר. אַז עס האָט זיך געהאַט אָפּגעדרוקט ביז דעם ספר דברים, האָט אין קראָקאָ אויסגעבראָכן אַ גרויסע עפּידעמיע, און צווישן די אַלע וואָס זיינען אוועק פון שטאָט איז געווען אויך דער דרוקער אַליין. ער איז געווען אוועק קיין נאָווידוואָר נעבן וואַרשע. דאַמאָלס איז ר׳ יצחק אויפגענומען געוואָרן אַלס דיין און ראש הישיבה אין לובלין און איז אוועקגעפאָרן אַהין זיך צו באַזעצן.

אונטער דער צייט האָט זיך געמאַכט, אַז אַן עקזעמפּלאַר פון אָפּגעדרוקטן ספר איז געבראַכט געוואָרן אין ווענעציאַ, וואו עס איז דאַמאָלס געווען אַ באַרימטע דרוקעריי. מען האָט דעם דאָזיקן פירוש מקצר געווען, מען האָט אַריינגעשטעלט אין אים פאַרשידענע נייע פשט׳לעך, און מען האָט אים געמאַכט ניט צו דערקענען, און מען האָט אים אָפּגעדרוקט אונטער דעם נאָמען „באורים על האשל הגדול רש"י ז"ל מה שחבר הרב המובהק הגאון מוהר"ר נתן מק"ק הראָדנא". דאָס איז געווען אין יאָר 1593. אַז אָט דער געדרוקטער ספר איז אָנגעקומען צו ר׳ יצחק׳ן אין לובלין איז ער פשוט ערשטוינט געווען צו זען ווי אַזוי מען האָט געפעלשעוועט און פאַרדרייט זיין פאָטערס פירוש און נאָך דערצו אָנגעגעבן אויפן ספר אַז דאָס איז דער פירוש פון ר׳ נתן שפּירא. ר׳ יצחק האָט זיך דאַמאָלס געווענדעט צו דעם „ועד ארבע ארצות, וועלכער האָט געהאַט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין לובלין, און די רבנים פון „ועד" האָבן, דערזעענדיק דעם שווינדל, תיכף אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף, אַז קיין איינציקער ייד זאָל ניט קויפן דעם ספר, און די וואָס האָבן שוין געקויפט זאָלן אָפּגעבן דעם ספר און מען וועט זיי דאָס געלט צוריקצאָלן. דאַמאָלס האָט ר׳ יצחק ערשט גענומען אין גאַנצן אָפּצודרוקן זיין פאָטערס ספר ביזן סוף, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „אמרי שפר". דאָס איז געווען אין יאָר 1597, אין דער צייט ווען אין פּוילן האָט געהערשט דער קעניג זיגיסמונד דער דריטער.

אויסער זיינע ספרים האט ר' נתן שפירא איבערגעלאזט גרויסע קינדער, וועלכע זיינען אליין געווען באדייטנדע לומדים און האבן ארויסגעגעבן א רייע רבנים, וועלכע האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון יידנטום אין פוילן. דער עלטערער זון איז געווען אט דער ר' יצחק וואס האט געדרוקט זיינע ספרים. ער איז געווען אויף די עלטערע יארן רב און ראש הישיבה אין לובלין, וואו ער איז געשטארבן, איבערלאזנדיק א זון מיט א טאכטער. די טאכטער האט חתונה געהאט מיט דעם לובלינער גאון ר' יוסף שלמה לוריע, וועלכער האט גע־שטאמט פון מהרש"לס משפחה, און זיין זון נתן, וועלכער האט געהייסן נאכן זיידן, איז געווען ראש הישיבה אין לובלין. אט דער ר' נתן האט אויך געהאט א באריםטן זון. דאס איז געווען ר' ישראל. דער ר' ישראל איז געווען אויסער למדן אויך א גרויסער דרשן. פון ווייט און פון נאענט פלעגט מען קומען הערן זיינע זיסע, אנגענעמע דרשות. ער איז דערנאך אויפגענומען געווארן אלס רב אין קאליש, וועלכער האט געמאכט די שטאט פאר א גרויסן צענטער פון תורה. זיינע תלמידים זיינען שפעטער געווען באריםטע רבנים אין פוילן.

דער צווייטער זון פון ר' נתן שפירא איז געווען ר' ישראל יששכר, וועלכער איז צום אנהויב געווען רב אין פינסק און איז דערנאך אויפגענומען געווארן אלס רב אין דער באוואוסטער דייטשער שטאט ווארמס. זיין נאמען ווערט דערמאנט אין די תשובות פון מהר"ם לובלין און אויך אין ספר „מגלה עמוקות" אויף דער תורה. ער האט געהאט בלויז צוויי טעכטער, חנה און אסתר, וועלכע זיינען אויך געווען פארהייראט פאר גרויסע לומדים אין פראג און אין קראקא.

דער דריטער זון פון ר' נתן שפירא איז געווען ר' שלמה. ער אליין איז אויך געווען א גרויסער למדן. ער איז געשטארבן זייער יונג און ס'איז אפילו ניט באקאנט ווען און וואו ער איז געבראכט געווארן צו קבר ישראל. ער האט אבער איבערגעלאזן א גרויסער זון, וועלכער האט אויך געהייסן נתן, נאך זיין פאטער. דער דאזיקער ר' נתן ב"ר שלמה איז געבוירן געווארן אין יאר 1585. ס'פארשטייט זיך, אז אין אזא הויז און אין אזא סביבה, אין וועלכער ר' נתן איז געווען געבוירן, האט ער באקומען א גרויסע תלמוד'ישע ערציאונג. ער האט געלערנט גמרא און פוסקים און זיך געהאט געגרייט צו רבנות. ר' נתן איז געווען א גרויסער חריף, אבער הויפטזעכלעך איז ער געווען א גוואלדיקער בקי, א דאנק זיין פענאמענאלן זכרון. זיין זון האט שפעטער אויף אים געשריבן „הזכרון הגדול שאין כמוהו בכל עברים". עס איז אבער אינטערעסאנט, אז כאטש ער איז געווען פארטיפט אין ש"ס ופסוקים, כאטש ער איז געווען אן אמת'ער גמרא־ייד, האט ער זיך דאך עטוואס א בויג געטאן אין א זייט און זיך אפגעגעבן מיט דעם שטודיום פון דער העברייאישער שפראך און גראמאטיק ווי אויך מיט פילאזאפיע און קבלה.

אז ער איז שוין געווען, אזוי צו זאגן, „מלא וגדיש", איז ער אוועק קיין קראקא, וואו ער האט חתונה געהאט מיט ר' משה יעקילס'ם טאכטער, רייזשא. ר' משה איז געווען פון די אנגעזעענסטע בעלי־בתים, א למדן און גרויסער גביר און ער האט געהאלטן זיין איידעם אויף קעסט, כדי ער זאל קאנען זיצן און לערנען תורה. אז דער רב פון קראקא, ר' משה מרדכי מרגליות, איז געשטארבן,

איז ר׳ נתן באַשטימט געוואָרן אַלס רב און אויך אַלס ראש הישיבה, וועלכע ער האָט געהאַט געפירט מיט גרויסער ווירדע.

מיט ר׳ נתן שפּירא איז געווען פאַרגעקומען ענלעכעס ווי מיט ר׳ יוסף קאַרו. זיי זיינען ביידע געווען מענטשן מיט דאָפּלטע נשמות, ביידע זיינען געווען גמרא־יידן און גלייכצייטיק אויך מיסטיקער. אין ישיבה פלעגט ר׳ נתן לערנען גמרא מיט פּוסקים און געשליפן די מוחות פון די תלמידים מיט לאָגיק: מיט׳ן פשוט׳ן פאָלק אָבער האָט ער געלערנט מיסטיציזם. דאָרטן האָט ער געהאַט אַפּעלירט צו זייערע געפילן, צו זייערע סענטימענטן, צו זייער האַרץ. עס איז ביי אים נישט געווען קיין קאַמף צווישן האַרץ און לאָגיק. ביידע האָבן געלעבט צווישן זיך גוט. ביי האָבן געלעבט צווישן זיך אין האַרמאָניע און פרידן און ס׳איז צווישן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעקומען קיינע קאָנפליקטן. יעדע נשמה ביי אים איז געווען אַ גאַנצע, אַ זעלבסטשטענדיקע. אָבער ביידע האָבן זיך גאַנץ גוט איינגעלעבט אין איין דירה. דאָס זיינען געווען פון די געבענטשטע, גליקלעכע מענטשן. זיי האָבן זיך געגריבלט אין אַלע ספקות פון דער וועלט און דאָך גע־בליבן גאַנץ, נישט באַרירט און צופרידן. ר׳ נתן האָט געשאַפן זיין באַרימט ווערק „מגלה עמוקות” אויף דער תורה, וועלכע ווערט ביי אים אינטערפּרעטירט מיט קבלה, מיט מיסטיציזם און שאַפט די טעאָריע, אַז דער צוועק פון יידנטום איז אַפּצושאַפן דאָס בייזע פון דער וועלט, מתקן צו זיין די „פאַרשטויסענע נשמות”, צונויפזאַמלען די הייליקע פונקען”. אברהם איז אַוועק קיין מצרים כדי פון דאָרטן אַרויסצונעמען די „ניצוצות”. דער גאַנצער ענין מצרים איז פאַרן יידישן פאָלק געווען דער הויפּט־צוועק אַרויסצוברענגען פון דאָרטן די „ריינע נצוצות” און ערשט אַז עס איז זיי דאָס געלונגען, האָבן זיי געקאָנט אָנ־נעמען די תורה. בכלל איז די יידישע מיסיע אויף דער וועלט צו פאַרפאָלקאָ־מענען און צו פאַרבעסערן די קדושא גופא, וואָס עס צאַנקט אין יעדן מענטשן.

צוליב זיין מיסטיציזם און זיין הייליקן אַרט לעבן זיינען אַרום זיין פּער־זענלעכקייט געשאַפן געוואָרן געוויסע לעגענדעס, און איינע פון זיי איז, אַז איינמאָל, ווען ער האָט געהאַט אָפּגעריכט „חצות” און איז געזעסן און געוויינט און געברומט מיט אַן אומעטיקן ניגון און מתפלל געווען, אַז יידן זאָלן אויס־געלייזט ווערן פון גלות, האָט זיך צו אים באַוויזן אליהו הנביא און אים געזאָגט, אַז אויך די מלאכים באַנוצן זיך מיט דעם זעלביקן ניגון און וויינען אין דער פמליה של מעלה אויף דעם חורבן. ר׳ נתן האָט נישט געלעבט לאַנג. בסך הכל אַכט־און־פערציק יאָר. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1633 אין קראָקא. אַלס באַוויז אַז דאָס פאָלק האָט געגלויבט ווען זיין שמועס מיט אליהו הנביא, איז צו זען דערפון וואָס מען האָט די לעגענדע זאַגאַר אויסגעקריצט אויף זיין מצבה. עס שטייט דאָרטן: „פה נטמן איש אלהי קדוש מן הקדמונים מגלה עמוקות רזין ומטמונים, הוא שאומרים עליו שדבר אתו אליהו פנים אל פנים”.

ר׳ נתן דער בעל „מגלה עמוקות האָט איבערגעלאָזן זין און טעכטער, וועלכע זיינען אויך באַוואוסט געווען אין דער יידישער וועלט.

# ר' שלמה אפרים ב"ר אהרן לונטשיץ

## א.

### זיין עטישע פערזענלעכקייט

צווישן די אַלע באַרימטע גייסטרייכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט געווירקט און געשאַפן אין דער בליענדער עפּאָכע פון פּוילישן יידנטום אין זעכצעגטן יאָרהונדערט, האָט זיך באַזונדערס באַרימט געמאַכט ר' שלמה אפרים בר' אהרן לונטשיץ.

ר' אפרים לונטשיץ איז געווען כמעט אַ פענאָמענאַלע פּערזענלעכקייט. ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער גלענצנדסטער רעדנער, דרשן, ביי יידן פאַר יאָרהונדערטע און מיט זיין קראַפט און מיט זיין מאַגנעטיזם האָט ער געטראָגן אין זיך די גרויסקייט פון אַ נביא. ר' אפרים איז געווען פאָלקאָם אָריגינעל. ער האָט זיך גאַנץ ווייניק באַנוצט מיט געדאַנקען, וועלכע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר אים. זיין מוח האָט געבליצט מיט אייגענע וואונדערשיינע רעיונות. ער איז שטענדיק פאַרטיפט געווען אין לערנען און האָט שטענדיק געשאַפן עפּעס נייעס. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם אָנגעלאָדן מיט דער משא פון תלמוד, און דערביי איז ער אויך באַקאַנט מיט די ספרים פון די גרויסע יידישע דענקער און וויסנשאַפטסלייט פון מיטלאַלטער. ר' אפרים האָט אַלץ געלערנט און אַלץ געוואוסט. אין דער הינזיכט פון שטודיום פון אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע האָט ר' אפרים געהאַלטן מיט זיין גרויסן לאַנדסמאַן ר' משה איסערליש, דעם רמ"א, אַז אַן אמת'ער ירא שמים מעג זיך פאַרטיפן אין חקירה אויך און ס'וועט גאָרנישט שאַדן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער יסוד פון אונדזער אמונה איז באַזירט אויף טראַדיציע, אויף מסורה, דאָך דאַרף דער מענטש אָבער אָפּט באַטראַכטן די וועלט אויך מיטן פּשוט'ן שכל. לויט זיין מיינונג איז, אַז דער וואָס שטודירט די יידישע רעליגיע, דער וואָס וויל אַריינדרינגען און פאַרשטיין דעם מהות, דעם אינהאַלט פון דער יידישער אמונה, דאַרף אויך שטודירן וויסנשאַפטן ווי פיזיק, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, וועלכע וועלן געבן זיינע אַנשויאונגען מער וואָג, מער קראַפט, מער איבערצייגונג. און באמת האָט עס דאָך טאַקע ר' אפרים'ן נישט געשאַדט, פּונקט אַזוי ווי עס האָט נישט געהאַט געשאַדט דעם רמ"א און פילע אַנדערע טיף־פרומע פילאָזאָפישע פאַרשער.

ר' אפרים לונטשיץ איז געווען אַ טיפער און קלאָרער אַנאַליטיקער. ער האָט

געקאַנט אַריינדרינגען אין דעם תהום פון דערשיינונגען, און ער האָט געהאַט פאַרמאָגט די קראַפט אַריינצובערענגען אין זיי קלאָרקייט און סיסטעמאַטישקייט. פאַר אים איז דער קנויל פון דערשיינונגען נישט געווען קיין פאַרפּלאָנטערטער קנויל. ער האָט געזען דעם אָנהויב פון פּרדס און דעם סוף פון פּרדס אין אַלע זיינע געהיימניספולע, פאַרדרייטע און פאַרקרימטע רינגלעך און סטעזשקעלעך. ער האָט אומעטום געזען סיסטעם און האַרמאָניע. פאַר אים איז די וועלט נישט געווען קיין מעכאַנישער פּלאָנטער. ער האָט געזען דאָס גאַנצע, די האַרמאָניע, די אָרדנונג לויט וועלכע אַלץ איז אַנטשטאַנען און ווערט ווייטער געלייטעט.

דער באַזיס פון אַלע זיינע טיפזיניקע רעיונות, וועלכע ער האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט אין זיינע שאַפונגען און אין זיינע דרשות, איז געווען די יידישע עטיק, די תורה, די יידישע רעליגיע. אַלע זיינע רעיונות האָבן זיך געדרייט אַרום דער עטישער דערהויבונג פון יידן אויף אויסצופיינערן, אויסצואיידעלן, ריינ־צומאַכן זייערע געדאַנקען און זייערע הערצער. אַלץ איז ביי אים געקומען פון די העכסטע עטישע און רעליגיעזע מאָטיוון. פאַר אים האָט עקזיסטירט בלויז די יידישע אמונה, דורך וועלכע דאָס יידנטום און ד גאַנצע מענטשהייט קאָן דער־הויבן ווערן, געלייטערט ווערן פון די אַלע העסלעכסטע און נידעריקסטע זיטן; נאָר דורך דער יידישער רעליגיע קאָן מען קומען צום שלמות, צו עלית נשמה, צו שיינקייט, און דעריבער איז ביי אים געווען איין געדאַנק צו באַקעמפן די זינד, די גאָטלאָזיקייט. ער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצן זשעניע און זיין גאַנצן טאַלאַנט צו באַווייזן, אַז די יידישע רעליגיע זאָל ווערן דער איינציקער וועג־ווייזער פון יידן אויף אַלע וועגן וואו זיי זאָלן גיין, אין מעשים וואָס זיי וועלן טאָן און אין אַלע זייערע רעיונות וואָס זיי וועלן דענקען. ער האָט געוואָלט, אַז די עסענצן פון דער יידישער עטיק זאָלן אַזוי שטאַרק צונויפגעמישט ווערן אין די בלוטן וואָס פליסן אין די יידישע אָדערן, אַז זיי זאָלן לחלוטין נישט קאָנען אַנדערש דענקען, אַנדערש פילן און אַנדערש האַנדלען.

ר׳ אפרים לונטשיץ איז געווען אַ מאַן פון טעמפּעראַמענט, אַ מאַן אַ קעמפער פאַר זיינע אידייען, און מחמת דעם האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט יוצא זיין בלויז דערמיט וואָס ער פאַרשפּרייט זיין עטישע לערע אין זיין קהלה אַליין. ער פלעגט פאָרן אויף די גרויסע ירידים, וואָס פלעגן דעמאָלט פאַרקומען אין פּוילן און וואו עס פלעגן אויך אָפּגעהאַלטן ווערן די זיצונגען פון יידישן „סיים״, פון „ועד״. דאָרטן האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו זיין צווישן די גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק, וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען אויף די ירידים פון אַלע פּוילישע לענדער. אַט דאָרטן פלעגט ער אַרויס מיט זיינע געדאַנקען צו קעמפן קעגן דאָס בייזע, קעגן דאָס העסלעכע וואָס האָט געהערשט אין יידישן לעבן. ער האָט שוין דעמאָלט קיינעם נישט געשאַנעוועט. ביי אים איז דער אמת געווען צו־הויך, צו־שטאַרק, אַז ער זאָל קאָנען אַוועק פון אים. ער פלעגט דענסט־מאָל אָנגרייפן נישט בלויז די בעלי־בתים און פרנסים פון די קהלות, נאָר אויך די רבנים גופא פאַר זייער נאַכלעסיקייט, פאַר זייער נישט־טאָן, פאַר זייער גלייכ־גילטיקייט צו די אַלע אומגעווינטשטע דערשיינונגען אין אַלגעמיינעם ווי אויך אין קולטורעלן יידישן לעבן. ער האָט געהאַלטן, אַז די רבנים טוען גאָרנישט

אויפצוהויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פונם יידנטום. זיי זיינען טאַקע גדולי התורה, וואָס זיצן טאָג און נאַכט און לערנען, אָבער זיי טוען ווייניק פאַר דעם פשוט'ן עולם. אלס גאָט געבענטשטער פאָלקס־רעדנער פון אַ הויכער קוואַליטעט האָט ער די שווערסטע רעליגיעזע, עטישע און אויך געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען גע־קאָנט אַרויסברענגען אין אַ קלאָרער און פשוט'ער פאָרם, אַז יעדער איינער זאָל עס קאָנען פאַרשטיין. ער האָט פאַרמאָגט די מאַגנעטישע קראַפט צוצוציען מענטשן און האָט געהאַט דעם טאַלאַנט זיי דערנעענטערן צו זיך מיט זיין שטאַרקייט און אויפריכטיקייט. ער האָט געהאַט דעם כח צו צווינגען מענטשן מען זאָל אים אויסהערן ביזן סוף. די פשוט'ע יידן האָבן ליב געהאַט צו הערן זיינע שיינע מאַראַלישע דרשות, זיי האָבן אים ממש פאַרגעטערט. און אים הערנדיק האָבן זיי איינגעזען, אַז מען דאַרף באמת ווערן פרימער, שענער, מענטש־לעכער און טאָן דעם ווילן פון גאָט. דערביי האָבן זיי אויך ליב געהאַט צו הערן זיינע שטאַרקע שטראָף־רייד קעגן די יידישע מנהיגים, וואָס האָבן דאָס פאָלק נישט אַזוי גוט באַהאַנדלט. ער האָט געפילט די ליידן פון אָרימען פאָלק נישט בלויז בנוגע פרנסה, נאָר אויך בנוגע זייער מאַנגל אין תורה, אין דרך ארץ. די אָרימע מענטשן זיינען אומעטום און אין אַלע צייטן שלעכט באַהאַנדלט גע־וואָרן פון זייערע פירער, פרנסים, גבאים און אַנדערע מינים הערשער, וואָס האָבן עפּעס געהאַט צו זאָגן איבערן פאָלק. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיינע שאַרפע דרשות האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסע פאַרביטערטקייט אין דעם לאַגער פון די קריטיקירטע, פון די אָנגעגריפענע. ער האָט זיך דורך דעם דערוואָרבן אַ סך שונאים, וועלכע האָבן אויף אים, ווי דער שטייגער איז, אויסגעטראַכט כל'ערליי בלבולים און מען האָט אים שטאַרק גע'רודפ'ט. דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז די פרנסים פון די קהלות, נאָר אויך די רבנים גופא, וועלכע האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון זיינע אָנגריפן. פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער וואָלט געוואָלט לעבן מיט זיי בשלום, וואָלט ער עס גאַנץ לייכט געקאָנט. ער האָט זיך געדאַרפט בלויז „צופּאַסן". דען נאָר מענטשן וואָס פאַרשטייען די קונסט פון „צופּאַסונג" קאָנען זיך אויפלעבן זייער וועלטל אין רואיקייט און אין כבוד. די וועלט באַצאָלט פאַר „צופּאַסונג"; די וועלט באַצאָלט פאַר „נישט שטערן". מענטשן פון אַן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער זיינען אָבער די אומגליקלעכסטע. מענטשן מיט פּרינציפּן זיינען געבוירן געוואָרן צו ליידן, ווייל זיי שטייען אין געגנזאַץ צו די אָנגענומענע געזעצן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיי ווערן גע'רודפ'ט, זיי ווערן איגנאָרירט, זיי ווערן אַרויסגעשטויסן פון דער מענטשלעכער חברה, זיי ווערן אָפּגעזונדערט פון דער מחנה און נאָך לאַנגע יאָרן ווערן זיי זאָגאָר פאַר־געסן. ר' אפרים לונטשיץ אַליין זאָגט, אַז ווען ער וואָלט מילדער געמאַכט זיין טאָן, וואָלט ער גאַנץ לייכט געקאָנט געווינען חן אין זייערע אויגן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, ווייל ער האָט געוואָלט גאָטס כבוד שטעלן העכער ווי זיין כבוד.

ר' אפרים לונטשיץ איז אָבער געווען אַזוי גרויס און אַזוי ריין, אַז אַפילו זיינע געגנער האָבן מיט דער צייט געמוזט בויגן דעם קאָפּ פאַר אים. דער „ועד ארבע ארצות", אָדער יידישער פּאַרלאַמענט, איז עס געווען וואָס האָט אים

שפּעטער געשטיצט. דער „ועד" האָט אים אויפגעזוכט אַ שטעלע אויף רבנות און האָט אפילו ארויסגעגעבן אייניקע פון זיינע ספרים — אַ דערשיינונג וואָס איז זעלטן פאָרגעקומען. דאָס באַווייזט זיין גרויסע מאָראַלישע קראַפט, דאָס באַווייזט זיין ליכטיקע פּערזענלעכקייט.

## ב.

## זיין לעבן און שאַפונג

איבער דער דערציאונג און לעבן פון ר' שלמה אפרים לונטשיץ איז גאַנץ ווייניק באַקאַנט, כאָטש ער האָט געהאַט געשפּילט אַזאַ באַדייטענדע ראָלע אין דער יידישער וועלט אין זיין אייגענער צייט און אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן. עס זיינען ביי אונדז געווען פיל אַזעלכע בויער און שאַפער, וועלכע האָבן קיין מזל נישט געהאַט אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך דערצויגן, ווי אַזוי זיי האָבן געלערנט, ווי אַזוי זיי האָבן געהאַט פאַרבראַכט זייערע יאָרן. בנוגע ר' אפרים, ווייסט מען אפילו נישט געגוי די צייט ווען ער איז דערשינען אויף דער וועלט. מען איז זיך בלויז משער, אַז ער האָט געמוזט געבוירן ווערן אומגעפער אינמיטן פון זעכצענטן יאָרהונדערט. זיין אָריגינעלער נאָמען איז אייגנטלעך פריער געווען בלויז אפרים אליין, נאָר שפּעטער, אויף דער עלטער, ווען ער איז געפעלעד קראַנק געוואָרן, האָט מען אים, אַלס סגולה ער זאָל געזונט ווערן, צוגעלייגט נאָך אַ נאָמען שלמה נאָך דעם נאָמען פון זיין גרויסן רבי ר' שלמה לוריע.

זיין יוגנט האָט ר' אפרים געהאַט פאַרבראַכט אין זיין שטעטל לונטשיץ, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. די ערשטע צייט האָט ער געהאַט געלערנט ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, ווי אויך ביי דעם רב פון לונטשיץ. שפּעטער, ווען ער האָט שוין געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא, איז ער אַוועק קיין לובלין אין דער ישיבה, וואו עס האָט דאַמאָלס געהאַט געלעבט דער גרויסער גאון ר' שלמה לוריע, רש"ל, און וועלכער איז געווען דער ראש פון דער ישיבה. אין לובלין האָט ער געהאַט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט און ער איז פון דאָרטן אַוועק קיין יאַראָסלאַוו, וואו ער האָט, ווי יעדער ישיבה־בחור אין דער דאַמאָלסטיקער צייט, געלעבט אין גרויס אָרימקייט. שפּעטער אָבער איז ער דורך דער ווירקונג פון „ועד ארבע ארצות" באַשטימט געוואָרן אַלס ראש הישיבה אין לעמבערג און זיין לאַגע האָט זיך פיל פאַרבעסערט.

צו זיין צייט האָבן זיך די יידישע גדולים געהאַט פאַרנומען בלויז מיט לערנען גמרא. דער עיקר איז ביי זיי וועגן דער תלמוד, די שלייפעניש פון די מוחות, די שלייפעניש פון די הלכות. ר' יעקב פּאָלאַק האָט נאָך דערצו געהאַט איבערגעפּלאַנצט אין פּוילן די נייע שיטה פון לערנען גמרא, די נייע שיטה פון שאַרפן די מוחות דורך דעם חילוק־סיסטעם, דורך פּלפּול. די דאָזיקע שיטה איז געווען איינגעפירט פאַר דער גאַנצער יידישער יוגנט. מען האָט די איינגסטע

קינדער געשטאָפּט מיט גמרא און מיט תוספות'ן, מען האָט געלערנט מיט זיי די שווערסטע מסכתות, די שווערסטע פּראָבלעמען, און ניט בלויז זיינען זיי שווער געווען, נאָר זיי זיינען לחלוטין ווייט געווען פון קינדס געדאַנק, פון דער קינ־דערשער ערפאַרונג. עס זיינען געווען קינדער וואָס האָבן אויך די אַלע שוועריי־קייטן בייגעקומען. דאָס קען אָבער נאָר אַלץ ניט באַווייזן, אַז די שיטה איז געווען אַ גוטע. בלויז די קעפּ זענען גוט געווען אָבער גאַנץ ווייט ניט די שיטה, און באַ־דייטנד מער קינדער וואָלטן געקענט פאַרשטיין אַ בלאַט גמרא ווען מען וואָלט זיי געלערנט מיט אַ סיסטעם, ווען זיי וואָלטן פריער געהאַט באַקומען אַ נאָרמאַלע ערציאונג, אַ נאָרמאַל פאַרבערייטונגס־אויסבילדונג און וואָלטן געוואָרן מער ערפאַרענער אין לעבן. דאַן וואָלטן אפשר ניט געווען אַזוי פיל פּראָסטע יידן, עם הארצים. און וואָלט מען זיי געלערנט די העברייאישע שפּראַך און די גראַמאַטיק וואָלטן זיי בעסער געקענט פאַרשטיין דעם טייטש פון אַ פּסוק חומש.

דער מהר"ל און דער של"ה זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל מאַכן אַ נייעם סיסטעם אין דער יידישער ערציאונג. זיי האָבן געהאַלטן, אַז צו־ערשט מוז מען אַ קינד לערנען חומש. אַ יידיש קינד דאַרף קענען די תורה פון אָריגינעל, נישט פון צופעליגע פּסוקים אין תלמוד. דערביי מוז מען מיט זיי לערנען נישט אין שטיקלעך און ברעקלעך ווי דאָס איז געווען דער מנהג אין אַמאָליקע חדרים, דאָס הייסט, אַז מען האָט געלערנט מיט קינדער אַ שטיקל פּרשה פון יעדער סדרה און מען איז באַלד נעקסטן מאָל געפלויגן ווייטער און געלערנט נאָך אַ שטיקל פון דער נייער סדרה. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף מיט אַ קינד לערנען חומש פון אנהויב אַז ביזן סוף כסדר, כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַ גענויען באַגריף וואָס עס איז פאָרגעקומען. מען דאַרף אים ניט אָפּטייטשן בלויז יעדעם וואָרט: וידבר — גערעדט, ה' — גאָט, משה — צו משה'ן. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף ער־קלערן דעם קינד דעם גאַנצן ענין וואָס עס האַנדלט זיך. מען דאַרף אים אָנווייזן דעם צוזאַמענהאַנג פון איין פּרשה מיט דער צווייטער, און איין סדרה מיט דער צווייטער. אַלץ דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן פאַרן קינד אין פולער האַרמאָניע, ער זאָל קענען פאַרשטיין און ליב האָבן די תורה. ער האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף אויך לערנען לשון קדוש, אַז מען דאַרף לערנען דקדוק. עס איז געווען אַ מערקווירדיקע ערשיינונג צו זען ווי אַזעלכע גאונים און צדיקים ווי דער מהר"ל פון פּראַג און דער של"ה הקדוש זאָלן מיט אַזאַ פייער און מיט אַזאַ שטאַרקייט אנגרייפן דעם סדר הלימוד פון יענער צייט, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר הייליק, פאַר טראַדיציאָנעל, וואָס מען דאַרף נישט און מען טאָר נישט ענדערן. אַזוי איז געווען פאַרציייטנס און אַזוי דאַרף בלייבן איצט אויך. אָבער זיי האָבן זיך נישט געשראָקן.

אויף דעם זעלבן וועג איז אויך געגאַנגען ר' אפרים לונטשיץ. ער האָט, זייענדיק אַ דרשן אין פּראַג אין דער צייט פון מהר"ל, און נאָכדעם דער רב פון פּראַג ווען דער מהר"ל איז געשטאָרבן, אויך שאַרף קריטיקירט אָט דעם ערציאונגס־סיסטעם. ר' אפרים איז געווען שרעקלעך בייז וואָס מען גיט ניט דעם קינד אַ סיסטעמאַטישן קורס אין חומש, אין משנה און גמרא. ער האָט געהאַלטן, אַז פריער ווי אַלץ קומט חומש. אַ קינד דאַרף קענען און שטענדיק געדענקען די

תורה. און געדענקען קען ער נאר ווען ער וועט לערנען די תורה אין דער יוגענט און מיט א סיסטעם, מיט אן ערקלערונג, מיט אן אויפקלערונג און ניט בלויז מיטן אפּטייטשן ווערטער סתם אין דער וועלט אריין. ערשט ווען ער וועט שוין קענען גוט מקרא, ערשט דאמאלס קען מען אים געבן צו פארשטיין משנה און ערשט שפּעטער גמרא. דאס איז אבער נישט געווען אזוי. נאך גאר אין דער יוגענט, ווען דאס קינד האט נאך נישט געקענט ריכטיק אפּטייטשן און וויסן א פּסוק חומש האט מען שוין מיט אים אנגעהויבן לערנען גמרא און דוקא אזעלכע מסכתות, וועלכע זיינען ווייט געווען פונם קינדס מח ווי מזרח פון מערב. מען האט קינדער געלערנט מסכת עירובין, חולין, מען האט מיט זיי געלערנט קדשים. דערביי גיסט שוין אויס ר׳ אפרים זיין כעס אויף די מלמדים, וועלכע נארן אפּ די עלטערן מיט זייערע חניפות כדי צו באקומען די קינדער אין חדר. די מלמדים זאגן אפּט צו עלטערן אז זייערע קינדער וועלן אויסוואקסן גאונים, און זייערע קינדער האבן „מורא׳דיק שארפע קעפּ". די עלטערן נעבעך וויסן נישט. זיי גלויבן די מלמדים. אבער דערביי פארדרייען זיי נישט בלויז די קעפּ פון די עלטערן, נאר אויך פון די קינדער. און דער סוף איז, אז די קינדער וואקסן אויס אן תורה, דען אפילו דאס וואס זיי האבן געהאט געלערנט, האבן זיי אויך שוין פארגעסן. אויסער אלעם דעם איז ר׳ אפרים לונטשיץ געווען א שארפער קעגנער פון פּלפּול און פון „חילוק", וואס ברענגט צו גארנישט, דען נאך אלעמען ציען די „פּלפּולים" מיט די „חילוקים" אוועק פון פשוט׳ן פשט, פון דער פשוט׳ער לאגיק.

אלע זיינע אידייען און ארגומענטן קעגן די אומגעווינטשטע ערשיינונגען ביי די יידן פון זיין צייט, האט ער געהאט ארויסגעבראכט אין זיינע דרשות, מיט וועלכע ער האט געהאט באצויבערט זיינע צייט־גענאסן, און אויך אין זיינע שאפונגען. דאס ערשטע ווערק „עיר גבורים" ערשינען אין יאר 1580, האט ער געהאט געשאפן אין יאראסלאוו, ווען ער איז געווען אויף גרויסע צרות, ווען ער איז גע׳רודפ׳ט געווארן און האט געליטן הונגער. דאס דאזיקע ווערק איז איבער עמיק און זיינע גבורים זיינען פון יענע מינים גבורים וועלכע קענען צוברעכן דעם יצר הרע, וועלכע קענען איינצאמען די ליידנשאפטן. דערביי גרייפט ער אן אין דעם ספר די פערזאנען וואס האבן ליב צו גנב׳ענען פון יענעמס ספר און שרייבן אלצדינג צו צו זיך, אויף זייערע נעמען. ס׳פארשטייט זיך, אז ער האט זיך מיט אזעלכע אטאקעס קיין גוטע פריינט ניט איינגעקויפט.

דאס קלאסישע ווערק זיינס איז געווען זיין „עוללות אפרים". דאס איז געווען אן אמת׳ע מייסטערווערק פון פארם און אינהאלט. דארטן באריררט ער אלע ענינים פון די יידישע יומים טובים, ער רעדט ארויס דעם ענין פון מלה, פדיון הבן, בר מצוה און פיל אנדערע ענינים וואס האבן א שייכות צום יידנטום. דערביי באמיט ער זיך מיט זיין שארפן מוח און שטרקער לאגיק צו באווייזן די טעמים פון אט די אלע יידישע מצות, דעם זינען און אינהאלט פון אלע געבאטן. ער ברענגט דאס אלץ ארויס מיט עכטער קלארקייט, כאטש אויף דעם אלטן סטיל, ברענגענדיק ציטאטן פון דער תורה און פון תלמוד.

ער האט אויך געשאפן די ווערק „אורח לחיים", „שפתי דעת", און „עמודי שש". ער האט אויך געהאט געשאפן א ווערק „רבבות אפרים", וועלכן ער דער־

מאַנט אין זײַנע אַנדערע װערק. עס איז אָבער מיט דער צײַט פאַרלאָרן געגאַנגען, מעגלעך אַז עס איז פאַרברענט געװאָרן אין דער גרױסער שׂרפֿה װאָס האָט געהאַט אױסגעבראָכן אין פּראָג אין יאָר 1689.

זײַער פּאָפּולער איז געװען אין דער ייִדישער װעלט זײַן פּירוש אױף דער תורה אונטערן נאָמען „כּלי יקר". אַלס דרשן האָט זיך ר' אפרים נישט געקענט אָפּזאָגן פֿון דרש. געװיס, ער האָט ליב געהאַט פּשט אױך. פּשט איז גוט און נױטװענדיק. אָבער װי פּשט אַלײן איז גוט, קען דאָס נאָך אַלץ גיט שטערן דעם דרש. װאָרט איז װאָרט, און זינען איז זינען. מען קען אין יעדן פּסוק אַרײַנלײגן אַן אַנדער זינען, כאָטש צום עצם פּשט פֿון פּסוק האָט עס נישט. „אחת דבר אלהים, שתים זו שמעתי". יעדן װאָרט קען מען אױסטײַטשן אױף צװײערלײ אופנים. דען אַ חוץ דעם װאָרטלעכן זינען, דאָס הײסט, אַ חוץ דעם פּשוט'ן פּשט, איז פֿאַראַן נאָך אַ זינען, נאָך אַן אינהאַלט, װעלכן מען דאַרף זיך באַמיִען אַרױסצובאַקומען. פּשט שטערט נישט דעם דרש און דרש שטערט נישט דעם פּשט. עס שטײט, למשל, אין דער תורה „על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו". דער פּשוט'ער פּשט איז דאָך קלאָר און מען דאַרף זיך דערײַן נישט שטאַרק גריבלען. דאָך קען דאָ ליגן נאָך אַ געדאַנק, װאָס זאָל צום פּשוט'ן פּשט גאָר קײן שײַכות נישט האָבן. עס הײסט, אַז בעת אימעצער גײט חתונה האָבן, זאָל ער אָװעקװאַרפֿן די אַלע נאַרישקײטן פֿון יחוס אבות נאָר נעמען אַ פֿרױ לױט איר טוגענט, לױט איר אײגענע פֿאַרדינסטן. דער „כּלי יקר" אױף דער תורה איז אײגנטלעך, אַזױ צו זאָגן, אַ פּירוש על פּי קבלה, על פּי רמז, דרש, ער איז אָבער דאָך זײער באַליבט געװען בײַ ייִדן, אַ דאַנק זײַנע שײנע רעיונות.

לאַנגע יאָרן האָט ר' אפרים לונטשיץ פֿאַרבראַכט אין לעמבערג אַלס ראש הישיבה. שפּעטער אָבער איז ער אײַנגעלאַדן געװאָרן אַלס דרשן אין פּראָג, װעלכע איז דאַן באַרימט אין דער װעלט און שפּעטער װען דער מהר"ל איז געשטאָרבן איז ער געװאָרן דער רב הכולל. פֿערצן יאָר האָט ער געװירקט אין פּראָג, װאו ער האָט געהאַט אָנגעשריבן כמעט אַלע זײַנע ספֿרים. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1619.

# דער ווילנער גאון

## א.

### זיין אפשטאמונג און זיין ערשטער אויפטריט

דער ווילנער גאון האט געשטאמט פון א פאמיליע, וועלכע איז געווען באַ־רימט מיט אירע תלמידי־חכמים און צדיקים און ציט זיך ביז צום גאון ר׳ משה ריבקיש, דער מחבר פון „באר הגולה" און צו ר׳ משה בן דוד אשכנזי, אדער ר׳ משה קרעמער, וועלכער האט געהאט גע׳שמ׳ט מיט זיין גרויסקייט אין תורה און אין צדקות.

ר׳ משה אשכנזי איז געווען אין ווילנע א קרעמער און טאקע אויך א קליינער ארימער קרעמער, אבער די שטאט, סיי די בעלי בתים און סיי די רבנים, האבן געוואוסט, אז ר׳ משה איז עפעס נישט סתם א קרעמער ווי אלע קרעמערס, וואס פארקויפט סחורה, נאר אז ער פארמאגט אויך א סך תורה, אז ער איז א גרויסער תלמיד־חכם. מחמת דעם, ווען די קהלה פון ווילנע האט זיך געהאט גענויטיקט אין א רב, האט מען ר׳ משה׳ן, אין יאר 1650, אויסגעוויילט און באשטימט אלס אב״ד. ר׳ משה האט די שטעלע פון רבנות אנגענומען, אבער ער האט בפירוש ערקלערט, אז ער וועט פון דער שטאט קיין שכירות נישט נעמען, ווייל ער איז פאלקאם צופרידן מיט דער הכנסה פון זיין קראם, וועלכע גיט אים די מעגלעכקייט צו מאכן א לעבן. הגם ר׳ משה איז מער געזעסן אין בית מדרש און געלערנט און די קראם האט געפירט זיין פרוי, פונדעסטוועגן האט מען אים גערופן ר׳ משה קרעמער און אזוי איז אויך געבליבן זיין נאמען אפילו ווען ער איז שוין געווען דער אב־בית־דין פון אזא שטאט ווי ווילנע.

די בעלי בתים פון ווילנע, וועלכע האבן אזוי הויך געשעצט און געליבט זייער רב האבן געהאט עגמת נפש וואס דער רב וויל נישט נעמען קיין שכירות ער זאל קענען מאכן א פיינעם לעבן און זיין פרוי זאל ניט דארפן ארבעטן, און זיי האבן דעריבער גערעכנט, אז דער איינציקער אויסוועג אים צו העלפן איז, וואס מען זאל אים געבן צולייזן, וואס מען זאל ביי אים קויפן סחורה, און זיי האבן אזוי געטאן. מען האט אנגעזאגט די פרויען, אז זיי זאלן זען צו קויפן סחורה נאר ביי ר׳ משה׳ן. ווען ר׳ משה האט אבער איינמאל באמערקט, אז דער פדיון ווערט עפעס גרעסער, האט ער אנגעזאגט זיין ווייב, אז זי זאל, למעה״ש, שטארק אכטונג געבן אויף דער הכנסה, אויף דעם פארדינסט, און ווי נאר זי וועט באַ־מערקן, אז מען האט שוין געלייזט גענוג געלט, וואס זאל קלעקן אויף די הוצאות פון דער וואך, זאל זי פאר די איבריקע טעג אין וואך פארמאכן די קראם. ער

האט געזאגט, אז עס וואלט געווען נישט ערלעך פון זיין זייט אויסצונוצן זיין הויכע רבנות־שטעלע כדי צו קענען קאנקורירן מיט די איבריקע קרעמער.

ר' משה קרעמער איז אין זיין צייט באטראכט געווארן פאר דעם גרעסטן תלמיד־חכם, פאר דעם גרעסטן גאון. קיין ספרים, פון וועלכע מען האט געקענט זען זיין גרויסקייט, זיינען פון אים נישט געבליבן, אבער זיינע צייטגענאסן האבן אים געהאלטן פאר א שארפן קאפ. עס ווערט פון אים דערציילט א גוט ווארט מכח אן עניו, אויף וועלכן מאנכע האבן מתרעם געווען. ער האט אמאל געפרואווט ענדערן א געוויסן אנגענומענעם מנהג און דער עולם איז געווען דערפון אומ־צופרידן. דערויף האט ר' משה געענטפערט מיטן פסוק אין חומש: „א תפנו אל האבות", וואס הייסט, געוויינלעך, אז מען זאל זיך נישט ווענדן צו די כשוף־מאכער. ער האט אבער דאס ווארט „אבות" באנוצט פאר א ווארט־שפיל און פארטייטשט „אבות". עס האט געהייסן צו זאגן, אז די תורה זאגט אונדז אן, דאס ביים באשליסן וועגן ענינים פון רעכט און אומרעכט, דארף מען באנוצן דעם אייגענעם שכל, דעם אייגענעם „קאמאן סענס" און מען זאל נישט זיין אויס־שליסלעך אפהענגיק פון די מנהגים, וועלכע זיינען עטאבלירט געווארן פון אונדזערע „אבות". ער איז אינטערעסאנט, אז דעם זעלבן שטריך, די נויטווענדיקייט פון אן אומאפהענגיקן דענקן, פון געברויכן דעם אייגענעם מוח, זיך נישט ווענדנדיק אלע מאל צו די „אבות", איז שפעטער געווען צו דערקענען אויך ביים ווילנער גאון.

ר' משה קרעמער האט געהאט א זון, ר' אליהו, וועלכער איז געווען איינער פון די באוואוסטע פירער פון דער ווילנער קהלה, און כאטש ער איז נישט געווען אזוי גרויס ווי זיין פאטער אין תורה, איז ער אויך געווען א גרויסער למדן און באזונדערס אויך א גרויסע עטישע פערזענלעכקייט און ער איז געווען באוואוסט אין ווילנע אלס „ר' אליהו חסיד", דען ער איז געווען א גרויסער צדיק, א גרויסער קדוש.

ר' אליהו'ס זון, ר' יששכר בער, איז אויך געווען געראטן אין טאטן און אין זיין זיידן, און זיין זון, ווידער, איז געווען ר' שלמה זלמן. ר' שלמה זלמן אליין האט גענומען א פרוי פון סעלץ, לעבן בריסק, און האט זיך דארטן באזעצט. ר' שלמה זלמן איז געווען א גרויסער ארימאן, ווארום קיין געשעפט האט ער נישט געהאט און איז אויך ווייט געווען פון דער גאנצער מסחר־וועלט. זיין איינציקער געשעפט איז געווען צו זיצן אין בית־מדרש און לערנען תורה. אזוי ווי ר' משה ריבקיש, דער מחבר פון „באר הגולה", וועלכער איז געווען פון זיין משפחה, האט געהאט איבערגעלאזן דער שטאט א שטיקל פאנד צו שטיצן די תלמידי־חכמים, וועלכע האבן קיין אנדער באשעפטיקונג נישט און לערנען תורה, האבן אים די גבאים פון שטאט געשטיצט פון אט דעם פאנד.

ר' שלמה זלמן האט געהאט פינף זין, אלע גרויסע לומדים, אלע גרויסע פרומע יידן. איינער פון זיי איז געווען ר' אברהם, וועלכן מען האט שפעטער גערופן ר' אברהם ראגאלער, ווייל ער איז געווען רב אין ראגאלע. מען האט אים אויך גערופן דער „ראגאלער חסיד", ווייל ער איז געווען זייער אויסערגעוויינלעך פרום. א צווייטער האט געהייסן ר' יששכר בער, וועלכער איז געווען באקאנט אין ווילנע מיט זיין לומדות און מיט זיין גוט קענען תנ"ך. ער האט זאגאר געמאכט א פירוש אויף שמואל און מלכים לויט דער פשוט'ן פשט. דער פירוש איז אבער

געבליבן אין כתב־יד. א דריטער איז געווען ר' מאיר, וועלכער איז געווען רב אין יאנישאק און איז געווען א זעלטענע עטישע פערזענלעכקייט. א פערטער איז געווען ר' משה, א גרויסער שארפער מוח אין תורה און איז געווען רב אין פאדעלווע, נישט ווייט פון ווילקאמיר. א פינפטער, וועלכער איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער, דער בכור, איז געווען רבנו אליהו, דער ווילנער גאון, וועלכער איז פארוואונדערט און געלויבט געווען דורך זיין גאונות און צדקות פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט און פון די שפעטערדיקע צייטן.

דער ווילנער גאון איז געבארן געווארן דעם 23טן אפריל, 1720, אין דער שטעטל סעלץ, נית ווייט פון בריסק, און מען האט אים א נאמען געגעבן נאך זיין עלטער־זיידן, ר' אליהו. עס ווערט דערציילט, אז אלס קינד איז ער געווען אזוי שיין, אז ווער עס פלעגט אים אנקוקן פלעגט נתפעל ווערן. עס איז אפשר נישט בלויז דאס אויסערלעכע וואס האט אזוי שיין געלויכטן. נאך אלעמען איז זיין צארטער און קלארער פנים, זיינע שארפע אויגן, געווען בלויז אן אפשפיגלונג פון זיין נשמה, דאס איז געווען א רעפלעקס פון דער אינערלעכער שיינער וועלט. זיין אויסערלעכער רייץ איז געווען דער אפשיין פון זיין שארפן, בליציגען, גאניאלן מוח, וואס האט אנגעזאגט, אז דאס דאזיקע קינד וועט אמאל באוואונדערן די וועלט מיט די אויסשטראלונגען פון זיין גייסט.

אז אליהו האט גענומען אונטערוואקסן, האט מען באלד דערזען, אז מען האט דא צו טאן מיט א וואונדער־קינד. דען ווען ער איז געווען אלט א יאר זעקס האט ער שוין אזוי גוט געקענט לערנען חומש און גמרא, אז ער האט שוין מער קיין מלמד נישט געדארפט האבן. דאס אליין איז שוין געווען א גרויסער וואונדער, אבער נאך גרעסער איז געווען דער וואונדער, ווען דער דאזיקער קליינער אליהו איז צו זעקס מיט א האלב יאר אויפגעטראטן אין דער גרויסער ווילנער שול מיט א פלפול. דאס איז געווען איינע פון די גרעסטע פענאמענען אין דער געשיכטע. דען מען דארף דערצו וויסן וואס עס איז אין יענער צייט ווילנע און די ווילנער שול. ווילנע איז געווען פול מיט לומדים. די ווילנער קלויזן זיינען געווען פול מיט האר־שפאלטנדע מוחות, די ווילנער בעלי־בתים זיינען געווען לומדים, ווילנע האט געהאט גרויסע רבנים, און ווען זיי האבן ערלויבט א אינגעלע פון זעקס מיט א האלב יאר האלטן א דרוש אין דער גרויסער שול, איז עס נישט געווען, חס וחלילה, צוליב סענסאציע, נאר צו זען די אמת'ע גדלות, דעם אמת'ן וואונדער און צו הערן די תורה פון אזא זשעניע. מען האט די גדולים פון ווילנע נישט געקענט איבערראשן מיט א קינדערשער דרשה. עס זיינען געווען געניג, וועלכע מען האט אויסגעלערנט א דרשה און זיי האבן זי איבערגעזאגט גאנץ גוט. זיי האבן שוין אזעלכע דרשות, בעסערע און ערגערע געהערט געניג; די ווילנער גדולים האבן אבער דא דערזען אן אויסערגעוויינלעכער ערשיינונג, דען ער האט נישט גערעדט ווי א זעקס א האלב יאריקער קינד, נאר ווי א רייפער מענטש, ווי א גרויסער למדן, ווי א גאון. דערצו דארף מען נישט פארגעסן, אז מען האט שוין וועגן דעם וואונדער־קינד געוואוסט פון פריער. די גדולים פון ווילנע האבן שוין גאנץ גוט געוואוסט, אז ר' שלמה זלמנ'ס זון, ר' אליהו, ווייזט ארויס אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן אין תורה. מען האט שוין פריער נישט איין רב געהאט פארהערט און אים געפרואווט פרעגן קשיות, און, פארשטייט זיך, הארבע קשיות, כדי נישט

צו ווייזן, אז דאס קליינע קינד האט אים מנצח געווען אין תורה. און דעמאלט האבן זיך אלע געפרואווט איבערצייגן אין זיין גרויסקייט אזוי, אז מען האט אים ערלויבט צו האלטן א דרוש אין דער גרויסער שול, וואו נאר גדולים האבן געהאט די זכיה צו ריידן פארן עולם.

הגם די גדולים האבן געוואוסט פון זיין גרויסקייט, זיינען זיי אבער דאך אריינגעפאלן אין התפעלות ווען זיי האבן געהערט זיין פלפול אין שול. דער ווילנער רב, ר׳ יהושע העשיל, וועלכער האט בייגעוואוינט דעם פלפול, איז אזוי איבערראשט געווארן, אז ער האט געבעטן ר׳ שלמה זלמנ׳ען ער זאל אים ברענגען זיין זון. ר׳ שלמה זלמן האט אים געבראכט שבת צו שלש סעודות, ווען עס פלעגן זיך ביים רב צונויפקלייבן גרויסע לומדים לערנען אין תורה און אט דעמאלט האט אים דער רב, אין דער געגנווארט פון אט די אלע שארפע קעפ, געפרעגט געוויסע ענינים פון דעם דרוש וואס ער האט געהאלטן אין שול, כדי צו וויסן ווי ווייט ער איז אריין אין דעם ענין, ווי טיף ער האט אויפגעפאסט דאס טעמא און אויב ער איז בכח עפעס מחדש צו זיין. דער יונגער גאון האט אויף די אלע קשיות גע־ענטפערט. און ערשט דאן זיינען די אלע לומדים, וואס זיינען געזעסן ביים רב, און אויך דער רב גופא, נשתומים געווארן פון זיין שנעלער תפיסה, פון זיין שארפ־קייט און קלארקייט. דען מיט זיינע תירוצים האט ער אויך באוויזן מחדש צו זיין חדושים, צו שאפן אייגענע סברות, אייגענע אריגינעלע מיינונגען. פון דאן האט דער נאמען פון יונגען וואונדער־קינד אנגעהויבן קלינגען איבער דער יידישער וועלט.

## זיין חתונה און גלות אפריכטן

## ב.

דער ווילנער גאון האט קיינמאל נישט געלערנט אין א חדר, קיינמאל נישט געלערנט אין א ישיבה און קיינמאל נישט געלערנט ביי א וועלכן־עס־איז רב. צום אנהויב האט מיט אים געלערנט זיין אייגענער פאטער ר׳ שלמה זלמן, און ווי נאר ער האט געכאפט דעם רעכטן שניט פון לערנען, האט ער שוין אנגעהויבן לערנען פאר זיך אליין. נישט ער האט געדארפט קיין רבי׳ן און נישט קיין רבי האט געקאנט זיין צוגעפאסט צו אים, דען ער איז געווען א וועלט פאר זיך. בלויז איין קורצע צייט, בלויז א האלב יאר איז אים אויסגעקומען, אזוי צו זאגן, צו שטיין אונטער דער השגחה פון א רב. אז ער איז אלט געווארן אכט יאר איז אין ווילנע גראדע געווען אנגעקומען דער באוואוסטער גאון ר׳ אברהם קאצענעלבויגען, דער אב״ד פון בריסק, וועלכער האט זיך געהאט אפגעשטעלט ביי זיין איידים ר׳ יוסף עטקעס. אז ר׳ אברהם איז געוואויר געווארן פון דעם פאנעמענאלן קינד, האט ער געלאזט רופן צו זיך ר׳ שלמה זלמנ׳ען און אים געבעטן, אז ער זאל אים ערלויבן צו נעמען דאס קינד אונטער זיין השגחה און ער וועט מיט אים לערנען. ר׳ שלמה זלמן האט דערצו מסכים געווען און ר׳ אברהם האט אים מיטגענומען מיט זיך קיין קיידאן ביי זיין פאטער ר׳ דוד קאצענעלענבויגען און מען האט אים

אפגעגעבן לערנען ביי דעם גרויסן גאון ר׳ משה, דער מחבר פון „פני משה" אויף ירושלמי. דאס בארימטע וואונדערקינד איז אבער פארבליבן אין קיידאן בלויז עטלעכע חדשים און האט זיך צוריקגעקערט אהיים אין ווילנע. די סיבה פארוואס ער איז אוועק פון קיידאן ווערט געווײנלעך אנגעגעבן דאס ר׳ משה, זיין רבי, איז דאן אוועקגעפארן קיין אמסטערדאם דרוקן זיין חבור אויף ירושלמי. עס קאן זיין אז עס זיינען געווען אנדערע סיבות, אבער זיי זיינען ביז איצטערט נישט באקאנט.

קיין פריינט און חברים, ווי עס האבן געהאט אלע אינגלעך, האט דער גאון כמעט נישט געהאט. אז ער איז אלט געווען צען יאר האט ער געהאט גע־לערנט בלויז מיט צוויי אינגלעך. איינער, אריה ליב, וועלכער איז שפעטער בא־וואוסט געווען אלס גאון און רב אין טשעכאנאוויץ, און דער צווייטער, חיים, איז געווען באקאנט אלס ר׳ חיים מגיד פון ווילנע. ווי ווייט דעם גאונ׳ס גרויסקייט איז געווען, איז צו זען דערפון, וואס אט די צוויי חברים זיינע האבן שפעטער, ווען זיי זיינען גרויס און בארימט געווארן, קיינמאל נישט געהאט געוואגט זיך צו רופן און זיך צו האלטן אלס חברים פון גאון, נאר זיי האבן זיך באצייכנט אלס זיינע תלמידים. זיי האבן פשוט נישט געהאט דעם מוטה און די דרייסקייט זיך אנצוגעבן אלס חברים פון גאון, כדי, אזוי צו זאגן, ארויסצואווייזן פאר דער וועלט, אז זיי שטייען מיט אים צוזאמען אויף איין ברעטל.

אין דער גאנץ קורצער צייט וואס דער גאון האט פארבראכט אין קיידאן איז ער זייער בארימט געווארן אין שטאט און אין אלע שטעטלאך ארום און אלע לומדים און בעלי בתים האבן געקוקט אויף אים מיט גרויסער פארערונג. און ס׳איז קענטיג באשערט געווען, אז ער זאל אויך הייראטן אין דער דאזיקער שטאט. אז ער איז אלט געווארן אכצן יאר האט ער חתונה געהאט מיט איינער א מיידל, חנה, א טאכטער פון א גרויסן קיידאנער אריםאן, ר׳ יהודה ליב. און ס׳איז א סברא, אז ער האט א קורצע צייט פארבראכט אין דער דאזיקער שטאט. יעדנפאלס האט ער פארבראכט אין דער אומגעגנט פון קיידאן. ער איז אוועק ווייט פון שטאט, ווייט פון שטאטישן טומל און זיך באזעצט אין א קליינער שטיבעלע, וואו ער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט.

פונקט אזוי ווי עס האט פאסירט מיט מערערע אנדערע גרויסע עטישע גייסטער פון אמאליקע יארן, וועלכע האבן זיך נישט געהאלטן פאר גענוג פאלקאמען, פאר גענוג פרום און האבן געזוכט נייע וועגן פאר שלמות, אזוי האט אויך דער גאון, א פאר יאר נאך דער חתונה, באשלאסן צו גיין זוכן די פאלקאמענהייט, צו גיין אפריכטן גלות. ער האט דאריבער פארלאזן די פרוי און קינדער און איז אוועק. עס איז מעגלעך, אז אויסער די שלמות האט דער גאון געהאט אנדערע כוונות מיטן אוועקגיין פון דער היים. עס זיינען דעמאלט געווען מענטשן, וועלכע האבן זיך געהאט געלאזן איבער דער וועלט צו זען ווי עס לעבן די יידן אין פארשידענע ערשער.

אפריכטנדיק גלות האט ער זיך אין קיין ארט, וואו ער איז געקומען, נישט געלאזן דערקענען. ער האט קיינעם נישט געזאגט ווער ער איז, אבער די וועלט איז דאך געוואויר געווארן פון אים. ער האט זיך בשום אופן נישט געקאנט

אויסבאהאלטן און וואו ער איז געקומען האט מען אים אויפגענומען מיט גרויסן כבוד. עס האבן זיך אויך אנגעהויבן פארשפרייטן וועגן אים וואונדערלעכע זאכן. ער האט אזוי אפגעוואנדערט עטלעכע יאר. געווען אין פיל שטעט און פארשידענע מדינות און איז ענדלעך צוריקגעקומען קיין ווילנע, וואו ער האט באשלאסן זיך צו באזעצן. ווי ווייט מען איז אמאליקע יארן געווען זייער פארזיכטיק מיט א פרעמדן מענטשן, וועלכער האט אויסגעדריקט זיין וואונטש זיך צו באזעצן אין ווילנע, אדער אנדערע שטעט, איז געווען צו זען דערפון וואס אפילו דער דאזיקער גרויסער גאון מיט וועמען עס האט שוין געהאט געשטורמט די יידישע וועלט האט געמוזט אויסשטיין דעם עקזאמען אויף צו ווערן א בירגער. מען האט אים גע־שיקט איניקע באוואוסטע פערזאנען פון דער שטאט זיך צו דערוויסן עפעס פון אים און זען אויב מען זאל אים מקרב זיין אדער נישט.

דער גאון האט זיך דאן באזעצט אין ווילנע. אזוי ווי ער האט אבער קיין רבנות־שטעלע נישט געהאט אנגענומען, נאר ער איז געזעסן יומם ולילה און גע־לערנט תורה, האט ער, נאטירלעך, נישט געהאט פון וואס צו לעבן. די שטאט האט אים אבער נישט פארלאזן און מען האט אים יעדע וואך ארייגעשיקט אויף חיונה.

עס ווערט, אגב, וועגן דעם דערציילט א מעשה. דאס געלט וואס די צדקה־גבאים האבן געהאט פאר אים, פלעגט צו אים אפגעשיקט ווערן דורך א שמש. דער שמש האט זיך אבער איינמאל מיישב געווען אז איידער אוועקצוגעבן דעם גאון וועט ער בעסער דאס געלט צונעמען פאר זיך. ער האט אזוי ארום געלאזט דעם גאון הונגערן. דער גאון האט פארשטאנען אז די גבאים האבן אים דאס געלט געשיקט און ער האט געוואוסט, אז מן הסתם האט דער שמש דאס געלט צוגענומען פאר זיך. ער האט דערפון געמאכט א שוויג. ער האט נישט געוואלט אויסזאגן קיין איין מענטשן דערפון, ווייל דער שמש וואלט דאך באליידיקט גע־ווארן. עס איז אבער אריבער א טאג נאך א טאג און א וואך נאך א וואך און די פאמיליע האט שוין ממש געהאלטן ביים אויסגיין פון הונגער. דאן האט דער גאון אנגעזאגט אז קיינער פון הויז זאל נישט מגלה זיין די זאך, נאר ער האט געראטן זיין פרוי אז זי זאל נעמען די קליינע קינדער און אריינגיין אין שטוב פון די שכנים בעת זיי עסן. אזוי ווי קליינע קינדער שעמען זיך נישט צו בעטן בעת זיי זען ווי אנדערע עסן, וועט מען זיי שוין זיכער עפעס געבן צום עסן. אונטער דער צייט איז דער שמש קראנק געווארן און האט געהאלטן ביים שטארבן. דאן האט ער זיך מודה געווען אויף די גרויסע זינד זיינע און דער גאון האט ווידער אנגעהויבן באקומען זיינע שכירות.

פונקט אזוי ווי זיין גאונות אזוי איז אויך זיין התמדה געווען אן אויסער־געוויינלעכע. ער פלעגט בייטאג צומאכן די לאדענס און פלעגט לערנען ביי א ליכט, כדי דער גערויש פון דער גאס זאל אים נישט שטערן צו לערנען. זיין אייניקל דערציילט, אז ער פלעגט יעדן טאג דורכלערנען א הונדערט בלאט גמרא. און ער איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען תורה, ער איז געווען אזוי ווייט אפגעזונדערט פון דער וועלט, אז ער האט איינגאנצן פארגעסן אז זיין ארימע לאגע, האט פאר־געסן, אז ער האט קינדער, אז ער איז א פאטער פון א משפחה, פאר וועלכע ער

דארף זארגן, פאר וועלכע ער דארף ברענגען ברויט. ער האט פארגעסן, אז קליינע קינדער דארפן עסן און קאנען נישט יוצא זיין מיט תורה אליין... ער האט זיך קיינמאל נישט אינטערעסירט צו וויסן ווי אזוי זיינע קינדער לעבן, אפילו דעמאלט ווען זיי זיינען שוין געווען דערוואקסן און זיינען געווען זעלבסשטענדיק. אפילו ווען עמיצער פון זיינע קינדער פלעגן קומען צו אים נאך א יאר אדער צוויי יאר פלעגט ער זיי קיינמאל נישט פרעגן ווי עס גייט זיי אין געשעפט. אז ס'איז אמאל צו אים געקומען זיינער א זון פון א וויטן וועג, האט ער גערעדט מיט אים בלויז א פאר ווערטער און אים דערביי אויפמערקזאם געמאכט, אז אזוי ווי ער איז געווען אין וועג האט ער דאך זיכער עובר געווען אויף ביטול תורה, מחמת דעם זאל ער זען איצט די זאך משלים זיין. דער ווילנער גאון איז אין דער הינזיכט פון התמדה געווען א זעלטענע דערשיינונג. ער האט בכלל נישט גערעדט קיין איבריקן ווארט וואס האט נישט געהאט א שייכות צום לערנען. אז ער פלעגט שוין, ביי זייער זעלטענע צופאלען, צוזאמענקומען מיט מענטשן צו רעדן וועגן געוויסע וויכטיקע ענינים, האט ער זיך וויניק־וואס צוגעהערט צו יענע רייד וואס האבן נישט געהאט קיין שייכות צו תורה. ער איז קיינמאל נישט געגאנגען ד' אמות אן תפילין. ער איז געזעסן רואיק און שטיל אין זיין היים, אפגעזונדערט פון דעם גאנצן וועלט־טומל און אפגעגעבן זיין נשמה און זיין גוף צו דער תורה. אויסער דער תורה האט פאר אים די וועלט קיין ווערט נישט געהאט, האט די וועלט פאר אים ניט עקזיסטירט.

## ג.

## דער גאון און פלפול

די אלע וואס רעכענען אויס די מעלות פון ווילנער גאון שטעלן זיך אפ הויפטזעכלעך דערויף וואס ער איז געווען א געגנער פון פלפול, אז ער האט אפ־געשאפט, אדער ער האט געוואלט אפשאפן דעם פלפול פון לערנען גמרא. עס פארשטייט זיך, אז דערמיט וויל מען באטאנען, אז דער פלפול איז עפעס א מין צוטשעפעניש צום תלמוד, א מין איבריקע זאך, אז מען קען זיך באגיין און מען מוז זיך באגיין אן דעם, אז דער פלפול איז קעגן דעם גייסט פון תלמוד, קעגן דעם מהות פון תלמוד, אז פלפול איז קעגן דער לאגיק, קעגן דעם שכל הישר און אזוי ווי דער ווילנער גאון האט געהאט א קריטישן מוח, האט ער ממילא געקעמפט קעגן פלפול.

די דאזיקע מיינונג איז אזוי שטארק פארשפרייט געווארן און איז אזוי טיף איינגעווארצלט געווארן אין פלייש און בלוט פון פילע העכערע גייסטיקע פער־זאנען אז מען האט עס מיט דער צייט באטראכט אלס א פאלקאמענער אמת. מען האט געלאכט פון פלפול, מען האט חוזק געמאכט פון פלפול און אז מען האט געוואלט באליידיקן, צונישט מאכן אימעצנס רייד האט מען געזאגט, אז דאס איז פלפול. פלפול איז געווארן א מין שרעק־בילד, פלפול איז געווארן ווי א מין בייזער גייסט פאר וועלכן מען האט מורא געהאט ווי פארן טויט. און דאס אינטערע־

סאַנטסטע איז געווען, וואָס די אַלע מינים אַנגרייפער פון פּלפּול, האָבן זיך קיינמאָל נישט פּרובירט באַטראַכטן צי דאָס איז טאַקע אַזוי ווי זיי שטעלן זיך דעם פּלפּול פאָר. מען האָט גאָרנישט פּרובירט רעוואַלטירן קעגן דעם דאָזיקן געדאַנק, מען האָט גאָרנישט פּרובירט נאָכדענקן איבער דעם, עס איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז דאָס קען זיין אַנדערש. דאָס איז געוואָרן אַ שטיק מסורה, אַ שטיק טראַדיציע. פּלפּול איז געפּערלעך און לעכערלעך.

דאָס איז אָבער אַ גרונד פאַלשע באַהויפּטונג, און דאָס איז געקומען דערפאַר וואָס זיי האָבן צוזאַמענגעמישט צווייערליי סאָרטן פּלפּולים און געמאַכט דערפון איין זאַך, קעגן וועלכער מען דאַרף קעמפן. זיי האָבן פּשוט נישט געקענט דעפינירן דעם גאַנצן באַגריף פון פּלפּול און זייענדיק אַביסל אָנגעשטויסן אויף דעם אַלט־מאָדישן לעבן, האָבן זיי געשניטן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, האָבן זיך אויס־געלאַכט פון אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזן. די קטני אמנה האָבן געהאַט פאַרגעניגן אין צוברעכן דאָס אַלטע, האָט מען געבראַכן אַזעלכע זאַכן וועלכע זיינען געווען נויטווענדיק, אַז וועלכע עס וואָלט קיין שום שכל'דיקע זאַך נישט געקענט עקזיס־טירן, אַז וועלכע עס האָט נישט געקאַנט זיין קיין לאָגיק.

און פּלפּול פון תלמוד, פּלפּול פון הלכה איז אַ זאַך פון אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט. תורה איז פּלפּול; תלמוד איז פּלפּול; הלכה איז פּלפּול. דער גאַנצער מהות פון נשמה פון תלמוד איז פּלפּול. די נשמה פון תלמוד איז פּלפּול. דען פּלפּול איז דאָך אין גרונד גענומען די שקלא וטריא, דער מיינונגס־אויסטויש, די מיינונג־שלייפעריי, דער ויכוח, די דעבאַטע, די אויפקלערונג און די אויסשניצונג פון אַ געוויסער שווערער סוגיא, פון אַ געוויסער הלכה. אַז צוויי מיט צוויי איז פיר דאַרף מען נישט פּלפּול'ן, דאַרף מען נישט דעבאַטירן. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. אָבער אויב די זאַך איז כשר צי טריף, צי דאָס איז אסור צי מותר, צי דאָס איז רעכט אָדער אומרעכט, קען באַוויזן ווערן מיט ראיות פאַר און קעגן. וואָס טיפער מען לאָזט זיך אַרונטער אין דעם ים פון תלמוד, וואָס טיפער מען פּרובירט דעפינירן דעם ענין, די הלכה, וואָס שאַרפער מען וויל אַרויסבערענגען די סברא, דעם געדאַנק, אַלץ שטאַרקער, אַלץ נויטווענדיקער מוז עס באַוויזן ווערן מיט דער הילף פון דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, דאָס הייסט, מיט דער הילף פון פּלפּול. פּלפּול איז נישט קיין לעצטע ערפינדונג, פּלפּול הויבט זיך אָן, ווי מען באַהויפּטעט, פון ר' יעקב פּאָלאַק, אָבער דאָס שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט. פּלפּול איז נישט באַ־שאַפן געוואָרן פון נעכטן. פּלפּול איז באַשאַפן געוואָרן צוגלייך מיט דער גמרא, נאָך פריער פון דער גמרא, דען די גמרא אַליין איז אַ רעזולטאַט פון פּלפּול. אַז פּלפּול וואָלט קיין תלמוד נישט געקענט זיין. די אַלע מחלוקות צווישן די תנאים און אמורים זיינען געווען דיאַלעקטישע דעבאַטן, פּלפּול. דערביי דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז פּלפּול איז נישט קיין ספּעציפיש יידישע ערפינדונג. פּלפּול איז אַן אַלמענטשלעכע ערשיינונג. דאָרטן וואו מען דאַרף האָבן שכל'דיקע אויסגלייכונגען, שכל'דיקע באַהויפּטונגען און באַגרינדונגען, מוז מען אָנקומען צו פּלפּול, אָדער ווי די אומות העולם רופן עס, דיאַלעקטיק. יעדעס געזעץ, יעדע אינטערפּרעטירונג פון געזעץ, יעדע באַגרינדונג פון געזעץ, צי ער איז אַ נאַציאָנאַלער, צי אַן אינטער־נאַציאָנאַלער — איז אַ שטיק דיאַלעקטיק, פּלפּול. דען פּונקט אַזוי ווי מען קען

באוויזן, אז די כוונה פון געזעץ איז אזוי, קען מען אויך באווייזן אז די כוונה פון געזעץ און די אנוועגדונג פונם געזעץ צו דעם דאזיקן באטרעפנדן פאל, איז געווען אנדערש. און אט די באווייזעגישן פון איינעם און פון צווייטן צד, אט די ראיות און באגרינדונגין פון די ביידע צדדים, אט די דאזיקע שקלא וטריא איז פלפול. קאן דען אלזא די יידישע הלכה עקזיסטירן אן פלפול? קאן מען זי גאר אויסשלייפן אן פלפול?

עס איז דאריבער קלאר, אז דער ווילנער גאון, פאר וועלכן דער תלמוד איז געווען דאס העכסטע און דאס גרעסטע פון דער יצירה, האט נישט געקענט זיין קעגן פלפול. דער גאון אליין האט געמוזט זיין א מאן פון פלפול, דען גמרא אן פלפול איז זיך גאר אוממעגלעך פארצושטעלן. אויב דער גאון איז געווען קעגן פלפול, איז עס געווען א פלפול פון א גאנץ אנדער שניט. דער דאזיקער פלפול איז ווערטלאז פון שטאנדפונקט פון גמרא שטודיום, פון הלכה שטודיום. אזא מין פלפול איז געווען אומגעזונט, ווייל ער האט מרחיק געווען דעם שכל פון דער אמת'ער כוונה, פון די חכמי התלמוד, אנשטאט דעם שכל פון מקרב צו זיין צום אמת'ן אינהאלט. עס זיינען געווען בעלי פלפולים וואס האבן געקענט באווייזן וואונדערלעכע קונצ־שטיק, צונויפשלעפן א בארג מיט א בארג. זיי האבן געקענט באווייזן דעם ענגען צוזאמענהאנג פון „שנים אוחזין בטלית" מיט „יקום פורקן", אדער דעם ענין פון „הכל שוחטין" מיט „היום תאמצנו". ס'איז אמת, אז ס'איז דערין געלעגן א סך גאונות, א סך שארפקייט, א סך בקיאות. מען האט געדארפט האבן אויסערגע־וויינלעכע טיפע קעפ צו באווייזן די בארירונגס־פונקטן, די געמיינזאמע פונקטן צווישן גאנץ ווייטלויפיקע, פארשידענע ענינים, וועלכע האבן לחלוטין נישט געהאט דעם מינדסטן צוזאמענהאנג. אבער ווי שארפזיניג דאס איז געווען, ווי טיף דאס איז געווען, ווי געניאל דאס איז געווען, און דאך דאס געווען נישט מער ווי קונצ־שטיק, וואס האט צו תורה קיין שייכות נישט און אט דער פלפול האט לחלוטין נישט געווירקט אויף דער פארטיפונג און אויפקלערונג פון געוויסע הארבע שטעלן אין תלמוד, אין הלכה. פארקערט, אט דער דאזיקער נוצלאזער פלפול האט קאליע געמאכט דעם נאמען פון אמת'ן פלפול, פון דעם פלפול וואס איז תורה, פון דעם פלפול וואס ברענגט קלארקייט אין גמרא; אט דער דאזיקער נוצלאזער פלפול אפילו ווען ער איז אנגעווענדעט געווארן אויף הלכה, אויף גמרא האט אויך מער פארפלאנטערט ווי אויפגעקלערט, האט דעם ענין מער מרחק ווי מקרב געווען צום שכל.

און אט קעגן די מינים פלפולים זיינען שוין געווען שטארק ארויסגעטראטן אונדזערע עלטסטע חכמים, ווייל זיי האבן דערזען, אז צוליב אט די שפאלטנדיקע פלפולים וואס האבן קיין טעם און ריח, וואס האבן קיין זינען און צוועק, ווערט פארשוועכט דער כבוד פון דער תורה, אז צוליב אט די דאזיקע אויסערלעכע באפוצונגען מיט משונה'דיקע גייסטיקע אקראבאטישע קונצן, הויבט מען אן אויסצולאכן דעם אינהאלט, די גמרא גופא, דאן זיינען זיי ארויסגעטראטן קעגן די גייסטיקע קונצן און האבן געזאגט „אגב חריפתא שבשתא", אז צוליב די שארפע פלפולים קומט מען צו טעות'ן. די גמרא האט מער געהאלטן פון א „סיני" ווי פון א „עוקר הרים", אז א „סדרן קודם לפלפלן". אויך רש"י, אז אים געפעלט

נישט א שטיקל פירוש זאגט ער: „ופירוש משובש הוא מאדם חריף ומפלפל”. זייער שארף דריקט זיך אוים קעגן דעם דער רבנו תם זאגנדיק: „מה לנו בחריפות של הבל”. זייער שארף דריקט זיך אוים קעגן אט דעם דאזיקן פלפול דער ריב”ש, דער מהר”ל פון פראג, דער של”ה, ווייל זיי האבן געהאלטן אז אט די דאזיקע פלפולים זיינען „מגלה פנים בתורה שלא כהלכה”, אז „לפום חורפא לא סלקא להו שמעתתא אליבא הלכתא ואוסרים את המותר ומחרים את האסור”. אויך דער „שאגת אריה”, וועלכער איז אליין אינגאנצן אויסגעקנאטן פון פלפול, זאגט גאנץ אפן: „כי אינני מכנים ראשי בפלפולים ודקדוקים כאלה שאין זו דרכה של תורה: ומעתה בטל כבוד התורה וכל איש חכם בעיניו, אף שאינו יודע צורתא דשמעתתא. מחבר חבורים בתשובות ודינים ובודאי ראוי לקרוע על זה כעל ספר תורה שנשרף, והתורה חוגרת שק עליהם”.

עס איז דערפון צו זען אז נישט נאר די קטני אמנה פון אונדזערע ציימן זיינען געווען קעגן אט דעם מין ווילדן, שרעקלעכן פלפול, אז נישט בלויז די קטני אמנה אליין האבן אויסגעלאכט, חוזק געמאכט און פארדאמט אט דעם מין פלפול, נאר אפילו אונדזערע גרעסטע גאונים אליין, ווייל זיי האבן געזען, אז זיי ברענגען מיט דעם האר־שפאלטנדען פלפול בלויז שאדן און שטויסן אפ די יידן פון דער תורה. די קטני אמנה האבן דאריבער אומזיסט געלאכט פון דעם פלפול, ווייל מען האט אים געהאט אויסגעלאכט נאך פריער און זיי זיינען לחלוטין נישט געווען אריגינעל אין זייערע אפשאצונגען. די צרה מיט זיי איז געווען וואס לאכנדיק פון דעם דאזיקן פלפול האט מען שוין געלאכט אויף דעם ריינעם פלפול, און דא האבן זיי שוין פשוט נישט פארשטאנען וואס זיי ריידן. דא האבן זיי אפילו נישט פארשטאנען ווי נאריש זיי מאכן זיך, ווי אומוויסנדיק זיי שטעלן זיך ארוים און קאנען אפילו נישט באגרייפן צו מאכן א חילוק צווישן צווי לחלוטין פרעמדע, אפגעזונדערטע ערשיינונגען. ס'פארשטייט זיך אז צוזאמען מיט אלע איבריקע פריערדיקע גאונים איז קעגן דעם דאזיקן פלפול געווען אויך דער ווילנער גאון, ער איז אבער לחלוטין נישט געווען קעגן פלפול וואס איז תורה. און דאס האבן די קטני אמנה נישט פארשטאנען.

## ד.

## דער סוד הצמצום און זיינע חידושים

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויך דער ווילנער גאון האט זיך געמוזט באנוצן מיט דיאלעקטיק, כדי קלאר צו מאכן א געוויסן ענין, כדי קלאר צו מאכן א הלכה. ער האט אבער געוואוסט דעם סוד הצמצום. ער האט זיינע באגרינדונגען נישט צוגאסן מיט דער גאנצער מורא'דיקער דיאלעקטיק ווי דאס פלעגן טאן אלע פלפול־יידן, וועלכע האבן געקענט און געוואלט באווייזן אמאל תורה און אמאל אויך קונצשטיק. דער ווילנער גאון וועלכער איז געווען אזוי באשיידן, אזוי תמימות'דיק ווי ער איז געווען גאון, וועמעס הויפט שטרעבונג אין לעבן איז געווען בלויז תורה און יראת שמים, וועלכער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון דער

מאטעריאַלער וועלט און האָט אפילו קיין רבנות־שטעלע נישט אָנגענומען כדי נישט צו מאַכן געשעפט מיט תורה — דער דאָזיקער גאון האָט זיך נישט געלאָזן אוועקשווימען אין דיאַלעקטיק, נאָר ער האָט אויסגעגוצט שטענדיק די קירצערע פאָרם ווי אַזוי אַרויסצוברענגען אַ פשט אין גמרא, ווי אַזוי קלאָר צו מאַכן אַ האַרבן ענין. דער ווילנער גאון האָט געקענט מיט אַ וואָרט, מיט אַ פּאָר ווערטער, באַווייזן גרויסע חידושים, גרעסערע גאונות, גרעסער'ע שאַרפקייט אין בקיאות ווי די וועלכע האָבן אָנגעשריבן ריזן־ספרים מיט פּלפּול. ער איז געווען טיף און הויפּטזעכלעך אָריגינעל. עס זיינען געווען געגנוג לומדים, וועלכע האָבן אַמאָל זיינע אַ באַמערקונג, זיינע אַ הגהה גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין. זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט וואָס דעם גאון האָט אייגנטלעך געקענט אַרן, וואָס פאַר אַ קשיא עס האָט אים געקענט באַאומרואיקן אַז ער איז געצוואונגען געווען צו מאַכן אַ געוויסע באַמערקונג מיט אַ וואָרט אָדער צוויי ווערטער. ערשט אַז זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין ענין און געגומען נאָכצוזוכן וואָס עס האָט אים געאַרט, ערשט דאַן האָבן זיי געזען די גרויסקייט פון זיין קשיא, און די גאונות פון זיין קורצער באַמערקונג.

איינע פון די הויפּט זאַכן אין וואָס דער גאון איז געווען אָריגינעל איז געווען זיין אויסבעסערן נוסחאות, אויסבעסערן פאַרגרייזטע גרסות. דאָס איז געווען אַזאַ זאַך וואָס קיינער פאַר אים אין די לעצטע צייטן האָט עס נישט געהאַט געטאָן. ער האָט געפונען, אַז אין דער גמרא זיינען פאַראַן פאַרגרייזטע נוסחאות, און ווען מען זאָל ז ייאויסבעסערן, ווען מען זאָל פעסטשטעלן דעם ריכטיקן טעקסט, וועלן אַראָפּפאַלן אַ וועלט מיט חקירות און מיט פּלפּולים. און די פאַרגרייזטע נוסחאות האָט ער געפונען אין בבלי, ירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי — אין דער גאַנצער אַלטער תלמוד'ישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן דורך די שלעכטע סופרים, דורך די שלעכטע איבערשרייבער. דערביי האָט דער גאון באַוויזן אַזאַ קוראַזש, אַזאַ דרייסטקייט, אַז ער האָט מדחה געווען אפילו ראשונים. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט, און אויב מען האָט געדאַרפט עפּעס מעקן האָט ער אויך אויסגעמעקט, און דערמיט באַוויזן וויפיל איבריקע פּלפּולים און האַר־שפּאַלטנדע סברות זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן מיט איין מאָל. מיט זיין גרויסער גאונות און קריטישן קאָפּ האָט ער געקאָנט אַרויסנעמען די גרייזן פון תלמוד כדי צו פאַרשפּאָרן די בעלי הפּלפּול צו ווייזן קונצשטיק. ביי אים איז קודם כל געווען דעם טעקסט פעסטצושטעלן, נישט האַבנדיק פאָר זיך אַלע כתבי יד'ן, פון וועלכע מען האָט געקאָנט אַרויסגעפינען דעם אמת'ן נוסח. ער האָט געזאָגט אַנדערע דעות ווי דער „שוחן עורך", ער האָט געזאָגט אויפן רמ"א'ס אַ מיינונג „וטעות גמורה היא". דעם גאונס קינדער דערציילן, אַז זעקס יאָר נאָכאַנאַנד איז דער גאון געזעסן און גוט געפאָרשט דעם תלמוד בבלי, ירושלמי, ספרי, ספרא, תוספתא און האָט באַלויכטן די אַלע דונקעלע נוסחאות. און נאָך זעקס יאָר, זאָגן זיינע קינדער, איז ער געזעסן און האָט נאָכגעקוקט די פוסקים ראשונים און אחרונים, און ער האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט. „ולא פנה, — זאָגן זיי — אל גדולת גדולתם, ולחכמת חכמתם, ולקדושת קדושתם להצילם מכל מכשול ושגיאה, רק בכל כחו עבד ושמר להבין ולהשכיל דברי חכמי הגמרא הקדושים וכ'ו וכ'ו אשר באות אחת מדברי הז"ל דחה הרבה מדברי המחברים". און באמת האָט ער נאָר

מיט איין ווארט, מיט איין אות געקאנט מאכן א מהפכה. און אויף זיין גרויס־קייט אויפן דאזיקן געביט, אויפן געביט פון זיין כח הצמצום זאגט זיין תלמיד מובהק ר׳ חיים וואלאזשינער „ואף כי דבריו קצרים המה ככוכבים הנראים קטנים וכל העולם עומד תחתם״.

עס איז געווען פון העכסטער באדייטונג זיין פעסטשטעלן די נוסחאות און גירסות פון תלמוד. אין דער הינזיכט איז ער געווען באמת א יחיד אין תקופות וואס האט זיך גענומען צו אזא ארבעט. דער דאזיקער וויסנשאפטלעכער צוגאנג צו טעקסט־פארשונג וואס איז געקומען פון דעם גאונס אויסער־געוויינלעכע בקיאות, איז געווים געווען זייער אייגנארטיק און נישט צוגעפאסט צו דער צייט, אין וועל־כער ער האט געלעבט. מחמת דעם האבן אפילו מאנכע פון זיינע גרויסע תלמידים געפרובט אויפנעמען די הגהות על הש״ס זייער לייכט, דענקענדיק דערביי, אז די הגהות שטאמען נישט פון זייער רבי׳ן, דעם גאון, אדער זיי זיינען פארגרייזט

זיין גרויסער תלמיד ר׳ חיים וואלאזשינער אליין האט אויסגעמיטן צו נעמען א שטעלונג צו די הגהות. אזוי, אז ווען די דרוקער פון קאפוסט האבן גע־בעטן ביי ר׳ חיימ׳ן א הסכמה אויף ש״ס מיט די הגהות הגר״א האט ער זיך אפגע־זאגט דאס צו טאן, ערקלערנדיק, אז מאנכע וועלן נישט פארשטיין דעם זין פון די הגהות. רעדנדיק וועגן די אויסבעסערונגען פון די גירסות, וואס די הגהות ענטהאלטן, דריקט ער זיך אויס, אז מן הסתם האט דער גאון געמאכט די אויס־בעסערונגען לויט זייער אלטע גירסות.

דער אמת איז, אבער, אז דער ווילנער גאון האט די אויסבעסערונגען גע־מאכט נישט דורך א פארגלייכונג מיט מאנוסקריפטן, אדער דורך א גירסא קדומה, נאר דורך די פארגלייכונגען פון די מאמרים אין די פארשידענע טיילן פון דער גאנצער תלמוד׳ישער ליטעראטור. דורך דעם אוועקשטעלן די אמת׳ע גירסא האט ער ליכטיק געמאכט גאנצע סוגיות פון ש״ס, גאנצע ענינים פון דער משנה. דער ווילנער גאון איז אויך געווען באזונדערס אריגינעל מיט זיין צוגאנג צום תלמוד. געוויינלעך האבן גרויסע לומדים געלערנט ש״ס בבלי און מחמת דעם איז זיי א סך ענינים, א סך הלכות נישט קלאר געווען. זיי האבן נישט פארשטאנען א סך זאכן. דער גאון האט פארשטאנען אז דער תלמוד בבלי איז נאר א טייל פון דער גאנצער תלמוד׳ישער ליטעראטור. אז מען ווי פארשטיין א טייל מוז מען קענען דאס גאנצע. דער גאון האט זיך נישט באשרענקט מיט תלמוד בבלי אליין. ער האט ארומגענומען די גאנצע ליטעראטור פון די תנאים און אויך דעם תלמוד ירושלמי. מהאי טעמא איז דעם גאון אויסגעקומען צו לעזן געוויסע קריטיש־היסטארישע פראבלעמען. אזוי לאנג ווי עס האט אנגעהאלטן די אלטע פארם פון לערנען גמרא איז אלץ געווען גוט און אין בעסטער ארדנונג. אבער פארן גאון וועלכער האט זיך באקענט מיט דער גאנצער תלמוד׳ישער ליטעראטור האט ער זיך געמוזט אנשטויסן אויף דער מערקווירדיקער ענלעכקייט פון דער משנה מיט דער תוספתא, אדער צווישן תלמוד בבלי און ירושלמי און אויך זייער מערקווירדיקע ענדערונגען. ער האט אלץ באמערקט און דאס אלץ אויסגעפארשט און דאס האט אים געפירט צו דער אידעע צו מאכן געוויסע פארגלייכונגען און ענדערונגען.

דער ווילנער גאון האט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט פלפול זאכן. דעם באטש פלפול איז א נייטווענדיקע זאך פאר לערנען גמרא, האט ער דאך געהאלטן,

אז ווען מען זאָל איין א סך פאַלען טיפער אריינקוקן, וועט מען די אַלע פּלפּולים פאַרשפּאָרן. עס ווערט דערציילט, אַז דעם גאונס א תּלמיד, וועלכער איז דערנאָך געוועזן רב אין סעמיאַטיץ, האָט איינמאָל באַקומען דעם „אורים ותומים" פון יהונתן אייבשיץ, וועלכער איז פון די סאַמע שאַרפסטע אין פּלפּול און איז געלאָפן צום גאון און דערציילט זיין התפּעלות. דאַן האָט אים דער גאון איינמאָל געזאָגט: גיי און נעם אַרויס פון דאָרטן דעם שאַרפסטן פּלפּול און קום און זאָג מיר איבער. דאַן וועל איך וויסן וואָס דאָס איז. דער תּלמיד איז אַוועק, האָט זיך איינגעקוקט אין א שאַרפן ענין און האָט עס דערנאָך פאַרן גאון איבערגעזאָגט. דער גאון האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט רואיק: „אויב מיר וועלן זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע פּלפּולים, אויב מיר וועלן לערנען אויף אַזאַ פּלפּול־אופן וועט אונדז די צייט וואָס מיר לעבן אויף דער וועלט נישט קלעקן אַז מען זאָל קאָנען עפּעס אויפטאָן. וואָרום צו די אַלע שאַרפקייטן קאָן מען דאָך צוגעבן נאָך און נאָך און אַן א שיעור נייע חריפות'ן. וואָס וועט דאַמאָלס זיין?" און אַלס באַווייז האָט דער גאון אָנגעהויבן אַרויפצובריינגען זיינע חריפות אָפּצושלאָגן דעם „אורים ותומים". און דערביי האָט דער גאון דאָס געמאַכט אַזוי גיך, אַז זיין תּלמיד האָט בשום אופן נישט געקענט נאָכפאָלגן די אַלע פאַרפּלאָנטערטע ענינים און גערדאַנקען וואָס דער גאון האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט. און דער גאון האָט צו אים געזאָגט: „אַז מען לערנט אויף אַזאַ אופן מוז מען קומען צו א טעות, דען מען קען דאָך יעדן טאָג מחדש זיין נייע סברות, און דאָס קען נאָך ברייננגען צו גסות רוח. אָבער אויב מען לערנט תּורה מיט לאָגיק, מיט אמת'ן קלאָרן גערדאַנק ווי עס האָבן געהאַט געלערנט די ראשונים, זעען מיר, אַז מיר זיינען נישט אַזוי גרויס ווי די ראשונים און אויף דאָס וואָס מיר מאַטערן זיך היינט, זעען מיר שוין אַז רש"י אָדער אַנדערע פון די ראשונים האָבן שוין געטראַכט וועגן דעם און האָבן עס פאַרענטפערט אויף זייער שטייגער זייער קורץ".

עס ווערט אויך דערציילט, אַז אַן אַנדער רב איז געקומען צום גאון מיט א ספר און אים געוויזן פיל חידושים אויף תּורה. דער גאון איז דורכגעגאַנגען די אַלע חידושים און געזאָגט: א שאָד וואָס איר האָט גע'פּטר'ט דאַרויף אייער טייערע צייט. דען די גאַנצע שווערקייט פון יענעם אָרט באַשטייט דעריין וואָס עס איז א דרוק־פעלער און די גרסא איז נישט קיין ריכטיקע. ווי נאָר מען שטעלט דאָס אַלץ פּעסט, פאַלן אַרונטער אַלע חקירות.

דער גאון האָט אויף דעם געביט געמאַכט פּשוט אַן אובערקערעניש. מיט די אויסבעסערונגען האָט ער אָנגעוויזן אויף א נייעם סדר הלימוד, און דערביי מבטל געמאַכט א סך פּלפּולים, וועלכע זיינען געווען לחלוטין איבעריק. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען דאָס וואָלט געטאָן נישט דער ווילנער גאון, וואָלט מען אים זיכער גע'רודפ'ט פאַר אַזעלכע דרייסטע שריט. אָבער ווער האָט עס זיך געקאָנט ערלויבן צו טאָן קעגן אַזאַ גאון און אַזאַ צדיק ווי דער ווילנער גאון? און דערפאַר האָט ער געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף זיין דור און אויך אויף שפּעטער, און זיינע תּלמידים האָבן עס פּרובירט נאָכטאָן אויף ווי ווייט זיי האָבן געהאַט דעם זשעניע און די כחות.

## ה.

## חסידות

צו דער זעלבער צייט ווען דער ווילנער גאון האט באלויכטן די יידישע וועלט מיט זיין גרויסקייט אין תורה, ווען ער האט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער גאונות און אויטאריטעט, מיט זיין גרויסער גייסטיקער און עטישער קראפט אויס־געאיבט זיין איינפלוס אויף דורות און אזוי ארום געשאפן אן עפאכע פון לערנען תורה, פון א נייעם סארט לערנען תורה, פון גרינדן און פארשפרייטן ישיבות, — צו אט דער זעלבער צייט איז אויסגעוואקסן א צווייטע באדייטנדע פערזענלעכקייט, וואס האט אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס אויפן יידנטום מיט א באוועגונג און מיט א שיטה, וואס איז געווען קעגן די שטרעבונגען און אידעען פון ווילנער גאון. דאס איז געווען דער בעל שם מיט דער נייער גרויסער חסיד'ישער באוועגונג, וואס איז פון זיין שוים אויסגעוואקסן געווארן.

באמת איז דער גאנצער ענין פון חסידות און קבלה נישט געווען קיין אויפ־טו פון אכצענטן יארהונדערט. דאס איז נישט געווען קיין ענטדעקונג, קיין דער־פינדונג פון דער אדער יענער פערזענלעכקייט, וואס האט צו דער דאזיקער צייט געלעבט. דער גאנצער מהות פון חסידות, וואס איז ענג פארבונדן מיט קבלה, מיט נסתר, מיט ענינים, וואס האבן א שייכות מיט דער מיסטישער וועלט, מיט דער וועלט פון סודות, ציט שוין זיינעווארצלען פון גאנץ טיפן מיטלאלטער, פון נאך פריער.

דער מענטשלעכער מוח האט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט מיסטישע פראבלעמען. דער מענטשלעכער מוח האט נישט אויפגעהערט צו פארשן און זוכן אט די אלע אומבאקאנטע, פארבארגענע מיסטישע וועלטן. דען ביי מענטשן, וואס גלויבן ביי מענטשן, וואס האבן גרויסע אמונה, מוז זיך ענטוויקלען א גוואלטיקע בענקשאפט, א גוואלטיקער דראנג נאך מיסטיציזם, נאך דאס געהיימניספולע און אויב זיי קאנען עס נישט דערגרייכן מיטן שכל, האבן זיי עס געוואלט דערגיין דורך אומנאטירלעכע וועגן. ווארום ווי באלד עס איז פאראן א גאט, וואס האט באשאפן די וועלט, וואס פירט די וועלט; ווי באלד עס זיינען פאראן הימלען מיט מלאכים, מיט נשמות פון מענטשן, וואס דארפן געבוירן ווערן און מיט נשמות פון מענטשן, וואס זיינען שוין צוריקגעקומען פון אונדזער וועלט — פארוואס זאל דער מענטש מיט געוויסע כחות, דורך געוויסע דערהויבונגען, נישט דער־גרייכן די אויבערשטע וועלטן און נישט ארייננקוקן וואס דארטן טוט זיך, ווי אזוי עס פירט זיך דארטן דער גאנצער אפאראט?

די גאנצע אמונה איז געבויט אויף געפילן, אויף עמאציעס. לאגיק און שכל האט צו טאן מיט דער תורה, אבער נישט אין אמונה, וואס איז אין איר עצם מהות אומבאוואוסטקייט, נעבעלדיקייט. אמונה מוז פירן צום מיסטיציזם. ביים יידישן פאלק האט שטענדיק געלעבט דער געדאנק, אז א חוץ דער געשריבענער תורה איז נאך איבערגעגעבן געווארן בקבלה בעל־פה געוויסע זאכן פון דור צו דור. אויב אבער די תורה שבעל־פה איז נישט געקומען צום פאלשטענדיקן תקון דורך דער

גמרא, דורך הלכה, ווייל עס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן בקבלה נישט בלויז די אינטערפּרעטאַציעס פון די הלכות, נאָר אויך סודות פון דער בריאה, סודות פון יענע וועלטן, איז דער טייל קבלה ערגענצט און אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די יחידי סגולה פון יידישן פאָלק.

אין אַ שטאַרקער און אויסגעאַרבעטער פאָרם איז דער דאָזיקער מין מיסטי־ציזם אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין שפּאַניע, אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין טערקיי, הויפּזעכלעך אין ארץ ישראל, אין צפת, דורך דעם האר״י, ר׳ משה קור־דווירא, ר׳ חיים וויטאַל — מענטשן, וואָס זיינען געווען פּאַרקאַכט אין מיסטיק און מיט דער הילף פון אַט די מיסטישע תורות האָבן זיי געפּרואווט אַרויסברענגען נישט בלויז דעם מהות און שורש פון דער יידישער אמונה, נאָר אויך די גרויס־קייט פון צדיקים, וואָס קאָנען וועלטן איבערקערן. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די צדיקים זיינען די בעלי בתים פון הימל, אַז זיי זאָגן אַ וואָרט, הויבן די מלאכים צו ציטערן און ס׳ווערט אַ רעש אין אַלע זיבן הימלען אַז זיי זיינען אין די אויבערשטע היכלות הײמישע מענטשן, אַז זיי גייען אַרויף אויפן הימל און גייען אַראָפּ פון הימל צו יעדער צייט, ווען זיי ווילן נאָר.

באמת, האָט דער גאַנצער מין פון חסידות און קבלה, דער גאַנצער עניין פון דער חסיד׳ישער באַוועגונג פון אַכצעטן יאָרהונדערט, נישט באַקומען די געהעריקע אומפּאַרטייאישע באַלויכטונג. מאַנכע פּירער און דענקער אַנהויבנדיק פון שלום הכהן צווייפעל און ענדענדיק מיט מאַרטין בובער האָבן די חסידות גלאָריפיצירט. זיי האָבן אַט די דאָזיקע נייע תורה אויפגעהויבן ביזן זיבעטן הימל און האָבן אָנגע־וויזן, אַז ווען נישט זי וואָלט אפשר דאָס יידנטום אונטערגעגאַנגען. זי האָט דאָס יידנטום געראַטעוועט. אַז אַ מענטש איז אין אַ שלעכטער, פאַרביטערטער לאַגע איז פאַר אים גוט אַ ביסל וויין. ווייַן קאָן אים אָנוואַרימען, פריילעכער מאַכן, געבן האָפנונגען. דעם זעלבן ציל קאָן מען אָבער נישט דערגרייכן מיט ברויט, כאָטש ברויט איז דער קיום פון מענטשן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די גמרא יידן, די רבנים און לומדים זיינען געווען אַזוי צו זאָגן טרוקענע מענטשן, פאַרגליווערטע מענטשן, טויטע מענטשן, וואָס האָבן געהאַלפן דעם יידנטום נאָך מער אויסטריקענען, נאָך מער פאַרגליווערט ווערן דורך פּלפולים ווען „אַז איי וואָס איז געלייגט געוואָרן אום יום טוב״. דאַקעגן האָבן די חסידים אַריינגעבראַכט אין יידנטום לעבן און לעבעדיקייט, פרישקייט, זאַפטיקייט, התעוררות, פרייד און פאַרביקייט. די דאָזיקע חסידים און מענטשן, וואָס זיינען געווען בכלל גענויגט צו שטימונגען, האָבן די חסידות און חכמת הנסתר אָוועקגעשטעלט אויף די באַרג־שפּיצן פון יידנטום. זיי האָבן געזונגען שירה פאַר איר און מיט גרויסער פייערלעכקייט זי פּראָקלאַמירט אַלס דעם יסוד פון יידישקייט.

די קעגנער פון אַט דער נייער רעליגיעזער באַוועגונג סיי מצד די אָפיציעלע מתנגדים און סיי, הויפּטזעכלעך, פון די העברייאישע שריפטשטעלער פון די השכלה פעריאָדע, ווי לייב פּערל, יצחק ערטער, ריב״ל און אַנדערע, האָבן געהאַלטן אַז זי איז קעגן דעם מהות פון יידישקייט, זי איז קעגן דעם גאַנצן גייסט פון דער תורה. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז דער מיסטיציזם האָט וואו גאַראַזירט, פאַרפּראַסטעוועט, פאַראיינפאַכט, פאַר׳בעל־עגלה׳ט דאָס שיינע, גרויסע, ליכטיקע יידנטום פון דער תורה. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די נייע מיסטיקער האָבן פאַרשטאַפּט און פאַר־

טעמפּט די מוחות פון יידישן פאָלק און צוגענומען פון אים דעם אמת'ן אינהאַלט, זיין אמת'ע גרויסקייט. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז זיי האָבן דערצו באַשאַפן אַ „צדיקיזם", אַז אמונה אין אַ מענטשן, אין אַ מענטשן אַ כל יכול, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט גאָט, וואָס קאָן איבערקערן וועלטן, וואָס איז דער פּאַקטישער פאַר־מיטלער צווישן גאָט, כביכול, מיט די איבריקע פּראָסטע מענטשן און האָבן אויף דעם חשבון געשאַפן קמיעות, מיט אָפּשפּרעכעניש, מיט פדיונות, מיט העלפן עקרות, מיט פוסטע הזיות, וואָס דאָס אַלץ איז קעגן רוח היהדות.

דער ריינער אמת איז, אָבער, קוקנדיק אויף דער זאַך גאַנץ אָפן און קלאָר, אַז זינט יידן זיינען אַ פאָלק האָבן זיי זיך געהאַלטן אַז דער תורה און נישט אַן קיין אַנדער זאַך. אויב זיי האָבן זיך אַן דער תורה נישט געהאַלטן, זיינען זיי געווען אַוועק פון יידישקייט. יידישקייט איז אין אַלע צייטן ביי יידן געווען נאָר תורה. אַז איינער פאַרפעלט צו זאָגן אַ „ברכו" אָדער אַ „קדושה", איז ער נאָך זיכער אַלץ אַ ייד, אויב ער שטייט נאָר אויפן גרונד פון דער תורה און לערנט תורה. אַזוי האָבן יידן אָפּגעלעבט דורות. זיי האָבן געשאַפן די משנה, דעם תלמוד, הלכה ספרים, אַלץ וואָס די חסידים רופן טרוקענע זאַכן, טרוקענע סחורה, און פון קיין שום אַנדערע תורות איז ביי יידן קיין שום געדרעכעניש נישט געווען. עס וואָלט דעריבער לחלוטין נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, ווען מען זאָל באַהויפּטן, אַז בלויז חסידות האָט אַריינגעבראַכט לעבן אין יידנטום, אַקוראַט ווי ביז דעם אויפגאַנג פון חסידות האָט דאָס יידנטום געהאַלטן ביים אונטערגיין און וואָלט אפשר אונטערגעגאַנגען. און דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די תורה אַליין האָט נישט געהאַלפן און נישט געקאָנט ראַטעווען דאָס יידנטום, ווען נישט די חסידות. דער יידישער מיסטיציזם, וואָס איז געווען געבויט אויף פאַנטאַזיע, אויף עמאָציעס, אויף האַרץ, האָט זיך געהאַט געטאָן זיין אַרבעט, זיין שעפּפערישע אַרבעט. די תורה איז אָבער ביי יידן אַלע מאָל, אין אַלע צייטן, אין די בעסטע און אין די ערגסטע, געשטאַנען העכער פון אַלץ. די, וואָס זיינען געגאַנגען אויף קדוש השם, די, וואָס האָבן זיך געלאָזט פייניקן און זיינען אויסגעשטאַנען כל ערליי צרות און יסורים, האָבן עס געטאָן נישט צוליב קיין אַנדער זאַך ווי צוליב דער תורה, ווייל זי איז דער פונדאַמענט, זי איז די נשמה פון יידישן פאָלק און אַז איר איז קיין יידיש פאָלק נישט מעגלעך, אפילו יידן זאָלן זיצן אויף זייער אייגענעם לאַנד.

עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ווען די צוויי גרויסע באַוועגונגען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָט עס געמוזט קומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס. דאָס וואָלט נישט גע־אייגנטלעך זיינען דאָס נישט געווען קיין צוויי באַוועגונגען. דאָס וואָלט נישט גע־ווען קיין ריכטיקע דעפיניציע. עס איז אויסגעוואַקסן בלויז איין באַוועגונג, אַ נייע באַוועגונג, די מיסטישע, די חסיד'ישע, וועלכע איז געווען אין געוויסע זאַכן אין געגנזאַץ צו דער אַלטער פון דורות־לאַנג איינגעפונדעוועטער וועלט און ווען זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטאַרקער קראַפט, האָט זיך געמוזט צופלאַקערן אַ גוואַלטיקער פייער. און דער פירער פון אָט דעם קאַמף האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געקאָנט זיין אין יענער צייט קיין אַנדערער ווי דער ווילנער גאון.

## ו.

## דער קאַמף מיט די חסידים און דער חרם

דער מיסטיציזם, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן אין אַכצנטן יאָרהונדערט דורך דעם בעל שם, איז בנאַטור נישט געווען אַרויסגעבראַכט אין אַ קלאָרער, אויפגעשליפענער פּרעציזער פאָרם. דער דאָזיקער מיסטיציזם איז געווען באַשטאַנען פון אָפּגעריסענע נעבלדיקע אידעען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין פאַר־שידענע צייטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, גרעסטנטיילס גאַנץ צופעליק, סיי בנוגע דעם ענין פון אלקות, סיי בנוגע די פאָרמען פון עבודה און סיי בנוגע די פאָרמען פון אהבת תורה. דען אַזוי ווי דער עיקר פון אַט דעם ניי־געשאַפענעם מיסטיציזם איז געווען דאָס „האַרץ״, עמאָציעס, צוזאַמען מיט סודות און רמזים, מיט קמיעות און אַפּשפּרעכענישן, האָט זיך די דאָזיקע תורה נישט געקאָנט פאַר־מירן אין אַ פאָלקאָמענער שיטה, אין אַ קלאָרער יידישער וועלט־אַנשויאונג. די דאָזיקע אומקלאָרקייט און נעבלדיקייט איז געווען צו דערקענען נישט בלויז ביי איר גרינדער, נאָר אַפילו ביי זיין תלמיד מובהק, דעם מעזעריטשער מגיד, וועלכער האָט שוין געהאַט געפּרואווט צונויפצוזאַמלען אַלע רעיונות, אַלע השקפות פון זיין רבי׳ן איבער אַלע ענינים פון יהדות. אויך ער האָט נישט געקאָנט שאַפן קיין אָפּגע־זונדערטע שיטה, קיין קלאָרע אידעע. עס האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום סודות מיט רמזים מיט כוונות. שפּעטער אָבער האָבן זיך פון דער נייער תורה אָנגעהויבן דיפערענצירונגען און, ממילא, אויך נייע דעפינירונגען. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסבליען נישט איין שיטה, נאָר עטלעכע שיטות. עס האָבן זיך אָנגעהויבן בילדן מערערע גרופּירונגען, מערערע פּאַרטייען, מערערע „שולן״.

צווישן אַט די אַלע שעפער פון פאַרשידענע שיטות אין חסידות וועלכע זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון בעל שם האָט פאַרנומען אַ באַדייטענדן פּלאַץ ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער פאָטער פון דער חסיד׳ישער שיטה חב״ד (חכמה, בינה, דעה). ר׳ שניאור זלמנ׳ס שיטה איז געווען פון אַן אַנדער מין. זי האָט געהאַט אַ טיפערן אינהאַלט, אַ ברייטערן פאַרנעם. זי איז געווען מער רוחניות׳דיק. אָבער דאָך האָט דאָס נישט געהאָלפן אַז עס זאָל אויסגעמידן ווערן דער קאַמף מיט דער רבנישער וועלט, מיט דער לומדישער וועלט, פון וועלכער דער ווילנער גאון איז געווען איר גרויסער פאַרשטייער.

דער ווילנער גאון האָט ר׳ שניאור זלמנ׳ס חסידות נישט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געהאַלטן אַז די גאַנצע תורה ברעכט אונטער דעם עצם יסוד פון יידישקייט, וועלכע איז געבויט אויסשליסלעך אויף מצוות מעשיות. יידישקייט אָן מצוות קאָן נישט עקזיסטירן. ער האָט געהאַלטן, אַז אונדזער תורה איז געבויט נאָר אויף טאָטן, אויף מעשים, דורך וועלכע עס קאָן זיך אַנטפּלעקן די יידישקייט. כוונות, רמזים, סודות, עמאָציאָנעלע אויסגיסונגען, אַזוי צו זאָגן, „האַרציקייט״ אַליין מעגן זיך אַז און פאַר זיך גאַנץ שיין, זיי קאָנען אָבער נישט דינען אַלס באַזיס פון יידנטום און אויב מען ווענדט אַז נאָר זיי אַליין, מוז עס קומען צו דעם אונטער־גאַנג פון יידישקייט.

דער ווילנער גאון האט ארויסגעפונען אין דער ניי־געשאפענער תורה פון חסידות דעם גייסט, וואס רייסט זיך אוועק פון מצוות מעשיות. ער האט איינגע־זען, אז די חסידות טראגט אין זיך חקירה, פאנטאזיע, וואס איז פונקט דער היפוך פון יידישן גייסט, פון דעם גייסט פון דער תורה. ער האט דערזען, אז אין חסידות איז הלכה גאר נישט דער עיקר, ווייל מצוות מעשיות זיינען נישט אזוי וויכטיק, דאקעגן ווערט די אגדה שטארק באטאנט און ווערט געשטעלט העכער ווי הלכה. דאס האט מען געקאנט זען דערפון, וואס די חסידים האבן מבטל געמאכט מערערע דינים פון שלחן ערוך און האבן איינגעפירט פיל מנהגים לויט זייער אייגענעם גייסט. זיי האבן געזען אז זיי שעצן גרינג דעם גאנצן ענין פון זמן קריאת שמע און תפלות; שאפן אפ דינים, וועלכע זיינען בפירוש אנגענומען אין תלמוד און פוסקים. זיי האבן געזען, אז די חסידים בויען די יהדות אויף כוונות, אויף „הארציקייט". זיי האבן געזאגט, אז עס איז א סך וויכטיקער צו דאווענען איין שעה מיט גרויסער כוונה ווי צו זיצן און לערנען א גאנצן יאר טרוקענע הלכות. זיי האבן אזוי ארום עפנטלעך מבזה געווען דאס לערנען תורה, וועלכע זיי האבן געהאלטן פאר נישט וויכטיק און פאר נישט באדייטענד פאר יידישקייט.

די טרעגער פון דער תורה, די יידישע לומדים, וואס האבן זייער גאנצן לעבן אוועקגעגעבן צו זיצן און לערנען תורה און האבן פארפערטיקט די יידישקייט און דעם גאנצן יידישן גייסט דורך מצוות מעשיות, זיי האבן נישט געקאנט צוזען אזא שטעלונג צום יידנטום, וואס איז דעמאלט אין ליטא געווען ניי. און מחמת דעם איז קיין וואונדער נישט וואס ס'איז געקומען צו א שארפן קאמף צווישן אט דיביידע צדדים.

בראש פון אט דעם קאמף איז געשטאנען דער ווילנער גאון. געוויינלעך דארף מען זיך נישט פארשטעלן, אז דער ווילנער גאון איז ארומגעפארן האלטן רעדעס קעגן חסידות און קעגן ר' שניאור זלמן פון ליאדי. געפירט איז דער גאנצער קאמף געווארן פון דער גאנצער לומד'ישער וועלט, פון אלע לומדים און פון אלע רבנים און פון אלע פרומע יידן, וואס האבן זיך געטוליעט ארום די לומדים. עס איז בלויז געווען דער גייסט פון ווילנער גאון וואס האט געשוועבט איבער זייער טעטיקייט, איבער זייער קאמף. עס איז געווען די צושטימונג פון ווילנער גאון וואס האט די קעמפער ערמוטיקט און געשטארקט אין זייער ארבייט. באמת האט אפילו דער ווילנער גאון נישט ארויסגעזאגט זיין קעגנערשאפט צו דער חסידות אין דער שארפער פארם. דא און דארטן געפינט מען אין זיינע ספרים אנדייטונגען אויף זיין סיסטעם, אנדייטונגען אויף זיינע אידעען. ארויסגעבראכט זיינע אנ־שויאונגען האט בלויז זיין תלמיד מובהק, ר' חייב וואלאזשינער, און פון וואס ער ברענגט איז צו זען, אז דער ווילנער גאון האט אים אנגעזאגט, אז אויסער מצוות מעשיות גיט קיין זאך נישט אין יידנטום. כוונות זיינען טאקע גוטע זאכן, מחשבות זיינען גאנץ שיינע זאכן, אבער א מצוה ווערט גערעכנט נאר דעמאלט ווען מען איז איר מקיים.

דער קאמף האט געהאט אנגעהאלטען א לענגערע צייט און וואס ווייטער איז ער אלץ שארפער געווארן, ביז עס איז געקומען צום מאמענט ווען מען האט אין יאר 1772 ערקלערט דער חסידות אז אפענעם קאמף און זי אריינגעלייגט אין חרם. אין יענעם יאר האט מען מיט דער צושטימונג פון די ווילנער רבנים און בעלי־

בתים מיט דעם ווילנער גאון בראש מחרים געווען אין אלע שולן און אין אלע קלויזן די אלע וואס רופן זיך חסידים. און דעם גאונס ווארט איז געווען אזוי הייליק, אז ווי נאר מען האט דערהערט, אז דער חרם אויף חסידים איז פארגעקומען מיט דעם הסכם פון גאון, האבן אויך די רבנים און פרומע יידן אין גראדנע, מינסק, שקלאוו, און בריסק זיך אנגעשלאסן אן חרם און האבן געקעמפט קעגן די חסידים מיט דער גרעסטער קראפט.

עס ווערט דערציילט, אז אין דעם טאג ווען מען האט ארויסגעלאזט דעם חרם, ה׳ ניסן, תקל״ב, איז ווילנע געווען אונטער דער שטימונג פון א יום כפור. טוי־זענטע ליכט האט מען אנגעצונדן אין דער גרויסער שול, מען האט געבלאזן שופר און פון דער בימה האט מען געלייענט דעם חרם, וואס איז ארויס פון ווילנער גדולים מיט דעם גאון בראש. מען האט אויך אפגעשריבן קאפיעס, וועלכע מען האט פאנאנדערגעשיקט אין אלע שטעט און שטעטלעך ארום ווילנע, ווי אויך אין די ווייטע שטעט, וואו מען האט אויך ביי גרויסער פייערלעכקייט מחרים געווען די חסידים.

ס׳איז אינטערעסאנט, אז כאטש ווילנע האט דאך געהאט געפלאקערט קעגן חסידים און חסידות, האט זיך דארטן דאך געהאט געבילדעט א גרופע חסידים מיט אן אייגענעם מנין. אבער ווען מען האט געהאט ארויסגערופן דעם חרם האט מען זיך שוין געהאט גענומען אויך צו דער דאזיקער גרופע, וועלכע איז געווען אנגעפירט פון ר׳ מענדעל פון מינסק, ר׳ איסר און פון מגיד ר׳ חיים. מען האט מבטל געמאכט זייער מנין און זיי אליין האט מען מחרים געווען ספעציעל. מען האט זיי אריינגעזעצט אין קוניע און זיי געגעבן מלקות. ר׳ איסר האט געכאפט די ריכטיקע פארציע מלקות און האט נאך געמוזט בעטן מחילה ביים גאון, ווייל מען איז דערגאנגען, אז ער האט אים געהאט געזידלט. עס ווערט דערציילט, אז דער גאון האט אים געענטפערט, אז זיין אייגענעם כבוד איז ער מוחל, אבער דעם כבוד פון גאט און פון דער תורה איז ער נישט מוחל נישט אים און נישט זיינע חברים אויף אייביק, ווייל פאר אזעלכע כופרים איז נישט פאראן קיין תשובה.

ז.

## דער קאמף ווערט שארפער

אין די חסידישע קרייזן האט מען אין שפעטערדיקע יארן געהאלטן פאר א זיכערע זאך, אז ווען ר׳ שניאור זלמן פון ליאדי וואלט צוזאמענגעקומען מיטן ווילנער גאון וואלט געקומען משיח.

עס איז גאנץ מעגלעך, אז ווען זיי וואלטן זיך צוזאמענגעקומען וואלט אפשר דער קאמף צווישן די חסידים און מתנגדים אינגאנצן נישט געווען פארגעקומען און עס וואלט געווען שלום ושלוה אין די יידישע היימען, אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, וואס קיין צרות האט קיינמאל נישט געפעלט. אבער זיי זיינען נישט צוזאמענגעקומען און משיח איז נישט געקומען און די מחלוקות צווישן די דאזיקע צוויי גרופן אין יידנטום האבן זיך צעפלאקערט ביז צו דער העכסטער מדרגה.

דער חרם וואס איז געווען ארויסגעגעבן מיט דער הסכמה פון ווילנער גאון האט אין דער יידישער וועלט געמאכט א גרויסן רושם. הויפטזעכלעך האט דערפון אויפגעציטערט ליטע, וואו דער נאמען פון ווילנער גאון איז געווען געוואלדיק פארהייליקט און זיי וואלטן פאר זיינעם א ווארט געגאנגען ממש אין פייער. צו יענער צייט, מיט א קנאפן יאר נאכן חרם, איז גראד געשטארבן דער מעזעריטשער מגיד, וועלכער איז געווען א תלמיד פון בעל שם און דער רבי פון אלע שפעטער־דיקע רביים און צדיקים. די מתנגדים האבן דאן פרובירט באווייזן אז דער חרם פון ווילנער גאון האט געהאט זיין ווירקונג און מען האט דעם מעזעריטשער מגיד צוריקגערופן אין הימל.

אויב די מתנגדים האבן געהאט א גרויסן כח אין ליטע, איז אבער דערפאר זייער כח געווען זייער שוואך אין וואהלין, פאדאל און אוקראינע, וואו תורה האט מען שוין געלערנט ווייניק, וואו דער נאמען פון ווילנער גאון איז נישט געווען גוט באקאנט און מען האט נישט געוואוסט ווי גרויס ער איז, דארטן האט דער חרם קיין שום ווירקונג נישט געהאט. דארטן האט זיך די חסידישע באוועגונג אומגעהייער געשטארקט. זי איז זיך צעוואקסן אין דער ברייט. עס זיינען אויס־געוואקסן זייער פיל רביים.

עס פארשטייט זיך, אז די דארטיקע מתנגדים האבן גארנישט געקאנט טאן. זיי האבן געוואלט עפעס טאן, נאר זיי האבן געפילט, אז זיי קאנען זיך מיט זייער שוואכן כח נישט פארמעסטן מיטן כח פון המון. זיי האבן געזען אזעלכע דער־שיינונגען, וועלכע מען האט פריער — ביי די פרומע יידן — קיינמאל נישט געקאנט זען. איינער פון דעם ווילנער גאונ׳ס תלמידים שילדערט יענע צייט צווישן דעם בעל שם׳ס תלמידים, אז די חסידים קומען זיך צוזאמען צום רבי׳ן, וועלכער האט אפילו לייכט געמאכט דעם זמן תפלת מנחה. בימים נוראים — שרייבט ער — כל החסידים באים, נדים ונעים . . . רודף שלמונים, עם האובות והידעונים לאמר אני רופא בעשן לעינים ואתה אומן בחמץ לשינים . . . און אויף אן אנדער רבי׳ן שרייבט ער, פירט זיך נישט אויף שיין, לעבט א גוטן טאג, און די ארימע לייט ווערן נעבעך אויסגעריסן און קיינער טראכט נישט וועגן זיי.

די אלע געשיכטעס וואס מען האט מען דערציילט אין ליטע וועגן די חסידים אין געוויסע טיילן פון פוילן, וואהלין און פאדאל, האט שרעקלעך געקרענקט די ליטווישע רבנים און גאונים. ער פארשטייט זיך, אז אויך דער ווילנער גאון האט געהאט געהערט געגוג אזעלכע מעשיות, און ער האט אויך געפילט דעם גרויסן ווייטאג פון דער יידישער אומה, אבער ער האט גארנישט געקאנט טאן. ער האט אויף זיי קיין שליטה נישט געהאט, איבערהויפט האט א גרויסע אויפרעגונג ארויס־גערופן אין ליטע דער ספר „תולדות יעקב יוסף" פון פאלנאר רבי׳ן, אין וועלכן ער פאלט־אן און מאכט חוזק פון די לומדים וועלכע לערנען תורה, לאכט־אפ פון די ראשי ישיבות און דערהויבט די חסידות ביז צו דער העכסטער מדרגה. דער דאזיקער ספר איז געווען פונקט צום האנט פון די מתנגדים, וועלכע האבן געהאט געזוכט חטאים אויף די חסידים. „איצט, האבן זיי געזאגט, זעען שוין אלע צו וואס די חסידות איז דערגאנגען און וואס פאר אן אומגליק דאס איז פארן תלמודישן יידנטום".

אז דער גאון האט דערזען דעם ספר איז ער געווארן א פארציטערטער. ער

האט אליין זיינע אויגן נישט געגלויבט, אז פרומע יידן זאלן קאנען שרייבן אזעלכעס. מחמת דעם האט דער גאון באשלאסן, אז מען זאל דעם חרם נאכאמאל פארשטארקן און דאס מאל אויף דעם יאריד וואס האט געדארפט פארקומען אין זעלווע, וואוהין עס קומען זיך צוזאמען יידן פון פארשידענע מדינות, אז אויך זיי זאלן וויסן וועגן דעם חרם אויף די חסידים און זיי זאלן פארשפרייטן די נייעס אין זייערע שטעט־לעך ווען זיי וועלן צוריקקומען אהיים. אין יאר תקמ"א האט דער ווילנער גאון נאך אמאל גע'חתמ'ט זיין נאמען אויף דעם חרם וואס איז אויסגעארבעט און אונטערגעשריבן געווארן פון דעם ווילנער בית־דין.

אז מען האט דעם דאזיקן נייעם חרם פארגעלייגט פאר די יידן אויף דעם יריד אין זעלווע, האט עס געמאכט א גוואלדיקן איינדרוק. אבער דארטן, וואו די חסידות האט שוין געהאט אויסגעבויט איר נעסט, איז שוין שווער געווען, איז שוין די ארבעט פון די מתנגדים געווען זייער א שווערע. עס איז אינטערעסאנט אז אפילו אין ווילנע גופא, וואו דער גאון האט געהערשט, איז שווער געווען צו קעמפן קעגן די ביסל חסידים. דאס וואס מען האט געהאט פריער פארמאכט זייער מנין האט זיי נישט געקאנט אפשרעקן. זיי האבן געמאכט אן אנדער מנין בשתיקה. אויסער ווילנע איז די חסידות ארייגעדרונגען אין אנדערע ליטווישע שטעט, — אין קארלין, אין מינסק און אין אמדור. אין אמדור איז שוין זאגאר געווען אן אמת'ע חסידישע מלוכה. דער אמדורער רבי האט געהאט טויזנטע חסידים, וועלכע זיינען צו אים געקומען פון פארשידענע געגנטען מיט פדיונות און ער איז געווען אזוי מעכטיק, אז ער זאל האבן געשיקט איינעם פון זיין גווארדיע צו הרג'ענען דעם ווילנער גאון. אבער שפעטער האט ער דעם שליח צוריקגערופן פון וועג, זאגנדיק: „לאז אים אפ. עס שטייט ורחמיו על כל מעשיו" . . .

דער קאמף צווישן די דאזיקע צוויי לאגערן אין יידנטום איז אנגעגאנגען פאר עטלעכע יאר מיט גוואלדיקע שארפקייט. מחלוקות און רדיפות איינער אויפן אנדערן האבן נישט אויפגעהערט אפילו א רגע. אבער שפעטער האט זיך די ריי־טעריי אפגעשטעלט אויף עטלעכע יאר, דען נאך אלעמען האט דער גאון בכלל נישט געוואלט זיך מישן אין מחלוקות און מבטל צו זיין דאס לערנען תורה. דערבער האבן די חסידים אויסגענוצט די שוואכקייט פון די מתנגדים און זיינען אריבער צום אנגריף, אנשטאט וואס פריער זיינען זיי געשטאנען אין א פארטיידי־קונגס־פאזיציע. זיי האבן, אגב, דאמאלס פארשפרייט קלאנגען, אז דער ווילנער גאון האט חרטה געהאט אויף זיינע פריערדיקע ארויסטרעטונגען און דער שמש פון ר' חייקלען, דער אמדורער רבי, האט זאגאר פארטרויט א „סוד" צו די חסידים אז דער ווילנער גאון אליין האט געשיקט צום ר' חייקלען א פדיון, אז ער זאל אויסלייזן זיין נשמה פון זינד. עס האט געהייסן, ווי דער שמש האט אויסגעארבעט זיין מעשה, אז דער רבי ר' חייקעל האט איינגטלעד דעם פדיון פון ווילנער גאון אפילו נישט געוואלט אננעמען, נאר אז ער האט זיך ביי אים שטארק געבעטן, האט ער איינגעוויליקט דאס צו טאן, כאטש דאס איז געווען זייער א שווערע זאך פאר אים. דער רבי ר' חייקעל האט ערקלערט, אז ער קאן אויסלייזן פון זינד אלע נשמות פון דער וועלט, אלע זינדיקע נשמות. אבער די נשמה פון ווילנער גאון קאן ער נישט העלפן אזוי לייכט, ווייל ער האט זיך אזוי פיל אנגעלערנט מיט פרעמדע

למודים. די נשמה וועט זייער שווער זיין אויסצוליטערן. עס איז אויך דערציילט געווארן א מעשה, אז איינמאל ווען דער רבי ר׳ חייקעל איז געזעסן ביי שלש סעודות האבן די חסידים ארום באמערקט אז ער מאכט אזעלכע מאדנע מינעס. א מינוט פרייט ער זיך, א מינוט וויינט ער. אז מען האט דעם רבי׳ן געפרעגט וואס עס איז מיט אים געווען, האט ער געענטפערט, אז ער האט געהאט א שמועס מיטן ווילנער גאון און ס׳איז שווער געווען איבערצורעדן דעם גאון ער זאל אראפּ פון זיין וועג, אבער ענדליך איז אים געלונגען „און איר וועט נאך זען, — האט ער געזאגט צו די חסידים, — ווי ער וועט נאכלויפן נאך מיר ווי איינער פון מיינע איינפאכסטע תלמידים״.

מען האט דאן געהאלטן אין דערציילן מעשיות, וואס זיינען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אלץ כדי צו אפּשוואכן דעם כח פון די מתנגדים און דעם כח פון ווילנער גאון. עס האט זיך זאגאר איינער פארשטעלט פארן גאונס זון, וועלכער פלעגט ארומפארן פון שטאט צו שטאט דערציילנדיק, אז זיין פאטער האט גוזר געווען אויף אים, אז ער זאל פארן איבער דער וועלט מודיע זיין, אז ער האט חרטה אויף אלע זיינע פריערדיקע טאטן קעגן די חסידים. אז איינער, אן אנגע־זעענער ביל הבית פון ווילנע, איז געקומען אין האמבורג, האט מען אים דערציילט די מעשה מיטן ווילנער גאונס זון און ווען זיינע ערקלערונגען, וואס ער גיט אפּ אין נאמען פון גאון, אז דער ווילנער בעל הבית איז צוריקגעקומען אהיים און האט דערציילט די געשיכטע, האט די שטאט אנגעהויבן קאכן, און עס איז באשלאסן געווארן צו רופן די יידן צו קעמפן קעגן די חסידים. צו שיקן צוויי רבנים פון שטאט צו שטאט און אנוויזן די סכנה וואס די יידן שטייט פאר פון חסידות און צו שיקן א בריף צו אלע קהלות אפּצולייקענען די אלע ליגנערישע מעשיות, אז ער האט חרטה געהאט אויפן קאמף מיט די חסידים.

אז די ווילנער שלוחים זיינען אנגעקומען אין מינסק מיטן גאונס חתימה האבן די חסידים פרובירט טענה׳ן, אז דער בריף איז א געפעלשטער. אז דער גאון האט אזא בריף נישט געשריבן. כדי יוצא צו זיין פאר אלעמען האט די מינסקער קהלה געשיקט קיין ווילנע א ספּעציעלן שליח צו פרעגן דעם גאון אויב ער האט אזא בריף געשיקט. דער ווילנער גאון האט אים געגעבן א בריף אין וועלכן ער באשטעטיקט, אז דער בריף איז געווען געשריבן דורך אים און ער־קלערט דערוייל אויך די אלע מעשים פון די נייע גרופּע אין יידנטום.

דער חסידישער רבי ר׳ שניאור זלמן, דער גרינדער פון חב״ד חסידות, האט אויך נישט געקאנט שווייגן און איז ארויס מיט א בריף אין וועלכן ער פרובירט זיך פארטיידיקן פון די אנגריפן פון די רבנים און בפרט פון ווילנער גאון, וועלכן ער האט זייער געשעצט. ער שרייבט, אז זייענדיק אין ווילנע איז ער געגאנגען צום גאון זיך דורכשמועסן מיט אים וועגן דעם און ארונטערנעמען די אנקלאגעס אויף די חסידים. אבער דער גאון האט אים נישט אויפגענומען. ער איז אבער געגאנגען, זאגט ער, מיט ר׳ מענדעל האראדנער נאך אמאל צום גאון, און ער האט אים אויך דאס מאל נישט אויפגענומען. אז די אנגעזעענע בעלי בתים פון ווילנע האבן געזאגט דעם גאון אז דער פירער פון חסידים וויל אים זען און זיך דורכשמועסן,

כדי צו ברייננען שלום ביי יידן, האט ער זיי אויך אפגעזאגט און ווען זיי האבן אים גענומען שטארק בעטן וועגן דעם, איז דער גאון אוועקגעפארן פון ווילנע און ער איז צוריקגעקומען ערשט דאמאלס ווען ר' שניאור זלמן איז שוין געווען אוועקגעפארן.

פון דעם בריף איז צו זען אז ר' שניאור זלמן האט באמת געוואלט באזייטיקן די מחלוקות. ער רעדט וועגן גאון מיט גרויסן רעספעקט. ער פילט אפילו, אז עס וואלט שווער געווען צו איבערצייגן דעם גאון, ווייל ער האט שוין געהאט וועגן דעם א באשטימטע מיינונג. אבער דאך פארדריסט אים וואס ער האט נישט געהאט די מעגלעכקייט זיך צו זען מיטן גאון.

דער קאמף איז אנגעגאנגען ווייטער און די חסידות האט זיך צעוואקסן אומעטום וואו יידן האבן געלעבט. בלויז אין ליטא איז געשטאנען פעסט. און זי האט זיך נישט אונטערגעגעבן, בלייבענדיק טריי די טראדיציע פון ווילנער גאון.

## ח.

## פירושים אויף די כתבי־הקודש

עס ווערט דערציילט, אז ס'איז געווען א געוויסע צייט אין לעבן פון ווילנער גאון, — מ'זאגט, אז דאס איז געווען אויף דער עלטער, — ווען ער האט נישט געלערנט און נישט געלייענט קיין שום זאך אויסער די כתבי־הקודש, פון את די גייסטיקע הויכקייטן האט ער ארויסגעקוקט אויף דער גרויסער און ברייטער יידישער ליטעראטור, וועלכע האט זיך אזוי אויסגעשפרייט, אזוי פארצווייגט איבער דער וועלט.

און דאס איז געווען כאראקטעריסטיש פארן ווילנער גאון. ביי אים איז דער תנ"ך געווען דער ספר־הספרים פון יידישן פאלק. דער תנ"ך איז געווען דער גרונדשטיין, דער פונדאמענט, אויף וועלכן עס האט זיך אויסגעבויט די יידישקייט. דען סוף־כל־סוף איז דאך די גאנצע יידישע ליטעראטור, אנהויבנדיק פון דער משנה און ענדיקנדיק מיט דעם גרויסן גאון פון אונדזער צייט, געבויט אויף דער תורה. און, וויבאלד, אז דער תנ"ך איז דער הויפט־קוואל פון יידישקייט, דער אור הגנוז, פון וועלכן דער גייסט פון יידנטום שטראלט ארויס, פארוואס זאל מען נישט גיין צו אים פריער, פארוואס זאל מען זיך נישט לאזן צום אורשפרונג?

דא איז געווען דעם גאונ'ס גרויסקייט, דא איז געלעגן זיין אריגינאליטעט, באטש עס זיינען נאך היינטיקן טאג דא געווען לומדים, וועלכע וועלן רעדן מיט גרויסן יראת־הכבוד וועגן גאון, נאר אויף אנדערע געביטן, אבער נישט אויף דעם געביט פון זיין שיטה צו לערנען פריער, און אלע מאל ווען עס איז דא צייט, די תורה, די כתבי־הקודש. אין זיין צייט זיינען געווען גענוג גאונים, וועלכע האבן יא אפגעשאצט זיין גרויסקייט אויף דעם דאזיקן געביט. און נישט בלויז זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע זיינען געווען דירעקט אונטער זיין השפעה, נאר אפילו גאונים אין אנדערע לענדער האבן זיך נישט געקענט אפוואונדערן פון גאונ'ס

גרויסקייט דוקא אויף דעם געביט פון תנ״ד. עס ווערט דערציילט, אז ווען דער באָ־וואוסטער גאון ר׳ רפאל האמבורגער איז שוין געווען אַלט, האָט אים זיין אינגערער ברודער געפרעגט מיט וואָס איז, אייגנטלעך דער גאון געווען גרעסער פון די איבריקע גאונים אין זיין דור. דערויף האָט אים ר׳ רפאל געהייסן צוגיין צום שראַנק און אַרויסנעמען אַ ספר, וואָס איז געשטאַנען, זאָגן מיר, אויף דער ערשטער פּאָליצע פון דער רעכטער זייט. אַז ער האָט דעם ספר געפונען, האָט ער אַ קוק געטאָן אַז דאָס איז דער תנ״ד, און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דער ברודער וויל אים זאָגן. ר׳ רפאל האָט גענומען דעם תנ״ד אין האַנט אַריין און געזאָגט: „אָט דערמיט איז דער גאון געווען דער גרעסטער פון אַלע גדולים אין זיין צייט. ער איז געווען אַ בקי אין תנ״ד.

דער גאון איז געווען אַ בקי אין תנ״ד! אין יענער צייט, ווען אויסער גמרא האָט די יידישע וועלט בכלל נישט געלערנט, און חומש האָט מען געלערנט מיט קליינע קינדער אין די ערשטע פאָר יאָר פון חדר, אָדער מיט פּשוט׳ע יידן אין בית־מדרש. חומש איז געווען אַ זאַך, וועגן וועלכע מען האָט זיך גאַנץ ווייניק געקימערט. קענען חומש איז נישט באַטראַכט געוואָרן אַלס גרויסקייט, אַלס חשיבות. אַ ייד וואָס האָט געקענט אַ פּסוק תנ״ד, איז גאָר נישט געווען אַזוי שטאַרק אָנגעזען. דער עיקר איז געווען גמרא. גרויס איז געווען נאָר יענער, וואָס האָט באַוויזן כחות אין גמרא, אין ראשונים און אחרונים. און דאָ קומט מען און מען דערציילט וועגן גאון׳ס גרויסקייט, אַז ער איז געווען אַ בקי אין תנ״ד! אָבער ר׳ רפאל האמבורגער האָט יאָ פאַרשטאַנען מיט וואָס ער איז געווען גרויס. געוויס האָבן אַלע געוואוסט, אַז זיין גרויסקייט איז געלעגן אין גמרא, אָבער מען האָט אויך זיין בקיאות אין תנ״ד געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זאַך, מען האָט זיין בקיאות אין תנ״ד נישט אוועק־געמאַכט אונטערן האַנט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דער ווילנער גאון האָט געהאַלטן, אַז מען מוז קענען פריער גוט תנ״ד איידער מען הויבט אָן גמרא, אַז ער שטעלט דעם למוד פון די כתבי־הקודש זייער הויך און נאָך העכער פון אַלץ. ער איז עס געווען, וואָס האָט געמאַכט דעם למוד פון תנ״ד אַלס נויטווענדיקייט, וואָס האָט געמאַכט דאָס קענען פון תנ״ד אַלס כבוד, אַלס גרויסקייט, אַלס שטאָלץ, און ער איז עס געווען, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיינע נאָענטע תלמידים־גאונים צו לערנען און צו פאַרשפּרייטן דעם תנ״ד און אויך אויף די איבריקע דורות. מען זאָגט, אַז ווילנע איז געוואָרן די „קרית נאמנה״ מיט איר קענען לשון קודש און מיטן קענען תנ״ד, — אויסער גמרא. נאַטירלעך, — נאָר אַ דאַנק דער השפּעה פון ווילנער גאון. און דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער אויפטו.

דער ווילנער גאון האָט געהייסן לערנען דקדוק, לשון קודש, תנ״ד, אָבער ער האָט זיך דערמיט אַליין נישט בעגנוגנט. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער אויך פון וויסנשאַפט. דען ער האָט געהאַלטן, אַז אויב אַ מענטשן פעלן ידיעות אין אַנדערע חכמות, פעלן אים זיינע ידיעות אין תורה. וואָס מער וויסנשאַפט, אַלץ בעסער און לייכטער איז צו פאַרשטיין די תורה. אַזאַ מין רעיון איז געווען אַ פאָל־קאָמענע רעוואָלוציע אין יענער צייט צווישן לומדים און גאונים, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון די „חכמות חצוניות״, פאַרקערט, זיי האָבן עס נאָך געהאַלטן פאַר שעדלעך. זיי זיינען אָבער אַלע בטל געוואָרן פאַר דער גרויסקייט און צדקות פון

גאון און זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס וואָס דער גאון טוט און וואָס דער גאון הייסט טאָן, איז זייער גוט און נויטווענדיק און ס׳איז נישטאָ וואָס איבערצוטראַכטן וועגן דעם. אין דער הינזיכט האָט דער גאון זיך אַליין אַרויסגעשטעלט אַלס בייַשפּיל. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט זיך דערמיט גרויס געהאַלטן. דער גאַנצער עניו פון גאווה איז דעם גאון גאַנץ פרעמד געווען. ער איז געווען דער גרויסער ענו, דער גרויסער צדיק און תמים. ער האָט אָבער געלערנט אַליין אַלצדינג דאָס, וואָס ער האָט געראָטן צו טאָן אַנדערע. ער האָט געקענט לאָגיק, מאַטעמאַטיק, גראַמאַטיק. ער האָט זאָגאַר אַליין געשאַפן די ווערק ווי „דקדוק אליהו" און „איל משולש". ער איז אפילו באַקענט געווען מיט פילאָזאָפיע. געוויינלעך, זיינען פאַראַן דעות, וואָס האַלטן, אַז ער איז געווען אַ געגנער פון פילאָזאָפיע און האָט אויף דער פילאָזאָפיע געזאָגט „פילוסופיה הארורה". עס זיינען אָבער פאַראַן תלמידים זיינע, וואָס באַשטעטיגן, אַז די שאַרפע אויסדרוקן וועגן פילאָזאָפיע איז אַריינגעשטעלט געוואָרן פון דעם דרוקער אַליין אָדער פון דעם מסדר פון ספר. זיי ווייזן אָן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהערט פון אים אַ שלעכט וואָרט וועגן פילאָזאָפיע און אויך די שפּראַך, אויף וועלכער די שאַרפע ווערטער זיינען געשריבן, זאָגן זיי, איז נישט דעם גאונ׳ס, וועלכער האָט אַלע מאָל געליבט צו מאַכן בלויז קורצע באַמערקונגען אין אַ פּאָר ווערטער.

יעדנפאַלס איז באַוואוסט, אַז לויט דער אָנרעגונג פון ווילנער גאון האָט דער באַרימטער יידישער גביר פון יענער צייט, ר׳ יהושע צייטלין געעפנט אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר כעמישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, און דער באַוואוסטער גאון ר׳ ברוך פון שקלאָוו האָט אויפן פאַרלאַנג פון גאון איבערגעזעצט „עקלידוס" פון גריכיש אויף העברייאיש.

דער ווילנער גאון איז געווען נישט בלויז אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים. ער האָט אַליין געשאַפן אַ ווערק איבער דקדוק, איבער מאַטעמאַטיק און אויך פּירושים אויף דער תורה. געוויינלעך, זיינען נישט אַלע ספרים געשריבן געוואָרן פון גאון אַליין. זיינע תלמידים האָבן צונויפגעזאַמלט די אַלע פּירושים, וואָס זיי האָבן געהערט פון אים, בעת זיי האָבן געלערנט תנ"ך. מאַנכע זאַכן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון זיין זון, ר׳ אברהם, וועלכער האָט געלערנט תנ"ך ביי זיין פאָטער. אָבער אַרום און אַרום איז עס אַלץ געווען פון גאון.

דער ווילנער גאון האָט געהאַט אַ פּירוש אויף דער פּרשה בראשית, אויף ויקרא, עטלעכע שטעלן אין במדבר, אויף פּרשה חוקת, פּרשה בלק און אויך אויף דברים. די דאָזיקע פּירושים זיינען באַקאַנט אַלס „אדרת אליהו", וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון זיין זון, ר׳ אברהם. אין דער זאַמלונג זיינען פאַראַן פּירושים אויף פאַרשידענע אופנים. ער האַלט זיך אָן דער סיסטעם פון פּרד"ס. ער פאַרטייטשט די פּסוקים דורך דרוש, דורך רמז, דורך סוד, אָבער הויפּטזעכלעך איז ביי אים פּשט, די כונה פון פּסוק, די שפּראַך און דקדוק. אויסער דעם האָט ער געמאַכט פּירושים אויף שיר השירים, אויף דברי הימים, אויף יונה, אויף ישעיה, חבקוק און הושע. ער האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף איוב. ער האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף משלי און אויך אויף יענע טיילן פון ספר יהושע, מלכים און יחזקאל, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער געאָגראַפיע פון ארץ ישראל און מיט דעם

פּלאַן פון בית־המקדש. ער האָט געוואָלט אַרויסברײנגען פון די פאַרשידענע געשעענישן אין יהושע די גאַנצע געאָגראַפיע פון לאַנד, כדי מען זאָל בעסער פאַרשטײן די עטלעכע קאַפּיטלעך און מען זאָל האָבן אַ באַגריף װעגן ארץ ישראל גופא. און כאָטש דער װילנער גאון האָט קײנמאָל אין זײן לעבן נישט געזען קײן לאַנדקאַרטע, קײן מאַפּע, האָט ער מיט זײן גרויסן זשעניע געטראָפן אַזעלכע זאַכן װעלכע זײנען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן פון די גרעסטע פאָרשער. דער גאון איז אָבער מיט דער דאָזיקער באַשרײבונג און אויסטײטשונג אַלײן נישט יוצא געװען, ער האָט באַשטעלט בײם װילנער מאָלער און צײכנער ר׳ דוב בר׳ יוסף קאַצענעלסאָן אַ מאַפּע פון ארץ ישראל, כדי עס זאָל לײכטער זײן צו לערנען די תורה. די דאָזיקע מערקװירדיקע מאַפּע איז געבליבן ביז הײנטיקן טאָג.

זײנע פּירושים אויף די כתבי־הקודש זײנען נישט פאַראַן אין פאָלקאָמענער פאָרם, דען ער אַלײן האָט זײ נישט געשריבן, אויסער געװיסע שטיקלעך, אָבער אפילו דאָס װאָס די תלמידים האָבן איבערגעגעבן פון זײן נאָמען, איז פון גרויסער באַדײטונג. דען צו װאָס דער גאון האָט צוגעלײגט זײן האַנט, האָט מען געזען זײן גרויסקײט.

## ט.

## זײנע תלמידים און אָנהענגער

די השפּעה פון װילנער גאון אויף זײן צײט איז געװען אויסערגעװײנלעך. נאַטירלעך דעם װאוקס פון חסידות האָט ער נישט געקענט אָפּהאַלטן. מען האָט געפירט מחלוקות, מען האָט אויסגערופן חרמות ,אָבער די באַװעגונג האָט שוין אַזוי שטאַרק געהאַט פאַרכאַפּט דאָס פאָלק, אַז עס איז שוין שװער געװען זי צו שעדיקן. אגב, צװישן זײנע חסידים געװען גרויסע לומדים, באַדײטנדע גאונים און דאָס פאָלק האָט בשום אופן נישט געװאָלט גלויבן אַז די דאָזיקע צדיקים װעלן, װי די מתנגדים האָבן געזאָגט, אין גאַנצן אומברײנגען יידישקײט. דאָס פאָלק האָט זיך נישט געקענט אָריענטירן אין די אַלע פּינעסן פון די צװײ אַנשויאונגען אין יידנטום. זײ האָבן נישט געקענט כאַפּן די שאַרפקײט צװישן זײ בײדען, זײ האָבן געזען אַז חסידות דערהויבט דאָס פאָלק. חסידות דעמאָקראַטיזירט אים און מאַכט אים גרויס אין דער װעלט, אויב ער דאַװנט נאָר װי עס דאַרף צו זײן, הגם ער גיט זיך נישט אָפּ מיט לערנען. פאַרקערט, די לומדים האָט דאָס פּשוט׳ע פאָלק באַטראַכט פאַר אַריסטאָקראַטן פון גײסט און אודאי װעט שוין אַ פּשוט׳ער מענטש, אַ פּשוט׳ער בעל מלאכה נישט קענען זיצן בײ אײן טיש אויף יענער װעלט צוזאַמען מיט אַט די גרויסע גאונים און רבנים. חסידות האָט אים געגעבן אַלץ. ער איז גאָר נישט מחויב צו זײן אַ למדן. ער האָט געדאַרפט זײן בלויז אַן ערלעכער ייד. אַט די פאָלקסמיטלעכקײט פון חסידות, אַט דער דעמאָקראַטישער גײסט איז געװען דער כח װאָס האָט פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט די חסידישע באַװעגונג אין דער װעלט. באַזונדערס װען די חסידישע באַװעגונג איז אָנגעפירט געװאָרן פון

אזא גייסטיקער קראַפט ווי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, וועלכער איז געווען דער גרויסער למדן, דער גרויסער דענקער און צדיק. בכלל האָבן זיך די חבד׳ניקעס אויפגעפירט גאַנץ אַנדערש ווי אַנדערע גרופּעס חסידים. מען דערציילט אַז ווען אַ חסיד האָט זיך געהאַט געווענדעט צו ר׳ מענדעלי פון וויטעבסק, וועלכער איז געווען פון די בעסטע תּלמידים פון מעזעריטשער מגיד און דער רבי פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, ער זאָל פאַר אים בעטן וועגן קינדער, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער איז קיין גאָט נישט, אַז ער קען אַזעלכע זאַכן נישט טאָן.

דעם דאָזיקן גאַנג פון די נייע אידייען האָט דער גאון נישט געקאָנט פאַר־האַלטן. אָבער דאָרטן וואו די חסידות האָט נישט געקאָנט שלאָגן וואָרצלען איז עס געווען צוליב דעם גייסט פון גאון. דען ווען מען הערט ווי אַזוי די גרעסטע גאונים פון זיין צייט און אויך שפּעטער רופן זיך אָפּ פון גאון, ווי אַזוי זיי געפינען קיין ווערטער נישט אויסצודריקן זיין גרויסקייט, ווי אַזוי זיי בויגן זייערע קעפּ פאַר אָט דעם וואונדערבאַרן מענטשן, קאָן מען שוין פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס פּשוט׳ע פאָלק, ווי די בעלי־הבית׳ישע וועלט האָט געציטערט אַרויסצוזאָגן זיין נאָמען. און טאַקע דערפאַר איז זיין השפּעה געווען אויסערגעוויינלעך גרויס און זיינע תּלמידים און זיינע אָנהענגער האָבן שפּעטער פאַרשפּרייט די תורה און דעם גייסט פון דער תורה, ווי אַזוי זיי האָבן געלערנט און געהערט פון ווילנער גאון.

איינער פון זיינע גרעסטע תּלמידים איז געווען ר׳ חיים וואָלאָזשינער. דער דאָזיקער ר׳ חיים האָט אין דער יוגנט געהאַט געלערנט ביי דעם באַרימטן גאון ר׳ אריה ליב גינצבורג, וועלכער איז באַקאַנט אין דער וועלט לויט דעם נאָמען פון זיין ספר, „שאגת אריה״. דער שאגת אריה איז דעמאָלט געווען דער רב פון וואָ־לאָזשין. ער האָט אויך געלערנט ביים אָרטיקן רב ר׳ רפאל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער האַמבורגער רב.

אַז ר׳ חיים איז געוואָרן אַביסל עלטער, אַרום פינף־און־צוואַנציק יאָר, איז ער אַוועק קיין ווילנא צו הערן תורה פון ווילנער גאון, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געלערנט תורה ביי אַזאַ גאון ווי דער „שאגת אריה״ און איז אַליין אויך געווען פון די גרויסע גאונים אין זיין צייט. איז ער אין דער געגנוואַרט פון ווילנער גאון בטול געוואָרן, און אַז ער רעדט וועגן גאון, רעדט ער מיט אַזאַ ציטערניש און מיט אַזאַ התפּעלות, אַז עס איז ממש צו באַוואונדערן.

שפּעטער האָט ר׳ חיים געהאַט געגרינדעט די באַרימטע ישיבה אין וואָלאָזשין, וועלכע האָט געהאַט אויסגעאיבט אַזאַ גרויסן איינפלוס אויפן יידנטום.

אַ חוץ ר׳ חיים׳ן האָט דער ווילנער גאון געהאַט נאָך אַ תּלמיד ר׳ שלמה, וועלכער איז געווען רב אין ווילקאָמיר. עס איז ווייניק באַקאַנט וועגן אים, אָבער מען ווייסט אַז ער איז געווען אַ גרויסער גאון און ער פלעגט דערציטערט ווערן ווען מען פלעגט אים דערמאָנען דעם נאָמען פון גאון. עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז אָט דער דאָזיקער ר׳ שלמה האָט נאָך געקענט מער לערנען פאַר ר׳ חיים וואָלאָזשינער.

אַ גרויסן תּלמיד האָט דער גאון געהאַט, און דאָס איז געווען ר׳ חיים וואָ־לאָזשינערס אַ ברודער, ר׳ שלמה זלמן, וועלכן מען האָט געהאַט גערופן אין ווילנא ר׳ זעלמעלע וואָלאָזשינער. אויך ער איז געווען איינער פון די גרעסטע וואונדער־

קינדער אויף דער וועלט. די באדייטנדסטע רבנים פון יענער צייט, וועלכע האבן זיך געהאט געטראפן מיט דעם יונגענמאן, האבן זיך ממש נישט געקאנט אפּ־וואונדערן פון זיין גרויסקייט אין תורה, פון זיין פענאמאלער בקיאות און חריפות. און יעדע זאך וואס ער האט געקענט, האט ער געוואוסט אויף אויסנווייניק. ער האט געקאנט ציטירן שטיקער פון בבלי און ירושלמי, ספרי, ספרא, תוספתא, דעם רמב״ם, די טורים מיט דער זעלבער שפראך וואס עס איז ארויסגעזאגט געווארן אין אריגינאל. דער ווילנער גאון האט אים שטארק ליב געהאט. און אט דער ר׳ זעלמעלע איז געווען א מין קאפּיע פון זיין גרויסן רבי׳ן. ער איז אויך געווען א פארברענטער אנהענגער פון לערנען די כתבי הקודש, צו לערנען גראמאטיק און קענען גוט לשון קודש און ממילא אויך די תורה. ער פלעגט לערנען תנ״ך ביי־נאכט און מיט אזא פארטיפונג און מיט אזא התלהבות, וואס מען קאן זיך גאר־נישט פארשטעלן. מענטשן וואס האבן נישט געוואוסט וואס ער לערנט, האבן געקאנט מיינען, אז ער איז פארטיפט אין א שווערער סוגיא פון א גמרא. עס ווערט דערציילט פון איינעם א רב, וואס האט גראד גענעבכטיקט מיט אים אין איין וואוינונג, אז ער איז דערשיטערט געווארן ווען ער האט זיך אויפגעכאפּט ביי דער נאכט און דערזען ווי ר׳ זעלמעלע גייט ארום איבערן צימער און לערנט חומש, שטעלט זיך אפּ אויף יעדן ווארט, אויף יעדן אות, און זאגט אלץ איבער אויפן הויכן קול. דער רב איז אזוי היגעריסן געווארן פון דעם חומש לערנען, אז ער האט זיך צעוויינט. דאס איז געווען א זעלטענע דערשיינונג. דען נישט נאר האט ער געקענט דעם תנ״ך, ער האט געוואוסט די פירושים און אלע תרגומים. דערביי האט ער אויך אלעמען געראטן צו לערנען תנ״ך.

אויך ר׳ זעלמעלעס א שוואגער, ר׳ סעדיה, איז געווען א תלמיד פון ווילנער גאון און ער איז עס געווען וואס האט איבערגענומען פון גאון זיינע הגהות אויף די מסכתות קטנות און זיי אפּגעדרוקט. שפּעטער, ווען דער גאון איז געשטארבן, איז ער אוועק מיט נאך אנדערע תלמידים פון גאון קיין ארץ ישראל און האט גע־עפנט א ישיבה אין צפת אויפן נאמען פון גאון.

נאך אנדערע גרויסע תלמידים האט דער גאון געהאט. דאס זיינען געווען אזעלכע גדולים ווי ר׳ הירש פון סעמיאטיץ, ר׳ שמחה בונם און זיין ברודער מנחם מענדל — די קינדער פון ר׳ ברוך בענדיט פון שקלאוו, ר׳ ישראל פון שקלאוו און פילע אנדערע גדולי התורה. עס זיינען געווען אויך גרויסע גבירים וואס זיינען ארונטערגעפאלן אונטער זיין איינפלוס, צווישן זיי אזעלכע צוויי בארימטע פערזענלעכקייטן ווי ר׳ יהושע צייטלין, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און באוואוסטער גביר און ר׳ בנימין פון שקלאוו. דער דאזיקער ר׳ יהושע צייטלין איז געווען איינער פון די וואונדערבארסטע פערזענלעכקייטן וואס יענער יאר־הונדערט האט געהאט ארויסגעגעבן. ער האט געלעבט ווי א פירסט. ער איז געווען א מקורב למלכות. אבער גלייכצייטיק איז ער אויך אויך געווען דער גרויסער למדן און צדיק און ער האט געגעבן פיל געלט פאר תורה און חכמה. ר׳ בנימין איז אויך געווען פון זעלבן שניט. ער איז געווען א גרויסער גביר און למדן. אבער איין טאג האט ער אוועקגעגעבן זיינע געשעפטן צו די קינדער און אליין איז ער אוועק לערנען תורה. ער איז בכלל געווען א זעלטענער מענטש,

א זעלטענער צדיק מיט זיין ארט לעבן, מיט זיין באציאונג צו מענטשן, מיט זיין גרויסקייט אין חכמה.

די גרויסקייט פון גאון איז זיך פשוט נישט משער צו זיין. זיין איינפלוס איז געווען אויסערארדענטלעך און עס איז ממש שווער צו געפינען א צווייטן צו אים אין דער לומדישער וועלט, וועלכער איז אזוי פארגעטערט געווארן פון די וואס האבן זוכה געווען אים צו זען.

## י.

## דער דראַנג נאָך ארץ ישראל

די גרויסע בענקשאפט וואס האט דעמאלט געהאט אויפגעפלאמט ביי יידן, הויפטזעכלעך ביי מיסטיקער, צו גיין קיין ארץ ישראל, האט אויך געהאט פארכאפט די תלמידים פון גאון און אפילו דעם גאון גופא.

ארץ ישראל איז קיינמאל נישט געווען ארויס פון יידישן זינען. די פרומע יידן האבן טאג־טעגלעך דערמאנט ציון׳ס נאמען, האבן געוויינט איבער איר שיקזאל, וועלכער איז געבונדן מיט דעם שיקזאל פון פאלק ישראל. ארץ ישראל איז געווען דאס ארט וואו די שכינה האט שטענדיק גערוט; ארץ ישראל איז געווען דאס לאנד פון הייליקייט און געטלעכקייט. אחוץ דעם זיינען פיל פרומע יידן נאך אין מיטלאלטער געגאנגען קיין ארץ ישראל צו פארברענגען די לעצטע יארן אין תפלות און תורה. עס זיינען געווען גבירים וואס האבן פארלאזן זייער רייכטום און זיינען אוועק קיין ארץ ישראל צו אטעמען מיט איר לופט און מתפלל צו זיין אויף די קברים פון די אבות, אויף די קברים פון די גרויסע צדיקים.

אבער די גרויסע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן זינט ארץ ישראל איז געווארן דער נעסט פון די מקובלים, — דארטן וואו עס האבן געווירקט און געשאפן אזעלכע ריזן אין קבלה ווי דער האר״י הקודש, ר׳ משה קורדיווירע, ר׳ חיים וויטאל און פילע אנדערע באדייטנדע מיסטישע פערזענלעכקייטן. די דאזיקע מיסטיקער האבן זיך דארטן געלעבט א פאלקאם אפגעזונדערטן, אייגנארטיקן לעבן, און האבן זיך אלץ מקדש געווען און מטהר געווען מקבל פנים צו זיין אליהו הנביא׳ן און משיח׳ן, וועלכע האבען געהאלטן ביים אנקומען יעדן טאג, יעדע מינוט, און אויב ער פארהאלט זיך עפעס אויף א ווייל, איז דאס נישט צוליב אים, נאר ווייל די יידן זיינען נאך נישט גענוג פארבארייטעט, נאך נישט געהייליקט משיח׳ן אויפצונעמען.

פילע אזעלכע מיסטיקער זיינען געפארן פון פוילן און גאליציען. עס זיינען געווארן תלמידים פון בעל שם, תלמידים פון מעזעריטשער מגיד און אויך זייערע אייגענע אנהענגער. דער ערשטער פון זיי איז געווען דער צדיק ר׳ גרשון קוטיווער. אנגעהויבן האט ער אייגנטלעך אלס גמרא־ייד און איז געווען גוט באפריינדעט מיט אזעלכע ריזן פון יענער צייט ווי ר׳ יחזקאל לאנדוי און רבי יונתן אייבעשיץ. אבער ווערנדיק א שוואגער פון ר׳ ישראל בעל שם טוב, האט ער זיך אנגעהויבן

אביסל צו אינטערעסירן מיט קבלה און ווען ער האט זיך שפעטער איבערצייגט, אז דער בעל שם איז באמת א גרויסער צדיק איז ער געווארן זיינער אן אנהענגער. און אין יאר 1747 איז ער אוועק קיין ארץ ישראל. צום ערשטן האט ער זיך געהאט באזעצט אין חברון, אבער נאך זעקס יאר צייט איז ער אוועק קיין ירושלים, וואו ער האט מיט נאך פיל אנהענגער געגרינדעט די חסידישע באוועגונג אין ארץ ישראל. דערביי איז וויכטיק צו באמערקן, אז זיינע אנהענגער זיינען נישט געווען קיין עם הארצים, — פראסטע מענטשן, וואס זיינען נתפעל געווארן פון מופתים, נאר זיינען געווען גרויס אין תורה.

שפעטער האבן אנגעהויבן אנקומען נאך פיל חסידים מיט גרויסן איינפלוס, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען ר׳ מענדל פשעמישליאנער, א חבר פון מעזעריטשער מגיד און דער באוואוסטער פירער פון די גאליציאנער חסידים ר׳ ישכר בער פון זודאטשאוו. ס׳ווערט דערציילט אין די חסידישע קרייזן, אז דער בעל שם אליין האט געהאט באשלאסן צו מאכן א נסיעה קיין ארץ ישראל און א סברא, אז ארום יאר 1750 האט ער אויף זיין נסיעה שוין געהאט דערגרייכט ביז סטאמבול, אבער עס האט עפעס געהאט פאסירט און מען האט אים געגעבן א וואונק פון הימל, אז ער דארף דערווייל קיין ארץ ישראל נישט ארייןפארן. אז דער בעל שם האט דערזען, אז עס איז פאראן א שטיקל „עיכוב" אין הימל, האט ער זיך אומגעקערט און געפארן צוריק אהיים.

עס זיינען אבער געווען נישט בלויז די גאליציאנער און פאדאליער חסידים וואס זיינען געפארן קיין ארץ ישראל. אויך די רוסישע חסידים האבן אנגעהויבן פארן. דער ערשטער פון די רוסישע חסידים וואס איז געווארן קיין ארץ ישראל איז געווען ר׳ ישראל פאלאצקער. מיט אים זיינען געפארן נאך פיל חסידים, וועלכע האבן זיך געהאט באזעצט אין טבריה. מיט עטלעכע יאר שפעטער איז געקומען אין ארץ ישראל דער בארימטער צדיק ר׳ מענדעלע פון וויטעבסק, וועלכער איז געגאנגען אויף א גאנץ אנדערן וועג אין חסידות און איז געווען ווייט צו נעמען פדיונות און זיך אנצוגעבן אלס בעל מופת. פארנדיק קיין ארץ ישראל האט אים זיין תלמיד, ר׳ שניאור זלמן פון ליאדי, וועלכער איז שפעטער געווען דער גרינדער פון חב"ד, באגלייט ביז דער טערקישער גרעניץ. ר׳ מענדל האט זיך אויך געהאט באזעצט אין טבריה, וואו עס איז געווען א פעסטער קבוץ פון חסידים.

און אט צו יענער צייט, ווען טבריה האט אנגעהויבן ווערן דער צענטער פון חסידות און קבלה, דאן ווען דער גייסט פון בעל שם און מעזעריטשער מגיד האט אנגעהויבן דערגרייכן ביז טבריה, דאן האט אויך דער גייסט פון ווילנא, דער גייסט פון תורה, אנגעהויבן בויען זיין נעסט אין ארץ ישראל. איינער פון די באדייטנדסטע קעפ וואס איז אוועק קיין ארץ ישראל איז געווען ר׳ סעדיה בר׳ נתן נטע, דער שוואגער פון ר׳ זעלמעלע פון וואלאזשין, וועלכער איז געווען אן אפטיקער ארייננייער ביים גאון אין בית המדרש. ער איז אוועק, נאכן גאונ׳ס טויט קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין צפת, וואו ער האט מיט נאך עטלעכע גרויסע לומדים געגרינדעט א בית־מדרש אויפן נאמען פון ווילנער גאון אונטער דעם נאמען בית המדרש רבנו אליהו". אט די נייע געסט האבן דארטן געגרינדעט די היימישע ישיבה, וואו עס זיינען געזעסן לומדים און געלערנט גמרא. די ראשי

ישיבות זיינען געזען ריזן אין תורה אזוי ווי ר׳ סעדיה און נאך אנדערע. מיט דער צייט זיינען אנגעקומען קיין צפת נאך פיל אנהענגער פון ווילנער גאון און דער נאמען פון ווילנער גאון האט זיך פאראייביקט אויך אין ארץ ישראל. עס פארשטייט זיך, אז דער קאמף צווישן די חסידים מיט די מתנגדים האט געמוזט געפירט ווערן אויך אין ארץ ישראל. און די אלע אנגעקומענע פון די אלטע היימען האבן נאך נישט געהאט פארגעסן דעם קאמף ווי זיי האבן דארטן געהאט געפירט צווישן זייך. אזא ייד ווי ר׳ סעדיה, וועלכן דער גאון האט געהאט אויסגעקליבן אלס הויפט־קעמפער קעגן חסידות, האט, פארשטייט זיך, נישט געקאנט בלייבן זיצן רואיק אין ארץ ישראל. דאס גלייכן האבן די פירער פון די חסידים אין טבריה אויך נישט געקאנט זיך אפזאגן פון זייער אלטן קאמף קעגן די מתנגדים. עס האבן זיך אלזא, אין דעם הייליקן לאנד געבילדעט צוויי שארפע פיינדלעכע פארטייען, וועלכע זיינען געשטאנען איינע אנטקעגן דער אנדערער אין פולע וואפן. דער קאמף האט אנגעהאלטן א לענגערע צייט. ס׳פארשטייט זיך, אז וואו די חסידים זיינען געווען אין א פיל קלענערער צאל ווי די מתנגדים, האבן די מתנגדים געהאט מער שאנסן צו געווינען און באמת זיינען זייער פיל „זייטיקע" בעלי־בתים אריבערגעגאנגען צו דער גרופע פון גאון׳ס תלמידים.

א גרויסע בענקשאפט נאך ארץ ישראל האט געהאט דער ווילנער גאון אליין. דאס איז געווען זיין טרוים אין לעבן. ער האט געוואלט פארברענגען זיין לעבן אין דעם הייליקן לאנד. און ער האט געפרובט די דאזיקע רייזע אונטערצונעמען, אבער ער האט זיך אויך אומגעקערט פון וועג. דער ווילנער גאון האט, קענטיק, נישט זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל. דערפאר אבער האט ער זוכה געווען, אז זיין גייסט זאל שוועבן איבערן הייליקן לאנד. די ישיבה וואס זיינע תלמידים האבן געגרינדעט אין צפת און די שיטה פון זיין תורה לערנען וואס איז פארשפרייט געווארן אין ארץ ישראל — דאס אליין איז געווען א גוטער מאנומענט פאר דעם גרויסן גאון פון ווילנא.

## יא.

## די לעצטע יארן און זיין פטירה

עס איז זעלטן צו געפינען נאך אזא צווייטע פערזענלעכקייט אין דער יידישער לומדישער וועלט, וועלכער האט זיין גאנצן לעבן, כמעט פון קינדהייט ביזן מאמענט וואס איז פון אים ארויס די נשמה, זיך נישט געהאט באשעפטיקט מיט קיין שום אנדער זאך אין דער וועלט ווי נאר מיט לערנען תורה. ער האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט גערעדט דברי חול. ער איז שטענדיק געזעסן אין טלית און תפילין און געלערנט. עס איז נישט בלויז די תורה אליין וואס איז ביי אים געווען העכער און טיפער און שענער אין דער וועלט, נאר אויך דאס לערנען תורה. דאס לערנען תורה, דאס גריבלען זיך אין די טיפענישן פון דער תורה און צו דערגיין אירע סודות, איז ביי אים געווען דאס איינציקע וואס האט געהאט

פארנומען זיין קאפ. אפילו ווען ער איז געקומען צו „זייטיקע" זאכן, ווי דער קאמף קעגן די חסידים, האט עס צו זיין געוויינלעכן נארמאלען לעבן קיין שייכות נישט געהאט. ער האט קיינמאל נישט פארלאזן זיין פאסטן, ער האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו לערנען.

און דאס קאן אפשר זיין כמעט די הויפט־אורזאך פארוואס ער האט אזוי ווייניק ספרים געשריבן, פארוואס ער האט נישט ארויסגעבראכט פאר דער וועלט יענע גאונות אין תורה, יענע טיפקייט און ברייטקייט, וועלכע עס האט געפאסט פאר א גאון פון אזא קאליבר. דער ווילנער גאון האט נישט איבערגעלאזן אזעלכע ספרים, וועלכע מען זאל זיצן און לערנען, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט אנדערע גרויסע גאונים, עטוואס קלענער און פיל קלענער פאר אים. אלץ וואס איז געבליבן פון אים זיינען געווען אין דער פארם פון קורצע באמערקונגען און הגם זיי זיינען געגוג געניאל און מען זעט פון דארטן ארויס דעם אויסערגעוויינלעכן שארפן מוח פון אט דעם וואונדערבארן גאון, זיינען זיי אבער דאך נישט פון דעם קאליבר ספרים, וועלכע האבן געשליפט די מוחות פון דער לומדישער וועלט.

דער ווילנער גאון האט געהאט געשריבן א סך, אבער גרעסטנטיילס זיינען זיינע חדושים און רעיונות איבערגעגעבן געווארן פון זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע האבן די תורה פון אים געהערט. אבער ווי גוט זיי האבן עס איבערגעגעבן האבן זיי דאך נישט די פארם און קלארן אינהאלט פון גאון. דען זיי האבן זיינע חדושים איבערגעגעבן מיט זייער שפראך, מיט זייער אופן און גאנץ אפט זיינען זיי ארויס זייער גרייזיק. דער גאון האט געהאט געמאכט א פירוש אויף ירושלמי פון סדר זרעים און געוויסע הגהות אויף גאנץ ירושלמי. אבער ארויס איז ער אזוי גרייזיק, אז עס איז שווער אזא זאך אויסצובעסערן. ר' חיים וואלאזשינער זאגט, אז דער גאון איז געווען צופרידן פון דעם סדר, ווי אזוי עס איז אויסגעארבעט געווארן, אבער שפעטער איז ער צוקאליעטשעט געווארן.

דער גאון האט אויך געמאכט הגהות אויף ש"ס בבלי. אבער די דאזיקע הגהות זיינען אייגנטלעך געמאכט געווארן פאר זיך אליין. ער האט זיי נישט געמאכט אלס ספר פאר דער וועלט. די דאזיקע הגהות זיינען טאקע א וועלט פאר זיך. מיט איין קליינער באמערקונג אויף א ווארט און אפילו אויף אן אות האט ער צורעכט געמאכט די שווערסטע שטעלע אין גמרא. זיינע הגהות זיינען הלכות. אבער אויך דארטן זיינען אריין א וועלט מיט גרייזן. ער האט אויך געמאכט הגהות אויף מסכת אבות דר' נתן אין די מסכתות קטנות. די הגהות זיינען געווען געמאכט אויף די גליונות פון דער גמרא און זיי זיינען ארויסגעגעבן געווארן פון זיין תלמיד ר' מענדל.

פון זיינע חידושים אויף דער משנה איז שוין אנטשטאנען א גרעסערער ספר, דער „שנות אליהו", א פירוש אויף משניות, סדר זרעים, אבער עס איז געשריבן געווארן פון זיינע תלמידים לויט ווי זיי האבן געהאט געהערט פון גאון אליין בעת ער האט מיט זיי געלערנט און ר' חיים וואלאזשינער האט דעם ספר מגיה געווען. דעם פירוש אויף סדר טהרות „אליה רבא", האט אויך געהאט געשריבן און סיטעמאטיזירט זיין תלמיד ר' מאיר פון ווילנא, וועלכער האט די דאזיקע פירושים געהערט פון גאון אליין, בעת ער האט געלערנט מיט אים. מען קאן,

נאטירלעך, ר׳ מאיר׳ן נישט חושד זיין אז ער האט נישט געזאגט דעם אמת. אבער ער האט זיי דאך נישט איבערגעגעבן אזוי ווי דער גאון אליין וואלט זיי איבער־געגעבן ווען ער וואלט געשריבן דעם ספר. דאס זעט מען כאטש דערפון וואס אויך אנדערע תלמידים האבן ארויסגעגעבן א פירוש אויף טהרות אין נאמען פון גאון און ביי זיי זיינען פאראן געוויסע ענדערונגען.

דער ווילנער גאון האט געמאכט באורים אויף פוסקים, אויף תוספתא, אויף מכלתא, ספרא, ספרי, אויף פרקי דר׳ אליעזר. ער האט אפילו געמאכט פירושים אויף קבלה — אויף דעם ספר יצירה, אויף דעם זוהר און אנדערע קבלה ספרים. עס קומט, אלזא, אוים, אז קעמפנדיק קעגן קבלה איז דער גאון אליין אויך אנגע־שטעקט געווארן מיט חסידות און האט אפילו געשריבן פירושים אויף קבלה־ספרים. אבער ארומנעמענדיק אלע זיינע ספרים איז צו זען, אז א גרויסער טייל פון זיי זיינען געשריבן געווארן פון זיינע תלמידים, לויט זיי האבן געהאט געהערט פון אים. וואלט דער ווילנער גאון אליין געשריבן אלע זיינע ספרים און אויף א סיסטעמאטישן וועג, וואלטן זיי געווען באדייטנד ווירקנדער אויף דער לומדישער וועלט, וואלטן זיי געווען באדייטנד גלענצנדער סיי אין דער פארם און סיי אין אינהאלט. דער ווילנער גאון האט נישט ארויסגעשריבן דאס וואס ער האט געקאנט ארויסברענגען, וואס איז זיכער באדויערנסווערט, ווייל די לומדישע וועלט האט פארלוירן דערין זיינע געניאלע איינפאלן, זיין אויסערגעוויינלעכע חריפות און פשטות, וואס וואלטן קלאר געמאכט שווערע, פארפלאנטערטע שטעלן אין תלמודי־שער און לומדישער ליטעראטור.

אז דער ווילנער גאון האט דערגרייכט די זיבעציגער, האט ער אנגעהויבן זיך פילן שוואך און קראנק. עס ווערט דערציילט, אז ער האט נישט געוואלט מען זאל רופן דאקטוירים. ער האט געבעטן, אז מען זאל שיקן נאכן דובנער מגיד, וועלכן ער האט אויסערגעוויינלעך ליב געהאט, ער זאל קומען און אים אונטער־האלטן מיט זיינע שיינע משלים. ער איז נאך דער דאזיקער לאנגער קראנקהייט ענדלעך געזונט געווארן, אבער ער איז שוין געבליבן זייער שוואך. מיט א פאר יאר שפעטער איז דער גאון ווידער קראנק געווארן און נאכאמאל געהייסן רופן צו זיך דעם דובנער מגיד צו הערן פון אים שיינע אויסטייטשונגען און משלים. ער האט זיך ווידער געהאט ערהאלט אביסל און ווידער שוואכער געווארן. נישט קוקענדיק דארויף האט דער ווילנער גאון נישט אויפגעהערט צו לערנען ווייטער אקוראט ווי אמאל, כאטש זיינע כוחות האבן שוין דאס נישט געקאנט דערטראגן.

ערב יום כפור אין יאר 1798 האט דער ווילנער גאון גערופן צו זיך זיין פאמיליע און ארויפלייגנדיק די האנט אויפ׳ן קאפ פון זיין זון ר׳ אברהם האט דער גאון אנגעהויבן וויינען. די פאמיליע איז געווען איבערראשט דאס צו זען. דען ער האט קיינמאל נישט געהאט געבענטשט זיינע קינדער ערב יום כפור. עס שיינט אבער, אז דער גאון האט שוין געפילט אז זיינע טעג זיינען געציילטע. אז יום־כפור האט זיך געענדיקט איז ער געפערלעך קראנק געווארן. ווילנא איז געווארן אויפגעטרייסלט ווען מען האט דערהערט אז דער גאון איז שטערבלעך קראנק. גאנץ שטאט איז געקומען אין די שולן מתפלל צו זיין פאר דער געזונטהייט פון

גאון. דעם דריטן טאג חול המועד סוכות האט ער זיך געשטארקט און גענומען דעם לולב מיטן אתרוג אין האנט און נאכדעם ווי ער האט געמאכט די ברכה האט ער א קוק געטאן אויף זיינע פריינט ארום, און זיך לייגנדיק צוריק אויפן קישן איז ער איינגעשלאפן אויף אייביק.

דער ווילנער גאון האט איבערגעלאזן זעקס זין, וועלכע זיינען אלע געווען גדולי התורה. דער עלטסטער איז געווען ר' יהודה ליב, וועלכער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון סערהייער רב, און ער איז אויך געבליבן זיצן זיין גאנץ לעבן אין סערהיי. ער האט זיך אויך מתחתן געווען מיט ר' אברהם דאנציג, דער מחבר פון „חיי אדם". עס איז אבער זייער ווייניק באקאנט וועגן אים.

זיין יונגסטער זון איז געווען ר' אברהם, וועלכער איז געווען דער איידעם פון באוואוסטן ווילנער בעל־הבית ר' נח מינדעס. ר' אברהם איז געווען א גדול בתורה און איז געווען א שארפער קענער פון תנ"ך און דער העברייאישער שפראך. ער האט ארויסגעגעבן פיל מדרשים מיט ווערטפולע באמערקונגען און מיט אן איינלייטונג וואס האט א באדייטענדן היסטארישן און וויסנשאפטלעכן ווערט. ער האט אויך מסדר געווען און ארויסגעגעבן די ספרים פון זיין פאטער, און ער איז געווען דער ליבלינג פון ליטווישן יידנטום. אויסער די זין האט דער ווילנער גאון געהאט איין טאכטער און איר מאן איז געווען דער באוואוסטער גאון ר' משה פון פינסק, וועלכער האט שפעטער פיל געארבעט ארויסצוגעבן די ספרים פון זיין שווער.

אחוץ זיינע אייגענע גרויסע קינדער האט דער ווילנער גאון איבערגעלאזן תלמידים און אט זיי זיינען עס געווען וואס האבן פארשפרייט די תורה פון זייער רבי'ן און וועלכע האבן מיט זייער אייגענער גרויסקייט פאראייביקט דעם נאמען פון זעלטענעם גאון.

# ר׳ פנחס בר׳ יהודה פון פּאָלאָצק

## א.

### זיינע אינטערפּרעטאַציעס לויט פּשט

א נייע ווענדונג אין דער אינטערפּרעטאציע פון דער תורה, א נייע ריכטונג צו גיין אין דעם וועג פון פשט, האט זיך אין פוילן און ליטע אנגעהויבן ערשט אין אכטצענטן יארהונדערט. מען קאן, נאטירלעך, נישט זאגן, אז די נייע ווענדונג איז געווען א פאלקאמענע, אז זי האט זיך געהאט אפגעזאגט לחלוטין פון דער אלטער אינטערפּרעטאציאנס־פארם, פון דרש. דרש איז אלעמאל געווען א באַליבטער מיטל ווי אזוי ארויסצונעמען שווערע פסוקים פון א פארלעגנהייט, ווען מען איז צו קורץ געקומען מיט דעם ריינעם פשט. דרש איז אלעמאל א מיטל ווי אזוי צו מאכן שענער, אנגענעמער, און פאלקסטימליכער א געוויסן פסוק און אפטמאל אויך א געוויסן ענין אין צוזאמענהאנג מיט נאך אנדערע פסוקים, צו געבן א קלאר בילד פון געשעענישן, א טיפערן זין פון געוויסע דערשיינונגען וואס זיינען געווען פארבונדן מיט די אויסטייטשונגען. געוויינלעך איז דער פראצעס אויף איבערצוגיין אויך צו פשוט׳ן פשט געגאנגען גאנץ לאנגזאם און איז דערצו נישט געגאנגען שטענדיק אויף איין גראדער ליניע. דען אנגעהויבן האט זיך דער פראצעס ביסלעכוויז אין פוילן גופא נאך די פריערדיקע דורות. מען האט שוין געהאט געמאכט פרואבעס צו ענדערן נישט בלויז דעם סיסטעם פון לערנען תורה, צו גיין מן הקל אל הכבוד, נאר אויך אין דעם עצם אינהאלט, אין דעם עצם אויסטייטשונגען. מען האט שוין פרובירט איינצופלאנצן צווישן די יידן דעם געדאנק, אז מען דארף לערנען די העברייאישע שפראך, די העברייאישע גראמאטיק, כדי עס זאל מעגלעך זיין צו פארשטיין די תורה בעסער און גרינדלעכער — א דערשיינונג, וועלכע איז אין דער לומדישער וועלט געווען זייער זעלטן צו זען. די דאזיקע נייע למודים האט מען געהאלטן פאר זייער וויכטיק, ווייל נאך אלעמען איז דאך די תורה געווען דער הויפט יסוד פון יידנטום און ערשט דורך דער טיפער פארשטענדניש פון דער תורה האט מען געקאנט פארשטארקן און פארטיפן און ליב מאכן די יידישע אמונה, די יידישקייט. איצטער אבער האט זיך די אידייע פון פשוט׳ער אויסטייטשונג פון דער תורה אנגעהויבן טיפער ארייננדרינגען אין די רייען פון די לומדים, גאונים און רבנים. איצטער האט שוין די אידייע פון פשט אנגעהויבן דורכברעכן א וועג, זיך איינבירגערן און באקומען גלייכבארעכטיגונג.

די דאזיקע ריכטונג איז באזונדערס פארשטארקט געווארן דורך דעם גרעסטן אויטאריטעט פון יענער צייט און פון איינעם פון די גרעסטע פון אלע צייטן — דעם ווילנער גאון, וועמענס ווארט און טעטיקייט עס איז געווען אוממעגלעך צו באשטרייטן. ער איז עס געווען דער, וואס האט באאיינפלוסט זיין דור און אויך שפעטער נישט בלויז אין תלמוד, נאר אויך אין תנ"ך, מיט לערנען העברייאיש, מיט לערנען גראמאטיק, וואס איז געווען א נייעס אין א געוויסן זין, איבערהויפט ווען מען זעט ווי דער ווילנער גאון אליין האט דעם עניין געהאלטן אזוי ערנסט, אז ער אליין האט געוויזן דעם ביישפיל.

די באדייטנדע פערזענלעכקייט פון יענער צייט, וועלכער האט זיך פרובירט לאזן אויף אזא וועג, איז געווען ר' פנחס בר' יהודה פון פלאצק. דער דאזיקער מאן איז געווען פון גרויסער מאראלישער קראפט. ער איז קענטיק געווען א מאן מיט א פעסטן כאראקטער. ער האט זיך דעמאלט געהאט דערלויבט ארויסצוזאגן אזעלכע שארפע ווערטער, אזעלכע שארפע מיינונגען, ער האט זיך דערלויבט אויף אזעלכע שארפע קריטיקן, וואס ווען מען זאל זיי ארויסברענגען אפילו היינט, וואלט מען אים גארנישט געשווינט. ער האט געשטראפט דעם עולם מיט גאנץ שטארקע אויסדריקן און האט זייער געלונגען כאראקטעריזירט געוויסע דערשיי־נונגען. און אויב מען האט אים דאך שטארק פארערט איז עס געווען אויסער זיין אייגענע גרויסע לומדות און צדקות, נאר אויך וואס ער איז געווען באליבט ביים ווילנער גאון. און דאס איז געווען גענוג.

זייער ווייניק איז באוואוסט פון דעם לעבן פון אט דער אינטערעסאנטער פערזענלעכקייט, וועלכער האט געמוזט געבוירן ווערן אין יאר 1747. מען ווייסט נאר אז ער איז געווען רב אין פלאצק אכט־און־צוואנציק יאר און איז דערנאך אריבער קיין ווילנא, וואו ער איז געווארן רב אין שניפישאק. דארטן האט ער זיך געהאט באקענט מיטן ווילנער גאון. ער איז געווען באוואוסט אלס גרויסער דרשן און מוסר־זאגער און איז אויך באקאנט געווען אין דער לומדישער וועלט אלס גרויסער תלמיד חכם. באזונדערס איז ער באקאנט געווארן אין דער יידישער וועלט פון יענער צייט דורך זיינע פירושים אויף משלי אונטער דעם נאמען „שבט יהודה", אויף שיר השירים אונטער דעם נאמען „דרך המלך", אויף קהלת — „דרך החיים", אויף תהלים — „מדרש חכמים" און אויף איוב — „גבעת פנחס". די פירושים אויף אט די אלע ספרים פון די כתבי הקודש זיינען געשריבן געווארן לויט פשט. ער אליין דערציילט, אז גייענדיק אין דעם וועג פון פשט האט ער זיך געהאלטן אן דער שיטה פון ווילנער גאון. „וזאת עמדה לזכות ששמשתי את הגאון האמיתי... הוא מרנא ורבנא מוהר"ר ר' אליהו מווילנא. ומשל שנכנס לחנות של בשם שעכ"פ ריח טוב קלט. ובחנותו נכנת. וריחו הטוב קלטתי, שלא לילך בפירושים שונים דרך עקלתון הנוטים על צדי הדרכים בהקדמות והמצאות שכליות שיהיה הפירוש רחוק מפשוטי של דברים וכל שאפשר לפרש שיהיה הדבר קרוב לפשוטו הוא הדרך היותר אמתי".

אין זיין הקדמה צו דעם פירוש אויף תהלים ווייזט ער אן אויף דער גרויס־קייט און שיינקייט פון תהלים, וועלכער איז ביי יידן זייער פאפולער, אבער דאך ווייסט קיינער נישט דעם פשט. תהלים איז געווארן ווי א מין לחש וואס מען זאגט

אויף א מכה. קיינער וויל גארנישט וויסן וואס דער „נעים זמירות ישראל" האט געזאגט און אויף וועמען ער האט געהאט אויסגעזונגען זיינע שיינע געזאנגען. קיינער ווייסט נישט וואס דוד המלך האט געזאגט, אויף וואס ער איז מכוון, אויף וואס ער בעט און אויף וואס ער לויבט השי"ת. און אויב מען קאן דעם עולם פארגעבן פאר זייער נישט וויסן אנדערע ספרים פון די נביאים, ווייל זיי באשעפ־טיקן זיך מיט זיי ניט אזוי אפט, ווי אזוי קאן מען זיי פארגעבן פאר נישט פארשטיין דעם ספר, וועלכן מען זאגט אלע טאג, ווי אזוי שעמט זיך נישט א תלמיד חכם ארויסצוזאגן פארן אויבערשטן ווערטער, ווי א געוויינלעכער עם הארץ? עס איז א שאנדע, זאגט ער, צו פארנאכלעסיקן אזא טייערן ספר וואס איז א סגולה צו אלע אונדזערע צרות. ער גרייפט דעריבער אן אלע חכמים וואס פארשטייען קיין פשט נישט, וואס זיי פארנאכלעסיקן אזא טייערן ספר און גיבן אים איבער צו די עמי הארצים און לייכטזיניקע מענטשן, וואס האבן קיין פיצל פארשטענדניש נישט. מיט זיין פירוש אבער, האט ער געזאגט, וויל ער איבערגעבן דעם ריינעם פשט, כדי דער וואס לערנט, דער וואס עס דאוונט און זאגט א קאפיטל תהלים זאל וויסן וואס ער זאגט, זאל וויסן וואס ער איז מתפלל.

פון זיינע רייד איז געווען צו זען, אז צו יענער צייט האט מען זיך באקלאגט וואס מען שרייבט אזוי פיל ספרים, און ער זאגט, אז דאס איז א גערעכטע טענה. ער איז אויך קעגן די פילע מחברים. דאס קאן אבער נישט געזאגט ווערן בנוגע די ספרי הנביאים, ווי משלי, שיר השירים, קהלת, איוב און תהילים, וועלכע זיינען געבליבן ביי אונדז אן א פירוש. און אויב, זאגט ער, מען וועט זאגן אז מיט רש"י, רד"ק, אלשיך, און מיט אנדערע מפרשים איז גענוג, איז נישט ריכטיק. ווארים אפילו מיט די אלע מפרשים זיינען נאך די ספרים אלץ געבליבן פארשלאסן. דען רש"י האט זיך געהאלטן אן דרש. אויף איין פסוק ברענגט ער א דרש און א סך אנדערע פסוקים לאזט ער איינגאנצן דורך, וואס האבן קיין המשך נישט לויט יענעם דרש. רש"י, מיינט ער, האט זיך נישט באמיט דאס אלץ אויסצוטייטשן לויטן פשט. אויך דער אלשיך האט זיך געהאט ארייגעלאזט אין גרויסע דרשות און דורכגעלאזן פשט אזוי, אז יעדן איינעם איז שווער צו געפינען א גוטן פירוש אויף א פסוק. און אויב, זאגט ער, אימיצער וועט פרעגן: „ווער ביזטו אזוינער וואס מאכט אוועק מיטן האנט רש"י'ן, דעם רד"ק און דעם אלשיך". ענטפערט ער: אדרבא, זאל מען קוקן און זען ווי אזוי דער אויבערשטער אליין האט אים געהאלפן אויפקלערן און אויסטייטשן געוויסע זאכן. און דאס האט ער צו פאר־דאנקען דעם ווילנער גאון. ער דערציילט, אז ווען ער האט געהאט אפגעדרוקט זיינע ספרים, האט דער ווילנער גאון ביי אים זיי גענומען „בחידה גדולה ובאהבה עזה" און זיי זיינען אים געפעלן געווארן.

אחוץ דעם האט ר' פנחס געהאט געשאפן א ספר „כתר תורה", אין וועלכן ער באהאנדלט די מעלות פון דער תורה און טרעט ארויס שארף קעגן די וואס פארנאכלעסיקן דעם חומש. דער קאמף פארן לערנען מקרא איז ביי אים געווען פון אויסערגעוויינלעכער שטארקייט און ער האט אלץ געזאגט אפן און קלאר.

## ב.

## זיינע באַאָבאַכטונגען און געדאַנקען

אויסער זיינע אינטערפּרעטירונגען אויף מאַנכע ספרים פון די כתבי־הקודש, האָט ר׳ פּנחס בר׳ יהודה געהאַט איבערגעלאָזן אַ צוואה צו זיין זון, וואָס הייסט, אייגנטלעך, צום גאַנצן יידישן פאָלק, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן אויף דער וועלט, ווי אַזוי ער זאָל פאַרשטיין די וועלט און די מענטשן און ווי אַזוי ער זאָל זיך דערום אַרויסדרייען פון געוויסע אומגעווינטשטע פּערזאָנען.

די דאָזיקע צוואה איז אַ טייל פון אַ קליין ספר׳ל וואָס טראָגט דעם נאָמען „ראש הגבעה". אָבער ווי קליין דער ספר׳ל איז, ווי קליין עס איז דער טייל פון דער צוואה, אַזוי גרויס איז ער מיט זיינע פּראַכטפולע באַאָבאַכטונגען און געדאַנקען. יעדע שורה איז פול מיט טיפע רעיונות. עס איז קענטיק, אַז ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַר אויג, ער האָט אַלץ געזען און איז טיף אַריינגעדרונגען אין די מענטשלעכע זיטן. כאָטש ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ בטלן און אַלס אַ מענטש וואָס איז ווייט פון דער וועלט, פון דעם וועלטלעכן לעבן און איז בלויז אַ יושב אוהל. ער האָט גראָד אויסגעצייכנט געקענט די וועלט און זי פאַרשטאַנען ריכטיק אַפּצושאַצן. ער האָט געקענט דעם מענטשענס כאַראַקטער, זיינע שוואַכקייטן, זיינע חסרונות און אויך זיינע גוטע זייטן, זיינע מעלות, זיינע גבורות ביי־צוקומען אַלע שטערונגען אויף צו קומען צו פאָלקאָמענהייט. ער האָט געוואוסט די שיינקייט פון מענטשן און האָט געוואוסט זיינע ביליקע שטיק, זיין פאַרמאַסקירונג, זיין דאָפּעלטן לעבן צו טאָן אַנדערש ווי ער רעדט. ער האָט געוואוסט אַלע פיינסטע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער נשמה אין אַלע אירע פאָרמען, אין אַלע אירע דערשיינונגען. דערביי איז צו באַוואונדערן דעם מוט וואָס ר׳ פּנחס האָט דענסטמאָל געהאַט אַרויסצוזאָגן גאַנץ אָפן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געדענקט אין אַ שטאַרקער, אפשר צו שטאַרקער, און קלאָרער שפּראַך.

קודם כל רופט ער זיין זון צו עטישער פאָלקאָמענהייט, ער זאָל זיך אויפפירן ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטשן, פאַר דער העכסטער און שענסטער באַשעפעניש פון דער וועלט. ער זאָל שיין רעדן, שיין גיין, שיין האַנדלען. ער זאָל זיין העפלעך צו מענטשן, ער זאָל אַלעמען אויפנעמען מיט אַ פריינדלעכן געזיכט ווען אפילו ער זאָל זיין אין דער שלעכטסטער שטימונג און זאָל האָבן אַ סך צרות, זאָל ער זיך ווייניק באַקלאָגן. ער זאָל זיין באַשיידן אין זיין אויפפירונג און ריין אין זיינע מחשבות. דערביי ווייזט ער אים אָן אויף פאַרשידענע דערשיינונגען אין לעבן בנוגע וועלכע ער דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק. די מדה פון חסידות, זאָגט ער, איז זיכער איינע פון די העכסטע און שענסטע זאַכן, אָבער מען דאַרף פאַרשטיין גוט צו אונטערשיידן צווישן עכטע חסידות און צווישן נישט־עכטע.

דו זאָלסט וויסן זיין, זאָגט ער אָן זיין זון, אַז די מדת ההפקר איז זייער נאָענט צו דער מידה פון חסידות. זיי האָבן ביידע זאָגאַר איין נאָמען. דער טייטש פון חסיד איז מופקר, און דער טייטש פון חרפה איז הפקר. אויף דעם

אויסדרוק אין דער תורה „כי חרפה היא לנו" מאכט דעם תרגום אונקלוס „כי חסידא היא לנו", דאס הייסט אז עס איז א הפקרות צו חתונה צו מאכן אונדזער שוועסטער — דאס רעדט זיך וועגן דינה'ן — צו א נישט־יידן. אויך דער פסוק: „איש כי ישא את אחותו חסד הוא" ווערט אויסגעטייטשט, אז ער איז זיך מפקיר צום טויט. דער אמת'ער חסיד, זאגט ער, איז טאקע א מופקר, דאס הייסט, ער איז מפקיר זיך, זיין כבוד, זיין פארמעגן און אלץ וואס ער פארמאגט נאר פאר דעם אויבערשטן, פאר דעם אל־העכסטענס כבוד. עס איז אבער פאראן איינער וואס איז מפקיר זיך, זיין כבוד און זיין גאנצן קאפיטאל נאר צוליב נצחון אדער צוליב געוויסע תאוות, צוליב לײדנשאפטן און קימערט זיך ווייניק אויב מען וועט אים זידלען, באליידיקן, אויב מען וועט אים באשמוצן און די גאנצע וועלט וועט פון אים רעדן צום שלעכטן. וויבאלד עס זעט זיך ארויס, אז אמת'ע חסידות הענגט־אפ פון הפקרות, איז דאך שווער צו וויסן ווער עס איז דער אמת'ער מופקר און דער אמת'ער חסיד. גיב א קוק וואס שאול'ס טאכטער מיכל האט געזאגט צו דוד המלך ווען ער האט געטאנצט און איז געשפרונגען און האט מפקיר געמאכט זיך אליין און דעם כבוד פון זיין מלוכה. זי האט אים געגליכן צו די „אחד הריקים", וועלכע מאכן זיך אויך נאריש און טאנצן און שפרינגען און מאכן זיך לוסטיק. עס איז, אלזא, אויסגעקומען, אז עס איז נישט געווען קיין שום חילוק צווישן דער אויפפירונג פון דוד המלך און דער אויפפירונג פון אלע פוסטע יונגען. דוד האט זיך אבער פארענטפערט, אז ער האט זיך געהאט מפקיר געווען פאר דעם אויבערשטן, אז די כונה פון זיין שפרינגען און טאנצן איז געווען אן אנדערע ווי די שפרינגענישן פון די פוסטע יונגען, וועלכע טוען עס צוליב פערזענלעכן פאר־גענינגן. מען דארף דעריבער וויסן ווי אזוי צו אונטערשיידן צווישן דעם אמת'ן מופקר און דעם אמת'ן חסיד.

צו גלייבער צייט ווייזט ער אויך אויף דעם חילוק צווישן א סבלן און א מופקר. מאנכעס מאל, זאגט ער, האבן מענטשן א טעות און באטראכטן א געוויסן מענטשן אלס א גרויסן סבלן, א גרויסן געדולדיקן מאן, און באמת איז ער נישט מער ווי א גרויסער מופקר, וועלכער קימערט זיך גאנץ ווייניק מיט זיין כבוד און אים ארט נישט, אז מען וועט אים באליידיקן, אז מען וועט אים שילטן, אויב נאר ער וועט קריגן געלט, אויב ער וועט נאר וויסן, אז ער וועט קריגן באצאלט דערפאר. אזא מענטש וועט דולדן אלץ אין דער וועלט, ער וועט אימשטאנד זיין אויסצושטיין כל־ערליי באליידיגונגען און בזיונות אויב ער עט באקומען דאס וואס ער פארלאנגט.

מיט שארפע ווערטער און מיט א געוויסן ליבעראליזם פלעגט ר' פנחס אויך געבן א געוויסע דעפינירונג, געוויסע סימנים צו אונטערשיידן צווישן א ירא שמים און צווישן א משוגענעם, א מטורף. מאנכעס מאל, זאגט ער, האלט מען עמיצן פאר א ירא שמים און אין דער אמת'ן איז ער גאר א שטיק משוגענער, א גרויסער מטורף און האט א פערדישן קאפ. מען דארף האבן א גוט אויג און וויסן ווער עס איז דער אמת'ער פרומער ייד, און ווער ער איז א משוגענער אדער א צבוע'ס און א חונף. אויב דו זעסט א מענטשן וואס זיצט און לערנט תורה, דאוונט און פירט זיך אויף ווי א פרומער ייד, נאר עס קומען דאך ארויס פון זיינע הענט געוויסע תקלות, אמאל פאלט ער אריין אין גאוה, אמאל אין תאוה, אמאל דורשט

ער נאך געלט און אמאל נאך כבוד. אמאל פאלט ער אריין אין א שטארקן כעס און עס קומען דורך אים ארוים מחלוקת — אויב דו זעסט אזא מענטשן, זאגט ער, זאלסטו אנטלויפן פון אים ווי פון א ווילדער חיה.

ר' פנחס פלעגט אויך ארויסטרעטן קעגן די אלע אומגעווינטשטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, וועלכע זיינען ביי מאנכן שטארק פארהייליקט. פרישות, זאגט ער, איז א גאנץ שיינע זאך. א מענטש קאן זיין צוריקגעצויגן און זיך אפהיטן פון געוויסע זאכן. ער ווארנט אבער מען זאל נישט אריינפאלן אין אן עקסטרעם, אז מען זאל נישט נאכטאן די משוגעים און שוטים, וואס פטר'ן אוועק זייער לעבן און פייניגונגען און פאסטן און גייען אין קאלטע מקוואות, וואס פארקעלטערן דעם מוח און דאס הארץ און זיי שטארבן אוועק פאר דער צייט. אזעלכע מענטשן וועלן אויף יענער וועלט מוזן אפגעבן דערפאר א דין וחשבון — „ולא תהיה מן המשוגעים והשוטים המאבדים את חייהם בסיגופים ובתענית ובמקואות הקרים שמקררים את המח ואת הלב ומתים בחצי ימיהם ועתידים ליתן את הדין".

ר' פנחס ווייזט אויך אן אויף דעם סיסטעם פון לערנען, אויף דעם סדר הלמוד. ער זאגט, אז פריער ווי אלץ מוז מען לערנען מקרא און נאר על פי פשט. מען דארף קענען תנ"ך, מען דארף קלאר זיין אין תנ"ך. עס זיינען פאראן מענטשן, זאגט ער, אז מען פרעגט זיי א פסוק, וועלן זיי באלד ענטפערן מיט דרש. אבער באמת הויבן זיי נישט אן דעם פסוק צו פארשטיין. זיי ווייסן נישט דעם פשוט'ן פשט. זיי ווייסן נישט וועלכער נביא עס האט דעם פסוק געזאגט, אין וועלכער צייט ער האט עס געזאגט, אויף וועמען ער האט געוואלט מרמז זיין, אויף וואס פאר גוטע צייטן און אויף וואס פאר א שלעכטע צייטן ער האט עס געזאגט. צוליב די דרשות וואס צעטומלען דעם קאפ האבן די דאזיקע מענטשן פארנאכלעסיקט דעם פשט. דערביי ווייזט שוין אן ר' פנחס אויך אויף דעם סיסטעם פון לערנען גמרא און די מפרשים פון דער גמרא אויף דעם דאזיקן סיסטעם פון לערנען גמרא האט אים, זאגט ער, אויך אנגעוויזן דער ווילנער גאון.

א מערקווירדיקער מענטש איז געווען אט דער ר' פנחס. א גרויסן טייל פון זיין לעבן האט ער ארומגעוואנדערט איבער דער יידישער וועלט, זאגנדיק מוסר און פארקויפנדיק זיינע ספרים, וועלכע ער האט געהאט ארויסגעגעבן. און וואו ער איז געקומען האט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. אין יאר תקע"ב — 1812 — איז ער געווען געקומען אין בראד און ער איז דארטן קראנק געווארן אויף די פיס. די גאנצע יידישע קהלה האט זיך באמיט אים צו העלפן. אז ער איז עטוואס בעסער געווארן האט מען אים מיטגעגעבן רעקאמענדאציאנס-בריוו מיט הוצאות צו פארן אין די בעדער זיך אויסצוקורירן. שפעטער איז ער אוועק אהיים און האט דארט געפונען אז זיין פרוי איז געשטארבן, און אז ס'איז אויך גע־שטארבן זיין צוועלף-יעריקער אינגל משה. דאס האט צעבראכן זיין לעבן. און אין יאר 1823 איז ער געשטארבן אין עלטער פון זעקס און זיבעציק יאר.

# דער מלבי״ם

## א.

### זיין פערזענלעכקייט און זיין יוגנט

דער מלבי״ם אדער „דער קעמפינער" איז געווען איינער פון די גייסטרייכסטע און ווירקנדע פערזענלעכקייטן פון זיין צייט. די ברייטע יידישע וועלט האט אים געקענט בלויז אלס מפרש פון די כתבי־הקודש. באמת אבער איז ער געווען גרויס אויף פארשידענע אנדערע געביטן. ער איז געווען א גרויסער גאון אין תלמוד. ער איז געווען א מורא'דיקער חריף און זיינע שאפונגען אויף דעם געביט פון לומדות האבן אין זיין צייט געהאט אויפגערודערט די גאנצע וועלט פון חריפים און בקיאים, די וועלט פון גרויסע לומדים און גאונים. ער האט אויך געהאט געלערנט פילאזאפיע און לאגיק און איז געווען פארקאכט אין מיסטיציסם. ער איז געווען א גרויסער קענער אין לשון קודש, ער איז געווען א מייסטער אין דקדוק און האט געוואויסט און אויך באנוצט די פינעסן, די שיינקייטן פון דער העבּרייאישער שפראך. דערצו האט ער געהאט א פאעטישע נשמה און א רייכע פאנטאזיע. ער איז אפילו א דיכטער געווען. ער האט געשריבן שיינע שירים און זיינע פאנטאסטישע שילדערונגען זיינען געווען רייך אין קאליר.

אויסער זיינע גרויסע פעאיקייטן און באגאבונגען איז ער אויך געווען א מאן פון הויכער עטיק, פון גרויסע מדות, פון צדקות. דאס האט אים געבראכט דערצו, אז ער זאל, אזוי צו זאגן, אויפגעבן אין א געוויסן זין זיינע לומדישע שאפונגען און גיין צום פאלק, צום פשוט'ן פאלק, צו רייניקן זיינע זיטן, אים צו ברענגען צו א העכערער און שענערער יידישקייט, אים צו ברענגען נענטער צו געטלעכקייט, צו מאכן די יידן פאר אמת'ע יידן, פאר גאנצע יידן, זיי זאלן נישט צעקראכן ווערן פון ספקות, ווי דאס פאסירט מיט מענטשן, וועלכע גייען אראפ פון גלייכן וועג און הויבן־אן צו בלאנדזשען אין א וועלט פון כאאס, אין א וועלט פון תהו ובהו, פון וועלכער מען קאן קיינמאל קיין גאנצער נישט ארויסקריכן. און פונקט ווי ער האט געזארגט פארן כלל־ישראל, אזוי האט ער אויך געזארגט פארן פרט ישראל. ער האט שטארק געהאלטן פון דער חבת־ציון־אידייע, וואס האט אנגעהויבן ארויסצושפראצן אין דער יידישער וועלט. ער האט געהאלטן אז דאס יידישע פאלק דארף גיין קיין ארץ ישראל און האט זאגאר פארגעווארפן די רבנים, וועלכע זיינען געשטאנען פון וויטן פון דעם דאזיקן רעיון. אבער דערביי האט ער זיך אויך

געקימערט מיט דעם יחיד, מיט דעם איינצלנעם יידן און געטאָן פאַר אים וואָס עס איז נאָר מעגלעך אויסצובעסערן זיין מאַטעריעלן מצב. ער האָט געהאַט פאַר־מאָגט דאָס אמת'ע גרויסע האַרץ וואָס איז פול מיט אַזוי פיל רחמנות און גערעכטיקייט.

מהאי טעמא האָבן אים אַ סך פון דער לומדישער און משכיל'ישער וועלט נישט פאַרשטאַנען ווי געהעריק. פאַר דער לומדישער וועלט, וועלכע האָט דער־וואַרט פון אים נייע חידושים אין תורה, האָט ער אָנגעהויבן אויסקוקן ווי אַ מין פּראַסטאַק, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזן אין מגידות און אין מוסר'ן דעם עולם. די לומדישע וועלט האָט נישט ליב געהאַט אָט די אַלע זאַכן. ביי די לומדים איז געווען דער עיקר גמרא, רש"י, תוספות, דער רמב"ם און אַלע ראשונים און אחרונים — די אַלע וואָס האָבן געשליפן און מחדש געווען אין תורה, אין הלכה. מגידות און מוסר איז געווען ביי זיי נישט קיין שטאַרק געהויבענע סחורה. די משכילים, וועלכע האָבן געהאַלטן פון אים פאַר זיינע גרויסע קענטעניש אין די כתבי־הקודש, פאַר זיין קענען די העברייאישע שפּראַך און זיינע שירים און מליצות, האָבן אים ווידער נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די אַלע זייטיקע זאַכן, מיט פּלפּול, מיט חריפות און מיט מגידות. ער איז געווען אַ שטיקל רעטעניש פאַר זיין דור. און באמת איז עס אויך קיין וואונדער נישט, דען דער מלבי"ם איז בנאַטור געווען אַן אינדיווידואַליסט. ער איז געווען אייגנ־אַרטיק. ער האָט נישט ליב געהאַט צו גיין מיטן שטראָם, ווי אַ סך אַנדערע גדולים פון פאַרשידענע צייטן האָבן געהאַט געטאָן. ער איז נישט געווען דער מענטש אויף צו שאַפן אַ הונדערטסטן ספר צו די ניין־און־ניינציק שוין אָנגעשריבענע ספרים. ער איז נישט געווען דער מענטש צו שאַפן ספרים סתם אין דער וועלט אריין. געווים זיינען זיינע חידושים אויף פּוסקים געווען פון גרויסן שאַרפזין, פון מורא'דיקער טיפקייט. ער האָט אָבער געפילט, אַז נישט דאָס איז דער עיקר. ער איז געווען צו אָריגינעל אויף צו גיין אין די אויסגעטראָטענע וועגן. ער איז אפשר געווען דער איינציקער, ווי מען באַהויפּטעט, וואָס איז נישט געווען צופרידן פון זיינע לומדישע ווערק, בעת די וועלט אַרום, בעת די גאונים אַרום האָבן פאַר אים געמאַכט דעם גרעסטן פאַראַד, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שאַרפן גאון. ער האָט געוואָלט עפּעס נייעס און ער האָט עס דערגרייכט אויך דורך זיינע אייגנאַרטיקע און געניאַלע סברות אויף „תורת כהנים".

אָבער כאָטש ער איז געווען אַזאַ גרויסע פיגור אין דער וועלט פון לומדות, אין דער וועלט פון תורה־אינטערפּרעטאַציע, מיט וועלכער ער האָט זיך באמת באַליבט און פּאָפּולער געמאַכט אין דער ברייטער יידישער וועלט; כאָטש ער איז געווען אַזאַ גרויסער בעל־מדות, אַזאַ באַדייטנדע עטישע פּערזענלעכקייט, אַזאַ גרויסע גייסטרייכע פּערזענלעכקייט, האָט ער כמעט כל ימיו געליטן גרויסע צרות. מען האָט אים גע'רודפ'ט אויף דעם שענדלעכסטן אופן, מען האָט אויף אים אויס־געטראַכט כל'ערליי בלבולים, וועלכע זיינען געווען פאַלש און נידערטרעכטיק. און ווען דאָס אַליין וואָלט נישט געווען אַ פאַקט, וואָלט באמת שווער געווען צו גלויבן, אַז געוויסע מינים יידן זאָלן זיין אַזוי מאָראַליש געפאַלן, אַז זיי זאָלן קענען אויף

אזא ברוטאלן אופן רורפ'ן זייערן א ברודער און בפרט נאך אזא גאון און אזא צדיק ווי דער מלבי"ם איז געווען. מען האט אים פאר'מסר'ט אין אומ־גלויבלעכע זאכן, מען האט אים געלאזן ארעסטירן, מען האט אים געלאזן ארויסשיקן פון זיין לאנד, מען האט אים געיאגט און געפלאגט. דער דאזיקער מאן האט כמעט קיין מנוחה נישט געהאט זיין גאנצן לעבן. ער האט אבער, ווי אלע גרויסע צדיקים, אלץ מקבל געווען באהבה און נישט אויפגעהערט צו גיין אויף זיין גראדן וועג צו פארשפרייטן תורה און יראת שמים.

דער דאזיקער גאון איז געבוירן געווארן אין וואלאטשיסק, אין יאר 1809. זיין ריכטיקער נאמען איז געווען מאיר ליבוש בן יחיאל מיכל האלפערין און דער נאמען מלבי"ם איז געווען א מין פסעוודאנים, די ראשי־תיבות פון זיין און זיין פאטערס נאמען. זיין פאטער איז געווען א גרויסער למדן און חריף. ער איז געשטארבן זייער יונג, איבערלאזנדיק זיין איינציקן קינד אין עלטער פון זעקס יאר. זיין מוטער, סימצע, האט חתונה געהאט א צווייטן מאל מיט דעם וואלאטשיסקער מופלג, ר' יהודה ליב, און אזוי ארום האט זיך דער יונגער מאיר דערצויגן ביי א שטיף־פאטער. געוויינלעך האט דער שטיף־פאטער שטארק געזארגט פאר זיין דערציאונג. ער האט אים אפגעגעבן אין א חדר און האט אליין מיט אים געלערנט תנ"ך און גמרא ביז צוועלף יאר אלט. שוין דעמאלט האט מען דערזען, אז דאס וואקסט א גרויסער גאון, אבער זיינע גרויסע גייסטיקע כחות האבן זיך אנגעהויבן פאנאנדערוויקלען, ווען ער האט אנגעהויבן לערנען ביי זיין נייעם רבי'ן, ר' משה הלוי הורוויץ. וועלכער האט אים געלערנט נישט בלויז תלמוד, נאר האט אים אריינגעפירט אין דער וועלט פון געדאנק און לאגיק. שפעטער האט ער אויך געלערנט ביים מקובל, דעם רבי פון זאטשאוו, און זיך באקענט מיט דעם גאנצן מהות פון קבלה.

צו יענער צייט איז נאך ביי יידן געווען די מאדע חתונה צו האבן יונג און מחמת דעם האט אים זיין שטיף־פאטער חתונה געמאכט צו פערצן יאר מיט א טאכטער פון א גרויסן גביר אין שטאט. דער שידוך איז אבער נישט געווען קיין געראטענער. זיי זיינען געווען צוויי פארשידענע נאטורן, צוויי פארשידענע כאראק־טערן. זי איז געווען מער טעמפעראמענטפול און פון א לייכטן שטאף, און מחמת דעם האבן זיי זיך גע'גט. דאס, און אפשר אויך אנדערע סיבות, האבן אים שווער געמאכט צו בלייבן אין זיין געבורטשטאט און ער איז אוועק אין דער וועלט אריין. צום ערשטן איז ער אוועק קיין ווארשע, וואו ער איז גוט אויפגענומען געווארן אין דער לומדישער וועלט און מען האט אים געקרוינט מיטן טיטול, דער „וואלינער עלוי", און פון דארטן איז ער אוועק קיין לענטשיץ.

דארטן האט ער חתונה געהאט א צווייטן מאל מיט דער טאכטער פון דארטיקן רב, ר' חיים אויערבאך. זיצנדיק אויף „קעסט" האט ער געהאט גענוג צייט צו זיצן און לערנען תורה און מחדש צו זיין חידושים.

ב.

## יאָרן פון גדלות און גרויסע רדיפות

דער מלבי"ם האָט אין זיין לעבן פיל אַרומגערייזט. ער האָט באַזוכט פיל לענדער און זיך אויסגעלערנט עטלעכע שפּראַכן. ער האָט געקאָנט דייטש, פראַנ־צויזיש און ענגליש. ער זאָל אויך האָבן געהאַט א ידועה אין לאַטייניש. דערביי האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דעם שטודיום פון לשון קודש. ער איז געווען א גוטער גראַמאַטיקער. ער האָט זייער שיין געשריבן העברייאיש. ער האָט אפילו געשריבן צופיל מליצה'דיק, שטענדיק מיט א פייערלעכן טאָן, שטענדיק צוגעווירצט מיט פסוקים, מיט דעם לשון פון פסוקים, אָבער דאָך האָט זיין העברייאיש גע־קלונגען שענער ווי דער העברייאיש פון א סך אַנדערע באַוואוסטע מליצה־שרייבער. א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט די כתבי הקודש. אין דעם פונקט איז ער געגאַנגען אין דעם וועג פון ווילנער גאון, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז כדי צו פאַרשטיין גוט די גמרא, מוז מען פריער פון אַלץ קענען די תורה, דעם תנ"ך. אָבער נאָך אַלעם דעם האָט ער צום אָנהויב זיך אַממערסטן אָפּגעגעבן מיט גמרא. ער איז געווען א גוואַלדיקער בקי אין ירושלמי, אין ראשונים און אַחרונים און דערצו דער גרויסער חריף אויך. און אַט צו יענער צייט, ווען ער איז יומם ולילה געלעגן פאַרטיפט אין לערנען, האָט ער געשריבן זיין באַרימטן ספר „ארצות החיים" אויפ'ן שולחן ערוך או"ח, וואָס האָט אויפגערודערט די לומדישע וועלט. ער איז דאַן, אין תקצ"ד, אַוועק אין פרעסבורג, וואו עס האָט געהאַט געקעניגט דער באַוואוסטער גאון, ר' משה סופר, דער „חתם סופר" און דערנאָך קיין אַמ־סטערדאַם צום גאון ר' שמואל און ער האָט פון זיי באַקומען הסכמות אויף זיין ספר. ער האָט געהאַט באַזוכט אויך אַנדערע גאונים פון יענער צייט. ער איז אויך געווען ביים באַוואוסטן גאון פון ניקאָלסבורק און אומעטום וואו ער איז געקומען האָט ער אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג און פאַרערונג. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען בסך הכל א יאָר פינף און צוואַנציק. נאָך דעם איז דער מלבי"ם אַוועק קיין ברעסלוי, וואו עס האָט געהאַט געווירקט דער באַוואוסטער גאון ר' זלמן טיקטין. ער האָט אויך געגעבן זיין הסכמה אויף דעם וואונדערבאַרן ספר און א דאַנק דעם איז דער ספר אַרוים אויף דער וועלט. די אַלע גאונים וואָס האָבן אים געגעבן די הסכמה, זיינען געווען אַזוי באַגייסטערט פון דעם דאָזיקן יונגן גאון, אַז זיי האָבן אים געגעבן אַזעלכע טיטולען, צו וועלכע קיין יונגער מענטש האָט נישט געהאַט זוכה געווען.

צו יענער צייט האָט זיך די שטאָט וורזשעשן, נעבן פּאָזען, גענויטיקט אין א רב און ר' זלמן טיקטין האָט רעקאָמענדירט דעם מלבי"ם. לויט הרב שלמה דוד פּאָזנער דערציילט, קומט אויס, אַז צו יענער צייט איז דער מלבי"ם נאָך געווען א גרוש און איז געווען אומפאַרהייראַט. און אַלס אומפאַרהייראַטער איז אים נישט מעגלעך געווען אַנצונעמען די רבנות. מחמת דעם האָט אים ר' זלמן טיקטין, וועלכער איז אַליין געווען א געבוירענער פון לענטשיץ, וואו עס האָט געהאַט גע־

ווירקט אַלס רב זיין פֿאָטער ר' אברהם טיקטין, גערא̈טן צו פֿאָרן אַהין חתונה צו האָבן. לויט ער דערציילט, האָט אין לענטשיץ דאַן געלעבט זייער אַ גרויסער גביר און אַנגעזעענער מאַן פֿון דער פֿאַמיליע אָפּטאַשאַנסקי, וועלכער האָט אַ חוץ צוויי זין געהאַט אויך אַ געראָטענע טאָכטער. די טאָכטער איז געווען פֿאַרהייראַט פֿאַר איינעם אַ קאָצקער חסיד, ר' יקיר ראָזענטאַל. איינמאָל אָבער ווען ער איז אַזוי געשטאַנען ביים פֿענסטער פֿאַרטראַכט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך צופֿיל אַריבערגעבויגן איבערן פֿענסטער און איז אַרויסגעפֿאַלן און איז געשטאָרבן אויפֿן אָרט. און אָט מיט דער דאָזיקער יונגער אַלמנה האָט עס חתונה געהאַט דער מלבי"ם. ער האָט דאַן געגומען זיין פֿרוי און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין וורזשעשען, וואו ער האָט פֿאַרנומען די כסא הרבנות. עס האָט זיך דאַמאָלט געמאַכט, אַז אויך פּאָזען האָט זיך געגויטיקט אין אַ רב, נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט פֿאַרלוירן אירע גרויסע גאונים, ווי ר' עקיבא איגר, און די קהלה פֿון פּאָזען האָט זיך געווענדעט צום מלבי"ם, אַז ער זאָל קומען אַננעמען די שטעלע פֿון רבנות. דאָס האָט געבראַכט צו אַ מחלוקה צווישן צוויי שטעט. וורזשעשען האָט אים בשום אופֿן נישט געוואָלט אָפּלאָזן, ווייל אויסער זיין גאונות אין לערנען האָט ער אויך גע'דרשנ'ט פֿאַרן עולם און זיינע דרשות זיינען שיין אויפֿגענומען געוואָרן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם מלבי"ם אַליין איז נישט אַנגענעם געווען אַוועקצוגיין פֿון דער שטאָט, וועלכע האָט אים פֿריער אַנגעבאָטן די שטעלע און איז אַזוי אַרום געבליבן אין וורזשעשען גאַנצע זיבן יאָר.

נאָך דעם איז דער מלבי"ם אויפֿגענומען געוואָרן אַלס רב אין קעמפּען, וואו ער איז אָפּגעווען פֿופֿצן יאָר און צוליב זיין ווילן אין דער דאָזיקער שטאָט האָט מען אים שפּעטער גערופֿן „דער קעמפּינער".

עס איז אָבער דעם מלבי"ם נישט באַשערט געווען צו לעבן אַביסל רואיק. ער האָט פֿאַרלאָזן די שטאָט קעמפּין און איז אויפֿגענומען געוואָרן אַלס רב אין בוקאַ־רעשט אין רומעניען. צום אַנהויב האָט ער געמיינט אַז ער וועט דאָרטן קאָנען אויפֿטאָן גרויסע זאַכן פֿאַר יידישקייט. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן אַנדערש. דער מלבי"ם איז געווען אַ גרויסער רעדנער און אויך אַ שאַרפֿער רעדנער. ער האָט קיינעם נישט געשווינט און האָט זיך מיט קיין זאַך נישט גערעכנט ווען ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרטיידיקן דעם כבוד התורה און דעם כבוד פֿון יידן. ער האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן דעם אמת אָפֿן אין די אויגן און עס איז דאָך באַוואוסט, אַז פֿאַרן זאָגן דעם אמת באַשטראָפֿט מען.

עס האָט זיך גראָדע געמאַכט, אַז ווען ער איז אַנגעקומען אין בוקאַרעשט, האָט זיך געהאַלטן אין גרינדן אַ קהלה פֿון רעפֿאָרמירטע יידן און דער מלבי"ם איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיט די שאַרפֿסטע ווערטער. ער האָט זיי אַנגעגריפֿן פֿאַר זייער פֿאַרלאָזן די טראַדיציע פֿון זייערע אבות און פֿאַר זייער גיין אין נייע וועגן, וואָס וועט שטאַרק שאַדן דעם יידנטום. עס זיינען געווען אַ סך באַוואוסטע בעלי בתים פֿון שטאָט, וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז זיי קאָנען דעם רב נישט פֿאַר־שטיין, אַז זיי קאָנען אים נישט פֿאַרטראָגן צוליב זיינע מוסר־רעדעס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז נישט אַזאַ רב האָבן זיי געוואָלט, אַז נישט אַזאַ רב האָבן זיי געהאַלטן אין זינען. זיי האָבן געוואָלט אַביסל אַ מאָדערנעם רב. דער מלבי"ם האָט אָבער

נישט געשוויגן, און דאס האט אזוי שטארק פארשארפט דעם קאמף, אז זיי האבן דעם מלבי"ם אנגעהויבן צו רודפ'ן און אנטאן צרות. און אויב דאס אליין איז נאך ווייניק געווען, האבן געוויסע פערזאנען אים פאר'מסר'ט, אז ער העצט קעגן דער מלוכה און מער האט מען שוין נישט געדארפט. איין שבת נאכן דאווענען זיינען אין זיין הויז אריין זשאנדארמען און פאליציאנטן, מען האט אים געשמידט אין קייטן און אפגעפירט אין דער פעסטונג רוסציו. עס האט זיך אבער על פי נס געמאכט, אז דורך בוקארעשט איז דעמאלט דורכגעפארן ר' משה מאנטעפיארע און א דאנק זיין איינפלוס ביים פרינץ, איז דער מלבי"ם באפרייט געווארן מיט דעם באדינג, אז ער וועט שוין קיינמאל אין רומעניען נישט אריינקומען.

די לאגע זיינע איז געווען א טרויעריקע. זיך אפגעפלאגט פינף יאר אין דער רויבערישער שטאט, באליידיקט און באשמוצט, ארעסטירט און ארויסגעשיקט. וואס טוט מען? קומט אים פלוצלינג אן א בריף פון זיינע צוויי שוואגערס, דער ווייבס ברידער, ר' פייוועל און ר' שמואל אפטאשאנסקי, אז ער זאל תיכף קומען קיין לענטשיץ אפנעמען זיין חלק ירושה, וואס זייער פאטער, זיין שווער, האט אים געהאט איבערגעלאזן פארן טויט. ער איז באלד אוועקגעפארן נאך לענטשיץ און האט אויסגעפונען, אז דער שווער האט אים איבערגעלאזן צען טויזנט רובל מזומן מיט א הויז און א געשעפט. נאך די שווערע ליידן וואס ער האט געהאט דורכגעמאכט די פינף יאהר אין בוקארעשט, האבן זיך פאר אים איצט געעפנט די טויערן פון גליק. ער איז איצט געווען פארזארגט מיט חיונה און האט געקאנט זיצן רואיק און לערנען. אבער דאס דאזיקע גליק האט אויך נישט לאנג אנגעהאלטן.

גלייך ווי דער מלבי"ם איז געקומען קיין לענטשיץ האט דאס געשעפט איבערגענומען זיין פרוי. דאס איז אבער געווען צו שווער פאר אירע כחות און זי האט די גאנצע לייטונג איבערגעגעבן צו איינעם אן ארטיקן בעל הבית, אויף וועלכן מען האט געזאגט אז ער איז אן ארנטלעכער מענטש. עס זיינען אזוי אוועק א פאר יאר. ער האט געפירט די געשעפטן און האט אפילו ביי איר נישט געפרעגט קיין זאך. זייטיקע מענטשן האבן באמערקט, אז ער פירט די געשעפטן אזוי ווי זיי וואלטן געווען זיינע אייגענע און מען האט איר דארויף אויפמערקזאם געמאכט. אבער זי האט שטארק געגלויבט אין אים און זי האט נישט געוואלט הערן קיין שום מעשיות. ערשט ווען דער דאזיקער מאן האט חתונה געמאכט זיין טאכטער און איר געגעבן עטלעכע טויזנט רובל נדן, דאן האבן אלע דערזען, אז דער דאזיקער „ערלעכער" מאן האט זי בדלות געשטעלט. די פרוי האט ענדלעך דערציילט וועגן דעם איר מאן, דעם מלבי"ם. ער איז געווען אזוי ערשטוינט פון דער געשיכטע, אז ווען עס איז געקומען שבת, האט ער מעכב געווען די קריאה און איז ארויף אויפן בימה און טייטלנדיק מיט די פינגער צו דעם דאזיקן „ערלעכן" געשעפטסמאן — האט ער אים געשאלטן, אז ער זאל אונטערגיין צום גרונד.

מהאי טעמא האט שוין דער מלבי"ם נישט געוואלט פארבלייבן אין שטאט. אגב האט ער דאן באקומען א כסא רבנות פון כערסאן. אז די שטאט האט דאס דערהערט האט זי אים געבעטן ער זאל בלייבן ביי זיי אויף ווייטער, אבער ער האט דערקלערט, אז ער קאן דאס נישט טאן, ווייל ער האט שוין פארשפראכן דער

בערסאנער קהלה צו קומען. ער איז אבער אויך אין בערסאַן נישט געווען לאַנג. עס זיינען אים, סענטיק, די ביז־איצטיקע לײדן נאָך ווייניק געווען. עס איז אים באַשערט געווען צו לײדן נאָך מער.

## ג.

## זיין פירוש אויף די כתבי הקודש

דער ערשטער עפּנטלעכער ארויסטריט, אַזוי צו זאָגן, די התגלות פון מלבי״ם, איז פאָרגעקומען דורך זיינע שאַפונגען אויפן געביט פון הלכה און אויפן געביט פון פּלפּול. ער איז נאָך דאַמאָלט גאַנץ יונג געווען, אָבער ער האָט מיט זיינע חדושים, מיט זיין שאַרפן פּלפּול, מיט זיינע געניאַלע איינפאַלען, נישט בלויז איבער־ראַשט די לומדישע וועלט, נאָר האָט געשטעלט אין שאָטן אַ סך גאונים פון זיין צייט. די דאָזיקע גרויסקייט איז געווען צו זען נישט בלויז אין זיין ספר „ארצות החיים״, דעם פירוש אויף שולחן ערוך או״ח, נאָר אויך אין זיין פּירוש אויף „תורת כהנים״, אויף ויקרא און שמיני. דאָרטן בליצט אויף זיין גאונות אין אויסערגעוויינטלעכער קראַפט. דאָרטן דערזעט מען אַז אים דעם גרויסן בקי און דעם גוואַלדיקן חריף. און אויסער אַלעם אויך דעם אָריגינעלן מוח. עס ווערט פון מאַנכע באַהויפּטעט, אַז אין באַצוג צו „תורת כהנים״ האָט ער ארויס־געוויזן אַזאַ גרויסקייט ווי רש״י און תוספות. דערביי האָט ער נאָך פילע ראשונים איבערגעשטיגן דערמיט, וואָס ער האָט געפּרוּווט ארויסווייזן אויך זיין כח אין געשיכטע. זיין איינלייטונג צו „תורת כהנים״ איז אַ קלאַסיש ווערק פאַר זיך, ווייל דאָרטן ערשיינט ער אַלס פאָרשער, אַלס אַ מאַן מיט אַ קריטישן קאָפּ, ביי וועלכן די מסורה איז, נאַטירלעך, גרעסער ווי אַלץ און שטאַרקער ווי אַלץ. מען דאַרף עס אָבער אַלץ אַזוי אויסטייטשן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שום דיס־האַרמאָניע. דערביי ווייזט ער ארויס אין זיין „אילת השחר״, וואָס איז אויך אַן איינלייטונג צו „תורת כהנים״, זיינע גוואַלדיקע קענטענישן אין דער העברעיִשער שפּראַך און דער העברעיִשער גראַמאַטיק. זיין פירוש אויף „תורת כהנים״ איז אַלזאָ אַ מייסטערווערק אין אַלע הינזיכטן — סיי אין דער געשיכטלעכער אויפ־פאַסונג, סיי אין דער תלמודישער אינטערפּרעטאַציע און סיי אין דער שפּראַכלע־כער פאָרשונג און אויסטייטשונג. אויב זיין „ארצות החיים״ איז געווען פון יענע ספרים וואָס זיינען געווען געניאַל אָבער דאָך אַלגעמיין, איז זיין פירוש אויף „תורת כהנים״ העכסט אָריגינעל, און מיט דעם צוגאַנג צו דער אינטערפּרעטאַציע שאַפט ער אַ נייע שיטה אין דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור, מיט וועלכער פאַר אים האָט זיך קיין גאון נישט געהאַט באַשעפטיקט.

אָבער אַט די אַלע לומדישע שאַפונגען זיינען באַקאַנט געווען בלויז אין אַן ענגן קרייז פון גרויסע לומדים און גאונים. זיי האָבן פאַרשטאַנען זיין חריפות און זיין בקיאות; זיי האָבן פאַרשטאַנען זיין ווערטה און האָבן געוואוסט ווי דאָס אָפּצושאַצן. די איבעריקע טיילן פון יידנטום האָבן בלויז געהאַט געהערט פון אים,

האבן אבער נישט געוואוסט זיין מהות, זיין גרויסקייט. די משכילים האבן אים געהאלטן פאר א בטלן, אזוי ווי זיי האבן געהאט געהאלטן אלע גאונים און לומדים, און די פשוט'ע יידן האבן אים געהאלטן פאר א צדיק. עס איז אבער געקומען א מאמענט ווען ער איז ערשינען אין זיין פולער גרויסקייט פאר דער גאנצער יידישער וועלט, פאר אלע יידן. דאס איז געווען דעמאלט, ווען ער האט אנגעהויבן פארעפנט־לעכן זיינע פירושים אויף די כתבי הקודש. דאס האט אים געמאכט פאפולער, דאס האט אים געמאכט באליבט. צוליב אט־דעם פירוש האט ער אפילו א נייעם נאמען באקומען, כאטש דער נאמען מלבי"ם איז אויך געווען נישט מער ווי א פסעוודאנים. מען האט אים גערופן „דער קעמפינער", ווייל ער האט אנגעהויבן שאפן זיין פירוש אויף די כתבי הקודש, בעת ער איז געווען רב אין דער שטאט קעמפין.

צו יענער צייט, א חוץ רש"י'ס פירוש אויף דער תורה, איז אויך שטארק באַ־קאנט געווען דער באור פון משה בענדעלסאן, וועלכן מען האט זייער פיל געברויכט, הויפטזעכלעך אין די משכילישע קרייזן. מען פלעגט אויך פון צייט צו צייט כאפן א קוק אין „מצודות", אבער דער „מצודות" איז דאך נישט געווען קיין פירוש און מען האט פון אים קיין גענויען פשט פון פסוק נישט געקאנט דערגיין. מהאי טעמא האט מען זיך מער אפגעגעבן מיט מענדעלסאנס באור, וועלכער איז געווען קלאר און פארשטענדלעך. דארטן האט מען געקענט האבן דעם ענדגילטיקן טייטש פון פסוק דורך דער דייטשער איבערזעצונג און דערביי האט מען גלייכצייטיק געהאט אויך דעם באור, וואו מען האט געקאנט געוואויר ווערן די פרטים פון דעם דאזיקן פירוש.

עס פארשטייט זיך, אז די אלטע וועלט, די לומדישע וועלט, האט זיך נישט שטארק אפגעגעבן מיט זיין פירוש. די רבנים זיינען אפילו נישט שטארק צופרידן געווען פון אים, און מהאי טעמא האט מען שוין געקוקט קרום אויף אימעצן וואס האט געלערנט תורה מיטן מלבי"ם. א חוץ דעם האט זיך די רבנישע וועלט בכלל ווייניק אפגעגעבן מיט תנ"ך, ווייל דער עיקר איז ביי איר געווען גמרא און פלפול. לערנען חומש איז געווען אן ענין פאר מלמדים, אבער נישט פאר רבנים און גאונים. זיי האבן אבער דעם מוט נישט געהאט צו זאגן עפעס א שלעכט ווארט אויף אזא גאון ווי דער מלבי"ם איז געווען. די משכילים, ווידער, האבן זיך אויך נישט שטארק אנגעכאפט אן מלבי"ם, ווייל ער איז געווען פאר זיי צו פרום און צופיל פשט'לדיק, בעת דער „באור" איז געווען פאר זיי פשוט, קלאר און אלץ איז אויס־געטייטשט געווארן לויטן פשוט'ן פשט. דער „באור" האט זיך נישט באנוצט מיט דרש, בעת דער מלבי"ם פלעגט זיך אפט אוועקלאזן מיט געוויסע פלפולים, כאטש ער אליין האלט אז ער איז מבאר די פסוקים „כפי עומק הפשט וכפי יסודי הלשון", ווי דאס איז טאקע באמת אזוי געווען. דער מלבי"ם האט זיך טאקע אפט ארייגעלאזן אין חקירה און אויך אין דרש, אבער פון פשט איז ער אויך נישט אוועק. יעדנפאלס איז ער געווען א סך אריגינעלער, א סך נייער און שענער פארן באור. ער איז נישט אוועק פון דעם מהות פון דער שפראך, פון דער גראמאטיק. ער איז געווען אינטערעסאנטער און אנציענדער, און דעריבער איז דער מלבי"ם שפעטער אנגע־נומען געווארן פון אלעמען, פון אלע קלאסן יידן, און ער איז זייער באליבט גע־ווארן. א באזונדערן רושם האט דאמאלט געהאט געמאכט זיין פירוש אויף דניאל,

וועלכן ער האָט געהאַט געשריבן אין יאָר תרכ״ה. ביי די פּסוקים סוף דניאל „ומאת חוסר התמיד . . . אשרי המהכה . . . ואתה לך לקץ״, האָט זיך דער מלבי״ם געהאַט אריינגעלאָזן אין די חשבונות וואָס עס ווערן אָנגעוויזן אין די דאָזיקע פּסוקים, און איז געקומען צום שלוס, אַז די גאולה וועט קומען אַרום די יאָרן תרע״ג און תרפ״ח. די וועלט האָט געציילט די יאָרן און געוואַרט אויף דער צייט ווען זיין פאָראויסזאָגונג וועט מקוים ווערן און עס וועט קומען די אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. און עס איז ווירקלעך געווען וואונדערבאַר צו זען ווי אַזוי דער מלבי״ם האָט אין אַ געוויסן זין געהאַט געטראָפן. די גרויסע מלחמה האָט אויס־געבראָכן אין די דאָזיקע יאָרן און עס איז מיטן הסכם פון אַלע מלכות ערלויבט געוואָרן די יידן זיך צוריקצוקערן צו ארץ ישראל. עס איז, נאַטירלעך, נישט געווען די פולע גאולה, אָבער עס איז דאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן אתחלתא דגאולה, וועלכע דער מלבי״ם האָט געהאַט פאָראויסגעזאָגט מיט זעכציק יאָר פריער.

איבריקענס זיין פּירוש אויף די כתבי הקודש איז געווען אַ גרויסע אַרבעט. ער לאָזט נישט דורך די גראַמאַטיקאַלישע זייט ווען עס קומט אויסצוטייטשן אַ פּסוק; ער גיט זיך שטאַרק אָפּ מיט דער שפּראַכלעכער זייט. ער באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן צו געבן דעם פּסוק זיין נאַטירלעכן קלאָר. ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען זיינע אָריגינעלע אויסטייטשונגען על פּי דרך השכל. ער באַנוצט זיך אָבער אויך מיט אַנדערע מפרשים, אָדער ווייזט אויך אָן ווי אַזוי אַנדערע מפרשים האָבן אויסגעטייטשט די, אָדער יענע שטעלע. דערביי ברענגט ער שוין אויך די מיינונגען פון די חז״ל, ווי אַזוי זיי האָבן געפּרואווט אויסטייטשן די פּסוקים. דאָס אַלץ מאַכט זיין פּירוש גייסטרייכער, פאַרשידנפאַרביקער און אָנ־ציענדער.

דעם מלבי״מ׳ס פּירוש אויף תנ״ך האָט געהאַט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינ־פלוס אויף פאַריקן דור. אויב דער „באור״ פון משה מענדעלסאָן, וועלכער איז, אגב, געשאַפן געוואָרן פון עטלעכע פּערזאָנען, האָט געהאַט אַ השפּעה בלויז אויף אַ געוויסן קלאַס, אויף אַ געוויסער גרופּע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אָוועקרייסן פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער וועלט און דער „באור״ האָט זיי דאָ געהאַט צוגע־האָלפן, האָט אָבער דער מלבי״ם מיט זיין פּירוש געהאַט אַ השפּעה אויך אויף די פרומע עלעמענטן, אויף דער לומדישער יוגנט, וועלכע האָבן געוואָלט לערנען תנ״ך, וועלכע האָבן זיך געוואָלט גריבלען אין תנ״ך, וועלכע האָבן געוואָלט שטודירן די העברייאישע שפּראַך און גראַמאַטיק וואָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן דעם תנ״ך נישט מעגלעך געווען. זיין פּירוש האָט געהאָלפן נישט אָפּצורייסן די יוגנט פון דער טראַדיציע, נאָר דווקא צו פאַראייניקן מיט דער טראַדיציע און דערביי האָבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס, וואָס עס איז ביז דאַמאָלט פאַר דער לומדישער יוגנט נישט מעגלעך געווען, ד. ה., קענען תנ״ך און קענען די העבריי־אישע שפּראַך.

דער מלבי״ם דערציילט אגב, אַז זיין פּירוש איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיין רייכן שוואָגער, ר׳ שמואל אָפּטאַטשינסקי, און עס האָט אָפּגעקאָסט אַכט טויזנט רובל. היינט וואָלט שוין שווער געווען צו באַקומען אַזאַ יידן און אַזאַ

עושר, וואס זאל זיך לאזן קאסטן אזא סומע געלט אויף ארויסצוגעבן א פירוש אויף דער תורה. דער ערפאלג איז געווען א גראנדיעזער און דער פירוש איז מערערע מאל איבערגעדרוקט געווארן.

ד.

## אין כערסאָן און מאָהילעוו

ווען דער מלבי"ם האט געהאלטן ביים אפפארן פון לענטשיץ, האט ער גע־האלטן א דרשה אין שול, אין וועלכער ער האט זיך געהאט געזעגנט מיט זיינע פריינט, אבער זיי האבן דערפון נישט געוואלט וויסן. זיי האבן גע'טענה'ט, אז ער מוז בלייבן אויף ווייטער, נישט קוקנדיק דארויף וואס מאנכע פון די בעלי בתים ווילן אים נישט האבן דערפאר וואס ער „לאזט זיך אראפ צו די מאסן". ער האט אבער ערקלערט, אז ער מוז אוועקפארן, ווייל ער האט שוין מבטיח געווען די כערסאנער קהלה אז ער וועט קומען און ער מוז זיין ווארט האלטן. זאגאר ווען דער מלבי"ם איז שוין געזעסן אין פוהר און געהאלטן ביים אוועקפארן, האבן אייניקע אנהענגער פון רב אנגעכאפט די לייצעס און געזאגט, אז זיי וועלן אים נישט לאזן פארן. דער מלבי"ם האט זיי ערקלערט, אז דער כתב רבנות מיט כערסאן איז בלויז אויף א יאר צייט און ער האפט דאריבער, אז נאכן יאר וועט ער קומען צוריק קיין לענטשיץ. דאס האט דעם עולם בארואיקט.

דער שיקזאל האט אבער דעם מלבי"ם פארפאלגט. ער איז אים נאכגעגאנגען אויך אין כערסאן. אויך דארטן האט ער אנגעהויבן דערפילן דעם טעם פון מחלוקות. עס איז געווען א צד וואס האט פאר אים געהאלטן שטאל און אייזן. עס איז אבער געווען א צד וואס האט געוואלט פון אים פטור ווערן. און אזוי ווי דער דאזיגער צד איז געווען א שטארקערער, האט ער, פארשטייט זיך, אויסגע־פירט. מען האט אים גוט פארביטערט דאס לעבן און דערצו האט מען אים פאר־מסר'ט ביים גובערנאטאר, אז ער העצט אונטער דעם עולם און ברענגט אריין א פירוד אין לעבן פון כערסאנער יידנטום. און מער האט מען נישט געדארפט. דער גובערנאטאר האט באפוילען דעם מלבי"ם ער זאל פארלאזן די שטאט.

צו יענער צייט האט זיך גראדע די שטאט מאהילעוו געגעוויטיקט אין א רב, נאכן טויט פון דארטיקן ראש בית דין, ר' מאיר בערלין, א פעטער פון ר' הירש לייב בערלין פון וואלאזשין. די בעלי בתים פון מאהילעוו, צווישן וועלכע עס זיינען געווען באדייטנדע פערזענלעכקייטן, האבן אפגעהאלטן אן אסיפה און ס'איז באשלאסן געווארן צו נעמען פאר א רב דעם מלבי"ם, וועלכער איז ארויסגעשיקט געווארן פון כערסאן דורכן גובערנאטאר. די אסיפה האט, אגב, אויך באשלאסן, אז די אונטערהאנדלונגען מיטן מלבי"ם זאל פירן דער באוואוסטער למדן און אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט ר' שמואל לוריע, וועלכער איז באוואוסט געווען דערמיט, וואס ער האט געהאט ארויסגעגעבן די פירושים וואס דער ווילנער גאון האט געהאט איבערגעלאזט אויפן „ספרי" און „זהר". ער איז, אגב, געווען א קרוב פון ביכאווער גאון ר' דוד לוריע.

ר׳ שמואל לוריע איז אוועקגעפארן קיין סמאלענסק, וואו דער מלבי״ם האט געהאט געוואוינט נאך דעם ווי מען האט אים געהאט ארויסגעשיקט פון כערסאן. געוואוינט האט ער, אגב, ביי ר׳ שמואל׳ס שווער. ר׳ שמואל האט פארגעלייגט דעם מלבי״ם די מאהילעווער רבנות, און דער מלבי״ם האט עס געהאט אנגענומען. מאהילעוו איז געווען שטארק צופרידן פון דעם שידוך, און ווען דער מלבי״ם האט געדארפט אנקומען, זיינען ארויסגעגאנגען אים מקבל פנים זיין די גרעסטע גבירים און לומדים פון שטאט. מען האט, אגב, אויך געלאזט וויסן, אז אויף מארגן וועט דער „קעמפינער״ האלטן א דרשה אין בית המדרש.

די ערשטע דרשה איז אבער געווען א דורכפאל. די לומדים און גרויסע בעלי־בתים פון שטאט האבן געהאט דערווארט, אז דער מלבי״ם וועט ארוים מיט א פלפול וואס וועט פארדרייען אלעמען די קעפ; זיי האבן געהאט דערווארט פון אים צו הערן בקיאות, חריפות אין תלמוד, און האבן דערווארט פון אים עפעס האר־שפאלטנדע סברות, ווי דער מלבי״ם האט טאקע געקענט אויך, אבער דא האבן זיי דערזען אז ער הויבט־אן זיין רעדע מיט פסוקים פון תנ״ך, מיט א דרוש וואס פאסט פאר א וואנדערער־מגיד. זיי זיינען געבליבן ווי פארשטיינערט. איבערהויפט ווען ער האט נאך, ווי זיין שטייגער איז, אנגעהויבן צו מוסר׳ן די גבירים וואס פירן זיך נישט אויך ווי געהעריק צו די ארימע לייט. ווי הרב מזא״ה האט געשריבן אין זיינע זכרונות, האט דעמאלט איינער א גדול פון מזרח־וואנט א זאג געטאן צום אנדערן:

— עס ווייזט אויס, אז מיר האבן דא געמאכט א טעות. מיר האבן געוואלט נעמען אלס רב דעם מחבר פון „ארצות החיים״ (וואו דער מלבי״ם באווייזט גאונות אין תלמוד) און געקומען צו אונדז איז גאר דער מחבר פון „ארצות השלום״ (דעם מלבי״מ׳ס א דרוש ספר).

צי דער מלבי״ם האט געהערט די דאזיקע שארפע באמערקונג, צי ער האט סתם דערפילט אז דער מזרח־וואנט איז נישט צופרידן מיט אים — אבער אין זיין ווייטערדיקער דרשה האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דערויף און דערקלערט, אז די ליבהאבער פון פלפול דארפן אויף אים נישט ברוגז זיין וואס ער איז איצט נישט ארוים מיט האר־שפאלטנדע פלפולים. ער אליין איז געווען דער גרויסער אנהענגער פון פלפול און האט זיין לעבן פארבראכט אויף פלפול. אבער איצט האט ער זיך אפגעזאגט דערפון, ווייל זיין ציל איז צו גיין און לערנען די ארימע ברידער, די פשוט׳ע ברידער, ווענן וועלכע קיינער טראכט נישט, מיט וועלכע קיינער אינטערעסירט זיך נ׳ישט. זיי, די פשוט׳ע מענטשן, וועלכע זיינען געבליבן פראסט דערפאר וואס זייערע עלטערן האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט זיי צו לערנען תורה, שטייען אין די שולן און ווילן הערן א שטיקל תורה, ווילן כאפן א תורה־ווארט, גאטס ווארט, און לײדן דערפון וואס זיי זיינען געבליבן נישט געלערנט. ער דערקלערט דעריבער, אז ער איז איצט געקומען זיי אפצוגעבן דעם חלק, וואס מען האט געהאט גע׳גזל׳ט ביי זיי. זיי וועלן עס זיין זיינע צוהערער, מיט זיי וועט ער לערנען תורה. די לומדים קענען אליין גענוג תורה לערנען, מען דארף אבער לערנען מיטן פאלק.

דערקלערונג און זיינען ארויס פון שול. עס זיינען אויך ארויס די דיינים, וועלכע זיינען פריער געווען געגנער, מען זאל נעמען א ראש בית דין. דאס האט געבראכט צו א טומל און צו א שטופעניש. ביי דער געלעגנהייט האבן די ארימע לייט, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער דער בימה, זיך א לאז געטאן צום מזרח־וואנט, פארכאפט די „פעטע" פלעצער און האבן געשריען צום רב:

— רעדט ווייטער, רבי, רעדט ווייטער, איר זייט אונדז מחיה.

און דער מלבי"ם האט גערעדט אלץ מיט מער פייער, מיט מער שארפקייט, און דער עולם האט געלעקט די פינגער.

די דאזיקע געשיכטע האט ממש אויפגעשוידערט די שטאט. נישט בלויז יידן האבן זיך געקאכט פון דעם וואס ס'האט זיך געהאט אפגעטאן אין שול ביי דער ערשטער דרשה פון נייעם רב, נאר אפילו קריסטן האבן געוואוסט דערפון און האבן גערעדט דערפון. דער רושם איז געווען אזוי גרויס, אז דער פאליצמייסטער האט געפונען פאר נויטיק צוצושטעלן מכח דער דאזיקער געשעעניש א רעפארט צום גובערנאטאר, און דער גובערנאטאר ווידער האט געגעבן א באפעל, אז מען זאל תיכף מאכן א שטרענגע אונטערזוכונג ווער עס איז דער נייער רב, וואס פאר א כח ער פארמאגט וואס ער ציט־צו צו זיינע דרשות אזוי פיל מאסן מענטשן — א זאך וואס איז ביז דעמאלט קיינמאל נישט געשען. אחוץ דעם האט דער גובער־נאטאר באפוילן, אז די קהלה זאל מיט א טאג פריער פון רב'ס דרש'ענען, מודיע זיין וועגן דעם צום פאליצמייסטער, כדי מען זאל קאנען שיקן פאליציי „האלטן ארדנונג".

יעדנפאלס, ווי דאס זאל נישט האבן געווען, די שטאט האט געקאכט ווי א קעסל. די גבירים און לומדים זיינען געווען אומצופרידן, אבער דער המון האט געטאנצט פון שמחה, זעענדיק אז ענדלעך האבן זיי אויך באקומען א רב, דען אלע פריערדיקע רבנים זיינען געווען נאר פאר „זיי", פאר די לומדים און פאר די גבירים, און די פשוט'ע מענטשן האבן קיינמאל נישט געהאט די זכיה צו האבן א רב פאר זיך, צו הערן פון אים א גוטווארט, א ווארט פון מוסר, א ווארט פון שטראף־רייד, וואס דער עולם האט זייער ליב געהאט.

## ה.

## ווערט ארויסגעשיקט פון מאהילעוו

דער פשוט'ער עולם איז מיטן רב געווארן אלץ מער צופרידן. ער איז געווען נאענט צו זייערע ליידן און צו זייערע פריידן. ער האט זיי מקרב געווען, ער האט געהאלטן פאר זיי דרשות און כאטש ער האט גע'מוסר'ט און געפאדערט מען זאל גוט און פרום זיין, איז מען דאך געווען צופרידן. אומצופרידן זיינען געבליבן די לומדים און רייכע בעלי־בתים, וועלכע האבן אויף קיין שום שלום נישט געוואלט איינגיין. זיי האבן געהאלטן, אז דאס איז נישט זייער רב פון וועלכן מען זאל קאנען הערן לומדות און האר־שפאלטנדע פלפולים, אויף וועלכע ער איז געווען דער גרויסער מייסטער. דען ער איז דאך באמת געווען א גרויסער גאון. די דאזיקע

אומצופרינדהייט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די אַדמיניסטראַטיווע קרייזן, דירעקט צי אינדירעקט, און דער סוף איז געווען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט איין טאָג גערופן דעם מלבי״ם רופן צו זיך.

דער גובערנאַטאָר האָט אים געפרעגט צי ער איז אַ רוסישער אונטערטאַן, ווייל ער האָט גערעדט מיטן גובערנאַטאָר אויף דייטש, דערקלערנדיק, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין רוסיש. דער מלבי״ם האָט אים געענטפערט, אַז ער איז אַ רומענישער אונטערטאַן, אַז ער איז עטלעכע יאָר געווען רב אין בוקאַרעסט. נאָך בוקאַרעסט איז ער געוואָרן רב אין כערסאָן און פון כערסאָן איז ער איינ־געלאַדן געוואָרן אין מאָהילעוו.

אויף דער פראַגע פון גובערנאַטאָר פאַרוואָס ער איז אַוועק פון כערסאָן, האָט אים דער מלבי״ם געענטפערט, אַז עס איז נישט געווען קיין האַרמאָנישער צוזאַ־מענלעבן צווישן אים און די קהלה. עס האָבן דאָרטן געהערשט גרויסע מחלוקות און די דאָרטיקע יידן זיינען נישט געווען אַזוי פרום ווי דאָ אין מאָהילעוו.

דער גובערנאַטאָר האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ חידוש. דען כערסאָן האָט דאָך פריער אויך געהאַט רבנים און וועלן דאָך מן הסתם האָבן רבנים אויך אויף ווייטער. די דאָזיקע רבנים זיינען דאָך אויך פרומע יידן געווען און דאָך האָבן זיי נישט אַוועקגעוואָרפן זייערע שטעלעס צוליב דעם וואָס די דאָזיקע יידן זיינען נישט געווען אַזוי פרום געווען. פאַרוואָס איז ער עפּעס דער איינציקער וואָס האָט די קהלה נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

דער מלבי״ם האָט אים געענטפערט, אַז מאַנכע בעלי־בתים האָבן אים פאַר־מסר׳ט פאַרן כערסאָנער גובערנאַטאָר און מחמת דעם איז ער געווען געצוואונגען די שטאָט צו פאַרלאָזן.

— איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט דער גובערנאַטאָר אים געענטפערט.

— און מחמת דעם וועל איך אָנפרעגן דעם כערסאָנער גובערנאַטאָר פאַרוואָס ער האָט אייך אַרויסגעשיקט.

דער גובערנאַטאָר האָט ביים כערסאָנער גובערנאַטאָר אָנגעפרעגט. און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָכן געשפּרעך, איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון מאָהילעווער גובערנאַטאָר אויפן נאָמען פון ראש הקהלה ר׳ שמריהו דיקערמאַן, אַז עס ווערט פאַרבאָטן דעם רב צו האַלטן דרשות. דער מאָטיוו איז געווען, אַז ווען דער מלבי״ם דרשנ׳ט קלייבן זיך צונויף גרויסע מאַסן אין בית־המדרש און אין די אַרומיקע גאַסן.

אַז די ידיעה איז באַקאַנט געוואָרן אין שטאָט איז געוואָרן אַ גערודער צווישן פּשוט׳ן עולם, הויפּטזעכלעך צווישן די חסידים, וועלכע האָבן דעם מלבי״ם זייער ליב געהאַט און האָבן גע׳חלש׳ט צו הערן זיינע דרשות. אין מאָהילעוו איז דאַמאָלס געווען איינער אַ גרויסער חסיד און אַ גביר ר׳ שלמה שמערלינג. ער איז געווען אַ פּאַטריאָטשיק, וועלכער איז געשטאַנען אין נאָענטע באַרירונגען מיט דער אַדמאַניסטראַציע און איז געווען אַ מקורב פון גובערנאַטאָר. אַז שמערלינג האָט זיך דערוואוסט פון דער גזרה, איז ער אַליין תיכף ומיד אַוועק צום גובערנאַטאָר און אים געבעטן, אַז ער זאָל מבטל מאַכן די גזרה און זאָל דערלויבן דעם מלבי״ם ווייטער צו האַלטן זיינע דרשות.

— אונדזער רבי, — האָט שמערלינג דערקלערט דעם גובערנאַטאָר — איז

א געטלעכער און הייליקער מענטש. ער איז איינער פון די גרעסטע יידישע פער־זענלעכקייטן פאר לאנגע דורות. און אויב איהר האט פארבאטן אים צו האלטן דרשות אין איינעם פון מיינע הייזער, — שמערלינג האט געהאט א סך הייזער אין מאהילעוו, — דערלויבט איך זאל איינע פון מיינע וואוינונגען באשטימען פאר די דרשות, מיר זאלן אין דער וואוינונג איינארדנען א „מנין" און דער מלבי"ם זאל קאנען דרש'ענען ווען ער וועט ווען.

דעם גובערנאטאר איז שווער געווען אפזאגן די בקשה פון זיינעם א גוטן פריינט און ער האט שמערלינגס בקשה דערפילט.

אז שמערלינג האט אין א פאר טעג ארום באקומען די נויטיקע פאפירן פון גובערנאטאר, האט ער צונויפגערופן אן אסיפה ביי זיך אין הויז און מודיע געווען וועגן זיין וויזיט צום גובערנאטאר און וועגן דעם דערפאלג וואס ער האט געהאט. ער האט צונויפגעזאמלט חתימות ביי מענטשן וועלכע האבן זיך מתחייב געווען צו דאווענען אין מלבים'ס „בית המדרש". אויף מארגן האט שמערלינג באפוילן מען זאל דעם מלבי"מ'ס זאכן אריבערפיהרן אין זיין נייער דירה, וועלכע ער האט געהאט פאר אים צוגעגרייט. זי איז געווען איינע פון די שענסטע דירות אין שטאט. מערערע יארן האט אין דער דירה געהאט געוואוינט דער וויצע־גובער־נאטאר און ער פלעגט צאלן פאר איר פינף הונדערט רובל א יאר דירה־געלט.

דעם קומענדיקן שבת איז שוין שמערלינגס הויז און די גאס ארום געווען געפאקט מיט מענטשן. דער עולם איז אריין אין גארטן וואס איז געווען ביי דער דירה פון מלבי"ם, מען האט געעפנט די טירן און די פענצטער. א טייל פון גרויסן עולם איז אריין אינעווייניק אין דעם נייעם בית־המדרש און דער מלבי"ם האט צו מנחה געהאלטן א דרשה.

זיינע דרשות זיינען שטארק באזוכט געווארן. דער גארטן ארום דעם הויז איז שטענדיק געווען געפאקט מיט מענטשן צו הערן אווארט פון אים. ער האט דעם עולם מיט זיינע פיינע אויסטייטשונגען פון דער תורה און מיט זיינע שיינע און גייסטרייכע ביישפילן ממש עלעקטריזירט. מען האט געמיינט, אז איצט איז שוין אלץ אין ארדנונג און דער מלבי"ם וועט בלייבן ביי זיי רב אויף שטענדיק.

אבער פלוצלינג איז אום תשעה באב אנגעקומען אן ענטפער פון כערסאנער גובערנאטאר זייער נישט קיין גינסטיקער. דער גובערנאטאר זאל האבן פארגע־שטעלט דעם מלבי"ם פאר א שרעקלעכן פאנאטיקער, וואס פירט זיך אויף ווי א „צדיק" און גייט אין די וועגן פון „חאסידים". דער כערסאנער גובערנאטאר האט ווייטער באמערקט, אז ער האט אויסגעפונען אז זיין ווייטעריקער בלייבן אין שטאט וואלט געווען געפערלעך, אז דער מאן קוקט אים אוים „פארדעכטיק" און אזוי ווי ער איז נאך דערצו א פרעמדער אונטערטאן, האט ער אים פון דער שטעלע באזייטיקט. עס פארשטייט זיך אז אזא רעפארט האט זייער שטארק געווירקט אויפן מאהילעווער גובערנאטאר און ער האט באלד פארארדענט אז דעם מלבי"ם ווערט פארבאטן צו בלייבן וואוינען אין די גרעניצן פון מאהילעווער גובערניע.

די לומדים און בעלי־בתים האבן זיך שטילערהייט געפרייט פון דער גזרה. די חסידים אבער מיט ר' שמערלינגן בראש האבן זיך געפילט נידערשלאגן. ר' שמערלינג איז ווידער אוועק צום גובערנאטאר און געבעטן רחמים פארן מלבי"ם. מען האט דערציילט, ווי מזא"ה גיט איבער, אז שמערלינג האט גע'טענה'ט

מיט אַ חסידישער התלהבות, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט זיך צעוויינט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. און אין מיטן חודש אלול האָט דער מלבי"ם געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. דעם מלבי"מ'ס געגנער האָבן געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די וואָס וועלן דעם מלבי"ם באַגלייטן, וועלן דאַרפן ענטפערן אויף דעם פאַר דער מאַכט. די דראָאונגען האָבן אָבער דעם עולם נישט אָפּגעהאַלטן זיך צו שיידן מיטן גאון. אַלע זיינע אַנהענגער האָבן יענעם טאָג אים באַגלייט אַ גרויס שטיק וועג. אַ סך זיינען נאָך אַרויס מיט אַ טאָג פריער אין אַ שטעטל, דאָרטן גענעכטיקט כדי זיי זאָלן קאָנען מקבל פּנים זיין דעם רב. די יידן וואָס האָבן אים באַגלייט האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער. דער מלבי"ם האָט געהאַלטן אַן אָפּשייד־דרשה און האָט צולעצט געזאָגט, אַז זיי זאָלן גוט אַריינקוקן אין זיין פּירוש אויף דניאל, וועלכן ער האָט נעהאַט געשריבן אין תרכ"ח. דאָרטן האָט ער אָנגעוויזן, אַז אַרום תרפ"ח וועלן זיין גרויסע מלחמות און עס וועט קומען די ישועה פאַר יידן אין ארץ ישראל.

דער מלבי"ם איז אָפּגעפאָרן דערמאָלט קיין סמאָלענסק, וואו עס האָט געהאַט געוואוינט זיין איידעם. הגם דער סמאָלענסקער גובערנאַטאָר האָט געוואוסט אַז מען האָט אים געהאַט אַרויסגעשיקט פון צוויי גובערניעס, האָט ער אים דאָך דערלויבט צו בלייבן און זיך באַצויגן צו אים אויף אַ זייער פריינדלעכן אופן.

## ו.

## די סיבה פון די רדיפות און זיין טויט

מיט דעם אַרויספאָרן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, מיט דער אַרויסשיקונג פון מאָהילעוו, לויט דער פאַראָרדנונג פון גובערנאַטאָר, האָט זיך די רבנות פון מלבי"ם געענדיקט. עס האָט זיך אָבער דערמיט נישט געענדיקט זיין גרויסקייט. דער מלבי"ם איז געווען און איז געבליבן דער גרויסער גאון, און ווי מאַנכע לומדים באַהויפּטן, דער גרעסטער גאון נאָכן ווילנער גאון. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע לומדים, וואָס האַלטן, אַז ער איז געווען אַ מין ווילנער גאון. ער איז אָבער, צום באַדויערן, אין דער לומדישער וועלט נאָך ביז היינט נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק. די לומדישע וועלט האָט אים עפּעס ווי אויפגעגעבן. אין דער צייט, וואָס מען האָט זיך שטענדיק געגריבלט אין די לומדישע ספרים פון קלענערע גאונים ווי דער מלבי"ם, האָט מען זיינע כמעט פאַרנאַכלעסיקט, כאָטש ער איז געווען דער גרויסער בקי און דער גרויסער חריף, דער גוואַלדיקער מפולפל און האָט אויסגעגליכן געוויסע שטעלן אין דער גמרא, וואָס גאַנץ ווייניק גאונים האָבן עס געקענט.

די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע האָט געקוקט אויפן מלבי"ם קרום. די גרויסע לומדים, וועלכע זיינען, אייגנטלעך, געווען די טאָן־געבער אין יעדער יידישער קהלה און זיי זיינען עס שטענדיק געווען די, וואָס האָבן „גענומען" דעם רב, האָבן געהאַלטן, אַז ער איז נישט „זייער" רב, נישט יענער רב, וועלכן זיי האָבן געוואָלט, נישט יענער רב, וועלכן זיי האָבן „גענומען". דען נאָכאַלעמען דאַרף מען נישט

די בעלי־בתים און לומדים האבן זיך געפונען באליידיקט פון דער דאזיקער פארגעסן, אז אין פיל שטעט, אפילו וואו עס זיינען געווען א סך חסידים, האבן די לומדים געשפילט די הויפט ראלע, און זיי האבן געהאלטן, אז ספעציעל לערנען תנ״ד איז נישט שטארק נויטיק. דער עיקר איז די גמרא און פון דער גמרא קאן מען שוין ממילא וויסן תנ״ך. דען די גמרא איז דאך א פירוש אויף דער תורה אויך און עס זיינען קיין אנדערע פירושים נישט אזוי שטארק נויטיק. תנ״ך אליין קאן דעם יידנטום נאך נישט געבן די נויטיקע כחות פאר זיין אויפהאלטונג. דער תנ״ך קאן ווערן די שוץ־וואנט קעגן סכנות נאר אין דער פארבינדונג מיט דער גמרא. דעריבער האבן די לומדים נישט גורם געווען די נייע שיטה פון מלבי״ם, וועמעס פירוש אויף תנ״ך עס האט אנגעהויבן צו ווערן פאפולער און איז אפילו שטארק אויפגעכאפט געווארן פון די משכילים, פון די פריידענקער. די ערשיינונג האט די לומדים קיינמאל נישט געשמעקט. זיי האבן קיינמאל נישט געוואלט מסכים זיין אויף א זאך, אויף וואס די משכילים האבן געלייגט א האנט. זיי האבן אינער־לעך געפילט, אז ווי באלד די זאך געפעלט די משכילים, מן הסתם איז עפעס נישט גלאטיק, כאטש קיינער האט חס וחלילה נישט חושד געווען דעם מלבי״ם אין עפעס מאדערנע אינטערפרעטאציעס פון דער תורה. די משכילים זיינען געווען ווי א דארן אין די אויגן פון די לומדים, פון די גמרא־יידן און האבן זיך נישט געוואלט פאראייניקן מיט די יידן אין איין חברותא. זיי האבן געהאלטן, אז דער מלבי״ם איז אוועק פון זיין אור־קוועלע. ער איז אוועק פון גאונות אין גמרא, ער איז אוועק פון פלפול און האט צופיל אנגעהויבן באטאנען די נויטווענדיקייט פון תנ״ך אליין. און ווען דער גאנצער „חטא״ וואלט געווען נאר דאס אליין, וואלט נאך אויך חס וחלילה נישט געווען אזא אומגליק. דער עיקר איז, וואס גלייכצייטיק דערמיט האט ער זיך אראפגעלאזן צום פשוט׳ן עולם און איז געווארן א בעל דרשן. מען האט שוין דעמאלט אנגעהויבן שמועסן, אז ער איז געווארן א מין „צדיק״, צו וועלכן דער ברייטער עולם קומט פרעגן עצות; מען האט שוין אויך דערציילט מעשיות, אז ער פארטיילט „מטבעות״ אויף הצלחות, אז פאר די דאזיקע „מטבעות״ נעמט דער מלבי״ם א גוטן פרייז. אזעלכע מעשיות האט מען שוין שטענדיק פארשפרייט וועגן מענטשן, וועלכע מען האט געוואלט דיסקרעדיטירן. און דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז דער מלבי״ם איז אומעטום אין דער יידישער וועלט באטראכט געווארן אלס דרשן און אלס מפרש פון תנ״ך, דאס הייסט, מען האט אים שוין געפרואווט מאכן צו קליין־געלט, פארגעסנדיק, אז ער איז דער גרויסער גאון אין דער תלמודישער ליטעראטור.

דער מלבי״ם האט שוין דאס, זייענדיק אין מאהילעוו, גאנץ גוט געפילט. ער האט שוין דאס געהאט געפילט נאך פריער אויך, אבער ער איז זיך ווייטער גע־גאנגען אין זיין וועג. די אלע רדיפות האבן אים נישט אפגעשראקן. ער איז צועדשט אוועק קיין סמאלענסק, אבער ער האט אויך דארטן נישט געקאנט בלייבן לאנג און ער איז פון דארטן אוועק קיין קעניגסבורג, וואו ער האט געהאט פארבראכט א לענגערע צייט. קיין רבנות האט ער דארטן נישט אנגענומען. ער איז געזעסן און געלערנט און זיך אויך אינטערעסירט מיט דער יידישער לאגע און מיט דער יידישער באוועגונג פון חיבת ציון. דעם דאזיקן געדאנק האט ער נאך אפילו פריער געהאט דורכגעפירט אין זיינע פירושים אויף תנ״ך און האט געהאט מעורר

געווען די רבנים פון זיין צייט, זיי זאלן נישט שטיין פון דער וויטנס פון דער דאזיקער באוועגונג.

צו יענער צייט האט ער געהאט באקומען אן איינלאדונג פון ניו יארק, אז ער זאל קומען קיין אמעריקע און ווערן דער רב הכולל און מען האט אים דענסטמאל געהאט פארגעלייגט א סומע פון פינף טויזנט דאלאר א יאר, א חוץ די זייטיקע הכנסות, וואס ער קאן באקומען אין אזא גרויסער קהלה. ער האט אבער דעם פארשלאג נישט געקאנט אננעמען, ערשטנס, ווייל ער האט דעמאלט געהאט צוגע־זאגט די קרעמענטשוגער קהלה צו קומען אהין, און צווייטנס, ווייל ער איז געווען צו אלט און שוואך און זיינע קרובים האבן אים נישט געלאזן אונטערנעמען אזא רייזע אויפן ים. ער האט דעריבער זיך אוועקגעלאזן פארן קיין קרעמענטשוג.

פון קעניגסבורג האט ער דעמאלט געמאכט זיין נסיעה קיין רוסלאנד איבער גראיעווא קיין בריסק, וואו ער האט זיך אפגעשטעלט אויף א קורצער ווײלע, כדי צו פארברייננגען מיט ר' יוסף בער'ן. דער מלבי"ם האט באקומען א גרויסע אויפ־נאמע און מען האט אים אפגעגעבן גרויס כבוד.

פון בריסק איז ער אפגעפארן קיין קאברין, וואו ער איז קראנק געווארן און ער האט דארטן געמוזט פארבלייבן א פאר וואכן. אז ער איז געזונט געווארן, האט ער זיך אוועקגעלאזן אויף זיין ווייטערדיקער נסיעה. אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין קיעוו צו פארבעסערן זיין געזונט, וואו עס האט געהאט געלעבט דער בארימטער פראפעסאר מעהרינג. ער איז געווארן ערנסט קראנק און האט שוין קיין קרעמענטשוג נישט געקאנט פארן. און דעם ערשטן טאג ראש השנה, תר"ם האט דער מלבי"ם פארלאזן דעם עולם השקר.

דער מלבי"ם האט געהאט איבערגעלאזן צוויי קינדער, איינע א טאכטער, וועלכע איז געווען פארהייראט און געוואוינט אין סמאלענסק. וואס איז פארגעקומען מיט זיין זון איז נישט געננוי באקאנט. עס איז אבער א סברא, אז ער איז געווען אראפ פון דרך הישר.

# ר׳ הירש ליב וואָלאָזינער

## א.

### זיין פּערזענלעכקייט

עס איז אויגנבליקלעך נישט וויכטיק און נישט נויטיק צו מאַכן באַהויפּטונגען וועגן דער גרויסקייט פון יידישן דענקן און שאַפן אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דערוויילע ווייסן מיר, אַז אַ דריטל פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט איז שוין פאַרשוואונדן געוואָרן און קיין נייע באַרימטע פּערזענלעכקייטן, קיין נייער גרויסער גאון איז אין משך פון אָט דער צייט נאָך נישט ערשינען. געוויינלעך, האָט מען שטענדיק ליב צו זאָגן, אַז מען דאַרף נישט זיין אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט, אַז מען דאַרף האָבן געדולד, וואָרום עטלעכע און דרייסיק יאָר איז נישט אַזאַ לאַנגע צייט וואָס זאָל קאָנען פּראָדוצירן גרויסע שעפּפער אין תורה. ניש׳קשה, עס וועלן נאָך מיט דער צייט ווידער אַנהויבן אַרויסצושטראַלן גרויסע שעפּפערישע כחות פּונקט ווי עס איז געווען אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. אייגנטלעך איז די לופט, וועלכע מיר אָטעמען איצט אַריין, און די עלעמענטן און די כחות וואָס שוועבן אַרום אין אונזער אַטמאָספערע, נישט מסוגל צו קאָמבינירן אַ העכערן טיפּ פון טראַדיציאָנעלן לעבן. דאָס איז שוין קלאָר פאַר יעדן איינציקן. מיט דער דערציאונג וואָס עס גייט אָן ביי אונדז — באַטש מיר האָבן אָן אַ שיעור פּעדאַגאָגישע עקספּערטן וואָס איינער האַלט זיך גרעסער פון דעם אַנדערן, — מיט דער הפקר׳דיקער באַציאונג און מיט דער אומערהערטער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס עס הערשט איצט אין דער יידישער אַזוי־גערופענער אינטעלעקטועלער וועלט, אין דער וועלט פון דער אַזוי־גערופענער פירנדער אינטעליגענץ — מיט אַזאַ מין דערציאונג קאָן מען ווייט נישט אוועקגייען. דאָך קאָן אַזאַ צושטאַנד נישט דינען אַלס סיבה צו פּעסימיסטישע אויספירונגען. אין משך פון דער יידישער געשיכטע זיינען געווען געננג אומשעפּפערישע פּעריאָדן און מן הסתם האָבן זיך אייניקע פירער אויך דאַמאָלס שטאַרק באַקלאָגט און גע׳טענה׳ט אַז די יידישע טראַדיציאָנעלע וועלט ווערט אויסגעטריקענט, ווערט אויסגעדאַרט פון תורה און אַז זי ווייזט אַלע זיכערע צייכן פון דעקאַדאַנס, פון אונטערגאַנג. פונדעסטוועגן זיינען פּלוצלינג ערשינען אויף דעם יידישן הימל נייע גרויסע שטערן וואָס האָבן באַלויכטן די יידישע וועלט און האָבן געהאָלפן ווייטער אויפבויען און פאַרשטאַרקן דאָס יידנטום, די יידישע גרויסע שאַפונגען. יעדנפאַלס ווי עס זאָל נישט זיין שפּעטער, דער פאַל בלייבט דאָך, אַז איצט זיינען די כחות נישטאָ און אַז דער גאַנצער ערשטער דריטל פון

צוואנציקסטן יאָרהונדערט האָט נאָך דערוויי־ל נישט אַרויסגעוויזן וואָס ער קאָן דערלאַנגען.

דערפאַר איז אָבער גרויס געווען דער פאַבריקער, דער נייַנצנטן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען אַ יאָרהונדערט פון אומגעהייער גייסטיקע ריזן, פון אומגעהייערע גרויסע שאַפונגען. גאונים נאָך גאונים, עלוים נאָך עלוים, לומדים נאָך לומדים, געלערטע נאָך געלערטע, דענקער נאָך דענקער. אין דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט איז געווען אַ גוואַלדיקע גרעטעניש, אַ גוואַלדיקע שפע פון גייסטיקע כחות. עס איז דאַמאָלס נישט געווען צו באַמערקן אַ פּוסטן, אַ ליידיקן, נישט שעפּפערישן פּערטל יאָרהונדערט. עס האָט זיך געצויגן אַ רינגעלע נאָך אַ רינגעלע פון גאונים. די צייט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו אויף איין איינציקע רגע. פון זינט דעם טויט פון ווילנער גאון האָבן נישט אויפגעהערט אין דער אָדער יענער שטאָט אויס־צוּוואַקסן ריזן אין תורה, ריזן אין חכמה. אפילו די גבירים, די גרויסע בעלי בתים זיינען געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע מען קאָן דאָס גאָר היינט נישט זען, דען ווען איינער האָט נאָר, ביי היינטיקן טאָג, ערוואָרבן אַ געוויסן פאַרמעגן, באַמיט ער זיך אָפּצורוקן אַליין פון יידישע ענינים, און זיינע צוקונפטיקע נאָכפאָלגער ווערן ערצויגן אין אַ פרעמדן גייסט, אין אַ נישט־יידישן גייסט. דאַמאָלס זיינען אויך פיל יידישע גבירים געווען לומדים און אויסער דעם וואָס זיי האָבן געשטיצט תורה מיט אַן אמת׳ן און נישט צוליב כבוד אָדער מאַטעריעלע נוצן, זיינען זיי אַליין געזעסן אין בית המדרש, אָדער אין דער היים און געלערנט תורה. אין אָט דעם יאָרהונדערט האָט עס געהאַט געווירקט און געשאַפן דער גרויסער ריז אין תורה און די גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אויף דעם נישט־אָפיציעלן אופן — ר׳ הירש ליב וואָלאָזינער.

ר׳ הירש ליב איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט. ער איז אַן אייגנאַרטיקער גאון געווען. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע וועגן און זיינע אייגענע שיטות. דען נישט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע גדולים אין תורה, האָט ער זיך שטענדיק געלאָזן צו די מקורים. עס האָט אים שטענדיק געצויגן צו די ראשונים. ער האָט זיך נישט געהאַט באַגנוגענט מיט בבלי אַליין און מיט די פּלפּולים פון אַ סך ראשונים און אחרונים. ער האָט זיך פאַרטיפט אין די גאָר אַלטע שאַפונגען — אין ספרי, אין ספרא, תוספתא, מכילתא אין תלמוד ירושלמי און אויך אין די שאַפונגען פון די גאונים. ער איז געווען היימיש בכל חדרי התורה און זיין קלאָרקייט און לערנען, זיין פּשוט׳ער צוגאַנג צום ענין — כאָטש ער האָט אַלץ פּרובירט אויפקלערן מיט אַ גוואַלדיק־פאַרוויקלטער דיאַלעקטיק, — איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי מעכטיק, אַז ער האָט פאַרוואונדערט די גרויסע גאונים פון זיין דור. און גרויסע גאונים אין זיין דור זיינען געווען אַ היבש ביסל.

און ער האָט טאַקע די תורה אויפגעהויבן, ער האָט טאַקע די תורה אויך פאַרשפּרייט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען תורה און אויך מחדש צו זיין די תורה. ער האָט נישט סתם געלערנט נאָר אויך באַוויזן גרויסקייט אין לערנען. וואָרום די תורה איז ביי אים געווען דער גאַנצער מהות פון זיין לעבן. עס איז ביי אים נישט געווען קיין העכערע זאַך אויף דער וועלט ווי די תורה, און תורה האָט ביי אים געהייסן נישט אַ פּרשה חומש, נאָר גמרא, און גמרא און אַלץ וואָס

איז געשאפן געווארן ארום דער גמרא. עס איז ממש קיין גרעניץ נישט געווען ביי אים צו זיין אהבת תורה. ער איז אליין געזעסן ניינצן שעה אין מעת לעת און געלערנט און האט אויך געוואלט אז אלע זאלן אזוי לערנען. און טאקע מיט ליבשאפט, מיט איבערגעבנהייט. נאטירלעך דארף א ייד מקיים זיין אלע מצוות, נאר צו תלמוד תורה קומט קיין זאך נישט. דאס איז דער עיקר פון יהדות, דאס איז דער פונדאמענט אויף וואס עס האט זיך געשאפן און עס האלט זיך דאס פאלק ישראל און די יידישע אמונה. ער איז אפילו געווען א שארפער געגנער פון לערנען מוסר ספרים. ער האט געהאלטן, אז לערנען מוסר איז פונקט אזוי ווי ביטול תורה. ווי ווייט עס האט דערגרייכט זיין איבערגעבנהייט און ליבע צו דער תורה קאן מען זען דערפון וואס זיינע תלמידים דערציילן, אז ווען ער פלעגט אין דאווענען קומען צו די ווערטער „והאיר עינינו בתורתך" פלעגט ער זיך צעוויינען ווי א קליין קינד און טרערן פלעגן זיך גיסן פון זיינע אויגן.

און דאס איז אויך געווען די סיבה פארוואס ער האט אזוי ליב געהאט די ישיבה און די תלמידים פון דער ישיבה. ער האט ממש געקוואלן צו זען ווי מען לערנט. ער פלעגט מערערע מאל א נאכט זיך ארייגכאפן אין דער ישיבה און הערן ווי די בחורים לערנען. ער האט ליב געהאט דעם מתמיד, ווייל ער אליין איז געווען א גרויסער מתמיד. עס ווערט דערציילט אז ער איז איינמאל שפעט ביינאכט אריינ־געקומען אין דער ישיבה און זיך געשטעלט אין א זייט הערן ווי מען לערנט. גראדע איז אים אויסגעקומען צו שטיין הינטער א בחור'ל וואס האט געלערנט גמרא מיט פיינעם נגונ'דל. איז ער געשטאנען און געהערט און ער איז דערנאך אריין אין אזא התפעלות, ער איז געווארן אזוי באגייסטערט, אז ער האט דעם בחור'ל א גלעט געטאן אויפן קעפל און איז באלד אנטלאפן געווארן. ער האט זיך געפילט ווי פארשעמט. אז דער בחור'ל האט זיך אומגעדרייט און א קוק געטאן ווער דאס האט געטאן, האט ער דערזען אז דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער רבי אליין, דער ראש הישיבה, ר' הירש ליב.

און פונקט ווי גרויס ער איז געווען אין תורה איז ער גרויס געווען אין מדות. ער איז געווען דער גרויסער ענו, דער אמת'ער גרויסער צדיק, וואס האט נישט געוואלט נהנה זיין פון דער וועלט און נאר לעבן אין אן אטמאספערע פון לערנען. ער האט כמעט שטענדיק געפאסט. עס איז נישט געווען קיין טאג אן א תענית. אויף יעדער געשעעניש וואס האט פאסירט מיט יידן עפעס אן אומגליק, האט ער געפאסט. און ער האט שוין די אלע טעג געוואוסט און ער האט זיי אויך געזוכט. ער האט פאר זיך קיין זאך נישט געדארפט, אלץ וואס ער האט געטאן איז געווען פאר אנדערע — פאר די וואס לערנען, פאר די תלמידים פון דער ישיבה. ער האט די תלמידים ליב געהאט ווי זיינע אייגענע קינדער. ער האט זיך באצויגן צו זיי ווי א פאטער. ער האט זיי ארויסגעהאלפן אין נויט און האט זיך אינטערעסירט מיט יעדן בחור. ער פלעגט אפילו אין זינען האבן מבקר צו זיין א תלמיד ווען ער איז קראנק געווען. עס איז נישט געווען קיין איין זאך פארוואס ער זאל נישט האבן געזארגט בנוגע די תלמידים. ער האט אפילו אמאל זיינעם א תלמיד, וועלכער איז געווען נישט געזונט פאר יום כפור, געהייסן נישט פאסטן אום יום כפור. ער האט אים אין משך פון יום כפור'דיקן טאג עטלעכע מאל געפרעגט ווי ער פילט זיך און אים געראטן צו גיין עסן, בעת ער אליין, האט נאטירלעך קיינמאל נישט אויפגע־

הערט צו פאסטן. ער האט דאס אלץ געטאן ווייל ער איז געווען זיכער, אז דער וואס לערנט תורה מאהבה קאן איבערקערן וועלטן און קיין שום מלאך רע, קיין שום שטן ומשחית קאן אים אויף יענער וועלט נישט טאן דאס מינדעסטע שלעכט. מיט תורה קען מען קומען צום כסא הכבוד אליין. דערצו איז ער געווען די גוטס־קייט אליין. ער איז געווען א מזג טוב וואס איז כמוהו, אן עטישע דערשיינונג, וואס ווייזט זיך אויף דער וועלט זייער זעלטן.

דאס איז עס געווען דער גרויסער גייסט וואס האט געשיינט אין פאריקן יארהונדערט און וואס האט אויפגעהויבן דעם כבוד פון דער תורה און פאר־שפרייט דעם כבוד פון דער תורה אין דער יידישער וועלט.

## ב.

## זיינע עלטערן און זיין וואונדערבארע פרוי

ר' הירש ליב וואלאזינער איז געבוירן געווארן אין דער שטאט מיר, מינסקער גובערניע, אין יאר 1817. זיין פאטער ר' יעקב, וועלכן מען האט אויך גערופן ר' יעקב מירער, האט געהאט געשטאמט פון א לאנג און ברייט פארצווייגטער פאמיליע פון רבנים און גאונים און ס'ווערט דערציילט, אז ביי ר' הירש ליב'ן איז געווען באהאלטן דער סדר היוחסין פון דער משפחה אין דער פארם פון א בוים מיט צווייגן, וועלכע האבן געגנוי אנגעוויזן די גאנצע השתלשלות פון דער גרויסער משפחה, וועלכע זאל האבן דערגרייכט אזש ביז צו ר' אלחנן, איינער פון די בעלי התוספות. דער דאזיקער סדר היוחסין איז, לײדער, פארלוירן געגאנגען.

ר' יעקב איז געווען איינער פון די שענסטע טיפן בעלי בתים, וועלכע יידן האבן אמאל געהאט, און וועלכע זיינען שוין היינט זייער שווער צו טרעפן, און מעגלעך אז זיי זיינען שוין במעט נישט בנמצא. ער איז געווען א גרויסער סוחר, געפירט געשעפטן מיט „אויסלאנד", און איז דערביי געווען דער פיינער בעל תורה. זיין זון ר' הירש ליב האט שפעטער אין זיין בארימטן ווערק „העמק שאלה" אויף די שאילתות געבראכט א שטיקל תורה פון זיין נאמען און דאס אליין איז שוין א גענוגענדער באווייז אז ער האט געמוזט קאנען גוט לערנען. ר' יעקב האט זיך אבער מיט לערנען תורה אליין נישט באנוגענט. ער האט געשעצט די בעלי התורה, ער האט געשעצט די לומדים און רבנים. ער האט זאגאר ארויסגעגעבן פיל ספרים פון געוויסע לומדים, כדי צו פארשטארקן און פארשפרייטן תורה צווישן יידן. ער איז געווען זייער פרום און א מדקדק אין מצוות און האט געהאט א ווארעם עכט יידיש הארץ צו אלע ארעמע, צו אלע געפלאגטע און אונטערדריקטע און האט אלעמען אויפגענומען מיט א גרוים פריינטלעכקייט. ער האט געטאן פארן פרט און האט געטאן פארן כלל.

זיין אהבת התורה איז אויך געווען אויסערגעוויינלעך. די מעלה איז שפעטער אריבער צו זיין גרויסן זון ר' הירש ליב. אין מיר, ווי אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך, זיינען געווען חברה ש"ס, א חברה משניות, א חברה „עין יעקב" און פילע אנדער חברות וואס האבן זיך געהאט אפגעגעבן מיט תורה און אין אט די

אלע חברות איז ער געווען א מיטגליד, און אקטיווער מיטגליד. צוליב דער אנגע־העריקייט צו אזוי פיל חברות איז אים אפט אויסגעקומען צו זיין אויף „סיום׳ס״. ער איז אבער געגאנגען נישט סתם אלס גאסט. ער האט די אלע סיום׳ס אליין איינגעארדענט און צוגעגרייט פארשידענע מאכלים און משקאות כיד המלך און האט דערביי פאר אלץ באצאלט פון זיין אייגענער קעשענע.

זיין פרוי איז געווען די טאכטער פון ר׳ מיכאל אייזענשטאדט פון מיר, בתיה מירל, און דערפאר האט מען אים אין מיר גערופן אויך ר׳ יעקב מיכאל׳ס. ר׳ מיכאל איז אויך געווען א באדייטנדע פערזענלעכקייט, איינער פון די באוואוסטע אין זיין צייט. ער האט אויך געשטאמט פון בארימטע לומדים. אויף דער עלטער איז ר׳ יעקב אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, וואו ער איז אויך נאך א סך יארן נפטר געווען.

עס פארשטייט זיך, אז ר׳ הירש ליב האט אין אזא הויז באקומען די בעסטע דערציאונג וואס עס האט געקאנט געבן אין יענער צייט. עס ווערט געוויינלעך אנגעוויזן, אז אין דער יוגנט האט ר׳ הירש ליב נישט געהאט ארויסגעוויזן יענע געניאלע פייאיקייטן דורך וועלכע ער איז שפעטער אזוי בארימט געווארן. ער איז אבער געווען אן אויסערגעוויינלעכער מתמיד. ער האט זיך ממש פארשפארט אין די געצעלטן פון תורה און געהאלטן אין איין לערנען. מיט זיין התמדה איז ער געווען א מוסטער נישט בלויז אין די יונגע יארן אליין, נאר אויך אויף שפע־טער, אויף זיין גאנצן לעבן. מען דערציילט אויף אים, אז כדי צו זיין וואכזאם ביי דער נאכט פלעגט ער האלטן די פיס אין קאלטע שיסלען וואסער און אזוי פלעגט ער אפלערנען גאנצע נעכט. מען האט אים מערערע מאל געווארנט אז ער זאל נישט מאכן אזעלכע עקספערימענטן, וועלכע קאנען האבן א ווירקונג אויף זיין געזונט, אבער ער האט קיינעם נישט געהערט און זיך געטאן זיין ארבעט ווייטער. דורך אט דער גרויסער התמדה האט ער גובר געווען אלע שטערונגען און ער איז דערגאנגען צו אזא עמקות אין תורה פאר וועלכע די וועלט האט אים שפעטער פארוואונדערט. ער איז געווען קלאר אין אלע ראשונים און אלע אחרונים און עס איז נישט געבליבן קיין איין זאך, קיין איין איינציקער חידוש אין תורה וואס ער זאל האבן דורכגעלאזן.

צו דרייצן יאר אלט איז שוין ר׳ הירש ליב געווען באקאנט אין דער לומדות וועלט אלס א נייער „שטערן״, און דער באוואוסטער גאון ר׳ איצעלע וואלאזינער, דער זון פון ר׳ חיים וואלאזינער, האט אים באלד „צוגעכאפט״ פאר א חתן פאר זיין טאכטער ריינע בתיה. די דאזיקע ריינע בתיה איז געווען איינע פון די גאנץ ווייניק וואונדערבארע פרויען אין דער יידישער געשיכטע. זי איז געווען א גרויסע מלומדת. זי האט געקענט תנ״ך, משניות, עין יעקב, מדרשים און האט געהאט א סך ידיעות אין תורה בכלל. און זי האט דאס אלץ נישט בלויז געקענט, נאר זי פלעגט אויך שטענדיק זיצן און לערנען. זי פלעגט זיך ווייניק אפגעבן מיט שטוב־זאכן, דען זי איז געווען א שוואכע פרוי, אבער לערנען האט זי נישט אפ־געלאזן. איר הויפט דאגה איז געווען פאר וואס מען האט פון די פרויען צוגענומען פיל מצוות ווי תפילין, ציצית, סוכה, לולב, און דאס גלייכן. באזונדערע עגמת נפש האט זי געהאט פאר וואס מען האט פארבאטן פרויען לערנען תורה. ר׳ ברוך

עפשטיין, דער מחבר פון „תורה תמימה" דערציילט א העכסט אינטערעסאנטן ויכוח וואס ער האט געהאט מיט דער דאזיקער וואונדערבארער פרוי טאקע מכח דעם דאזיקן עניין פאר וואס מען האט פארבאטן א פרוי לערנען תורה. ר׳ ברוך האט איר אמאל געזאגט, וואס די חז"ל האבן אנגעזאגט, אז מען זאל לערנען תורה נאר מיט אזעלכן וואס איז אן ענו און וועגן די פרויען האבן די חז"ל אין ירושלמי באשלאסן אז זיי זיינען „שחצניות", דאס הייסט, בעל גאוה׳ס, טא ווער איז שולדיק אז מען האט פארבאטן. הייסט דאך אז די פרויען אליין זיינען שולדיק.

ריינע בתיה איז געווארן אן אויפגעקאכטע. — זאג מיר נאר, — האט זי זיך צו אים אפגערופן, — וואס האסטו זיך אזוי אנגעהויבןווארפן מיט ירושלמי׳ס. און תלמוד בבלי קענסטו שוין?

ר׳ ברוך איז געבליבן אין א פארלעגנהייט. עס האט זיך ארויסגעוויזן אז ער האט טאקע נאך תלמוד בבלי נישט געענדיקט און אז תלמוד ירושלמי האט ער אפילו נאך נישט געהאט אנגעהויבן. ער האט אבער דערקלערט, אז ער האט דעם מאמר געבראכט פון ר"ן אויפן אלפס אין נאמען פון ירושלמי. און פון דארטן, הייסט עס, ווייסט ער דעם ירושלמי.

זי האט אים אבער נישט אפגעלאזן און אים באלד אויפן ארט געבראכט א מאמר פון ירושלמי, אז ווען אימעצער באמערקט אז מען גיט אים אפ כבוד דערפאר וואס ער האט געלערנט צוויי מסכתות און ער ווייסט, אז ער האט געהאט געלערנט נאר איין מסכת, איז ער מחויב צו זאגן, אז ער האט געלערנט נאר איינע.

— דו, — האט זי ווייטער געזאגט, — האסט געבראכט דעם ר"ן אין נאמען פון ירושלמי און געזאגט האסטו מיר, אז דער „ירושלמי ברייננגט". קאן דאך זיין, אז ווען מענטשן זאלן דאס הערן, וואלטן זיי געקענט מיינען, אז דו האסט עס גענומען פון ירושלמי גופא. מחמת דעם ביזטו דאך געווען מחויב צו זאגן בפירוש פון פריער, אז דער דאזיקער מאמר איז פון ר"ן אין נאמען פון ירושלמי. אגב זאג מיר אקארשט פון וואנען ווייסטו עס, אז דאסווארט „שחצנית" איז טאקע גאוה?

ר׳ ברוך האט איר געענטפערט, אז ער אליין ווייסט טאקע נישט דעם אמת׳ן פירוש פון ווארט, אבער אזוי טייטשט עס אויס רש"י. די גמרא זאגט: „אנשי ירושלמי אנשי שחץ היו". מאכט רש"י: „מדברים בלשון גאוה".

ריינע בתיה האט זיך אבער נישט פארלוירן. זי האט אלץ געוואוסט. זי איז באלד אוועק און געבראכט די מסכת אבות דר׳ נתן און אים געוויזן. דארטן שטייט אזוי: בית שמאי זאגט, אז מען זאל לערנען נאר מיט א מענטשן וועלכער איז א חכם, אן ענו און אן עשיר. בית הלל ווידער זאגט, אז מען מעג לערנען מיט אלע מענטשן. עס זיינען געוועזן א סך זינדיקע ביי יידן, זיי האבן זיך אבער דערנענ־טערט צו דער תורה און עס זיינען פון זיי ארויס צדיקים, חסידים וכשרים...

אז זי האט אים פארגעלייענט אט דעם מאמר, האט זי אין כעס א זאג געטאן צו אים:

— ווי אזוי האסטו דא געוואלט אלץ פארדרייען, ווי אזוי האסטו דא געוואלט זיך שטיצן אויף בית שמאי, בעת יעדער חדר אינגל ווייסט אז אומעטום וואו עס איז א מחלוקה צווישן בית שמאי און בית הלל איז דער דין ווי בית הלל, און דא איז דאך בית הלל מתיר צו לערנען מיט אלעמען!

ר׳ ברוך האט זיך דא ווייטער געפילט אין א שלעכטער לאגע און האט איר ווידער געענטפערט אז דאס וואס ער האט איר געזאגט, ווייסט ער עס נישט פון מקור ראשון, דאס הייסט, פון אבות דר׳ נתן גופא, נאר פון א ספר, וואו דער מאמר ווערט געבראכט און יענער האט געבראכט נאר בית שמאי אליין.

הגם זי איז פריער געווען בייז אויף אים, נאר ווען זי האט דערזען אז ער איז דורכגעפאלען און איז אויפגערעגט, האט זי אים דאך געטרייסט און געזאגט, אז זי איז אים אלץ מוחל, דען אזעלכע זאכן טרעפן מיט גרויסע לומדים, נאר האט אים דאך געווארנט, אז ווייטער זאל ער זיין פארזיכטיקער.

ריינע בתיה האט זיך עטלעכע מאל מפלפל געווען מיט ר׳ ברוכ׳ן איבער דעם ענין און זי האט שטענדיק ארויסגעוויזן וואונדערבארע בקיאות און שיינע געדאנקן. אז ר׳ ברוך האט זיך פאר איר אמאל באקלאגט, אז זיין מאטעריעלע לאגע איז א שלעכטע, האט זי אים געזאגט דעם מאמר אין אבות: „פת במלח תאכל ומים בשמורה תשתה, וכ׳ו״, דען ערשט אויף אזא אופן קען די תורה אויפגעהאלטן ווערן. דערביי האט זי אים געזאגט: דער תנא האט דא געזאגט „כך דרכה של תורה״ און האט נישט געזאגט „כך משפט אדער כך חוק התורה״. דערמיט האט דער תנא געוואלט זאגן אז „כך דרכה של תורה״ מיינט בעת מען גייט אויפן וועג צו לערנען תורה. דאמאלס איז דאס לעבן נישט פריילעך, דאמאלס איז „פת במלח תאכל וכ׳ו״. אזעלכע מענטשן גייען דאך אבער נישט אייביק. זיי גייען אזוי לאנג ביז זיי קומען צום ציל און ווערן אנגעלאדן מיט תורה און דאמאלס הויבן זיי שוין אן צו לעבן גוט.

אזא פרוי האט געקאנט אויפגעצויגן ווערן נאר אין הויז פון ר׳ איצעלע וואלאזינער און זי איז עס געווען די פרוי פון ר׳ הירש ליב׳ן.

## ג.

## די גרינדונג פון דער ישיבה

די וואלאזינער ישיבה, פון וועלכער ר׳ הירש ליב איז שפעטער געווארן דער ראש ישיבה, איז געווען איינע פון די איינפלוסרייכסטע לער־אינסטיטוציעס אין רוסלאנד, און איר נאמען איז געווען באקאנט אין דער גאנצער וועלט. זי האט דירעקט געשאפן פיל גאונים, רבנים און לומדים, וואס האבן מיט זייער כח התורה אויסגעאיבט אן איינפלוס אויפן יידנטום אין א משך פון עטלעכע דורות און האט אויך מיט איר רוהם געהאט אן איינפלוס אויף יענע יידן וועלכע זיינען געווען צעזייט און צעשפרייט איבער דער וועלט.

די דאזיקע ישיבה האט אין משך פון איר לאנגער עקזיסטענץ דורכגעמאכט דעם זעלבן גורל ווי דאס יידישע פאלק אליין. זי האט קיינמאל קיין רו נישט געהאט. מען האט איר נישט געלאזן אטעמען, מען האט איר גע׳רודפ׳ט, מען האט אויף איר ארויסגעגעבן גזרות, מען האט זי מערערע מאל צוגעמאכט און מערערע מאל געעפנט. די פירער פון גרויסן רוסלאנד מיט אירע „מיניסטערסקע

קעפ" האבן איינמאל געהאט געזען אין דער ישיבה א גליק פאר רוסלאנד דערמיט וואס זי שאפט טרייע איבערגעגעבענע אונטערטאנען פארן „קייזער און פאטער־לאנד", און אמאל איז זיי אריין א משוגעת אין קאפ און באטראכט די ישיבה אלס א געפערלעכע אינסטיטוציע דערפאר וואס מען באשעפטיקט זיך דארטן מיט אזעלכע „פינסטערע" למודים ווי „טאלמוד", וועלכער איז פול מיט האס קעגן קריסטענטום און קעגן די גוים בכלל, ווי עס האבן זיי געהאט איינגערעדט די שונאי ישראל, סיי פון די גוים און סיי פון די יידישע משומדים. די רוסישע „מיניסטער־סקע קעפ" האבן איינגעזען אין דער ישיבה א מין שטארקן געגן־כח צו אסימילאציע און צו שמד, און שמד איז דאך אייגנטלעך שטענדיק געווען די כוונה פון דער מאכט. בעת עס איז ענטשטאנען די השכלה באוועגונג אין רוסלאנד זיינען אפילו פיל יידן געווען קעגן דער ישיבה, יעדנפאלס אין דער פארם ווי זי איז געווען. מען האט געוואלט אז די ישיבה זאל אפגעבן צייט אויך פאר וועלטלעכע למודים. די רעגירונג, וועלכע האט פלוצים געוואלט נעמען „אויסצובילדן" די יידן, כאטש דאס רוסישע פאלק איז געלעגן פארטרונקען אין אומוויסנהייט און האט אפילו נישט געוואוסט ווי מען דארף אונטערשרייבן א נאמען, האט פשוט געוואלט דער־נענטערן די יידן צום קריסטענטום און אזוי ארום אריינכאפן די יידישע נפשות. די משכילים, וועלכע זיינען אויך געווען דערפאר אז מען זאל די יידן אויסבילדן, מיינענדיק דערמיט צו לייזן אין א געוויסן גראד די יידן־פראגע, האבן די דאזיקע סכנה פארן יידנטום נישט געזען. דער גרויסער קעמפער פאר בילדונג, מאקס ליליענטאל, איז געווען אויסדריקלעך דערפאר אז יידן זאלן זיך בילדן און לערנען שפראכן כדי נישט צו זיין אזוי סעפארירט, אזוי אפגעזונדערט פון דער באפעל־קערונג פון לאנד, וואס שאפט אזוי פיל מיספארשטענדנישן און חשדים, און ער איז געווען זיכער, אז דאס וועט זיין א טובה פאר יידן. אבער אט דער פייערדיקער קעמפער האט שפעטער געמוזט אנטלויפן פון רוסלאנד ווען ער האט זיך דער־וואוסט אין די הויכע רוסישע קרייזן, מיט וועלכע ער איז געשטאנען די גאנצע צייט אין נאענטער פארבינדונג, אז דער ציל פון דער רעגירונג איז נאר אסימי־לאציע און שמד. מאקס ליליענטאל איז געווען צו ערלעך און אויפריכטיק צו פארלייקענען אזא פאקט. דען בעת ער איז געווען געפארן אין די יידישע שטעט אגיטירן פאר זיין אידייע, האט ער די רבנים און פרומע בעלי בתים פארשפראכן אז ער וועט אוועקגיין פון דער זאך אויב די רעגירונג מיינט נישט דאס וואס זי זאגט. און ער האט עס אזוי געטאן. א סך משכילים האבן דאס אפילו אויך שפע־טער נישט פארשטאנען און אפשר נישט געוואלט פארשטיין. די ארטאדאקסישע יידן האבן, קענטיק, געהאט א בעסערן חוש און זיי האבן געפילט וואס פאר א סכנה עס גייט אן אויף זיי מצד דער רעגירונג, און דערפאר האבן זיי אזוי שטארק געקעמפט קעגן דעם. די ישיבה איז דאריבער אפט געווען ווי א דארן אין די אויגן פון די רוסישע מיניסטארן און גוּבערנאטארן און מען האט זי דאריבער געהאלטן אין איין רודפ'ן, אין איין פייניקן.

ר' חיים וואלאזינער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט. זיין גאונות אין לערנען האט ער געהאט געגומען ארויסוויזן אין דער סאמע פרי־סטער יוגנט, דען נאך איידער ער איז געווארן בר מצוה האט ער שוין געהאט

געלערנט ביים גרויסן ר׳ רפאל האמבורגער, וועלכער איז דאמאלס געווען רב אין מינסק. מיט א פאר יאר שפעטער האט זיך ר׳ חיים צוריקגעקערט אין זיין געבורטסשטאט וואלאזין און ער האט דארטן אנגעהויבן ווייטער לערנען ביי נישט קיין קלענערן גאון ווי דער בעל „שאגת אריה" וועלכער איז דאן צום צווייטן מאל געווען רב אין וואלאזין. די דאזיקע צוויי גאונים אלס רביים זיינען אים קענטיק געווען ווייניק. ער האט געוואלט לערנען ביים ווילנער גאון אליין. דאס הייסט נישט נאטירלעך, אז ער איז שטענדיק געזעסן אין ווילנע און געלערנט ביים ווילנער גאון. דאס איז קיינמאל נישט געווען, ווארום דער ווילנער גאון האט נישט געהאט קיין ישיבה און האט נישט געזאגט קיין שיעורים. ר׳ חיים פלעגט אבער קומען צום גאון א פאר מאל א יאר אנגעלאדן מיט קשיות אויף געוויסע שטעלן אין תלמוד און ער פלעגט זיך מכח אט די קשיות מתוכח זיין מיטן גאון. אזוי האט זיך ר׳ חיים נוהג געווען פאר צוואנציק יאר נאכאנאנד און פון דעם שטאנדפונקט קאן מען שוין זאגן, אז ער איז געווען דעם גאונ׳ס א תלמיד. דען ער האט אלע גרויסע חידושים און די גאנצע שיטה פון לערנען איבערגענומען פון ווילנער גאון.

אויב אבער ר׳ חיים האט געהאט איבערגענומען פון גאון דעם סדר הלמוד און א סך תורה, איז זיין הנהגה שוין געווען אן אנדערע ווי דעם גאונ׳ס. דער גאון איז כל ימיו געווען אפגעזונדערט פון דער וועלט, האט גארנישט געוואלט וויסן וואס עס קומט פאר ארום אים. ער איז געזעסן פארשפארט און געלערנט. ר׳ חיים איז שוין געווען א וועלטלעכער מענטש, ער האט זיך אינטערעסירט מיטן יידישן לעבן, ער האט געזארגט פארן כלל, ער האט שוין אויך געהאט אנגענומען רבנות. די ערשטע רבנות האט ער באקומען אין זיין אייגענער שטאט וואלאזין דורך דער רעקאמענדאציע פון ר׳ רפאל האמבורגער, וועלכער איז געווען דורכגעפארן וואלאזין. שפעטער איז ער געווארן רב אין ווילקאמיר, נאר צוליב די גרויסע מחלוקות וואס האבן געהאט אויסגעבראכן אין שטאט צוליב אים, איז ער אוועק קיין וואלאזין וואו מען האט אים ווידער אויפגענומען מיט גרויסן כבוד און אזוי איז ער שוין דארטן געבליבן כל ימיו.

אויסער גרויסער גאון אין תורה, איז ר׳ חיים אויך געווען א זעלטענער חכם און גרויסער ענו. ער האט זייער גוט געקענט מענטשן. ער האט געקאנט דערקענען מענטשן. ער איז געווען א גרויסער בעל מדות. כאטש אין לערנען האט ער קיינמאל געשוינט די גרעסטע אויטאריטעטן, די ראשונים און אחרונים, האט ער אבער אין לעבן קיינמאל נישט באליידיקט קיין מענטשן. ער איז געווען א נכנע פאר פראסטע מענטשן אפילו. ער האט געשטיצט יתומים און אלמנות, ער פלעגט זיך מישן צווישן מענטשן ווי א פראסטער מענטש. זיין שטוב איז אן אפענע טיר פאר אלעמען. און ער האט אפילו קיינמאל נישט געחתמ׳עט זיין נאמען אלס אב"ד. אויף פיל תשובות פלעגט ער זיך זאגאר אונטערשרייבן אלס „מלמד פון וואלאזין".

עס מעג אפילו אויסקומען אביסל מאדנע, אבער ס׳איז דאך א פאקט, אז אין זיין צייט איז דער למוד התורה געווארן שוואך. די בתי מדרשים זיינען געווארן ליידיקלעך, וואו אויסער ביי די גבירים, זיינען אין די שולן קיין גאנצע ש"ס׳ן נישט געווען. מען האט עס פשוט נישט געדארפט. די סיבה דערפון איז געווען

וואס די יידן זיינען געוואָרן שרעקלעך פאַראָרימט. די דאגות פּרנסה איז געוואָרן זייער גרויס. עס איז שווער געווען צו מאַכן אַ לעבן. דערביי האָט נאָך די רעגירונג אַליין אויך שטאַרק געדריקט און געקוועטשט די יידן, און די ערשטע וואָס האָבן געהאַט געליטן פון די רדיפות זיינען געווען די מאַסן, דער ברייטער עולם. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט זיי דאָס לערנען נישט געקאָנט קריכן אין קאָפּ. אויסער דעם האָט זיך דאַן געהאַט שטאַרק פאַרשפּרייט די חסידות, וועלכע האָבן געלייגט דעם שוואַרפּונקט אויף מוסר, אויף עבודה. די פאַרנאַכלעסיגונג פון לערנען איז נישט געקומען דערפון וואָס מען האָט געגומען קוקן פרייער אויף דער וועלט, נאָר ווייל מען איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג — אויפן וועג פון מיסטיציזם. דערצו זיינען נאָך דעמאָלט געווען אויסגעבראָכן גרויסע מחלוקות צווישן חסידים און מתנגדים און דאָס פייער פון מחלוקות האָט זיך געהאַט אַזוי שטאַרק צעפלאַקערט, אַז עס איז גאָר כמעט קיין צייט נישט געווען ווען צו לערנען.

ר' חיים וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון תורה, וועלכער האָט, ווי דער ווילנער גאון, געבויט די יידישקייט נאָר אויף תורה, נאָר אויף לערנען, האָט מיט זיין שאַרפן אויג באַמערקט, אַז אויב דאָס זאָל גיין אַזוי ווייטער קאָן קומען דערצו, אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן, אַז די בתי מדרשים וועלן אָנהויבן פוסטעווען, און ער האָט באַשלאָסן אויפצובויען די געצעלטן פון תורה. ער האָט דאַן באַשלאָסן צו גרינדן אַ ישיבה.

די דאָזיקע ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהויב פון נייצנטן יאָרהונדערט. געוויינלעך איז אָנגענומען, אַז די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1813. עס זיינען אָבער פאַראַן באַווייזע, אַז די ישיבה האָט שוין געהאַט עקזיסטירט מיט אַ צייט פריער. יעדנפאַלס איז באַקאַנט, אַז אין יאָר 1813 האָט דער ווילנער־גענעראַל־גובערנאַטאָר ארויסגעגעבן ר' חיים וואָלאָזינערן אין נאָמען פון קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַ שוץ־בריף, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז זיין מאַיעסטעט דער קייזער האָט באַפוילן צו אַלע מיליטערישע קאָמאַנדאַנטן און אַלע הויכע מיליטערישע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן שיצן „דעם וואָלאָזינער אויבער־ראַבינער היים איצקאָוויץ", ווי אויך זיין ישיבה, פון באַליידיגונגען און אונטערדריקונגען, און אַז זיי וועלן אים, דעם „אויבער־ראַבינער" געבן שוץ און הילף. אויב דאָס וועט נישט אויסגעפירט ווערן ווי געהעריק וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערן. וועד דאָס האָט געקאָנט אויס'פּועל'ן ביים קייזער אַזאַ שטאַרקן באַפעל, איז נישט באַקאַנט. ער האָט אָבער לאַנג אָנגעהאַלטן אין קראַפט.

ד.

## דער ערשטער ראש הישיבה

דער ערשטער ראש הישיבה פון וואָלאָזשין איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער גרינדער פון דער ישיבה, ר' חיים אַליין. וועלענדיק אויסמיידן טומל און איבריקע הוצאות, האָט ר' חיים צוערשט געגרינדעט אַ גרופּע פון צען וואָלאָזשינער לומדים,

פאר וועלכע ער האט געהאט געזאגט א שיעור. עס האט אבער נישט לאנג געדויערט און ר׳ חיים׳ס „שיעורים״ האבן אנגעהויבן קלינגען אין דער סביבה און דער עולם לומדים האט זיך א לאז געטאן קיין וואלאזשין הערן תורה פון ר׳ חיים׳ן.

בעת ר׳ חיים האט זיך געהאט געהאלטן ביי זיין באשיידענער גרופע פון א פאר מניגים יידן, האט ער זיי אויסגעהאלטן אויף זיין אייגענעם חשבון. דען א חוץ זיין גרויסע גאונות אין לערנען, איז ער אויך געווען א גרויסער סוחר און גרויסער גביר. ער האט זיינע תלמידים געגעבן געלד אויף אלע הצטרכות׳ן, אויף עסן, וואוינונג און קליידער. שפעטער אבער, ווען די ישיבה האט זיך אנגעהויבן פאנאנדערוואקסן און פון זמן צו זמן פלעגן צוקומען אלץ נייע בחורים און ער אליין איז שוין נישט געווען בכח זיי אלעמען אויסצוהאלטן, האט ער שוין געמוזט אנקומען צום ברייטן עולם און אויך צו יחידים. די ווענדונג פון אזא גאון און צדיק ווי ר׳ חיים, האט געמאכט א רושם אויף געוויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האבן אויסגעדריקט זייער וואונטש די ישיבה צו שטיצן. צווישן די, וועלכע האבן זיך אפגערופן אויף ר׳ חיים׳ס בריף, איז געווען אויך דעם ווילנער גאונ׳ס זון, ר׳ אברהם, און אויך דער באוואוסטער גאון און גביר, ר׳ יהושע צייטלין, אדער ווי מען האט אים גערופן ביי יידן, דער „שר צייטלין״, צוליב זיין גרויסער באקאנטשאפט מיט דער רוסישער רעגירונג.

א חוץ דעם דאזיקן אויפרוף האט ר׳ חיים אנגעהויבן ארויסשיקן משולחים אויף צו קלייבן געלט פאר דער ישיבה און עס האבן זיך געפונען פיל מנדבים. צווישן אט די מנדבים איז געווען אויך איינער א רייכער ישוב׳ניק. עס ווערט דערציילט, אז ווען די הכנסה האט אנגעהויבן ווערן קלענער, האט א משולח איינגערעדט ר׳ חיימ׳ען, אז ער זאל אים קויפן שענערע קליידער, כדי די מנדבים זאלן האבן מער כבוד פאר אים און ער וועט אזוי ארום קריגן מער געלט. אויך האט ער אים פארגעלייגט, אז ער זאל אים קויפן א פערד מיט א בריטשקע, כדי ער זאל נישט דארפן פארלירן קיין צייט. ר׳ חיים האט זיין בקשה ערפילט. אז דער משולח איז איין טאג געקומען צום ישוב׳ניק נעמען די נדבה, האט ער אים ערקלערט, אז ער וועט אים נישט געבן, ווייל ער גייט צו־שיין אנגעטאן און פארט ארום אין א בריטשקע. אז דער משולח איז צוריקגעקומען, האט ער עס דערציילט ר׳ חיימ׳ען. דאן האט ר׳ חיים אליין באשלאסן צו פארן צו אים. דער ישוב׳ניק האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אז ר׳ חיים האט געפרעגט דעם ישוב׳ניק פארוואס ער האט נישט געגעבן, האט ער אים געענטפערט: רבי, ביז איצט האב איך געדענקט, אז דאס געזאמלטע געלט גייט פאר די ישיבה־בחורים. דערפאר האב איך געגעבן די נדבה. אבער איצטער, אז איך האב דערזען, אז מען גיט דאס געלט אויס אויף שיינע בגדים פארן משולח און אויף א שיינע בריטשקע און גוטן פערד, וויל איך אויף אזעלכע זאכן נישט געבן.

דערויף האט אים ר׳ חיים געענטפערט:

— אין דער תורה שטייט, אז בצלאל האט געהאט אין זיך א געטלעכן גייסט און האט געוואוסט אלע חכמות און איז אויך געווען א מייסטער אויף זילבער, גאלד און קופער אויסארבעטונגען. איז דאך אייגנטלעך א שטיק וואונדער. וויבאלד בצלאל איז געווען אזא גרויסער מענטש, טא וואס איז די גרויסקייט מיט

אים, אז ער האט געקאנט מאכן גאלדענע צאצקעס? די מעשה דערפון איז אבער אנדערש. באמת איז דאך יעדער איינער געווען גערעכט, ווען ער האט גע־וואלט, אז מיט זיין נדבה זאל מען איינקויפן די הייליקסטע זאכען אין משכן און נישט די פּראָסטערע זאכן. דעריבער לויבט די תורה בצלאל'ן דערמיט, וואס ער איז געווען א חושב מחשבות ביי די גאלד־ און זילבער־אויסארבעטונגען, דאס הייסט, אז ער האט געקאנט אריינדרינגען אין די כונות פון מנדב. האט ער געגעבן די נדבה מיטן גאנצן הארצן, האט ער באנוצט זיין זילבער פארן קדשי הקדשים. טאמער האט ער אבער געפילט, אז דער מנדב האט דערביי געהאט כונות פון כבוד און גאוה, האט ער זיין גאלד און זילבער באנוצט אויף אנדערע זאכן, וואס זיינען נישט אזוי הייליק. דאס זעלבע איז מיט דיר. אויב דו גיסט דאס געלט מיט א ריינעם געוויסן, אן שום פניות, וועט עס זיכער גיין אויף אויסצוהאלטן די ישיבה. אויב איינער אבער גיט געלט צוליב כבוד, דאן וועט עס גיין פארן משולח מיט זיין ברישקע. אן אנדער נדבה קאן גאר אוועקגיין פאר היי צו קארמענען דאס פערד.

דער ישוב'ניק האט חרטה געהאט און ער האט ר' חיים'ען געגעבן די גויטיקע נדבה.

צוליב דער גרויסער התעוררות, וואס ר' חיים'ס בריף האט ארויסגערופן, האבן אנגעהויבן אין וואלאזשין קומען בחורים פון מרחקים און די ישיבה האט דערגרייכט ביז הונדערט תלמידים. דאן האט שוין ר' חיים באשלאסן צו בויען א ספּעציעלן בנין פאר דער ישיבה. עס ווערט דערציילט, אז בעת מען האט גע־לייגט דעם ווינקלשטיין פאר דער ישיבה איז ר' חיים שיר נישט אויסגעגאנגען פון געוויין. דאס איז אבער געווען דער געוויין פון אויסערגעוויינלעכער שמחה, וואס עס בויט זיך א הויז פאר דער תורה.

אלס ראש ישיבה איז ר' חיים געגאנגען אין דעם וועג פון זיין רבי'ן דעם ווילנער גאון. ער האט נישט געזוכט צו פארפלאנטערן אן ענין מיט פּלפּולים. ער איז געגאנגען גראד. דערצו איז ביי אים געווען דער לימוד פון גמרא דער עיקר. ער פלעגט אליין אפט זאגן: „די וועלט האלט, אז דער, וואס לערנט פסוקים אן גמרא, איז ווי מען עסט פיש אן פעפער, און איך זאג, אז דאס איז פונקט ווי מען עסט פעפער אן פיש". אלץ וואס ר' חיים האט געזאגט, אלע זיינע חידושים זיינען ארויסגעבראכט געווארן מיט לאגיק, מיט טיפער פארשטענדניש. עס ווערט אויך דערציילט אז ר' חיים איז געווען אן אויסגעצייכנטער פּעדאגאג. ער איז געווען א גרויסער פּסיכאלאג. ער האט געקאנט ריכטיק אפּשאצן א מענטשן. דערצו האט ער זיך אלץ באמיט זיינע תלמידים אויסצובעסערן מאראליש, זיי זאלן זיין באשיידן, זיי זאלן זיין פרום. ער האט זייער ליב געהאט די תלמידים זיינע. ער פלעגט איינלאדן יעדן שבת צו זיך די „גוטע קעפּ" און פלעגט מיט זיי ביים טיש זאגן שיינע ווערטלעך איבער עטיק און דאס איז געווען געטאן מיטן צוועק איינצו־פלאנצן אין זיי שיינע מדות.

די ישיבה האט דערוויל זיך צעוואקסן און האט אנגעהויבן ווערן בארימט אומעטום מיט איר גרויסקייט אין תורה און מיט אירע וואונדערבארע תלמידים. און באמת זיינען, נאך א קורצער צייט, פיל פון די תלמידים שפּעטער געווען די בארימטסטע גאונים פון זייער דור. ר' יוסף זונדעל פון סאלאנט, ר' יוס'ל פון

סלוצק, ר׳ דוד טעוועל פון מינסק, ר׳ יעקב פון קארלין און נאך פיל אנדערע, וועלכע האבן אין זייער צייט גע׳שמ׳ט אין דער וועלט מיט זייערע גאונות און מיט זייער חכמה. און ס׳איז אין א געוויסן זין אויך קיין וואונדער נישט, וואס וואלא־זשין איז דעמאלט געווען א נעסט פון אזעלכע שארפע מחות. דען בעת איינער האט געוואלט אנקומען אין דער ישיבה, האט ער געמוזט דורכגיין אן עקזאמען. מען האט נישט אריינגענומען אין דער ישיבה סתם ישיבה בחורים, וועלכע קאנען אביסל לערנען. דארטן האט מען ביים אנקומען געמוזט קענען א סך לערנען און טיף לערנען. מחמת דעם זיינען שוין אין ישיבה אריין יחידי סגולה. ר׳ חיים האט זיך נישט געיאגט נאך א סך תלמידים. ער האט געוואלט גוטע סחורה, ער האט גע־וואלט ווייניק אבער עכט, פון א גוטער קוואליטעט. דערפאר דערציילט מען, אז ווען אימיצער האט געוואלט דערציען זיין קינד צו זיין א למדן און אן איידעלער מענטש, פלעגט מען אים זאגן: „שיק אים קיין וואלאזשין”. דער טיפ ישיבה בחור פון וואלאזשין פון יענער צייט איז געווען פון א העכערן קאליבער. א וואלא־זשינער ישיבה בחור איז געווען א גרויסער למדן, אבער גלייכצייטיק אויך אן אריסטאקראט.

ר׳ חיים האט געלעבט מיט דער ישיבה, דאס איז געווען זיין איינציקער אידעאל, זיין איינציקער נחת. ער האט איינגעארדנט א משמור יעדע נאכט, אפילו שבת און יום טוב האבן די דאזיקע משמורים נישט אויפגעהערט און ער אליין פלעגט אפילו אפט אריינכאפן זיך ביידערנאכט צו זען ווי אזוי מען לערנט. די דאזיקע משמורים זיינען שוין פון דעמאלט געבליבן אין וואלאזשינער ישיבה אלס א שטענדיקע אינסטיטוציע.

## ח.

## דער צווייטער ראש הישיבה

אז ר׳ חיים וואלאזשינער איז אין יאר 1821 געשטארבן איז די ליטונג פון דער ישיבה איבערגעגאנגען צו זיין זון ר׳ איטשעלע און צו זיין איידים ר׳ הלל, וועלכער איז שפעטער געווארן רב אין גראדנא אויף דער שטעלע פון זיין פאטער ר׳ שמחה. ר׳ הלל האט נאך געהאט געזאגט א שיעור אין דער ישיבה בעת ר׳ חיים האט געהאט געלעבט אין א משך פון צוועלף יאר.

ר׳ איטשעלע איז געווען געראטן אין טאטן מיט לומדות, ער איז אבער גלייכצייטיק געווען אויך א וועלטלעכער מענטש. ער איז געווען א מאן מיט פיינעם טאקט און גרויסער ערפארונג. ער האט געהאט א שארפן אויג און טיפע וויזיע סיי פאר מענטשן און סיי פאר געשעענישן. ער האט פארשטאנען די וועלט און האט געקאנט זען זאכן פאראויס. לויט ווי מאקס ליליענטאל, דער באוואוסטער כלל טוער אין רוסלאנד, דערציילט, האט ר׳ איטשעלע גערעדט דייטש, רוסיש און פויליש זייער פליסיק, כאטש די ליטעראטורן פון די דאזיקע שפראכן האט ער אפנים נישט געוואוסט.

דער סדר הלמוד אין דער ישיבה איז געווען: גאנץ פרי דאווגען בצבור. נאכן דאווגען האט ר' איטשעלע מבאר געווען א שטיקל חומש פון דער סדרה פון דער וואך מיט דער הפטורה לויט דעם פירוש רש"י און אויך אייגענע פירושים. עס ווערט דערציילט, אז ער האט באנוצט צו זיינע פירושים דעם באור פון מענדעלסאן. דאן האבן זיך די תלמידים מכין געווען צום שיעור. פון צען ביז צוועלף האט מען געזאגט דעם שיעור. אין די שפעטערדיקע יארן ווען ר' איטשעלע האט זיך געפילט שוואכער האט שוין אים אפט ארויסגעהאלפן זיין איידים ר' לייבעלע, דאס הייסט, ר' הירש לייב. נאכמיטאג האבן די ישיבה בחורים געלערנט „פאר זיך" ביז מנחה. נאך דעם האט מען געלערנט פוסקים. נאך אווענט־ברויט האבן די ישיבה־בחורים געלערנט אליין ביז צוועלף ביינאכט און אנדערע פלעגן בלייבן אויף א משמר ביז שפעט אין דער נאכט און פלעגן בלייבן שלאפן אין דער ישיבה אויף די הארטע בענק.

אין יאר 1824 האט די רעגירונג אן א שום סיבה די ישיבה פארמאכט. אבער די למודים אין דער ישיבה זיינען אנגעגאנגען ווייטער. סיי די ארטיקע מאכט, סיי די פעטערבורגער רעגירונג האט געוואוסט, אז די ישיבה איז אפן און אז מען לערנט דארטן, אבער זיי האבן נישט געטשעפעט.

עס האט זיך אבער שפעטער געמאכט א צופאל און ר' איטשעלע האט ווידער ארויסגעפועל'ט, אז מען זאל די ישיבה דערלויבן אפיציעל צו עקזיסטירן. דאס איז געווען אין יאר 1843. מיט א צייט פריער האט זיך אין רוסלאנד אנגעהויבן א באוועגונג מען זאל זען יידן „אויסבילדן". עס הייסט צו זאגן, אז די הונדערט מיט פופציק מיליאן פויערים זיינען שוין געווען פאלקאם אויסגעבילדעט און יעדערער פון זיי האט שוין געקאנט זיין א פראפעסאר. הינטערשטעליק אין בילדונג זיינען געבליבן בלויז די יידן, און די רוסישע רעגירונג האט נעבעך געהאט דערפון גרויס עגמת נפש. מחמת דעם האט דער דעמאלטיקער בילדונגס־מיניסטער גראף אובאראוו געזען צו ארבעטן, אז מען זאל עפענען פאר יידן שולן מיט אלגעמיינער בילדונג. אים צו הילף איז דעמאלט געקומען דער ענערגישער טוער פון יענער צייט דר. מאקס ליליענטאל, וועלכער איז געווען פרעדיקער אין ריגא. גראף אובאראוו האט אים געגעבן א פרייע האנט צו טאן אלץ וואס ס'איז מעגלעך אבי צו געווינען די סימפאטיע פון די יידן, פון די פרומע יידן, פאר דער אידייע. ליליענטאלן איז די שליחות נישט אנגעקומען אזוי לייכט. אומעטום האט מען אים באמבארדירט מיט שאלות מכח די אמת'ע כוונות פון דער רעגירונג פארוואס זארגט זי נישט ווענן די אויסבילדונג פון די רוסן? פארוואס וויל זי דווקא בילדן די יידן? פארוואס זארגט נישט די רעגירונג, אז יידן זאלן לעבן ווי מענטשן? פארוואס יאגט מען זיי? פארוואס פייניקט מען זיי? ליליענטאל האט געענטפערט, אז ער קאן אויף די אלע קשיות קיין ענטפער נישט געבן. ער ווייסט נאר, אז מכח בילדונג האט די רעגירונג נישט קיינע שום בייזע כוונות. און אויב ער זאל געוואויר ווערן, אז די רעגירונג האט באהאלטענע כוונות בנוגע די יידישע אמונה וועט ער אליין באלד אוועק פון דער רעגירונג.

כדי באמת צו באווארענען, אז ס'זאל פארקומען א באראטונג פון א קאמיסיע פון רבנים וואס זאלן אויסארבעטן דאס פראגראם פאר וועלטלעכע למודים, איז

ליליענטאל אוועק צו די גרעסטע גאונים פון יענער צייט — ר' איטשעלע וואלא־זשינער און ר' מענדעלע ליובאוויטשער. ליליענטאל דערציילט, אז ר' איטשעלע האט אים אויפגענומען זייער פריינטלעך און אים צוגעזאגט צו שטיצן אין זיין ארבעט, ווייל ער אליין דענקט אויך, אז יידן מוזן זיך בילדן. פון דער אנדער זייט ווערט אבער געזאגט, אז ר' איטשעלע איז געווען קעגן דעם פלאן און זאל האבן ערקלערט ליליענטאל'ן, אז ער איז אלט און שוואך און פאר אים איז אזא ווייטע נסיעה קיין פעטערבורג זייער שווער. ער האט דעריבער פארגעלייגט, אז אנשטאט אים זאל בעסער פארן ר' דוד'ל ביכאווער. עס ווערט אויך דערציילט, אז אויך ר' מענדעלע האט זיך געהאט אפגעזאגט. עס שיינט, אז זייערע טענות האבן נישט געהאלפן און זיי זיינען געפארן. באמת איז דאס נישט געווען קיין רבנים קאמיסיע, ווארום אין איר איז אריין אויך ר' בצלאל שטערן דער דירעקטאר פון אדעסער שול און דער באוואוסטער באנקיר פון בערדיטשעוו האלפערן, א חוץ דעם זיינען געווען אייניקע רעגירונגס־באאמטע אבער סוף־כל־סוף איז די קאמיסיע זיך צוזאמענגעקומען אין מאי 1843 און האט געארבעט ביזן חודש אויגוסט. די רבנים האבן געקעמפט פארן אלטן חדר און אויך קעגן דעם, אז די רעגירונג זאל אכטונג געבן אויף די חדרים. סוף־כל־סוף איז געקומען צו א שטיקל פשרה. עס הייסט, אז די רבנים זיינען מסכים אויף קאזיאנע שולן און די רעגירונג איז מסכים, אז מען זאל לערנען גמרא. די רעגירונג, ווי אלע דעספאטישע רעגי־רונגען, האט נישט געהאלטן קיין ווארט און האט זיך טאקע אפן ארויסגעזאגט, אז איר ציל איז צו „דערנענטערן" די יידן צו די קריסטן. דא איז שוין פאר אלעמען קלאר געווארן וואס די רעגירונג וויל און מאקס ליליענטאל איז געווען גענוג ערלעך און איז אנטלאפן פון רוסלאנד קיין אמעריקע. יעדנפאלס זייענדיק אין פעטערבורג האט ר' איטשעלע אויסגענוצט די געלעגנהייט וואס ער איז באקאנט געווארן מיט הויכע רעגירונגס־באאמטע און מיניסטארן, און האט צוגעשטעלט דער רעגירונג א קאפיע פון דעם בארימטן קייזערלעכן שוץ־בריף וואס איז געגעבן געווארן זיין פאטער אין יאר 1813 מכח דער ישיבה, וועלכע האט שוין אייגנטלעך געהאט עקזיסטירט נישט אויף א לעגאלן אופן נאך פון יאר 1803 און א סברא, אז נאך פון פריער. ר' איטשעלע האט פארלאנגט, אז מען זאל אויף דעם דאזיקן פאפיר מאכן א באמערקונג, אז ער איז צוגעשטעלט געווארן צו דער רעגירונג, און אז ער איז באשטעטיקט געווארן. דער בילדונגס־מיניסטער גראף אובאראוו וועלכער האט געוואלט ארויסווייזן זיין פריינטשאפט צו אזא גרויסן גאון, האט זיין בקשה באלד ערליידיקט, און אויף אזא אופן האט די ישיבה, וועלכע איז א פאר צענדליק יאר געווען אפיציעל פארבאטן, צוריק באקומען אויף אן אפיציעלן אופן אירע געזעצלעכע רעכטן צו פונקציאנירן.

ר' איטשעלע איז געווען זייער באליבט אין זיין דור. ער האט געקאנט די וועלט און די יידישע נויט און האט אויף יעדער אקציע לטובת הכלל שטענדיק זיך אפגערופן מיט ווארימקייט און מיט מעשים. ער האט זיך גוט פארהאלטן בנוגע די משכילים, וועלכע זיינען פון א סך רבנים גע'רודפ'ט געווארן. ער האט אפילו געגעבן א הסכמה אויף צו דרוקן די דייטשישע איבערזעצונג פון דער תורה פון משה מענדעלסאן, וועלכן רבנים האבן פארפאלגט און מחרים געווען. ער איז

געווען זייער א קלוגער און האט פארשטאנען ווי אזוי דורכצוקומען מיט דער וועלט, מיט כל־ערליי מענטשן.

אז ר' איטשעלע איז געווען א גדול אין תורה איז דאך, נאטירלעך, אפגערעדט. פון ווייט און פון נאענט איז מען געקומען קיין וואלאזשין הערן תורה פון אים. מען האט געדורשט צו הערן פון אים א נייעם חידוש, א נייעם ווארט, אן אויס־טייטשונג פון א הארבע שטיקל גמרא, א פיינע און לאגישע סברה און הלכות. זיין נאמען האט געקלונגען אין דער גאנצער יידישער וועלט. צוליב זיינע קהל'שע ענינים, צוליב זיין איינגעטאנקייט אין דעם מצב פון די יידן, פון די רוסישע יידן, סיי בנוגע פאליטישע צרות, סיי בנוגע עקאנאמישע צרות, האט ער זיך נישט געקאנט אזוי פיל אפגעבן מיט דער גרויסער ארבעט פון דער ישיבה. באזונדערס דערוויטערט איז ער געווארן פון דער ישיבה ווען ער איז געווארן עלטער, ווען ער איז געווארן שוואך. דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז אויך דער כח פון דער ישיבה זאל שוואכער ווערן. געוויס האבן דארטן נאך אלץ געהאט געלערנט געגנוג לומדים מיט שארפע מחות. עס זיינען נאך דעמאלט אויך געווען אין משך פון יאר א צוויי־דריי הונדערט ישיבה בחורים. אבער עס איז שוין נישט געווען דער גלאנץ וואס זי האט געהאט.

ר' איטשעלע איז געשטארבן אין יאר 1849, אונטערוועגס, און איז געקומען צו קבר ישראל נישט אין וואלאזשין, נאר אין איוועניע, א קליין שטעטל נישט ווייט פון וואלאזשין, און זיין פלאץ אין דער ישיבה האבן פארנומען זיינע צוויי בארימטע איידימס ר' לייזער איטשע און ר' הירש לייב.

## ו.

## זיין קאמף מיט ר' יאשע בער'ן

פון די צוויי איידימס איז ר' לייזער איטשע, ר' הלל'ס א זון, געווען דער עלטערער, און מחמת דעם, איז ער געווארן דער ערשטער ראש הישיבה און ר' הירש לייב דער צווייטער ראש הישיבה. ר' לייזער איטשע איז אבער געווען א קרענקלעכער מענטש, און איז נאך עטלעכע יאר זאגנדיק שעורים, אין יאר 1855, געשטארבן. דאמאלט איז ר' הירש לייב געווארן דער ערשטער ראש הישיבה, און אלס צווייטער ראש הישיבה איז געווארן ר' יאשע בער סאלאווייטשיק, וועלכער איז געווען אן אור־אייניקל פון חיים וואלאזשינער.

צום אנפאנג האט געשיינט, אז אלץ וועט גיין כשורה, אז אין דער ישיבה־לייטונג וועט הערשן הארמאניע. ווייל זינט די ישיבה האט געהאט עקזיסטירט זיינען קיינע שום מחלוקות נישט פארגעקומען, און ס'האט אויך נישט געקאנט זיין. עס איז אלץ געגאנגען כסדר. אז ר' חיים האט געהאט געפירט די ישיבה איז דער צווייטער ראש הישיבה געווען זיין איידים ר' הלל, וועלכער איז שפעטער געווארן רב אין גראדנא. אז ר' חיים איז געשטארבן איז, נאטירלעך, דער ערשטער ראש הישיבה געווארן זיין זון ר' איטשעלע און דאן איז דער צווייטער ראש הישיבה

געוואָרן זיין עלטערער איידים ר׳ לייזער איטשע. אז ר׳ איטשעלע איז געשטאָרבן איז אויך געוועזן נאַטירלעך, אז ר׳ לייזער איטשע זאָל ווערן דער ערשטער ראש הישיבה און ר. הירש לייב זאָל ווערן דער צווייטער ראש הישיבה, ווייל ר׳ לייזער איטשע איז געוועזן דער עלטערער. איצט אָבער, אז ר׳ לייזער איטשע איז גע־שטאָרבן, האָט אייגנטלעך געדאַרפט ווערן ר׳ הירש לייב. איז אָבער ר׳ יאָשע בער געקומען מיט א טענה, אז די בכורה געהערט אים, ווייל ער שטאַמט פון ר׳ חיים׳ס דינאַסטיע, דען ער איז געוועזן אן אור־אייניקל פון ר׳ חיים׳ן דורך א טאָכטער, ווערנד ר׳ הירש הייב איז בלויז אן איידעם פון ר׳ איטשעלען, און אזוי ארום, בלויז אן אומדירעקטער מיטגליד פון דער משפחה.

דאָס איז געוועזן איין סיבה פאַרוואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן די מחלוקה. עס איז אָבער געווען א צווייטע סיבה און דאָס איז וואָס ביידע גאונים האָבן געהאַט צוויי שיטות אין לערנען און יעדער האָט געוואָלט פירן דעם אופן הלמוד אין דער ישיבה אויף זיין שטייגער. ר׳ הירש לייב איז געוועזן א גרויסער בקי און א גוואַל־דיקער עמקן. ער איז געוועזן פאַרקאָכט אין די ראשונים און האָט זיך פאַרטיפט אין זיי ביזן גרונד. ער איז אין א געוויסן גראַד, געוועזן אזוי צו זאָגן, א פאַרשער. ווען ער האָט געהאַלטן ביים שרייבן זיין געניאַלן ווערק אויף די שאלתות פון ר׳ אהאי גאון האָט ער זיך זאָגאר באַנוצט מיט מאַנוסקריפּטן פון ביבליאָטעקן, כדי צו פאַרגלייכן די טעקסטן, כדי אויסצוגלייכן די ענדערונגען וואָס געפינען זיך אין אונדזער געדרוקטע שאלתות מיט די שאלתות פון אַנדערע מאַנוסקריפּטן. אויסער דעם וואָס אין זיין פּירוש „העמק שאלה״ ליגט אן אוצר פון גאונות, פון אויסערגעוויינלעכע בקיאות און עמקות, איז אויך אין זיין אויסגלייכן די נוסחאות׳ן פון די שאלתות גופא געלעגען א וועלט מיט גוואַלדיקער לאָגיק און געניאַלע סברות און איינפאַלן, און מחמת דעם האָט ער זיך געהאַט דערווייטערט פון צו שאַרפן פּלפּול. ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אז פּונקט ווי מען קאָן נישט יוצא זיין מיט א מאַלצייט פון בלויז זיסע זאַכן, כאָטש זיי זיינען גאַנץ גוט ערשט נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן א מאַלצייט פון פלייש און פיש, אזוי איז גוט און אָנגענעם דער שאַרפער פּלפּול אלס „קאָמפּאָט״ נאָך דעם ווי מען איז שוין גוט אָנגעזעטיקט מיט תלמוד און מיט ראשונים. מען טאָר זיך נישט אָוועקלאָזן אין שאַרפן פּלפּול איידער מען איז גוט אָנגעגעסן מיט תורה. פריער ווי אַלץ דאַרף זיין בקיאות. פריער ווי אַלץ דאַרף מען א סך לערנען, דאַרף מען אַלץ וויסן, און ערשט דאַמאָלט, אז ס׳איז שוין פאַרבליבן אין קאָפּ אָט די אַלע זאַכן וואָס מען האָט געלערנט — דאַמאָלסט קאָן מען זיך דערלויבן צו שאַרפן און צו שלייפן די אַלע זאַכן. דאַמאָלט וועט שוין בכלל א סך לייכטער זיין צו פאַרשטיין די אַלע שווערע ערטער אין תלמוד און ראשונים. עס ווערט דערציילט, אז ווען ער האָט דערזען אַמאָל ווי אזוי א ישיבה בחור איז פאַרטיפט געוועזן אין א מהרש״א, האָט ער זיך אָפּגערופן: „דו וועסט נאָך געגוג צייט האָבן צו קוקן אין מהרש״א. דערווייליע לערן גמרא מיט רש״י און תוספות און דאָס וועט זיין גאַנץ גענוג״.

ר׳ יאָשע בער אָבער האָט יאָ געהאַלטן פון חריפות און פּלפּול. ביי אים איז געוועזן טייער דאָס שלייפן די מהות, צו שאַרפן די לאָגיק, צו דענקן, צו אַנטוויקלען די פייאיקייטן פון די תלמידים. ער איז געוועזן פאַראינטערעסירט אין גייסטיקן

קאמף. געווים איז ער געווען פאר בקיאות, ער האָט אָבער מער ליב געהאַט חריפות. ער האָט ליב געהאַט דעם גייסטיקן שפּיל.

די דאָזיקע צוויי פאַרשידענע שיטות זיינען אין לערנען האָבן געבראַכט דערצו, אַז אויך אין דער ישיבה האָבן זיך געבילדעט צוויי פאַרשידענע גרופּעס צווישן די תּלמידים גופא. אייניקע האָבן געהאַלטן פון ר׳ הירש לייב׳ס שיטה און אייניקע האָבן געהאַלטן מיט ר׳ יאָשע בער׳ס שיטה, מיט ר׳ יאָשע בער׳ס שאַרפקייט.

געוויינלעך איז דער דאָזיקער קאַמף צווישן די דאָזיקע צוויי גדולי־תּורה געווען צום אָנהויב, אַזוי צו זאָגן, באַהאַלטן. יעדער איינציקער האָט געוואָלט אויסמיידן אַן אָפענע שפּאַלטונג וואָס וועט נישט ברענגען קיין כּבוד נישט פאַר אים און נישט פאַר דער ישיבה. סוף־כּל־סוף איז מען אָבער פון דעם אינערלעכן קאַמף געוואויר געוואָרן אויך אין גאַס און דאַן איז שוין דער קאַמף אַרויס אָפן פאַר דער וועלט. אַ סך האָבן צו דעם דאָזיקן קאַמף מיטגעהאָלפן די מיטגלידער פון ר׳ חיים׳ס דינאַסטיע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט, אַז די בכורה פון דער ישיבה זאָל אַוועק אין „פרעמדע" הענט.

צוליב דעם קאַמף האָט דער פּרעסטיזש פון דער ישיבה אָנגעהויבן ביסלעכ־ווייז צו ליידן. די וועלט האָט פיינט געהאַט מחלוקות אין אַזאַ הויכער תּורה אינסטיטוציע. אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע איז געווען זייער טייער און געשעצט ביים פאָלק און ביי די לומדים, האָט געדאַרפט דינען אַלס מוסטער פאַר דער וועלט אין תּורה און שיינע מדות, און אַלס אַ מוסטער האָבן זי אַלע געוואָלט זען. מחמת דעם האָבן די גדולי הדור באַשלאָסן צו נעמען אַ האַנט אין דער מחלוקה און איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסצולעשן דאָס פייער כּל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט. נאָך געוויסע אונטערהאַנדלונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ בית דין, וועלכער האָט געדאַרפט אויסהערן ביידע צדדים און אַרויסטראָגן אַ פּסק דין. אין דעם בית דין האָבן אָנטייל גענומען ר׳ טעוועלע פון מינסק, ר׳ יאָסעלע סלוצקער, ר׳ זלמן זאב, דער מגיד פון ווילנע, און ר׳ יצחק אלחנן, וועלכער איז דאַמאָלס געווען רב אין נאָוואַרידאָק.

די רבנים האָבן אויסגעהערט ביידע טענות. באמת האָבן ביידע גאָר קיין טענות איינער צום אַנדערן נישט געהאַט, און אַ חוץ אַלעם האָט קיינער נישט געוואָלט זאָגן אַ שלעכט וואָרט, חס וחלילה, אויף דעם צווייטן. נאָר עס איז דאָך געווען אַ שטיקל טענה, האָבן אָט די טענות אַרויסגעבראַכט די תּלמידים פון דער ישיבה, וועלכע האָבן געהאַט געבילדעט צוויי גרופּעס. און אינטערעסאַנט איז געווען, אַז די בקיאים, וועלכע האָבן געדאַרפט האַלטן מיט ר׳ הירש לייב׳ן, האָבן גאָר געהאַלטן מיט ר׳ יאָשע בער׳ן. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז זיי זיינען אַליין גרויסע בקיאים און אַלס ראש הישיבה וואָלט געפּאַסט צו האָבן אַ חריף. אַזאַ מאַן ווי ר׳ יאָשע בער. די חריפים ווידער, וועלכע האָבן געדאַרפט האַלטן מיט ר׳ יאָשע בער׳ן, האָבן גאָר געהאַלטן מיט ר׳ הירש לייב׳ן. זיי האָבן ווידער גע׳־טענה׳ט אַז חריפים קאָנען זיי אַליין ווערן מיט דער צייט, אַז דאָס וואָס זיי ווילן איז בקיאות און דעריבער דאַרף מען אַלס ראש הישיבה האָבן אַזאַ מאַן ווי ר׳ הירש לייב.

נאך א לאנגער שקלא וטריא פון די רבנים, וועלכע איז זייער שווער געווען ארויסצוטראגן א פסק־דין ווען די צוויי גרעסטע גאונים, איז דאך באשלאסן געווארן, אז קודם כל מוז ווערן שלום צווישן ר׳ יאשע בער׳ן און ר׳ הירש לייב׳ן, אויך די ישיבה בחורים מוזן אפהיטן ביידענס כבוד, און אויב נישט מעג מען אזעלכע בחורים באזייטיקן אינגאנצן אדער באשטראפן. דאן דארפן די תלמידים אנגענומען ווערן פון ר׳ הירש לייב׳ן ווי עס איז געווען ביז איצט, נאר אויב ר׳ יאשע בער וועט באקומען א ספעציעלן בריף פון אימעצן, מעג ער אים אליין ארייננעמען. ביידע ראשי הישיבה מוזן לערנען שטענדיק נאר אין דער ישיבה, און אויב אימעצער א בחור, וויל ביי זיי עפעס פרעגן אין לערנען, דארפן זיי זיין אין דער ישיבה און נישט אין דער היים. אז משולחים וועלן ברענגען געלט, דארף מען עס אפגעבן ביידע ראשי הישיבה און ביידע זאלן מאכן דעם חשבון און פארשרייבן אין פנקס פון דער ישיבה. אויב די משולחים וועלן דאס געלט ברענגען צו איינעם פון זיי, מוז ער תיכף וועגן דעם מודיע זיין דעם צווייטן, און זיי זאלן עס פארשרייבן אין פנקס. דאס געלט דארף זיין פארשלאסן אין א קאסטן ביי ר׳ הירש לייב׳ן אין הויז. ארויסנעמען דאס געלט קאנען נאר ביידע. די גאנצע ווירטשאפטלעכע זייט ווי אויסצוהאלטן די ישיבה בחורים אויף זייערע הוצאות וכדומה, דארף בלייבן ביי ר׳ הירש לייב׳ן. באזייטיגען משולחים מוזן נאר ביידע. די גבאים פון דער ישיבה בלייבן ווי פריער. ר׳ הירש לייב דארף באקומען דרייצן רובל א וואך און ר׳ יאשע בער — אכט רובל. עס איז אגב, אויך באזארגט גע־ווארן די אלטע רביצין, די אלמנה פון ר׳ לייזער איטשע, באשליסנדיק, אז זי דארף באקומען פיר רובל א וואך. דאס גלייכן איז באשלאסן געווארן, אז ר׳ חיים יוסף ב״ר אליהו זלמן, ר׳ איטשעלעס אן אייניקל, זאל באקומען צען רענדלעך א וואך.

אליץ האט מען געהאט געענדיקט בשלום. אבער ר׳ יאשע בער איז שוין לאנג אין וואלאזשין נישט געבליבן. ער איז אין 1862 אנגעקומען אלס א רב אין סלוצק, און שפעטער אויך אין בריסק. כאטש די ישיבה איז אים, פארשטייט זיך, געבליבן זייער טייער ווי פריער. אויסער דעם איז ער שפעטער אויך פארוואנדעט געווארן נעענטער צו ר׳ הירש לייב׳ן דורך דעם וואס זיין זון, דער באוואוסטער גאון ר׳ חיים סאלאווייטשיק האט חתונה געהאט מיט ר׳ הירש לייב׳ס אן אייניקל, א טאכטער פון ר׳ רפאל שאפירא, וועלכער איז געווען ר׳ הירש לייב׳ס אן איידים.

ר׳ מאיר בערלין דערציילט, אז אויף ר׳ חיימ׳ס חתונה אין וואלאזשין, האט ר׳ הירש לייב איינגעלאדן דעם מחותן ר׳ יאשע בער׳ן ער זאל טאנצן מיט אים א קאזאצקע, אבער ר׳ יאשע בער האט זיך אפגעזאגט. — איך האב שוין אמאל, — האט ר׳ יאשע בער געענטפערט — געפרואווט טאנצן קעגן אייך, מחותן, און איך האב נישט מצליח געווען.

## ז.

## די מחלוקה מיט ר׳ יהושע העשעל לעווין

די מחלוקה צווישן ר׳ הירש לייב׳ן מיט יאשע בער׳ן איז נישט געווען די איינציקע וואס עס איז פארגעקומען אין דער וואלאזשינער ישיבה. עס זיינען געווען נאך אנדערע מחלוקת׳ן אויך, און איינע פון זיי איז געווען די מחלוקה צווישן ר׳ הירש לייב׳ן און ר׳ יהושע העשעל לעווין.

ר׳ יהושע העשעל איז געווען דער איידים פון ר׳ איטשעלעס זון. א חוץ די בארימטע טעכטער האט ער געהאט אויך איין זון ר׳ אליהו זלמן. הגם ער איז אויך געווען א גרויסער למדן, האט ער דאך די תורה נישט געמאכט פאר א קרדום לחפור בה, נאר ער האט זיך גענומען צו געשעפט און ער איז אויך גאנץ רייך געווארן. אז ס׳איז געקומען די צייט צו טאן א שידוך מיט זיין טאכטער האט ער אויסגעוויילט פאר א חתן דעם דעמאלטיקן בארימטן עלוי פון ווילנע ר׳ יהושע העשעל לעווין. מען דערציילט, אז ווען ר׳ איטשעלע האט א קוק געטאן אויף דעם בחור האט ער געזאגט, אז „אט דער אייניקל מיינער וועט זיך טיילן די נחלת מיט דער ישיבה״.

ר׳ יהושע העשעל איז געווען אן אינטערעסאנטער פערזענלעכקייט. ער איז געווען א גאון, א גרויסער ירא שמים אבער צו גלייכער צייט אויך א מאדערנער מענטש און טאלעראנט צו אלע פארשידענע שטרעמונגען אין יידנטום. ער איז געווען באקאנט מיט דער נייער העברייאישער ליטעראטור, און איז בכלל געווען אן אנגעלייענטער מענטש אין די פרעמדע ליטעראטורן. ער איז געווען אן איינגייער ביי ר׳ מרדכי אהרן גינצבורג, רש״י פין און אנדערע משכילים פון יענער צייט.

אלס ערצויגענער אין א גרויסער שטאט און קומענדיק אין בארירונג מיט וועלטלעכע מענטשן האט מען אים אין וואלאזשין באטראכט פאר א מין „פרעמדן״. ער איז געגאנגען געקליידעט אויף א מאדערנעם אופן און געט צוגעקאמט די האר מיט א צילינדער אויפן קאפ. ער האט אויסגעזען ווי אן אריסטאקראט, און ער איז געווען אין קאנטראסט צו דער וואלאזשינער סביבה, וואו מען האט זיך מיט אויסערלעכקייט נישט אפגעגעבן.

פארשטייט זיך, אז די וואלאזשינער דינאסטיע האט אויף אים געקוקט נישט שטארק געהויבן. ער אליין ווידער האט נישט געהאט ארויסגעוויזן זיין שטארקע קרובה׳שאפט מיט דער דינאסטיע. עס האט זיך, אלזא, שוין באלד ביים אנקומען געהאט געבילדעט א שיידע־וואנט צווישן אים און דער וואלאזשינער סביבה. ער האט נישט שטארק ליב געהאט די ארדנונג אין דער ישיבה און ער האט זיך נישט געשעמט צו זאגן דאס, וואס ער האט געהאט געדענקט.

איינמאל האט זיך געמאכט, אז ער האט געהאט געהערט א שיעור פון ר׳ לייזער איטשען, וועלכער האט זיך געהאט פארטיפט אין א טרוקענעם פלפול. ר׳ יהושע העשעל איז געווארן אזוי בייז, אז ער האט זיך אויפגעהויבן און אויסגע־

רופן אויפן קול אין דער געגנווארט פון אלע ישיבה־בחורים און זייטיקע מענטשן, צווישן זיי אויך ר׳ הירש ליב, און געזאגט: „ווען איך וואלט געווען א ראש ישיבה, וואלט איך געמאכט א סוף צו אט די הארשפאלטעניש, וועלכע זיינען נאר צו פארטומלען דעם קאפ און צו פארדרייען דאס הארץ".

דער דאזיקער אנגריף איז געמאכט געווארן אזוי שארף און אזוי פלוצלינג, איבערראשענד, אז ר׳ לייזער איטשע איז געווארן בלייך ווי קאלך און געציטערט פון שרעק. אז ער איז געקומען צו זיך האט ער א זאג געטאן צו ר׳ יהושע העשלען:

— אוב דו פארשטייסט בעסער, זעץ זיך אויף מיין ארט און זאג מיר דעם שיעור.

ר׳ יהושע העשל, וועלכער האט טאקע געווארט אויף אזא געלעגנהייט, האט זיך נישט געלאזן לאנג בעטן און זיך אוועקגעזעצט זאגן דעם שיעור. ער האט די סוגיה מסביר געווען אזוי איינפאך, אזוי פשוט, מיט קלארער לאגיק אז די תלמידים זיינען ערשטוינט געווארן. זיי האבן אים געהערט מיט גרויסער נייגעריקייט און געשלונגען יעדעס ווארט זיינעס און ווען ער האט געהאט געענדיקט דעם שיעור האט מען אים געמאכט אן אוואציע.

אין די ישיבה קרייזן האט ר׳ יהושע׳ס אויסטריט געמאכט א רושם. מען האט וועגן דעם זייער פיל גערעדט אין די לומדישע, בעלי־בית׳ישע קרייזן און אויך אין די קרייזן פון די ישיבה־בחורים גופא, וועלכע האבן ר׳ יהושע העשעל אנגעהויבן צו באוואונדערן. דאן האט דערין גענומען א האנט ר׳ הירש לייב. דען כאטש ער איז געווען אליין נישט קיין ליבהאבער פון פלפול, האט ער דאך זיך באמיט אפצושוואכן דעם רושם וואס ר׳ יהושע העשעל האט געמאכט. צוליב דעם זיינען די סכסוכים פארגרעסערט געווארן און ס׳זיינען שוין געווען אזעלכע מענשטן וואס האבן ליב געהאט צוצולייגן פייער צו אזא מין בראנד. און ס׳איז געקומען דערצו, אז ר׳ יהושע העשעל האט אויפגעהערט קומען אין דער ישיבה. ער האט אפילו אויסגעקליבן א נייעם אפגעזונדערטן פלאץ ביים דאווענען. שפעטער האט ער אפילו איינגעארדענט ביי זיך אן אייגנעם מנין אויף צו דאווענען כדי ער זאל זיך נישט דארפן טרעפן מיט זיינע געגנער. אזוי האט ער איבערגעריסן זיינע באציאונגען מיט דער ישיבה און מיט דער דינאסטיע.

דערווייל האט מען אין ווארשע פארשפרייט א קלאנג, און דאס איז טאקע געווען אמת אויך, אז ר׳ יהושע העשעל האט אנגעהויבן צו זאגן שיעורים פאר די וואס עס זיינען ביי אים געקומען דאווענען. די צאל פון די צוהערער האט אנ־געהויבן וואקסן און צווישן אט די צוהערער האבן אנגעהויבן קומען אויך בחורים פון דער ישיבה. דערמיט האט ר׳ יהושע העשעל געדענקט ארויסצורייסן די מאכט פון די „איידימס" און אליין ווערן דער פירער פון דער ישיבה. ער האט שוין געהאט געפלאנעוועט צו ענדערן דעם גאנצן סדר הלמוד, צו באזייטיקן דעם פלפול און אריינברענגען לעבעדיקייט, פרישקייט, שענערע זיטן און מאנירן און טאקע מער חכמה, און שיינקייט פון דער תורה.

כדי צו געווינען די הערצער פון די תלמידים האט ער אנגעהויבן צו זאגן א שיעור יעדן פרימארגען אין גמרא, און בין מנחה למעריב — א קאפיטל תנ"ך און דווקא מיט משה מענדעלסאנס באור, וואס איז געווען אין דער ישיבה פארהאסט

און טריף. דערמיט האָט ער זיך געשטיצט אויף ר׳ איטשעלען, וועלכער האָט זאָגאַר געגעבן אַ הסכמה צו דרוקן דעם באור מיט דער דייטשער איבערזעצונג קעגן די מיינונגען פון די גרויסע גאונים פון זיין צייט.

ר׳ יהושע העשעל איז געווען אַ גוטער דיפּלאָמאַט. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צוציען צו זיך מענטשן, מחמת דעם פלעגט ער צום אַנהויב לערנען תורה, אָבער דערנאָך פלעגט ער זיך צושמועסן מיט די תלמידים „זייטיקע זאַכן״ און ביסלעכ־וויז, ביסלעכוויז פלעגט ער אַזוי מעניו לעניו אַריבערגיין צו דער ישיבה און וועגן די צילן פון דער ישיבה. אַז ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער ישיבה, פלעגט ער זיך אַנהויבן צו קאָכן און אַנהויבן ריידן מיט פייער וועגן דער ראָלע וואָס די ישיבה דאַרף שפּילן אין יידישן לעבן. די ישיבה דאַרף אַרויס־געבן רבנים וואָס זאָלן קאָנען פירן דאָס יידנטום. זייער ציל דאַרף זיין אויפצו־מונטערן די יידן און באַלייכטן זייער וועג. דערוויל פלעגט ער אויך געבן אַ שטאָך די ישיבה פון וואָלאָזשין מיט אירע פירער. ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין זאַך וואָס ער האָט נישט קריטיקירט און אַלס גוטער בעאָבאַכטער האָט ער ווירקלעך געוואוסט די שוואַכע פונקטן און טאַקע דאָרטן האָט ער געמאַכט זיינע אָנגריפן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיין אידעאַל פון אַ רב איז אַז אַ חוץ גרויסקייט אין תורה מוז מען זיין אַ מעורב בין הבריות, אַז מען דאַרף זיין אַ גאון צווישן גאונים און אַ מענטש צווישן מענטשן. אָט די דאָזיקע אידייע זיינע איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פאַרשידענע רבנים אויסער וואָלאָזשין און די רבנים האָבן מיט אים מסכים געווען.

ער פלעגט שטענדיק אָנווייזן אַז ר׳ לייזער און ר׳ הירש לייב האָבן אַ טייערן געווער אין זייערע הענט, נאָר זיי קאָנען עס נישט אויסנוצן, ווי געהעריק, ווייל זיי פאַרשטייען עס נישט אָפּצושאַצן. עס איז אויסגעקומען, אַז ווען ער וואָלט אָנגעהויבן פירן די ישיבה, וואָלט ער זי געפירט ווי עס דאַרף צו זיין. זיינע רייד האָבן געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג. דען אַ חוץ זיינע שיינע רייד און פיינע באַ־נעמונג, פלעגן די ישיבה בחורים זיך נישט קאָנען אָפּוואונדערן פון זיין שיינעם אָרט לעבן. שטענדיק איז ביי אים געווען ליכטיק, שטענדיק פרייליך, שטענדיק יום־טוב׳דיק. דען ער איז געווען רייך און זיך געפירט ברייטלעך. דאַגעגען האָבן די איבעריקע ראשי ישיבה געלעבט אויפן אַלטמאָדישן שטייגער און אין זייערע הייזער איז שטענדיק געווען אומעטיק. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז די תלמידים האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף דער ישיבה און אויך אויף די ראשי ישיבות.

אַז ר׳ הירש לייב האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געוואָרן זייער אויפ־געערעגט און האָט באַשלאָסן אָנצונעמען מיטלען. קודם כל האָט ר׳ הירש לייב גע׳אסר׳ט די ישיבה בחורים צו גיין אין פּריוואַטע הייזער ווער דער בעל הבית זאָל נישט זיין, ווייל וויזיטן ברענגען צו בטול תורה. דערביי האָט ער געוואָרנט, אַז דער ווער עס וועט נישט פאָלגן וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן געוואוסט וועמען מען מיינט דערמיט, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט עפּעס צו זאָגן. עס איז אָבער געווען איין בחור, דער זאָגערער עלוי, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און געזאָגט:

— רבי, וואָס איז עפּעס היינט אַנדערש ווי אַלע טעג. די וואָלאָזשינער

ישיבה איז דאָך געגרינדעט געוואָרן ניט פון נעכטן און קיינמאָל איז נאָך נישט געווען אַזאַ גזרה וואָס ס'איז שווער בייצושטיין.

דאַרויף האָט ר' הירש לייב געענטפערט:

— עס איז דאַרין פאַראַן אַ טעם. יעדע צייט האָט זיך אירע בחורים. אַמאָ־ליקע צייטן פלעגן די ישיבה בחורים זיצן און לערנען, זיך מוסר נפש זיין אין די געצעלטן פון תורה און האָבן זיך מיט אַנדערע זאַכן נישט אָפּגעגעבן. מחמת דעם האָט מען קיין גזרה נישט געדאַרפט. אָבער איצטער זע איך ביי אונדז בחורים וואָס ווילן נישט לערנען און גיבן זיך אָפּ מיט דברים בטלים אין פרעמדע הייזער. אויב דאָס זאָל אַזוי גיין ווייטער וועט די ישיבה חס וחלילה מוזן אונטערגיין.

## ח.

## דאָס פייער צעפלאַקערט זיך

צוליב דעם וואָס די ישיבה בחורים האָבן נישט געפאָלגט ר' הירש לייבס וואָרנונג, זיינען פיל פון זיי באַשטראָפט געוואָרן דערמיט, וואָס מען האָט צוגע־נומען פון זיי די שטיצע. אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. פאַרקערט, דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די געגנערשאַפט צו דער הנהלה פון דער ישיבה און זייער צוגעבונדנקייט צו ר' יהושע העשלען, וועלכער האָט נאָך דערצו אויפגענומען פריינטלעך ביי זיך אין הויז די אַלע נרדפים.

ר' יהושע העשל האָט, פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע אומצופרידנהייט אויסגע־נוצט און איינמאָל האָט ער אָפּגעהאַלטן מיט די רעוואָלטירטע בחורים אַ באַראַטונג, אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען אויך שטאָטישע גוטע קעפּ, די פיינע בעלי־הבית'ישע „איידעמס", וועלכע זיינען אויך געווען געגנער פון ר' הירש לייבן. ר' יהושע העשל האָט זיי דאָן אָנגעוויזן אויף דער שלעכטער פירונג פון דער ישיבה און אויך דאַרויף ווי אַזוי די ישיבה דאַרף געפירט ווערן, מיט וואָס זי דאַרף אויסגעבעסערט ווערן. דערביי האָט ער אָנגעוויזן, אַז די זאַך קאָן מען שוין נישט אָפּציען אין לאַנגען באַנק, נאָר אַז מען דאַרף האַנדלען ענערגיש און שנעל. איצט איז שווין, נאַטירלעך, דער קאַמף געווען ספּעציעל בלויז קעגן ר' הירש לייב, ווייל אונטער דער צייט איז שוין ר' לייזער איטשע געווען געשטאָרבן.

דערביי איז אויף יענער באַראַטונג אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן פון דער רעוואָלוציע, אַראָפּצוּוואַרפן ר' הירש לייב'ן און אַרויפזעצן ר' יהושע העשלען אויפן טראָן פון דער ישיבה. די אויספירונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די בחורים ווי אויך צו די בעלי־בתים וואָס האָבן אַ שטאַרקן כאַראַקטער און זיינען שרעקלאָז. די דאָזיקע „רעוואָלוציאָנערן" האָבן עס געדאַרפט אויפבונטעווען די שוואַכערע וואַקלענדיקע עלעמענטן אין דער ישיבה, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אויף זייער זייט, דאָס הייסט, אויף דער זייט פון ר' יהושע העשלען. עס איז דערביי אָנגעוויזן געוואָרן, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען. כדי צו דערגרייכן צום ציל וועט מען מעגן אַלץ טאָן, אפילו אָן עפנטלעכן אַרויסטריט

קענן ראש הישיבה. די בעלי־בתים ווידער האבן באקומען דעם אויפטראג זיך צו שטעלן אין פארבינדונג מיט די פארשטייער פון די יידישע גרויסע קהלות פון ליטע, וועלכע פלעגן שטיצן יערלעך די ישיבה מיט א געוויסער סומע געלט, מען האט געוואלט זיי צוציען אויף ר׳ יהושע העשעלס זייט.

הגם די בעראטונג איז געווען א געהיימע זאך האט מען שוין נאך יענע נאכט גופא געוואוסט וואס דארטן איז פארגעקומען. עס זיינען שוין געווען אזעלכע מענטשן וואס האבן געווארט ביז די בחורים וועלן ארויס פון ר׳ יהושע העשעלס הויז און אז זיי זיינען ארויס זיינען די „אונטערהארכער" נאכגעגאנגען און הע־הערט וואס זיי ריידן צווישן זיך. גאנץ פרי זיינען געקומען די שמשים צו די בחורים אין דער היים, מען האט זיי אויפגעוועקט פון שלאף און זיי געהייסן קומען צו ר׳ הירש לייב׳ן וועלכער ווארט אויף זיי אין דער ישיבה. די בחורים האבן זיך גארנישט געוואונדערט. זיי האבן צווישן זיך אפגעהאלטן אן אסיפה און ס׳איז באשלאסן געווארן צו זאגן ר׳ הירש לייב׳ן דעם גאנצן אמת.

ר׳ הירש לייב האט זיי אויפגענומען נישט פריינטלעך און זיך ווענדנדיק צו די בעסערע בחורים האט ער זיי א זאג געטאן:

— פון היינט אן זאלט איר נישט וואגן איבערצוטרעטן די שוועל פון דער הייליקער ישיבה. איר זייט זינדיקע און מאכט אנדערע פאר זינדיק. און איר — האט ער זיך געווענדעט צו די איינגערע בחורים — איר גייט און טוט תשובה און מען וועט אייך מוחל זיין. איר זייט פארבלאנדזשעטע שעפעלעך.

אבער גאר אומערווארטעט איז דוקא איינער פון די איינגערע ארויסגעשפרונגען מיט חוצפה און א זאג געטאן:

— רבי, מיר שיינט אז דו וועסט גיין דער ערשטער פון דאנען, ווייל דו ביזט דער עלטסטער.

אזא אנגריף האט ר׳ הירש לייב נישט געקאנט ערווארטן און א געשריי געטאן:

— ארויס, דו שייגעץ איינער!

און האט אים מכבד געווען מיט א פאר פעטש. באלד זיינען צוגעלאפן צוויי מנהלים און מען האט דעם יונגנמאן ארויסגעווארפן אין דרויסן.

נאך דעם איז ר׳ הירש לייב אריין אין שול דאווענען, און די בחורים זיינען אוועק צו ר׳ יהושע העשלען און דערציילט די מעשה. ר׳ יהושע העשעל האט זיי געטרייסט און זיי געהייסען זיך האלטן מוטיק צו פירן די „הייליקע מלחמה" ווייטער צוליב דעם כבוד פון די חכמים. אז די ארויסגעטריבענע בחורים זיינען געקומען אהיים האבן זיי דערזען ביי זיך אין די צימערן א רעוואלוציע. דאס צימער לידיק, זייערע זאכן פארפאקט און ליגן אין אווינקל. די בעל־הבית׳טע האט זיי ערקלערט, אז אזוי האט באפוילן דער ראש הישיבה. דאס צימער איז שוין פארדונגען צו אן אנדערען. זיי דארפן נעמען די פעקלעך און גיין.

עס זיינען אריבער א פאר טעג — און דאן האט אין דער ישיבה אויסגע־בראכן די אמת׳ע רעוואלוציע. די רעוואלוציאנערן האבן זיך צעשפרייט איבער פארשידענע טיילען פון דער ישיבה און געמאכט טומל און חוזק פון ר׳ הירש לייב׳ן. אייניקע האבן געזאגט: „לאמיר גיין צו ר׳ יהושע העשלען". „ער איז

אַ בעסערער מסביר". אַז איינער פון די בחורים האָט עפּעס געזאָגט אַ ווערטל האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן לאַכן, אַז דער בית מדרש האָט אָנגעהויבן ציטערן. די דאָזיקע חוצפּה איז שוין געווען העסלעך און אונערטרעגלעך: צו באַליידיקן עפנטלעך אַ רבי'ן און דערצו אַזאַ גאון און צדיק ווי ר' הירש לייב'ן! די בונ־טאַוושטשיקעס זיינען געווען אַזוי חוצפּה'דיק, אַז זיי האָבן זיך באמת נישט אָפּגעשטעלט פאַר דאָס אויסערסטע. ווען ר' הירש לייב האָט אָנגעהויבן אַרומ־לויפן איבער דער ישיבה צו זען ווי איינער לערנט, האָבן זיך די ליכט געגומען אויסלעשן. עס איז געוואָרן חושך און די רעוואָלוציאָנערן האָבן דערווייל אויס־געניצט די געלעגנהייט צו פּילדערן און צו טומלען און וואַרפן מיט האַנדטיכער אַזוי, אַז מערערע האַנדטיכער זיינען אַרויפגעפאַלן אויף ר' הירש לייב'ס טיש. ר' הירש לייב אַליין איז געזעסן און געציטערט פון אויפרעגונג און שאַנדע. די מנהלים האָבן געבראַכט נייע גלעזער צו די לאָמפּן און עס איז ווידער געוואָרן ליכטיק. אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן די גלעזער. עס איז געווען אַ שווידערלעכע סצענע און ר' הירש לייב האָט ממש נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

די בחורים האָבן געמיינט, אַז דורך די דאָזיקע מעשים וועט ר' הירש לייב'ן מיאוס ווערן צו פירן די ישיבה און ער וועט זי מיט גוטן איבערגעבן צו ר' יהושע העשלען. עס איז אָבער נישט אַזוי געווען. ר' הירש לייב האָט טאַקע געליטן, אָבער ער האָט געשוויגן. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט אָננעמען שטרענגע מיטלען וועט ווערן ערגער. מחמת דעם האָט ער גאַרנישט גערעדט. ער האָט נאָר געוואָלט אויסגעפינען ווער עס זיינען דאָס די הויפּט רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פירן אָן מיט דער אַגיטאַציע, מיט דער רעוואָלוציע. אַז ער איז געוואויר געוואָרן ווער זיי זיינען, האָט ער אַוועקגעשריבן בריוו צו זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן אָפּנעמען די קינדער אַהיים, ווייל פאַר זיי טויג נישט וואָלאָזשין.

דערווייל איז אָבער די רעוואָלוציע נישט איינגעשטילט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן באַקומען אַנאָנימע בריוו, אַז ער זאָל זיך בעסער אָפּזאָגן פון זיין שטעלע און זי איבערגעבן צו אַן אַנדערן וואָס איז בעסער פאַר אים. דערביי האָט מען אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט עס נישט טאָן מיט גוטן, וועט ער עס טאָן מיט בייזן. און איין דאָדערשטאָג ביינאַכט, ווען עס האָבן זיך געביטן די משמורים, זיינען אַריין אין דער ישיבה די אַרויסגעטריבענע בחורים מיט אַ באַנדע אינגלעך פון שטאָט און געמאַכט אַן איבערקערעניש. זיי האָבן געשריען, געטאַנצט, זיי האָבן צוגעכאַפּט די גמרות פון די ישיבה בחורים, זיי געכאַפּט פאַר די הענט און אַריינגענומען אין קאַראַהאָד און דער טומל איז געוואָרן גרויס. אַז ר' הירש לייב האָט דאָס דערהערט, איז ער אַריין אין ישיבה און זיך געווענדעט צו די בונטאָוו־שטשיקעס:

— איך בעט אייך, שטערט נישט די בחורים, אויב איר ווילט זיך קריגן מיט מיר, קומט צו מיר אין קאַנטאָר, אָבער די מתמידים טשעפּעט נישט.

אָבער די בחורים האָבן זיך פון אים אויסגעלאַכט.

די בחורים, וועלכע זיינען געווען טריי צו ר' הירש לייבן האָבן שוין נישט געקאָנט מער צוזען דעם בזיון ווי אַזוי מען איז מבזה אַזוי גראָב זייער רבי'ן און זיינען אָנגעפאַלן אויף די בונטאָוושטשיקעס זיי אַרויסצוואַרפן. עס איז דעריבער

אנטשטאנען א געשלעג. דער געפילדער איז געווען אזוי גרויס, אז די שכנים ארום זיינען ארויסגעשפרונגען פון די בעטן, מיינענדיק אז אין שטאט ברענט. האלב אנגעטאן זיינען זיי אריין אין ישיבה און מיט גרויס שוועריקייטן האבן זיי פונאנ־דערגענומען די שלעגער.

דער אומגעהערטער סקאנדאל האט אויפגערודערט די גאנצע שטאט און מע־רערע „גוטע איידענס", וועלכע האבן געהאלטן מיט ר' יהושע העשלען, זיינען איצט קאלט געווארן צו אים. דער חלול השם איז געווען צו גרויס. עס איז דעריבער באשלאסן געווארן צו מאכן א סוף צו דער מחלוקה צווישן ר' יהושע העשלען און ר' הירש לייבן. און צוליב דעם צוועק איז איינגערופן געווארן אן אסיפה פון די שטאטישע מנהיגים. די אסיפה האט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. די מערהייט איז געווען מיט ר' הירש לייבן. דאס רוב יידן האבן גע'טענה'ט אז בנוגע חזקה אויף דער ישיבה קומט עס ר' הירש לייבן, וועלכער איז שוין לאנג געווען ראש ישיבה און ר' איטשעלע האט אים די דאזיקע נשיאות איבערגעגעבן. די געגנער האבן אבער גע'טענה'ט, אז ר' יהושע העשעל איז אן אייניקל פון ר' איטשעלען אין א דירעקטער ליניע און מחמת דעם קומט אים די ישיבה. בכלל האבן די בעלי־בתים געמיינט, אז דער גאנצער סכסוך באשטייט אין א שטעלע, אין „מאכן א לעבן". אבער איינער פון די יונגעליים האט זיי דערקלערט, אז דא האנדלט זיך נישט אום פרנסה. אז די מחלוקה איז צוליב דעם סיסטעם פון לערנען. דאס האבן אבער נישט אלע פארשטאנען און עס האט אויף זיי קיין רושם נישט געמאכט. עס האט די פארזאמלטע נישט געקימערט ווען מען האט זיי געזאגט, אז אויך ר' לייזער איטשעס זון ר' חיים פריעדע, מיט דער אלטער רבי'צין ר' לייזער איטשעס פרוי, זיינען קעגן ר' הירש לייבן. די פארזאמלטע בעלי־בתים האבן באשלאסן, אז זיי קאנען דא גארנישט העלפן, זיי קאנען נאר בעטן די צוויי דינאסטיעס, אז זיי זאלן זיך אויסגלייכן צווישן זיך. ר' הירש לייב האט באלד אויפן ארט דערקלערט, אז ער נעמט דעם פארשלאג נישט אן. ר' יהושע העשעל האט ווידער דערקלערט, אז ער וועט זיך אפזאגן ערשט דעמאלט ווען ער וועט קריגן די תשובה אויף זיינע בריוו צו ר' זיסל ראפאפארט אין מינסק און ר' יענקעלע באריט אין ווילנא.

עס האט זיך פון דעם אלעמען גארנישט אויסגעלאזן. ר' הירש לייב האט געהאט א שטארקן צד ביי די רבנים אין די גרויסע שטעט, און ווען זיי האבן זיך דערוואוסט פון דעם סקאנדאל האבן זיי דערקלערט, אז זיי ווילן יהושע העשלען נישט שטיצן מיט א קאפיקע אפילו. עס האט געזאלט פארקומען מכח דעם אן אסיפה אין קאוונא מיט ר' יצחק אלחנן און אנדערע גרויסע רבנים, אבער עס איז דערפון אויך גארנישט געווארן. אונטער דער צייט האט ר' יהושע העשעל באקומען בריוו פון זיינע גוטע פריינט ווי אויך פון דער ווילנער קהלה, אז ער זאל זיך אפזאגן פון געדאנק צו ווערן דער ראש ישיבה כדי עס זאל זיין שלום וואלאזשין און דארטן האט מען שוין פארשפרייט א קלאנג אז ר' חיים וואלא־זשינער איז געקומען צו ר' יהושע העשלען אין חלום און אים געהייסן פארלאזן וואלאזשין. דאן איז איין טאג ר' יהושע העשעל אוועק אויף א קורצער צייט פון וואלאזשין כדי ער זאל נישט זיין קיין שטערונג פאר דער ישיבה. אין עטלעכע וואכן ארום איז ער אבער צוריקגעקומען.

עס האט אבער אויפגעהערט די מחלוקה. ער האט אויפגעהערט צו זאגן דעם שיעור ביי זיך אין דעם היים. די בונטאווטשטשיקעס זיינען זיך צעפאלן. א טייל איז אוועק אהיים און א טייל איז געקומען בעטן ביי ר׳ הירש לייב׳ן ער זאל זיי מוחל זיין און ער האט זיי אויך אנגענומען. ר׳ יהושע העשעל האט שוין פון דאמאלס אן נישט געקאנט רואיק איינזיצן אין וואלאזשין. ער איז א געוויסע צייט געווען רב אין פראגא־ווארשא. ער האט אבער דארטן נישט געהאט קיין אקטיוויטעט און ער איז ארומגעפארן איבער די שטעט האלטן דרשות. ער איז געווען אין פעטערבורג אויף אן אסיפה פון דער חברה מפיצי השכלה מכח יידישע דערציאונג. ער איז אויך געווען מגיד אין דער קצב׳ישער שול אין מינסק. ער האט דאמאלס געטראכט צו גרינדן אן ארטאדאקסישן רבנים־סעמינאר, שפעטער איז ער אוועק קיין פאריז, וואו ער איז געווארן רב אנשטאט ר׳ ישראל סאלאנטער און דארטן איז ער אויך נפטר געווארן אין יאר תרמ״ד.

## ט.

## זיין באציאונג צו ארץ ישראל

יעדע זאך, צו וועלכע אזעלכע טיפן יידן ווי ר׳ הירש לייב האבן זיך גענומען, יעדע אידייע וועלכע זיי האבן געהאט אויפגעכאפט, האט געמוזט אויפגענומען ווערן פאלקאמען. אזא מאן ווי ר׳ הירש לייב, וועלכער איז געווען די שלמות אין תורה און יראת שמים, וועלכער איז געווען גאנץ, האט נישט געקאנט טאן קיין האלבע זאכן. און דעריבער ווען ער איז געפאנגען געווארן פון דעם רעיון פון חבת ציון האט ער זיך אויך איבערגעגעבן צו אים מיט גאנצן הארצן.

אז דער געדאנק פון „חבת ציון” האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן אין דער יידישער וועלט איז ער אייגנטלעך אויפגענומען געווארן מיט געמישטע געפילן. א געוויסער טייל יידן, סיי פון די נידעריקע עלעמענטן, און סיי פון די העכערע קלאסן, האט דעם גאנצן ענין נישט געקאנט גוט איינבייסן, דען צו יענער צייט און אפילו שפעטער איז ארץ ישראל אלץ באטראכט געווארן פאר א לאנד, וואו יידן פלעגן ליב האבן צו פארן שטארבן. זיי האבן נישט איינגעזען די נויטווענדיקייט צו פארן זיך באזעצן אין א לאנד וואס פארמאגט נאר בלויז הייליקייט און נישט גענוג מעגלעכקייטן פון פרנסה. די העכערע עלעמענטן האבן דארום נישט געוואלט וויסן פון ארץ ישראל. זיי האבן באטראכט זייערע וואוינונגס־ערטער פאר ארץ ישראל. און כדי איינצושרעקן דעם עולם האבן זיי געפרובט ארויסלאזן קלאנגען, אז די רעגירונג, פון וועלכן לאנד זי זאל נישט זיין, און צו יענער צייט האט עס הויפטזעכלעך געמיינט רוסלאנד, וואלט „געקוקט קרום” אויף אזא מין באוועגונג, ווייל דאס וואלט געגעבן די שנאי ישראל א פתחון פה צו שרייען, אז יידן זיינען נישט לאיאל צו דער מלוכה, אין וועלכע זיי וואוינען, אז יידן זיינען צווישן די פעלקער בלויז „געסט” און אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט אסימילירן, קיינמאל נישט איינלעבן מיט דעם פאלק, צווישן וועלכן זיי לעבן. בכלל געמומען האבן קיין תירוצים צו זיין קעגן „חבת ציון” נישט געפעלט.

פון דער אנדערער זייט זיינען געווען מענטשן וואָס זיי איז די אידייע געפעלן געוואָרן. און טאַקע ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן צווישן נישט־יידן? און טאַקע צו וואָס זיך דאָס גאַנצע לעבן מאַטערן, זיך יאָגן און פּלאָגן אויף צו מאַכן אַ שטיקל לעבן, ווען אין ארץ ישראל קאָן מען לעבן בלויז אויף באַקסערן, אויף פייגן, טייטלען, אויף מילך און האָניג? די בעסערע, העכערע עלעמענטן, האָבן דאַרין איינגעזען אַז אתחלתא דגאולה. נאַטירלעך, נישט די עצם גאולה, דען דאָס דאַרף קומען נאָר דורך משיח, אָבער דער אָנפאַנג, די פאַרבערייטונג איז שוין דאָ. זיי האָבן דאַרין איינגעזען די אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, די אויפלעבונג פון יידישן לאַנד, די אויפלעבונג פון יחיד און די אויפלעבונג פון כלל. זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס וועט מוזן ברענגען צו אַן ענדערונג צו דער גאַנצער יידישער פּסיכיק, צו דער ענדערונג פון יידישן אַרט דענקען, דען מיט קומען אין ארץ ישראל און באַאַרבעטן דאָס לאַנד וועלן זיי מוזן אַוועק פון זייערע אַלטע באַגריפן און אַנשויאונגען.

פאַרקאַכט זיינען נאַטירלעך געווען די שעפער פון דעם געדאַנק, די פאַר־שפּרייטער פון דעם געדאַנק. זיי, די אידעאַליסטן וואָס האָבן ווירקליך געזען אין דער דאַזיקער אידייע די צוריקאויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אויף זיין לאַנד. זיי האָבן אַפּגעגעבן אַלע זייערע כחות צו ברענגען די אידייע צו אַן ערפאָלג.

צווישן אָט די דאָזיקע אידעאַליסטן זיינען דעמאָלט געווען נישט בלויז משכילים וואָס האָבן געהאַט געזונגען לידער צו דער נייער צייט, נאָר אויך די פרומע לייט, די רבנים, וועלכע האָבן געהאַט פאַרטראַכטן די אַלטע וועלט. זיי, די רבנים, זיינען געווען איבערגעגעבן דעם נייעם אידעאַל פון ריין רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, און זיי זיינען געווען נישט ווייניקער אַקטיוו ווי די איינגערע משכילים. ליידער האָבן זיי די ערשטע צייט נישט געקאָנט ווערן קיין פירער פון זייערע אייגענע שטעטלעך, וואו זיי זיינען געבוירן, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז באַראָן האַראָץ גינצבורג איז אויסגעשפּראָכן קעגן דער דאָזיקער אידייע פון „חבת ציון" און אַזוי ווי די רבנישע וועלט איז געווען אָפּהענגיק פון אים, אין געוויסע נדבות, האָבן זיי מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך. דערפאַר אָבער, אַז עמיצער פלעגט זיי פרעגן שריפטלעך וואָס זייער מיינונג איז וועגן „חבת ציון" פלעגן זיי ענטפערן מיט גרויס באַגייסטערונג און מיט גרויסער ליבשאַפט, זיי פלעגן בענטשן די מענטשן וועלכע פלעגן זיי פרעגן און זיי גערעכטן, אַז זיי זאָלן טאָן מיט אַלע זייערע כחות לטובת „חבת ציון". עס ווערט דעריבער דערציילט, אַז ווען די ערשטע חבת־ציונ'יקעס האָבן זיך דערפון דערוואוסט, פלעגן זיי אָנשרייבן פיינע בריוו מיט דער רבנישער שפּראַך און זיי צושיקן אין פאַרשידענע ווייטע שטעט פון רוסלאַנד און אַזש קיין סיביר צו זייערע חברים וואָס האָבן געאַרבעט פאַר „חבת ציון". די דאָרטיקע חברים פלעגן די דאָזיקע בריוו אַפּשיקן צו די גרעסטע רבנים פון יענער צייט און פרעגן זייערע מיינונגען. די רבנים האָבן נישט גע־וואוסט, אַז דאָס איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, אַז די בריוו זיינען גאָר געשריבן געוואָרן פון שאַרפע משכילים אין קאָוונאַ, נאָר האָבן באמת געמיינט, אַז זיי קומען פון וואָראָנעזש און אירקוטסק, — פון דאָרטיקע פרומע יידן, וועלכע ווילן וויסן ווי אַזוי די רבנים באַציען זיך צו דעם דאָזיקן רעיון. די רבנים פלעגן ענטפערן

און דערנאך פלעגט מען אט די ענטפערס אפדרוקן און צוקלעפן אין שולן צו באווייזן ווי אזוי די גרעסטע רבנים זיינען פאר דעם דאזיקן רעיון. די דאזיקע הסכמה פון רבנים האט מען דענסטמאלט געמוזט האבן. מען האט זיך נישט געקאנט דערלויבן צו פירן אן אקיטאציע אין א שטאט, אדער א שטעטל אן דער דערלויבניש פון רב, און מחמת דעם האבן זיי דורך אט דעם קונץ באקומען הסכמות פון ר' שלמה'לען פון ווילנע, פון ר' יצחק אלחנן, פון ר' אליהו דוד תאומים, פון ר' יאסעלע סלאנימער און נאך אנדערע גדולי הדור.

די דאזיקע אידייע האט אויך פארבלאנדזשעט אין וואלאזשין. דען ווי האט זי געקאנט אויסמיידן אזא גאון און גדול הדור ווי ר' הירש לייבן, וועלכער איז געווען, א חוץ אלעמען, שטארק באפריינדעט מיט ר' מרדכי בויסקער, וועלכער איז געווען א פארברענטער „חנבב ציון", מיט ר' שמואל מאהילעווער, וועלכער איז געווען דער הויפט טוער פאר חבת ציון פון דער רבנות'ער וועלט? און אז ר' הירש לייב האט די אידייע אויפגענומען האט ער זיך אפגעגעבן צו איר מיט דעם גאנצן כח. ער האט געהאלטן, אז ישוב ארץ ישראל איז א מצוה. און דערמיט דערקלערט זיך וואס ער האט אזוי פיל צייט אפגעגעבן דערפאר. ווען ער וואלט עס נישט געהאלטן פאר א מצוה, פאר א הייליקע ארבעט, וואלט ער אפילו קיין איין רגע נישט אפגעגעבן דערפאר. ווייל בטול תורה איז ביי אים געווען דאס שרעק־לעכסטע. ר' הירש לייב איז געווען ענטוזיאסטיש און ער האט געהאלטן, אז דא ארבעט מען פון „אויבן", אז דאס איז די השגחה וואס קירעוועט דא מיט דעם גאנצן ענין און דעריבער איז יעדער איך מחויב צו טאן דארין מיט אלע זיינע כחות.

ר' הירש לייב איז נישט געזעסן צונויפגעלייגט די הענט און סתם געהאלטן אז ישוב ארץ ישראל איז זייער א הויכער ענין. ער האט געארבעט. ער איז געשטאנען אין א שטענדיקער פארבינדונג מיט פארשידענע יידישע ארגאניזאציעס. ער איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט די אויסלענדישע קאמיטעטן, וועלכע האבן געארבעט פאר דער זעלבער אידייע. ווען עס איז פארגעקומען די אסיפה פון די „חובבי ציון" אין דרוזגעניק, איז ר' הירש לייב אויסגעוויילט געווארן אלס „גבאי יועץ" און דאס האט געמיינט, אז ער נעמט אויף זיך ארבעט. היינט דארף קיין „גבאי יועץ" נישט ארבעטן. היינט ארבעטן פאר אים „סעקרעטארן". די איינציקע ארבעט וואס א היינטיקער „גבאי יועץ" טוט איז נאר איבערצוקוקן די פייפערס אויב מען האט שוין דערמאנט זיין נאמען און אויב מען האט חס וחלילה נישט דערמאנט, מוזן די פובליסיטי לייט באלד זען די זאך צו „פיקסען". דעמאלט זיינען די מענטשן געווען נאאיוו. זיי האבן נאך געגלויבט באמת אין א רעיון, זיי האבן באמת געגלויבט אין ישוב ארץ ישראל, זיי האבן באמת געוואלט זען ווי אזוי יידן וועלן אויפגעריכט ווערן אין דעם הייליקן לאנד און דעריבער האבן זיי געארבעט אליין, און שווער געארבעט. און ר' הירש לייבס איבערגעבנהייט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט געטאן אלץ וואס מען האט אים געבעטן נישט קוקנדיק צו צי מען מעג דאס, צי מען טאר נישט. אז ד"ר פינסקער, דער פירער פון די „חובבי ציון" אין אדעס, האט זיך געווענדעט צו ר' הירש לייבן אז ער זאל מסכים זיין צו לאזן שטעלן קערות ערב יום כפור אין שול אויף צו קלייבן

געלט פאַר ישוב ארץ ישראל, האָט ער תיכף געגעבן די הסכמה, כאָטש דאָס איז נאָך גאָר נישט דערלויבט געווען פון דער מאַכט. ווערנד ר׳ יצחק אלחנן, וועלכער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישט דערלויבט, האָט זיך געוואַקלט און מורא געהאַט צו געבן.

## י.

## זיין מיינונג וועגן שמיטה

נישט קוקנדיק דאַרויף, וואָס ר׳ הירש לייב איז געווען אַ „חובב ציון" און מען קאָן זאָגן איינער פון די זיילן פון דער נייער אויפלעבונגס־באַוועגונג, אָדער אפשר טאַקע, ווייל ער איז געווען אַזאַ ליבהאָבער פון ארץ ישראל און האָט געהאַט געקוקט אויף דער אויפבויאונג פון דעם אַלטן הייליקן לאַנד פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט ,האָט זיך ר׳ הירש לייב שאַרף אַרויסגעשטעלט קעגן דעם מען זאָל דערלויבן די ערשטע קאָלאָניסטן צו אַרבעטן אום שמיטה.

די ערשטע קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען געקומען קיין ארץ ישראל נאָך די רוסישע פּאָגראָמען אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן פון פאַריגן יאָרהונדערט, זיינען נישט געווען אַזוי ערפאָלגרייך ווי מען האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. דער ענטוזיאַזם און דער אידעאַליזם איז געווען זייער גרויס ביי די יונגע לייט, וואָס האָבן געשטרעבט אויפצולעבן דאָס פאָלק אויף זיין אייגענעם לאַנד און גלייכ־צייטיק אויך איבערצובויען די עקאָנאָמיק אויף מער קאָנסטרוקטיווע יסודות, דאָס הייסט, אַז יידן זאָלן אָוועקוואַרפן זייערע לופט־געשעפטן און זיך נעמען צו באַאַרבעטן לאַנד, וואָס וועט זיי מאַכן פיזיש געזונטער און זייער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג אַביסל העכער, שענער. דאָס אַלץ איז טאַקע געווען זייער שיין, אָבער נאָך אַ קורצער צייט אַפּזיין אין דעם נייעם לאַנד, זיינען זיי אַביסל אַנטוישט געוואָרן, ווייל עס האָבן פשוט געפעלט די מיטלען אויף אָנצוגייען מיט דער אַרבעט.

דאָס האָט געהאַט געבראַכט צו אַ געדריקטער שטימונג צווישן די קאָלאָניסטן. די רוסישע חובבי ציון האָבן געהאַט אַ גרויסן באַגאַזש מיט אידעאַליזם, אָבער אַ גאַנץ קליינעם באַגאַזש פון געלט. און מחמת דעם האָבן זיי פשוט נישט געקאָנט קומען צו הילף זייערע חברים, זייערע ברידער אין זייער גרויסער נויט. עס איז דעריבער נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין אייראָפּע צו די גרויסע יידישע גבירים, אַז זיי זאָלן קומען צו הילף. דער דאָזיקער דעלעגאַט איז געווען יוסף פיינבערג פון „ראשון לציון", אַ מאַן פון גרויסן אידעאַליזם און פון הויכער קולטור. אַז יוסף פיינבערג איז שוין געווען אָפּגעפאָרן, איז אין ארץ ישראל גראָד אָנגעקומען דער באַוואוסטער פראַנצויזישער מעצענאַט און כלל־טוער, שאַרל נעטער, וועלכער איז געפאָרן אין נאָמען פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" צו באַזוכן די אַגריקולטור־שולע „מקוה ישראל" און, אגב, אויך אַ קוק צו טאָן אויף די נייע קאָלאָניסטן. אַז די קאָלאָניסטן האָבן אים דער־ציילט וועגן זייער מצב און אַז זיי האָבן שוין אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַט קיין

אייראָפּע, האָט ער זיי דערקלערט, אַז זיי זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף די אַלע מעצענאַטן אין אייראָפּע, ווייל עס איז שווער זיי צו באַוועגן, און האָט זיי געראַטן זיי זאָלן דעפּעשירן צו זייער דעלעגאַט, אַז ער זאָל בעסער פאָרן קיין פּאַריז צום באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, וועלכער, ווי ער האָפט, וועט אַנטקעגן קומען זייערע פאַרלאַנגען.

ס'פאַרשטייט זיך אַז זיי האָבן אים געפאָלגט. זיי האָבן דעפּעשירט צו פּינ־בערגן, אַז ער זאָל גיין גלייך קיין פּאַריז און אַז ער האָט די דאָזיקע טעלעגראַמע באַקומען איז ער אַוועק באַלד קיין פּאַריז און האָט דורך דעם פּאַריזער ראַבינער, צדוק כהן, באַקומען אַן אוידיענץ ביים באַראָן און ער האָט דאָס פאַרלאַנגטע געלט באַקומען. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט. אַזוי ווי דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט באַקומען איז געווען צו קנאַפּ פאַר די עטלעכע געגרינדעטע קאָלאָניעס, האָט מען זיך ווייטער און ווייטער געווענדט צום באַראָן און דער באַראָן האָט באַשלאָסן איבערצונעמען אונטער זיין שוץ און אויך אונטער זיין לייטונג אַט די דאָזיקע קאָלאָניעס.

עס האָט געהייסן, אַז די ישועה איז שוין געקומען. ס'האָט אויך געשיינט, אַז פון איצטער אָן וועט אַלץ זיין רואיק. ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען. די קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן ברוגז צו ווערן אויף די פאַרוואַלטערס פון באַראָן און אָפט אויך אויפן באַראָן גופא. עס זיינען געווען זאָגאָר אַזעלכע, וואָס האָבן גערזאָגט, אַז דער באַראָן ווייל מאַכן פון די קאָלאָניעס אַ ביזנעס פאַר זיך, אַקוראַט ווי דעם באַראָן האָט, חס וחלילה, געפעלט פּרנסה און אַ שטיקל ברויט מיט הערינג. אָבער אָפּגעזען פון די עטלעכע היץ־קעפּ זיינען געווען פיל מעסיגערע וואָס האָבן געהאַט טענות צו דער פאַרוואַלטונג, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ מין אַנשי־קעניש און פון וועלכער מען מוז פּטור ווערן. וועו עס האָט געהאַט דאָס פאָלקאָמע רעכט אין דער מחלוקה פון די צוויי צדדים איז נישט לייכט צו זאָגן; עס שיינט אָבער, ביידע צדדים האָבן נישט פאַרטראַטן דעם אמת'ן אמת. ביידע האָבן געהאַט חטאים און ביידע זיינען געווען אין אָרדנונג. עס זיינען געווען שלעכטע אַדמיני־סטראַטאָרן און עס זיינען אויך געווען קאָלאָניסטן, אויף וועמענס צד די גערעכ־טיקייט האָט אונטערגעהונקען. איבריקס, וועד עס זאָל נישט האָבן געווען גערעכט אין דעם קאַמף, אָבער די מלחמה איז אָנגעגאַנגען און האָט דערגרייכט צו גאָר אַ הויכער מדרגה.

בעת אַט דעם רעכטן קאַמף איז אויפגעשטאַנען אַ נייע מעשה, וואָס האָט דעם קאַמף צוגעשאַרפט. דאָס איז געווען די פראַגע פון שמיטה אין ארץ ישראל. עס האָט געהייסן, אַז דעם קומענדיקן יאָר, 1889, וועט אויסקומען דער ערשטער שמיטה־יאָר און מען האָט געדאַרפט באַשליסן צי זאָלן זיי פּייערן שמיטה צי נישט. עס זיינען געווען קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן געטאַנצט פון שמחה, וואָס גאָט האָט זיי געהאָלפן, וואָס זיי קאָנען דורכפירן די שמיטה, וואָס יידן האָבן שוין פאַר יאָרהונדערטע נישט געפייערט. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ זכיה. אַנדערע ווידער האָבן גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף קיין שמיטה נישט האַלטן, ווייל דאָס וואָלט געמיינט חרוב מאַכן אַלץ וואָס מען האָט אויפגעטאָן. זיי האָבן גע'טענה'ט

אז די קאָלאָניעס זיינען נאָך נישט גענוג אַנטוויקלט. אויב מען זאָל אויפהערן צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד אויף אַ גאַנצן יאָר, וועט מען מאַכן אַ תל פון דעם לאַנד און פון די גאַנצע עטלעכע יאָר, וואָס מען האָט געהאָרעוועט און געפּטר׳ט אַזוי פיל געלט. דען ווען מען וועט נאָך שמיטה אַנהויבן באַאַרבעטן די פעלדער, וועט מען מוזן אַנהויבן צוריק פון אָנהויב און די קאָלאָניסטן וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער. נאָך מער, עס וועט אויסקומען, אַז די אַלע קאָלאָניסטן, אַלע אַרבעטער, וועלן דאַרפן זיצן אַ גאַנצן יאָר און קוקן ווי אַלץ אַרום שטאַרבט אָפּ, ווי אַלץ ווערט פאַרטריקנט, פאַרדאַרט און טויט. דערצו וועט נאָך די אויסערלעכע וועלט זאָגן, אַז די יידן זיינען באמת נישט פייאיק צו באַאַרבעטן לאַנד, אַז יידן זיינען נישט פייאיק אויפצובויען ארץ ישראל — גיט אַ קוק, ווי זיי פאַרניכטן אין איין יאָר וואָס זיי האָבן אָפּגעאַרבעט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד! און ווער וועט עס וועלן שפּעטער געבן אַ גראָשן פאַר ארץ ישראל, אַז מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז זיי באַגראָבן אַלץ וואָס ס׳איז געשאַפן?

מהאי טעמא איז געווען בלויז איין איינציקער אויסוועג — צו באַקומען אַ היתר פון די רבנים, אַז מען מעג אַרבעטן אום שמיטה. די זאַך איז געווען אַ צו דעליקאַטע. שמיטה איז מן התורה — ווער וועט זיך דאָס דערלויבן צו גיין קעגן אַ דין פון דער תורה? עס איז געווען שווער, אָבער ר׳ שמואל מאָהילעווער, וועלכער האָט געברענט פאַר דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל, האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די גרעסטע רבנים פון יענער צייט און מען האָט דעם ענין ברייט אַרומגעשמועסט. ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט ר׳ מרדכי בויסקער, ר׳ יהושע קוטנער און מיט ר׳ הירש לייבן. די ערשטע רבנים האָבן מסכים געווען, אַז מען זאָל אַרבעטן אום שמיטה, אָבער נאָר דאָס יאָר אַליין. שפּעטער אָבער, ווען עס וועט אָנקומען דער נייער שמיטה־יאָר, וועט מען דעם באַשלוס מוזן ווידער באַנייען. ר׳ הירש לייב איז אָבער געווען דאַגעגן. ער האָט זיך געהאַלטן פעסט, אַז מען טאָר נישט גיין אויף קיין פּשרה בנוגע שמיטה.

דערוויילע האָבן זיך די ירושלים׳ער רבנים אויך אַ נעם געטאָן דערצו. אָפּנים, אַז זיי זיינען געווען אַביסל אין כעס פאַר וואָס מען איגנאָרירט זיי און מען האָט אָנגעפרעגט בלויז ביי די אייראָפּעאישע רבנים. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף, און ווען זיי האָבן דערהערט, אַז מען וויל אַרויסבאַקומען אַ היתר אויך פון ר׳ יצחק אלחנן, האָבן זיי געאַרבעט פעסט, אַז ר׳ יצחק אלחנן זאָל קיין היתר נישט אַרויסגעבן. די הויפּט קעמפער אין ארץ ישראל זיינען געווען ר׳ יהושע לייב דיסקין און ר׳ שמואל סאַלאַנט און זיי האָבן געוואָרנט די קאָלאָניסטן, אַז זיי זאָלן נישט וואָגן צו אַרבעטן אום שמיטה, אַז נישט וועט מען זיי מחרים זיין.

דאַן האָט זיך דער באַראָן ראָטשילד געווענדעט צו ר׳ יצחק אלחנן און געבעטן, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם. דען הגם דער באַראָן האָט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל חרוב ווערן אין דעם דאָזיקן יאָר אַלץ וואָס ס׳איז געשאַפן געוואָרן, האָט ער אָבער אויך נישט געוואָלט עובר זיין אַ דין פון דער תורה. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ יצחק אלחנן איז אַריין אין אַ שווערער לאַגע, איבערהויפּט בנוגע אשכנזישע רבנים אין ירושלים. אָבער ענדלעך האָט ער מסכים געווען מיט

די איבריקע רבנים, בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען ר' שמואל מאָהילעווער, און האָט מתיר געמאַכט צו אַרבעטן אין שמיטה־יאָר.

באַקומענדיק אַט דעם ענטפער פון ר' יצחק אלחנן האָט דער באַראָן פאַר־אָרדענט, אַז עס זאָל זיין רואיק און מען זאָל גיין צו דער אַרבעט, ווייל אויך דער דער גרעסטער אויטאָריטעט ביי יידן, ר' יצחק אלחנן, האָט מתיר געמאַכט. דערביי האָט ער געלאָזן וויסן ד"ר פינסקער, וועלכער איז געווען דער פירער פון די רוסישע חובבי ציון, אַז אויב די קאָלאָניסטן וועלן נישט הערן די מיינונג פון עטלעכע גרויסע רבנים, דאַן וועט ער זיי אויפהערן צו שטיצן. ר' יהושע לייב דיסקין האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן און געבעטן דעם באַראָן ראָטשילד, אַז ער זאָל אָפּהיטן דעם דין פון דער תורה און ער זאָל נישט דערלויבן די קאָלאָניסטן צו אַרבעטן אין שמיטה־יאָר.

פון דעם גאַנצן ויכוח און קאַמף איז אַרויסגעקומען אַ מיש־מאַש. די קאָלאָ־ניסטן פון עקרון האָבן געפאָלגט דעם רב מרדכי גימפעל יפה פון „ראשון לציון", וועלכער איז אַקאָרשט געווען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל און איז געווען אַ לאַנדסמאַן פון די דאָרטיקע קאָלאָניסטן. די קאָלאָניסטן פון פתח תקוה האָבן זיך צעריסן אויף צוויי פּאַרטייען: איינע וואָס האָט געוואָלט אַרבעטן און איינע וואָס האָט נישט געוואָלט. און אונטער דעם איינפלוס פון ר' יחיאל מיכל פינעס האָבן אפילו די קאָלאָניסטן פון גדרה זיך אָנטזאָגט צו אַרבעטן, און די דאָזיקע קאָלאָניסטן זיינען זיכער נישט געווען דערפאַר מען זאָל אָפּהיטן דעם דין פון שמיטה, דען זיי זיינען געווען ראַדיקאַלע.

עס פאַרשטייט זיך דעריבער, אַז דער הויפּט וואָרצל פון קאַמף איז געווען נישט צוליב דעם דין פון דער תורה — ווייל אַ גרויסער טייל פון די קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געווען ווייט צו זיין אַזעלכע צדיקים — נאָר צו פאַרגרעסערן די מלחמה קעגן די אַדמיניסטראַטאָרן און קעגן באַראָן. אָבער פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן, אַז מען קעמפט פאַר שמיטה.

יעדנפאַלס איז ר' הירש לייב געווען אויסגעשפּראָכן דאַגעגן און האָט אויף קיין שום פשרות נישט געוואָלט איינגיין. עס האָט אויף אים אפילו גאַנץ ווייניק געווירקט דער באַשלוס פון ר' יצחק אלחנן. עס האָט אים, נאַטירלעך, וויי געטאָן, וואָס די רבנים האָבן גענומען אַזאַ שטעלונג צו שמיטה. איבערהויפּט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די אַלע רבנים זיינען געווען ידידים און גלייכצייטיק מיטאַר־בעטער פאַר דער גרויסער אידייע פון דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל. נאַטירלעך, איז ר' הירש לייב מיט די אַלע רבנים גוט געוואָרן, אָבער דאָס האָט נישט געהייסן, אַז ער האָט מסכים געווען מיט זיי בנוגע דער שמיטה־פראַגע. אין דער פראַגע איז ער געווען שטאַרק ווי שטאָל און קיין שום כח האָט אויף אים נישט געקאָנט האָבן קיין איינפלוס. און דאָס איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם שטרענג אויסגעהאַלטענעם גאון ר' הירש לייב וואָלאָזשינער.

## יא.

## זיין פירוש אויף דער תורה

דער לימוד פון תנ"ך אין א ישיבה און בפרט אין א גרויסער ישיבה איז באטראכט געווארן פון די לומדים פאר אן איבריקע זאך, פאר א זאך וואס איז גוט פאר קינדער, פאר פראסטע מענטשן און פאר ווייבער. דאס קאן אפילו אויס־קוקן זייער מאדנע. די תורה וואס איז דאס העכסטע, דאס הייליקסטע, וואס ס'איז דא ביי יידן, די תורה אויף וועלכעס עס איז געבויט דאס גאנצע יידנטום, די תורה אן וועלכער עס הערט אויף צו עקזיסטירן יידישקייט און מיט איר אויך דאס גאנצע יידישע פאלק — אט די תורה איז עפעס ווי פארנאכלעסיקט געווארן און דוקא פון די וואס האבן זייער גאנצן לעבן אוועקגעגעבן פאר יידישקייט. אבער עס איז דאך אזוי געווען. דער גאנצער יידישער מח, דער גאנצער יידישער זשעניע האט זיך פארטיפט אין תלמוד, אין הלכה, האלטנדיק אז אין דער גמרא איז שוין אלץ פאראן, אז די גמרא וואס איז א מין אינטערפרעטאציע אויף דער תורה, איז שוין כולל אין זיך אלץ וואס קאן אויפהאלטן דאס יידישע פאלק. די גרעסטע גאונים, די גרעסטע רבנים האבן געהאלטן אין איין לערנען גמרא פאר יאר־הונדערטע, שאפנדיק גוואלדיקע פלפול ספרים, אבער צו תנ"ך האט מען זיך נישט צוגערירט. נאטירלעך, זיינען געווען יחידים וואס האבן יא זיך אפגעגעבן מיט דער תורה, מיט חומש און מיט די איבריקע כתבי הקודש. זיי האבן אויך פירושים געשריבן צו דער תורה. אבער בכלל גענומען, קאנען זיי נישט דינען אלס כאראקטעריסטישע פערזענלעכקייטן פון זייערע עפאכעס. דאס כאראקטע־ריסטישע איז געווען דער פלפול, תלמוד, אבער נישט פשט און נישט די כתבי הקודש.

מיט דעם אויפשטייגן פון ווילנער גאון האט זיך אין ליטא די באציאונג צו חומש געענדערט. דער גאון האט באוויזן אז מען דארף לערנען די כתבי הקודש פונקט אזוי ווי מען דארף לערנען גמרא, ווייל עס איז נישטא קיין העכערעס ווי דער חומש, די נביאים און די כתובים. די תורה שבעל פה איז טאקע געגעבן געווארן אויפן בארג סיני אין איין צייט מיט תורה שבכתב, אבער די תורה שבכתב איז דער יסוד און די גמרא איז דער פירוש. אין דעם גאונס לערנען תנ"ך איז נישט געווען בלויז דרש און פשט. ער האט געציילט די ווערטער, ער האט געציילט די אותיות. עס ווערט דערציילט, אז בעת ר' רפאל האמבורגער איז געווען אויף דער עלטער און האט שוין שוואך געזען, האט אים זיין ברודער געבעטן ער זאל אים זאגן מיט וואס דער ווילנער גאון איז געווען גרעסער פאר די איבריקע גאונים פון זיין דור. ר' רפאל האט אים געשיקט צו זיין ספרים־שראנק און גע־הייסן ארויסנעמען א ספר וואס געפינט זיך אויף דעם און יענעם ארט. אז ער האט דעם ספר ארויסגענומען האט ער דערזען אז דאס איז א פשוט'ער תנ"ך. ר' רפאל האט גענומען דעם ספר אין האנט און געזאגט: אט דערמיט איז דער גאון גרעסער פון זיין גאנצן דור. ער האט געקענט דעם תנ"ך אויף אויסווייניק. עס ווערט אויך

דערציילט אין נאמען פון ר׳ שאול קאצענעלענבויגן, אז אויף דער עלטער האט דער גאון געלערנט בלויז חומש. דער ש״ך האט געדארפט זוכן א היתר אויף לערנען חומש פון א תוספות. דער ווילנער גאון האט אבער נישט געדארפט זוכן קיין היתר פון א תוספות אויף צו לערנען תנ״ך.

דיזעלבע שיטה אין לערנען גמרא האבן איבערגענומען א סך פון זיינע תלמידים אבער נישט אלע האבן אפגעהיט דעם לימוד פון תנ״ך אזוי ווי דער גאון אליין. דאך האבן מאנכע יא געלערנט תנ״ך. צווישן די דאזיקע גדולים איז געווען דעם גאונס תלמיד, ר׳ חיים וואלאזשינער און ער האט עס איינגעפלאנצט אויך אין דער ישיבה וואס ער האט געהאט געגרינדעט. און פון דאמאלס אן איז געווען א מין טראדיציע צו לערנען תנ״ך. אזוי האט זיך נוהג געווען ר׳ חיים אליין, אזוי האט זיך נוהג געווען ר׳ איטשעלע, זיין זון, און אזוי האבן זיך נוהג געווען אויך די איבריקע ראשי ישיבות, וועלכע האבן געהאט איבערגענומען דעם טראן אין דער וואלאזשינער ישיבה.

ר׳ הירש לייב איז געווען א גרויסער בעל תנ״ך. ער האט אליין געלערנט א סך און האט די אלטע טראדיציע פון ווילנער גאון נישט פארלאזן. ער האט זיך אויך נוהג געווען צו לערנען מיט תלמידים א פרשה חומש יעדן טאג. עס איז אויך באהויפטעט געווארן, אז ער איז געווען א גרויסער פשטן, אז ער האט זיך באמיט ארויסצוברייננגען א פסוק לויטן פשוט׳ן פשט, לויט דעם טייטש פון די שפראך און איר גראמאטיק. דאס שיינט אבער נישט אין גאנצן צו שטימען מיט דערווירקלעכקייט. ר׳ הירש לייב איז געווען כמעט דורך און דורך א גמרא ייד און א מפולפל פון גרויסן מאסשטאב. ער פלעגט טאקע לערנען מיט די תלמידים יעדן פרימארגן א פרשה חומש, אבער נישט מיט אלע תלמידים. א סך תלמידים האבן זיך אין דעם דאזיקן לימוד נישט באטייליקט, ווייל ביי זיי איז געווען דער עיקר גמרא. דען דאס איז געווען דער גייסט פון אלע אנדערע ישיבות און ספעציעל אין וואלאזשין. א חקירה, א שטיקל חריפות און בקיאות איז דארטן געשטאנען העכער פון אלץ אין דער וועלט. דערצו איז ר׳ הירש לייב נישט געווען אזא פשטן. ער האט זיך אפט געהאלטן אין די ראמען פון שפראך און גראמאטיק, אבער זיינע אינטערפרעטאציעס זיינען געווען נישט בלויז סתם דרש, נאר פלפול׳ און אין דעם זינן האט ער אויך ארויסגעבראכט זיינע פירושים אויף דער תורה. זיין גרויסער פירוש „העמק דבר״, און קלענערער פירוש „הרחב דבר״, זיינען עכטע מוסטערן פון פלפול, העכסטער מוסטער פון אינטערפרעטאציעס לויט די חז״ל, לויט הלכה, ער אליין דערקלערט אז ער האט זיין פירוש א נאמען געגעבן „העמק דבר״, ווייל ער האט די תורה געוואלט מער פארטיפערן, דען לויט זיין מיינונג איז זי נאך נישט גענוג טיף אויסגעטייטשט געווארן. אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויף דברים זאגט ער בפירוש, אז דער טייל הייסט „משנה תורה״, ווייל מען דארף די תורה שלייפען, און דאס ווארט „לעשות״, וואס ווערט געזאגט אין באצוג צו דער תורה, הייסט ביי אים נישט בלויז אפהיטן די מצוות פון דער תורה, נאר „אויסצוארבעטן״ די תורה, זי טיפער צו פארשטיין, זי טיפער אויס־צוטייטשן. דאס זעט איר ביי אים אנהויבנדיק פון ווארט „בראשית״ ביז „לעיני

כל ישראל". ר' הירש לייבס פשטים אויף דער תורה זיינען נישט קיין פשוט'ע, נאר לומדות, בקיאות מיט חריפות. עס קומט אוים אין א געוויסן זין אז די תורה איז ביי אים געווען א געלעגנהייט ארויסצוברייננען פלפול. אפילו ווען ער ברייננט ארוים פשט שטרעבט ער אים אזוי שטארק צו פאר'פלפול'ן, אז ער ווערט בלויז פלפול. און אין דעם סיסטעם איז ער אויסגעהאלטן פון אנהויב ביזן סוף. יעדעם מאל ווען עס איז אים שווער א פסוק, פארטייטשט ער אים מיט א ברייתא, מיט א משנה. ער ברייננט ראיות פון די חז"ל, ער ברייננט ראיות פון רמב"ם. דאס איז ביי אים נישט געווען קיין צופאל, ער האט עס נישט געטאן ווייל דער אדער יענער פסוק איז אים שווער. ער האט עס געטאן ווייל אזוי איז געווען זיין גערדאנק-גאנג. ער האט גערעכנט ווי א גמרא-ייד, ער האט אלץ געטאן פון גמרא-שטאנדפונקט און מחמת דעם האט ער אלע זאכן אין דער תורה אויך באלויכטן פון גמרא. און גייענדיק לויט זיין שיטה, האט ער אויך, ווי די גמרא גופא, אויסגעטייטשט פיל ערשיינונגען אין דעם זעלבן זינן. ביי אים איז דער ספור המעשה אין דער תורה, נישט אזוי סתם א פאסירונג. ער דרשנ'ט אים אוים. ביי אים איז שאול המלך געווען א למדן און א גרויסער בעל הלכה. דוד המלך קומט ביי אים ארוים א מפולפל שאין כמוהו. דוד המלך איז געווען א פוסק און איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט גמרא. ביי אים זיינען אפילו יידן אין דער מדבר געזעסן און געלערנט תורה מיט פלפול. ער האט וואונדערלעכע פשטים, אבער זיי זיינען אלץ איינגעהילט אין א שלייער פון א ירושלמי, פון א מדרש, פון א משנה און פון א מאמר חז"ל. און דאס איז גאנץ נאטירלעך פאר אים, ווייל ער אליין איז געווען אמערקווירדיקער צדיק און האט זיין פלפול געבראכט צו דער העכסטער שטופע פון גאונות.

דעם דאזיקן צוגאנג צו זיינע אינטערפרעטאציעס איז אויך צו זען אין זיין פירוש אויף „שיר השירים" אונטער דעם נאמען „מיטב דבר". עס איז אמת, אז ביי אלע מפרשים איז „שיר השירים" אנגענומען געווארן אלס אן אלעגאריע, אז „שיר השירים" באהאנדלט די באציאונגען פון גאט צו די כנסת ישראל. אבער ביי ר' הירש לייבן קומט שיר השירים ארוים נאך טיפער און ער טייטשט אוים די אלעגאריע אויף זיין אייגענעם, אריגינעלן אופן. ביי אים איז דער ספר „שיר השירים" באשעפטיקט מיט דער אידייע צו ערוועקן אין די יידישע הערצער די ליבשאפט צו גאט. געוויסע שירים ברייננען ארוים, לויט זיין מיינונג, די בענקשאפט פון יידן צו גאט, ווי א פרוי בענקט אין איר ליבע צום מאן. און אלע ווייסן דאך, אז די כנסת ישראל איז געבליכן געווארן צו א אשה. שטייט דאך אין פסוק „וזכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך . . ." ביי אים איז די שמן אין „לריח שמניך טובים", א כוונה אויף די מצוות, ווייל עס שטייט דאך „נר מצוה". אין דעם גאנצן שיר השירים געפינט ער אלעגאריעס אויף גאט, אויף משה רבנו, אויף דעם פאלק ישראל און אויף די בעלי התורה. אומעטום זעט ער די ליבשאפט פון גאט צום פאלק און פון פאלק צו גאט.

עס איז דאריבער שווער צו דעפינירן ר' הירש לייבן אלס א פשטן. אבער אפילו אלס בעל דרש איז ער פיין און טיף. ער האט שיינע פארגלייכונגען, ער

האט שיינע אויסגעטייטשטע אלעגאריעס און זיינע פירושים זיינען דערפרישנד און אריגינעל. זיינע פירושים קאנען זיך זיכער רעכענען צו די עכט קלאסישע טראדיציאנעלע פירושים אויף דער תורה.

יב.

## איבער די אחדות אין יידנטום

ר׳ הירש ליבס גייסטיק בילד וואלט לחלוטין נישט געווען פאלקאמען, ווען מען זאל אים אויסמאלן בלויז אלס גאון אין תורה און אלס טוער פאר דער אויפבויאונג פון ארץ ישראל. ר׳ הירש ליב האט אויך געהאט א דענקענדן מוח. ער האט זיך געהאט אינטערעסירט מיט אידייען, ער האט זיך אינטערעסירט מיט דער יידישער געדאנקען־וועלט און האט זיך ליב געהאט צו פארטיפן אין געוויסע יידישע פראבלעמען. נאטירלעך זיינען זיינע ארגומענטירונגען נישט געבויט בלויז אויף לאגיק אליין און אויף פילאזאפישער דיאלעקטיק. ער זאגט ארויס פיינע געדאנקען. ער דענקט אבער, קענטיק, אז מיט מענטשלעכער לאגיק, מיטן מענטש־לעכן שכל קאן מען ווייט נישט אוועק און ס׳איז גאר א מין סכנה צו בייען די יידישקייט אויף „ריינעם פארנונפט״. יידישקייט איז נישט אזא זאך, וואס מען קאן אויספילאזאפירן. מחמת דעם מוז ער שטענדיק זיינע רעיונות ארומפוצן און פארשטארקן מיט תורה, מיט פלפול.

צו דער צייט ווען עס האבן זיך געבילדעט געוויסע גרופן וועגן חזוק הדת, האבן מאנכע פון זיי געפרואווט אויפקלערן דעם ענין צי קאן דאס יידנטום צע־טיילט ווערן אין דריי גרופן און צי עס געפינען זיך לינקע, רעכטע און מיטעלע אין אונדזער אמונה. די דאזיקע דריי גרופן האבן זיי באצייכנט אלס „לינקע״, „רעכטע״ און „מיטעלע״ און זיי זיינען: צדיקים, רשעים און תמימים. ר׳ הירש ליב ווייזט אז אין איינער פון זיינע תשובות, אז די דאזיקע קלאסיפיקאציע איז בכלל נישט קיין ריכטיקע, דען מען קאן נישט האלטן די רשעים, די וואס האלטן נישט פון דער תורה, אלס א טייל, וואס דארף שטיין אין יידנטום. די דאזיקע לייט געהערן דאך אייגנטלעך אויסערהאלב פון יידנטום. די פראגע דארף זיין, לויט ר׳ הירש ליבס מיינונג, צי עס זיינען פאראן רעכטע, לינקע און מיטעלע, וועלכע שטייען אויפן גרונד פון דער טראדיציע, פון דער יידישער מסורה.

ר׳ הירש ליב לאזט זיך אריין אין א חקירה וועגן דעם מהות פון די דריי גרופן און דרינגט ארויס, אז אלס די רעכטע גרופע דארף באטראכט ווערן יענער עלעמענט, וועמעס ליבשאפט צו גאט דערגרייט צו אזא הויכער מדרגה, אז ער קאן זיך מוסר נפש זיין פאר אים, אז דער „ואהבת את ה׳ אלקיך״ דארף זיין פאלקאמען ביז פאלשטענדיקער מסירת נפש. צו אזא מדרגה קאנען נישט אלע יידן קומען. אזא מענטש מוז זיין פון די יחידי סגולה, פון די אויסדערוויילטע נשמות. אזעלכע מענטשן מוזן זיין אפגעזונדערט פון דער וועלט און זיין פארטאן אין תורה און אין מצוות. ערשט ווען אזא מענטש איז פאר זיך אליין און איז פארטיפט אין

ריינע מחשבות און איז פארזונקען אין לערנען, קאן ער דערגרייכן די מדרגה פון עכטער ליבשאפט און עכטער התבדקות צו גאט.

עס איז אבער פאראן נאך א מין קלאס מענטש. דאס איז אזעלכער, וועלכער דינט גאט מיטן גאנצן הארצן, היט אפ די תורה מיט אלע דקדוקים, אבער עס פעלט אים די „אהבת ה׳", עס פעלט אים די התבדקות. אזא מענטש זונדערט זיך נישט אפ פון דער וועלט כדי צו דערגרייכן צו יענער הויכער מדרגה. אזעלכע זיינען געווען די אמאליקע יידישע פילאזאפן, וועלכע זיינען קיינמאל נישט אוועק פון דער תורה, וועלכע זיינען געווען גרויסע פרומע יידן און האבן אויך אנדערע געלערנט ווי צו זיין פרום און ווי אפצוהיטן די תורה. זיי האבן נישט געוואוסט ווי אזוי מען קאן ליב האבן גאט מיט לייב און לעבן, זיי זיינען געווען ווייט פון רוח הקודש, און אט אזעלכע קאן מען באצייכענען אלס „לינקע".

און ס'איז פאראן נאך א דריטער קלאס מענטש. דאס איז אזעלכער, וואס בעת ער דאווענט דערנענטערט ער זיך צו גאט און פילט די ליבשאפט צו גאט, אבער ווי נאר ער איז ארויס פון שול, ווי נאר ער קומט אין קאנטאקט מיטן טאג־טעגלעכן לעבן, איז ער עפעס אן אנדערער. אזעלכער קאן אייגנטלעך באצייכנט ווערן אלס „מיטעלער". אבער אויך דאס וואלט נישט געווען פאלקאמען עקזאקט, ווייל אויך צווישן די „מיטעלע" קאנען זיך געפינען גרויסע חסידים, נאר וואס דען? זיי פעלט נאר די פארטיפקייט צו דערגרייכן די ליבשאפט. עס איז דעריבער שווער אפילו צו באצייכענען אזעלכע יידן פאלקאמען אלס „מיטעלע".

ר׳ הירש לייב שטעלט זיך אויך אפ דערויף צו באווייזן, אז מען קאן אמאליקע יארן נישט פארגלייכן מיט די היינטיקע. אמאליקע יארן זיינען אזוי צו זאגן די „מיטעלע" נישט געווען אין אזא סכנה, אז זיי זאלן אראפווארפן פון זיך דעם עול פון תורה און מצוות ווי אנדערע אפיקורסים, וועלכע געפינען זיך אייגנטלעך אין יעדן דור. היינט אבער, איז כאטש אזא מין מענטש דענקט גאר־נישט אראפצוווארפן פון זיך דעם עול התורה, פונדעסטוועגן קאן זיך אזעלכער שנעל אויסגליטשן, אויב ער זאל נישט האבן גאט שטענדיק פאר זיינע אויגן. ער פרוווט באווייזן, אז זינט יידן זיינען א פאלק, זיינען יידן היינט ערגער ווי אמאל. עס איז באקאנט, אז בעת יידן זיינען אריין אין ארץ ישראל און א סך דורות נאך דעם, איז דער כח פון עבודה זרה געווען זער שטארק. ממילא איז שוין קיין ייד נישט זיכער געווען, אז ער זאל אריינגעצויגן ווערן אין עבודה זרה, אויב ער וועט זיך נישט אויפפירן יידישלעך און האבן גאט פאר זיינע אויגן. דאס זעט זיך ביי יהושע׳ן, בעת ער האט אנגעזאגט דעם פאלק צו זיין גוט און פרום. דערמיט האט יהושע געמיינט צו זאגן, אז עס איז נאך ווייניק וואס די יידן ווען צוזאגן נישט צו דינען די עבודה זרה. זיי מוזן שטענדיק האבן גאט פאר די אויגן, כדי זיי זאלן צו דעם נסיון נישט קומען. די יידן האבן געמיינט, אז דאס איז א לייכטע זאך, אז דערמיט, וואס זיי וועלן נישט דינען צו דער עבודה זרה וועלן זיי שוין ממילא זיין זיכער צו דינען גאט אליין. און דעריבער איז זיי לייכט געווען צו זאגן „את ה׳ אלקינו נעבוד ובקולו נשמע". דער סוף איז טאקע געווען, אז זיי זיינען דורכ־געפאלן און האבן יא געדינט און שפעטער האבן זיי ווידער נישט געהאלטן קיין ווארט און זיי זיינען דערפאר פארטריבן געווארן פון לאנד. דערפון קאן מען

ארויסדרינגען, אז בלויז אין אזא צייט, ווען די תאוה צו געצנדינסט האט געברענט ווי פייער, זיינען מענטשן נישט אימשטאנד געווען בייצושטיין דעם נסיון, אבער ווען די דאזיקע תאוה האט זיך ביי אנדערע נישט דערוועקט און זיי האבן די שלעכטע זיטן נישט געהאט, זיינען זיי נישט אריינגעצויגן געווארן אין נעץ פון זינד, און מחמת דעם זיינען די „מיטעלע" נישט געווען אין קיין סכנה. אבער אצינדערט, ווען די אפיקורסות איז שטארקער געווארן און די אמונה אין דער תורה איז שוואכער געווארן, דארף מען זיך מער אפהיטן, דארף מען מער פאר־זיכטיק זיין, אויב נישט איז מען אין סכנה.

ער שטעלט זיך דעריבער אפ אויף דער עצה פון די מחזיקי הדת, אז מען דארף זיך פאלקאמען דערווייטערן פון די דאזיקע לייט, אז מען דארף מיט זיי קיין משא ומתן נישט האבן. ר' הירש לייב טרעט ארויס שארף קעגן דעם. דאס וואלט, לויט זיין מיינונג, געווען א חורבן פארן יידנטום. זאגאר ווען יידן זיינען געווען אין ארץ ישראל האבן אזעלכע שארפקייטן געבראכט צו אומגליקן. זאגאר דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב אזעלכע שארפע רייסעניש פון כתות און צוליב שנאת חנם. בפרט נאך ביי היינטיקן טאג. עס וועט נאך אויסקומען, אז איינעם פון אזעלכע חרדים פון די מחזיקי הדת וועט זיך אויסדאכטן, אז אימעצער פירט זיך נישט אויף אזוי שטארק יידישלעך און אויף דעם סמך וועט מען אים דערקלערן אלס אן אפיקורוס און מען וועט אים דערווייטערן פון זיך. דאס קאן ברענגען צו געגנזייטיקע רדיפות, וועלכע קאנען, חס וחלילה, אומברענגען דאס יידישע פאלק. אפילו ווען מיר וואלטן געווען א פאלק אין אונדזער אייגען לאנד, וואלטן מיר געקאנט דערפון געפערלעך ליידן. בפרט נאך, אז מיר ליגן אין גלות, צעזייט און צעשפרייט מיט טויזנטער שונאים ארום.

ר' הירש לייב ווייזט דא ארויס נישט בלויז א גרויסע מאס טאלעראנץ צו נישט גאנץ פרומע, נאר אויך זיין טיפן בליק אויפן לעבן. ער ברענגט ארויס ווי ווייט דער כח השנאה קאן צעברעכן פעלקער. עס קאן זיין טרויעריק, וואס געוויסע טיילן יידן זיינען נישט פרום גענוג, אז מען זאל צוליב דעם אנהויבן א קאמף קעגן זיי אין אזא שארפער פארמע ביז צו א פאלקאמענער איזאלירונג, וואלט געווען א סכנה פאר יידן און פארן גאנצן יידנטום. אויב מען וויל פארשטארקן די יידישקייט, אזוי ווי די מחזיקי הדת האבן געוואלט, דארף מען צוגיין מיט אנדערע מיטלען. דער בעסטער מיטל איז, אז מען זאל פארשפרייטן תורה צווישן יידן. אזוי איז געטאן געווארן ביי יידן אין אלע צייטן, ווען מען האט געזען, אז יידישקייט ווערט שוואכער. מען דארף מער פארשפרייטן תורה און מען דארף א סך לערנען און מען טאר לחלוטין נישט גיין נאכשפירן אויב איינער לערנט לשמה אדער שלא לשמה. ווען אפילו איינער לערנט נישט פון ליבשאפט איז דאס אויך א גרויסע זאך, ווייל דאס ציט אים אפ פון פיל עבירות. אפילו ווען איינער לערנט זיך אויסצופיינען, איז אויך קיין אומגליק נישט. דערפאר ווערט מען נישט באשטראפט. ר' הירש לייב מיינט אפילו, אז אויב אפילו דער איינגערער דור איז געצוואונגען צו לערנען וועלטלעכע בילדונג, איז אויך נישט געפערלעך. מען דארף נאר האבן פרומע יידן זיי זאלן אנפירן מיט דעם גאנצן לימוד. מען טאר זיך אפילו נישט אוועקשטעלן קעגן שטראם. דען אויב עס איז פאראן א שטרעבונג

ביים יונגען דור צו לערנען וועלטלעכע בילדונג, מוז מען אנטקעגנקומען און נישט שטערן אין דער שטרעבונג, ווארום אויב מען וועט די יונגע קינדער שטערן, וועלן זיי איינגאנצן נישט פאלגן די עלטערן און וועלן אראפגיין פון דרך הישר.

עס איז נאטירלעך גאנץ מעגלעך אנצוצייכענען געוויסע גרופירונגען אין יידנטום, געוויסע טיילן, געוויסע קלאסן. עס מעגן זיין גאנץ פרומע, האלב פרומע און פערטל פרומע; עס מעגן זיין, אזוי צו זאגן, „רעכטע", „לינקע" און „מיטעלע". אזוי לאנג אבער ווי זיי שטייען אויפן גרונד פון טראדיציע, בילדן אלע איין פאלק און עס קאנען נישט געמאכט ווערן קיין שום קלאסיפיקאציעס אלס אזעלכע. סיי די „רעכטע", סיי די „לינקע" און סיי די „מיטעלע" האבן פאר זיך איין איינציקע אויפגאבע: נישט צו פירן קיין סכסוכים צווישן זיך. עס מוז הערשן אחדות, דען אן אחדות קאן קיין שום פאלק קיין קיום נישט האבן. און דער הויפט צוועק פון אלע יידן איז צו לערנען תורה; ווען אלע וועלן לערנען תורה, קאנען בכלל אויפהערן אלע מינים קלאסיפיקאציעס, ווייל נאר דורך דער תורה קאן מען קומען צו א העכערער מדרגה.

## יג.

## אַ לעבן אָן מנוחה — די ישיבה ווערט אָפּגעברענט

ר' הירש לייב האט בכלל דורכגעמאכט א לעבן אן מנוחה, ווי אלע גרויסע צדיקים. ער איז טאקע געווען פארטיפט אין דער תורה, עס איז פאר אים קיין העכערע און שענערע זאך נישט געווען ווי די תורה. דאס לערנען תורה און מחדש זיין חידושים איז ביי אים געווען דער העכסטער תענוג. אבער מען האט אים שטענדיק געקוועלט און נישט געלאזט רוען.

צום אנהויב איז אים געווען אביסל ענג, אנקומענדיק אין וואלאזשין. עס האט זיך געפילט קעגן אים א געוויסע קאלטקייט. אפילו זיין אייגענער שווער, ר' איצעלע וואלאזשינער, איז נישט געווען צו אים וואוילגענייגט. ער איז שפעטער צו אים ווארימער געווארן, אבער דאס איז געווען נישט דערפאר וואס ער אליין איז איבערצייגט געווארן אין ר' הירש לייבס גרויסקייט. דאס איז געווען דורך ר' דוד'ל ביכאווער, וועלכער האט זיך געהאט דורכגעשריבן מיט ר' הירש לייבן אין לומדות און ער האט וועגן זיין גרויסקייט אמאל געהאט געשריבן צו ר' איצעלען. די גאנצע דינאסטיע איז געווען צו אים פרעמד.

דאן האט ער געהאט איבערצולעבן א שווערן קאמף אלס ראש ישיבה. ער האט געדארפט קעמפן מיט ר' יאשע בערן, ער האט געדארפט קעמפן מיט ר' יהושע העשלען, ער האט געדארפט קעמפן קעגן דער משפחה, וועלכע האט געקוקט אויף אים קרום. עס איז נישט געווען קיין אנגענעמע זאך, זיצנדיק אין וואלאזשין צווישן אזעלכע שארפע געגנער און דערביי אנגיין רואיק מיט דער שווערער ארבעט אין דער ישיבה. אומעטום, וואו ער האט זיך געגעבן א בויג, האט זיך גערייסן. עס האט זיך נישט געקלעפט, עס איז נישט געגאנגען אזוי ווי ער האט געוואלט. אלע

שטערונגען און שטרויכלונגען האט ער געהאט געטראָפן אויף זיין וועג. מען האט געמוזט זיין אַן אויסערגעוויינלעכער גבור — און ער איז אַזאַ גבור געווען — אויסצושטיין די אַלע מינים באַהאַלטענע און אָפענע רדיפות, סיי פון אויס־וויניק און סיי פון אינווייניק. אַ חוץ אַלעם דעם איז זיין פרוי געווען זייער אַ שוואַכע, אַ קרענקלעכע און האָט נישט געפירט די שטוב ווי מען דאַרף. זי איז געווען אַ גרויסע צדקות און אַ גרויסע קענערין אין תורה, אָבער דאָס הויז־לעבן האָט זי נישט געוואוסט און אויך נישט געוואָלט וויסן, ווייל ביי איר איז געווען אַ גרעסערע פאַרגעניגען צו לערנען אַ שטיקל מדרש און אַריינצוקוקן אין אַ ספר, איידער זיך צו באַשעפטיקן מיט הויז־זאַכן.

שפעטער אָבער האָט זיך דער שטורם אַביסל באַרויקט. די קעמפער זיינען מיד געוואָרן קעמפנדיק און די רודפים זיינען אויך מיד געוואָרן צו רודפ'ן. עס האָט זיך אַלץ גענומען איינאָרדענען. איז אים אָבער דערווייל געשטאָרבן זיין פרוי, די וואונדערבאַרע פערזענלעכקייט, און ער איז געבליבן פאַר'אַלמנ'ט, פאַראיינזאַמט און נידערגעשלאָגן. מיט אַ קורצע צייט שפעטער האָט ער ווידער חתונה געהאַט מיט זיינער אַ פלימעניצע, בתיה־מירעל, וועלכע האָט געהאַט גע־טראָגן דעם נאָמען פון איר באָבן, ר' הירש לייבס מוטער. די דאָזיקע בתיה מירעל איז געווען אַ טאָכטער פון באַוואוסטן גאון ר' יחיאל מיכל עפשטיין, רב פון גאָוואָזיבקאָוו און נאָוואָרידאָק, און ר' הירש לייבס שוועסטער. אַז די נייע רביצין איז געקומען קיין וואָלאָזשין האָט זי מיט איר קלוגשאַפט און פערזענלעכ־קייט געפּרואווט אַלץ אויסגלייכן, אַריינברענגען פרידלעכקייט און געמיטלעכקייט אין די אַזוי גערופענע פיינדלעכע לאַגערן און שאַפן אַ האַרמאָנישן לעבן.

די ישיבה האָט זיך אונטער דער צייט שטאַרק צעוואַקסן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די בליאונגס־צייט פון דער ישיבה, וועלכע האָט גע'שמ'ט מיט אירע עלוים, מיט אירע וואונדערבאַרע שאַרפע מוחות. ס'איז אָבער ר' הירש לייבן נישט באַשערט געווען צו לעבן רואיק און אויב אַלע צרות זיינען נאָך געווען וויניק האָט פּלוצלינג פּאַסירט אַ גרויס אומגליק — ס'האָט אָפּגעברענט די ישיבה.

דאָס איז געווען אין חודש תמוז, 1886.

געוויינלעך זיינען שרפות אין יידישע שטעטלעך אום זומער צייט נישט געווען קיין נאָווינע. די הייזער זיינען געווען פון האָלץ, אויסגעטריקנט פון די שטענדיקע ברענענישן פון דער היץ. און בלויז אַ פונק פון אַ קוימען האָט געקאָנט אַראָפּכאַפּן עטלעכע הייזער פון זייער פונדאַמענט. אויך אין וואָלאָזשין איז אַ שרפה נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. די דאָזיקע שרפה איז אָבער געווען גרויס, אַן אַלגעמיינער אומגליק וואָס פיל יידישע פאַמיליעס זיינען געבליבן ליגן אויף די פעלדער אַז אַ שום שוין, אַן שום מיטלען, נאָך דעם ווי עס איז פאַרברענט געוואָרן זייער האָב און גוטס, און אויך גרויס דערמיט וואָס עס האָט אָפּגעברענט די ישיבה און אַזוי פיל תלמידי חכמים זיינען געבליבן שטיין אין מיטן דערינען. קיינע שום פייערלעשער האָבן נישט געקאָנט ראַטעווען נישט די שטאָט און נישט די ישיבה. די ישיבה בחורים אַליין זיינען געוואָרן פייערלעשער, אָבער אויך זייער

מי האָט נישט געהאַלפן. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען צו ראַטעווען מענטשן, ספרים און ר׳ הירש לייבס כתבים.

די ישיבה האָט אָפּגעברענט. אַלץ איז פּאַרוויסט און אָפּגעמעקט געוואָרן. עס האָט אויפגעהערט דער גמרא־ניגון. אַ סך תלמידים זיינען זיך צעפאָרן אַהיים. מען האָט שוין געקאָנט מיינען, אַז מער וועט שוין דער מקום תורה צוריק נישט אויפלעבן. דאָס איז אָבער נישט אַזוי געווען. דער אומדערמידלעכער און ענער־גישער גאון האָט זיך ווייטער גענומען צו דער אַרבעט. דער בנין פון דער ישיבה איז טאַקע פאַרשלונגען געוואָרן אין פייער, אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז דורך דעם זאָל די ישיבה אונטערגיין. די ישיבה מוז בלייבן ווייטער. וואָלאָזשין מוז ווייטער בלייבן אַ צענטער פון תורה. מען דאַרף נאָר האָבן אַ נייעם בנין און דאָס וועט מען קאָנען באַקומען, אויב מען זאָל אַרבעטן וועגן דעם.

ר׳ הירש לייב האָט דאַריבער פאַרנאַנדערגעשיקט בריף און אויפרופן צו די יידן פון רוסלאַנד, ווי אויך צו די גרויסע יידן אין אויסלאַנד, אַז זיי זאָלן תיכף ביישטייערן פאַר דעם בנין פון דער ישיבה. עס זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אַרטיקלען אין די העברייאישע צייטונגען פון יענער צייט. ער האָט פאַרלאַנגט נישט קיין סך. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז יעדער ייד, וועמען די תורה איז טייער, זאָל געבן וויפיל ער וועט קאָנען. און נישט וואַרטנדיק אויף די רעזולטאַטן האָט ער דערווייל געדונגען בויערס אויף אויפצובויען די ישיבה.

עס האָט אָנגעהויבן אָנקומען געלט. און ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן האָבן די פאַרשטייער פון די אָרימע און מיטעלע קלאַסן די זאַך גענומען מערער צום האַרצן ווי די גרויסע נגידים. נאַטירלעך האָבן די מיטעלע מענטשן געגעבן ווייניק, יעדערער נאָך זיינע כחות. און מען האָט דערמיט ווייט נישט געקאָנט אווועק. אָבער די גבירים האָבן געגעבן אַ סך ווייניקער לויט זייערע כחות. עס איז גענוג אָנצואווייזן דאַרויף, וואָס אַזעלכע מולטי־מיליאָנערן ווי די אייזנבאַן־מאַג־נאַטן אין רוסלאַנד — די פּאָליאַקאָווס, וועלכע האָבן געגעבן צענדליקע טויזנטע רובלס אויף נישט יידישע זאַכן, כאָטש מען האָט דאָס אפשר אויך געדאַרפט געבן, האָבן מנדב געווען פאַר דער אויפבויאונג פון אַזאַ גרויסער ישיבה, וואו עס האָבן געהאַט געלערנט די שענסטע מוחות וואָס דאָס יידנטום האָט דאַמאָלס געהאַט אַרויסגעגעבן — גאַנצע הונדערט קאַרבן. דער סוף איז געווען, אַז אַרום און אַרום האָט מען געהאַט צונויפגעזאַמלט פאַר דער אויפבויאונג פון דער ישיבה גאַנצע פינף טויזנט קאַרבן. דאָס איז נישט געווען גענוג, דען דער נייער בנין פון דער ישיבה האָט אָפּגעשאַצט צען טויזנט רובל. און עס פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ הירש לייב האָט דערנאָך געמוזט ווייטער קלייבן און ווייטער שרייען אויף אויס־צוצאָלן די חובות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן בנין.

ער איז אָבער געווען צופרידן. טאַקע שווערע אַרבעט, טאַקע גרויסע עגמת נפש, אָבער דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן. און גאָר גיך. בלויז דריי חדשים האָט געדויערט די גאַנצע אַרבייט. און מען האָט עס געמוזט מאַכן שנעל, ווייל ר׳ הירש לייב האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל פאַרלירן דעם נייעם זמן, וועלכער הויבט זיך געווינלעך אָן נאָך סוכות. און ער האָט עס דערגרייכט. די נייע ישיבה האָט זיך געעפנט באַלד נאָך די ימים טובים. עס האָט צוריק אויפגעלעבט די

ישיבה, עס האט צוריק אויפגעלעבט וואלאזשין. נייע תלמידים האבן זיך אנגע־הויבן ציען צו דעם תורה־געצעלט און דער גלאנץ פון דער ישיבה האט ווידער אנגעהויבן צו באשיינען די יידישע וועלט.

יד.

## די ישיבה ווערט שוואכער

הגם די ישיבה האט נאך דער שריפה צוריק אויפגעלעבט און האט ווידער באקומען פיל תלמידים, האט זי אבער דאך אנגעהויבן אינערלעך שוואכער צו ווערן. געוויינלעך האט די ישיבה נאך אלץ געהאט אויף זיך דעם גלאנץ פון די גרויסע גייסטער, וואס האבן געגרינדעט און געשאפן די ישיבה. עס איז שוין אבער נישט געווען דער אמאליקער גלאנץ, זאגאר נישט דער אמאליקער גלאנץ פון זינט אז דער ראש הישיבה איז געווען ר׳ הירש לייב.

אין זיין ערשטן אויפטריט האט די ישיבה געבליצט מיט שארפע קעפ, מיט גרויסע מתמידים און יראי שמים. די בחורים וואס זיינען געפארן קיין וואלאזשין האבן נישט געהאט אפילו די כונה צו גיין אויף רבנות. אלץ וואס זיי האבן געוואלט און צו וואס זיי האבן געשטרעבט איז געווען נאר לערנען תורה, לערנען תורה אין דער גרויסער ישיבה און זיך כמעט אפזונדערן פון דער ארומיקער פאלשער וועלט. זיי האבן געוואלט אנטלויפן פון דער ארומיקער וועלט און זיך פארטיפן „אין זיך". דעמאלט איז אויך ר׳ הירש לייב גופא געווען יונג און מיט גרויסער ענערגיע. די גאנצע ישיבה האט זיך פערזאניפיצירט אין דער פערזאן פון ראש ישיבה, פון ר׳ הירש לייבן. ער האט די ישיבה געלייטעט מיט א שטארקער האנט און האט איר באלויכטן מיט זיין גרויסן און שיינעם גייסט.

איצט האט זיך שוין אנגעהויבן ענדערן. דער תלמידים־מאטעריאל האט שוין נישט געהאט די געהעריקע קוואליטעט. בלויז א גאנץ קליינער טייל האט זיך געקאנט שטעלן אויף איין ליניע מיט די אמאליקע ישיבה־בחורים. די איבריקע ישיבה־לייט האבן שוין זיך געפוילט לערנען, זיינען אפט ארומגעגאנגען ליידיק, זיך פארנומען מיט „באוועגונגען" און פיל פון זיי האבן אפילו געפרואווט פלאנעווען מען זאל איינפירן אין דער ישיבה א „נייעם סיסטעם", אייניקע האבן גע׳טענה׳ט, אז מען דארף אין דער ישיבה איינפירן דעם אונטערריכט פון שפראכן און אל־געמיינע פעכער. עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבן פארלאנגט, אז די אלע געלדער, וואס ווערן צונויפגעזאמלט פאר דער ישיבה, זאלן איבערגעגעבן ווערן צו זייערע הענט, דאס הייסט, צו א קאמיטעט, וואס וועט אויסגעוויילט ווערן פון די ישיבה־בחורים, און אנדערע ווידער האבן קיין שום צוועק נישט געהאט. אלץ וואס זיי האבן געוואלט, איז געווען א „לעב־טאג", שטיפן אפילו, טומלען, פילדערן, זיך ארומדרייען ליידיק, און אט די „באוועגונגען" זיינען זיי גאנץ גוט צונוץ געקומען. דאס איז פאר זיי געווען א גאנץ גוטע געלעגנהייט צו דערפילן זייערע ווונטשן.

דערצו איז שוין איצטער ר׳ הירש לייב געווען אלט און שוואך און האט נישט געהאט דעם כח איינצוצוימען די שטורימשע יוגנטלעכע מאסע. ער האט געפילט, אז זיינע כחות ווערן שוואכער. ער האט גוט אפגעשאצט דעם נייעם עלעמענט. ער האט גוט פארשטאנען, אז א גרויסער טייל פון זיי געהערט נישט צו אים, צו זיין ישיבה. ער האט געזען, אז די ישיבה ווערט פארוואנדלט אין א מין יריד, וואו מען רייסט זיך, וואו מען קריגט זיך. אבער ער האט געפילט, אז ער קאן שוין קיין ארדנונג, די אמאליקע ארדנונג, נישט אריינברענגען, אז דער ריזיגער בנין ווערט שוואכער און צעפאלט. עס איז אים געווען שטארק אומעטיק אויפן הארצן דאס צוצוקוקן, און מחמת דעם האט ער באשלאסן איבערצוגעבן די ישיבה צו זיין זון, ר׳ חיים בערלין. לכתחילה איז ביי אים געווען א פלאן, אז ער זאל די ישיבה איבערגעבן ר׳ חיים סאלאווייטשיק. ער האט אבער געפילט, אז ר׳ חיים איז צו צארט, צו איידל און פיין פאר אזעלכע בחורים, פאר די נייע בחורים, וועלכע האבן זיך געהאט דערלויבט צו זאגן א נישט־פיינעם ווארט אויף דעם ראש הישיבה. אמאליקע צייטן האט ר׳ הירש לייב אליין געקענט געבן א גוטן פאטש אזעלכע עזות פנים׳ער. היינט קען ער אליין נישט און ר׳ חיים אויך נישט. עס זיינען געווען א סך ישיבה־בחורים, איבערהויפט די עטלעכע „עלוים", וואס זיינען געווען קעגן ר׳ חיים בערלין אלס ראש הישיבה, ווייל זיי האבן געזאגט, אז ר׳ חיים קען צו ווייניק לערנען און ער פאסט נישט דערפאר פאר אזא הויכן אמט. ר׳ הירש לייב האט אבער קיינעם נישט געוואלט הערן און ער האט דאך איינגעלאדן זיין זון ר׳ חיים׳ן צו זאגן א שיעור.

די ישיבה־בחורים האבן אים קיין פיינעם קבלת־פנים נישט געגעבן. מען האט אים זאגאר אויפגענומען זייער קאלט. זיי האבן זיך פארגעשטעלט, קוקנדיק אויף דעם נייעם ראש ישיבה, דעם שיינעם און שטארקן מאן, אז עס וועט זיי אויסקומען צו פירן מיט אים א שטארקן קאמף, ווייל ער שיינט צו זיין א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער, וואס וועט בשום אופן נישט נאכגעבן אויף קיין איינ־ציקן האר. עס זיינען געווען א פאר „עלוים", וואס האבן זאגאר אויסדריקלעך געזאגט, אז דער נייער ראש ישיבה קאן קיין גמרא נישט לערנען און ער איז נישט ראוי צו פארנעמען דעם שטול פון זיין גרויסן פאטער. און באמת, ווי נאר ער האט אנגעהויבן זאגן א שיעור, האבן אים די אזוי גערופענע בונטאווטשטשיקעס גענומען פארווארפן מיט שאלות, אויף וועלכע ר׳ חיים האט טאקע נישט געקאנט ענטפערן. ר׳ הירש לייב, וועלכער איז געזעסן דערביי בעת ער האט געהאלטן דעם שיעור, פלעגט זיך אפט וואונדערן פאר וואס ער ענטפערט נישט און ער פלעגט צו אים זאגן: „חיים, פארוואס פארענטפערסטו נישט די קשיא מיט א באוואוסטן תוספות אין זבחים? חיים, פארוואס ענטפערסטו נישט אויף דער צווייטער קשיא מיט א בפירוש׳ע תשובה אין „שאגת אריה?" נאך אלעם דעם האט ר׳ חיים בערלין נישט געמאכט פון דעם אלעמען קיין גרויסן וועזן און איז ווייטער געבליבן ראש ישיבה. ער האט גערעכנט, אז די ביסל חצופים וועלן זיך בארואיקן און דאן וועט מען מיט די רואיקערע עלעמענטן גאנץ גוט קאנען פירן די ישיבה. אויך ר׳ הירש לייב אליין האט געהאלטן, אז עס וועט זיך ענדערן צום גוטן און ער האט פארטיידיקט זיין זון מיט אלע זיינע כחות.

דער קאמף צווישן א גרויסן טייל פון די ישיבה־בחורים מיט דער נייער פירונג האט אנגעהויבן ווערן שארפער. די בחורים, וועלכע האבן שוין געהאט וויניק רעספעקט פאר תורה, האבן קיינעם נישט געשאנעוועט. און געקומען איז עס דערפון, וואס די יוגנט האט איצט אנגעהויבן איבערלעבן א נייע פעריאדע אין איר לעבן. די השכלה מיט די נייע פרייע אידעען האבן אויך אנגעהויבן אריינדרינגען אין די צימערן פון די ישיבה־בחורים, אין דער ישיבה. די בחורים האבן אנגעהויבן לייענען ביכער און ביכלעך. אנדערע האבן אנגעהויבן לערנען — און פארשטייט זיך בשתיקה — העברייאיש, אנדערע רוסיש. מען האט זיך געפרואווט בשתיקה אויסבילדן און ווערן מיט לייטן גלייך, כדי צו וויסן וואס עס טוט זיך עפעס אין דער וועלט פון דער אנדער זייט פון גמרא. די דאזיקע ביכער און ביכלעך האבן ממש צערודערט די מוחות פון דער יוגנט. זיי האבן אויפגעפלאמט זייערע הערצער, זייערע פאנטאזיעס. די יוגנט איז אלע מאל מער עמפפינדלעך פאר עטוואס נייעס. זי האט געפילט און געוואוסט, אז אין דער וועלט בלאנדזשן ארום אידעען און זיי זיינען געווארן זייער אומרואיק. זיי האבן אנגעהויבן זוכן, זיי האבן אנגעהויבן געפינען דעם וועג, וואס פירט צו יענע אידעען־וועלטן, וועלכע זיינען פון זיי אזוי שטארק באהאלטן.

און דא האבן זיי געפונען ביכלעך, וואו מען רעדט עפעס מיט אנדערע ווערטער, וואו מען זאגט עפעס נייע געדאנקען. דאס האט געמאכט אין זיי א גוואלדיקע רעוואלוציע. עס זיינען נישט געווען די ביכלעך, וואס האבן זיי אויפגעוואכט; זיי אליין זיינען שוין געווען אוועק פון דער דאזיקער אפגעשפארטער וועלט. די ביכלעך האבן זיך צוגעפאסט צו זייערע שטימונגען, זייערע שטרעבונגען און האבן פאר זיי געעפנט יענע וועלטן, נאך וועלכע זיי האבן געהאט געבענקט. א גרויסן רושם האט אויף יענער יוגנט באזונדערס געהאט דער באוואוסטער העברייאישער שריפט־שטעלער, פרץ סמאלענסקי, מיט זיין ווערק „התועה בדרכי החיים", אין וועלכן ער שילדערט דאס לעבן און פילן פון די ישיבה־בחורים.

צוליב אט די קלענערע צוזאמענשטויסן אויף דעם דאזיקן געביט האט זיך געשאפן ביי די ישיבה־בחורים א גוואלדיקע פארביטערונג. זיי האבן אין יעדן פון די מנהלים פון דער ישיבה געזען א שונא, א רודף, וואס פארפאלגט זיי, וואס לאזט זיי נישט אטעמען, וואס לאזט זיי נישט עפענען די אויגן. גאנץ אפט, ווען די משגיחים פלעגן חושד זיין א בחור, אז ער לערנט רוסיש און לייענט ביכלעך, פלעגן זיי אוועקשיקן א בריף צו די עלטערן און זיי אנדערציילן, אז זייער זון איז אראפ פון דרך הישר, און אז ער האט אויפגעהערט צו לערנען. דער סוף דערפון פלעגט אפט זיין, אז מען פלעגט פון אזא ישיבה־בחור צונעמען די „וואכער־געלט", וואס פלעגט באטרעפן ארום און ארום גאנצע זעכציק קאפיקעס א וואך און דערצו פלעגן נאך די עלטערן אויך אויפהערן צו שיקן געלט, ווייל ער גייט נישט אויפן דרך הישר. די דאזיקע בחורים פלעגן ממש הונגערן. פארן אנדערשוואו האבן זיי דאך נישט געקאנט. מיט וואס? וואוהין? פלעגן זיי זיצן אויפן ארט און לערנען בשתיקה און זיך אריינכאפן אויך אין דער ישיבה. אבער מען פלעגט זיי פון דער ישיבה ארויסווארפן. מאנכע האט מען זאגאר ארעסטירט און ארויסגעשיקט פון

שטאט. עס האט זיך דעריבער אמאל געמאכט ווען איינער א בחור איז געפאלן אלס א קרבן פון זיינע נייע אידעען צו לייענען ביכלעך און צו לערנען רוסיש, איז ער געבליבן אן א דירה און אן עסן. ער האט, נאטירלעך, נישט געגלויבט, אז דאס זאל האבן געקומען פון ר׳ הירש לייבן אליין. ער האט בשום אופן נישט געגלויבט, אז ר׳ הירש לייב זאל ווערן אזוי קליין און צונעמען פון אים זעכציק קאפיקעס א וואך. ער האט דעריבער מיט נאך א סך אנדערע בונטאווושטשיקעס געמאכט א שטיקל טומל וועגן דעם און ער האט זיך דערלויבט צו באליידיקן די רביצין. איר רופן „חוצפה״. דאס האט אויפגעבראכט גאנץ שטאט פון קליין ביז גרויס, און דער בחור אליין האט שוין אויך שפעטער חרטה געהאט אויף דער גאנצער געשיכטע, נאר עס האט קיין שום תשובה דערויף נישט געגעבן, מען האט אים גע׳רודפ׳ט.

אט די אלע אומרואיקייטן אין זייערע נשמות און די שטערונגען וואס זיי האבן באקומען אויף זייער וועג צוזאמען מיט זייערע ביטערע ערפארונגען אלס פארפאלגטע, האבן געשאפן און געשטארקט די אפאזיציע קעגן דעם סיסטעם פון דער ישיבה, און דערפון האט ר׳ הירש לייב געמוזט אויף דער עלטער שטארק ליידן.

עס האבן אבער די ליידן נישט לאנג געדויערט. אנדערע פאקטארן האבן זיך דא אריינגעריסן און זיי האבן שוין אלע סכסוכים אויסגעגליכט, באזייטיקט, אויף שטענדיק באזייטיקט . . .

## טו.

## די ישיבה און די רוסישע רעגירונג

די אינערלעכע לאגע פון דער ישיבה איז שוין איצטער, אלזא, נישט גע־שטאנען אויף דער געהעריקער הויכקייט. דען אויסער דעם, וואס די קוואליטעט פון דעם מענטשן־מאטעריאל איז שוין נישט געווען אזוי באזונדערס גוט, האט דער גיפט פון רייסעניישן די לאגע באדייטנד פארערגערט. ר׳ הירשה ייבס פלאן איבערצוגעבן די ישיבה אין אנדערע הענט איז נישט געווען קיין געלונגענער. עס האט זיך געשאפן אן אומצופרידענע אטמאספערע. ר׳ הירש לייב אליין איז געווען אומצופרידן מיט דעם גאנצן מצב און ער האט בעסער אויף די עלטערע יארן געוואלט אוועקפארן קיין ארץ ישראל. ר׳ חיים ברלין, זיין זון, איז געווען אומצו־פרידן מיט דעם פאטערס באשטימונג צו ווערן דער פירער פון דער ישיבה, צו וועלכער ער איז נישט געווען פאלקאם פארבארייטעט. ערשטנס איז ער שוין פון דעם גאנצן ישיבה־לעבן געווען אפגעווואוינט און צווייטנס האבן די ישיבה־בחורים, וועלכע זיינען געווען קעגן אים, נישט אויפגעהערט אים צו מאטערן מיט קשיות, אזוי אז זיי האבן געקאנט צעטומלען א פיל גרעסערן למדן ווי ר׳ חיים ברלין. דערצו זיינען טאקע די תלמידים גופא נישט געווען צופרידן, ווייל זיי האבן געוואלט, אז ר׳ הירש לייב זאל ווייטער בליבן ראש ישיבה און דערויף האט ר׳ הירש לייב בשום אופן נישט געוואלט איינגיין. עס פארשטייט זיך, אז

די אַלע אומצופרידנהייטן האָבן צעשטערט דאָס נאָרמאַלע לעבן און אַנטוויקלונג פון דער ישיבה. אָבער דאָס אַליין איז, קענטיק, נאָך געווען ווייניק אויף אונטער־צוגראָבן די יסודות פון דער ישיבה. עס האָט אויך געמוזט קומען אַ שטורעם פון דרויסן, וואָס זאָל פאַרניכטן דעם גרויסן יידישן תורה־צענטער. און דאָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן.

באמת געדערט האָט די רוסישע רעגירונג שטענדיק נישט ליב געהאַט די ישיבה. פון דער צייט אָן ווען ר' חיים וואָלאָזשינער האָט געהאַט די ישיבה גע־גרינדעט, האָבן די רוסישע ביוראָקראַטן זיך נישט געקאָנט מוחל זיין פאַרוואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ מין דערלויבניש און מען האָט דעריבער אָנגעווענדעט אַלערליי קונצשטיק און געמיינע ביוראָקראַטישע שווינדלען ווי אַזוי ענג צו מאַכן דער ישיבה'ס עקזיסטענץ. קודם כל האָבן זיי געהאַסט דעם תלמוד אַליין. די דאָזיקע פויערשע קעפּ, געשטיצט אויך דורך יידישע משומדים און געוויסע אַסי־מילאַטאָרן, האָבן געהאַלטן, אַז דער „תלמוד" איז אַ מין אַנשיקעניש אויף דער וועלט און אַז דער תלמוד הייסט פיינט האָבן קריסטן און זאָגאַר אויסראָטן די קריסטן. עס זיינען שוין געווען גענוג פאַרשוינען וואָס האָבן גענומען שטיקלעך מאמרים פון דער גמרא, זי פאַלש אויסגעטייטשט און איבערזעצט אויף רוסיש, כדי די מאַכט זאָל זען, וואָס פאַר אַן אומגליק דער תלמוד איז. איז לאָ די וואָס דער תלמוד איז אַן און פאַר זיך גענוג געפערלעך, זאָל מען נאָך פלוצלונג דערצו דערלויבן יידן צו שאַפן אַן אַקאַדעמיע, וואו מען זאָל בלויז שטודירן דעם תלמוד, דאָס הייסט, מען זאָל שטודירן אַזעלכע תורות, וועלכע זיינען דער מקור פון פינצטערניש, דער מקור פון האַס קעגן קריסטן און קעגן דער קריסטלעכער קירך, צווייטנס האָבן זיי איבערהויפּט נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן פאַרטיפן זייער יידישקייט, פאַרשטאַרקן זייער יידישקייט דורך אַזאַ מין ישיבה און מען האָט אין איר דעריבער געזען אויך אַ שטערונג צו אַסאַמילאַציע און צו שמד, וואָס איז באמת געווען די איינציקע כונה פון רוסישן „הייליקן" סינאָד.

מהאי טעמא האָט מען די ישיבה אונטער פאַרשידענע פּרעטענזיעס גע'רודפ'ט. אַמאָל האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און מען האָט זיי געלאָזן צורו, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז באַרימטע אויסלענדישע יידן שטיצן זי און מען האָט זיך נישט געוואָלט איינרייסן מיט זיי. אָבער דאָך האָט מען זיך געטשעפּעט צו איר. גאַנץ אָפט איז שפּעטער ר' אידעלען אויסגעקומען צו ראַטעווען די ישיבה. גאַנץ אָפט איז אויך ר' הירש לייבן אויסגעקומען צו ראַטעווען די ישיבה. מען האָט, אַלזאָ, די ישיבה געהאַלטן אין איין ראַטעווען. ווי לאַנג איז אָבער מעגלעך צו ראַטעווען, ווען דער שונא טרעט נישט אָפּ און וואַרט אויף אַ גינסטיקער מינוט ווי אַזוי זיי אונטערצוברענגען?

נאָך אין יאָר 1844, דעם 13־טן יאַנואַר, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן „צייט־ווייליקע" תקנות. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די ישיבות זיינען העכערע לער־אַנשטאַלטן פאַר יונגעלייט, וועלכע „ווילן ערווערבן ידיעות אין תלמוד און אין אַנדערע קוועלן פון יידישע רעליגיעזע געזעצן, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען

פאַרבאַרייטן צו רבנות". די פאַרוואַלטונג איבער דער ישיבה איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם ראש ישיבה, וועלכער האָט געמוזט א חוץ אַלע אינערלעכע אַדמי־ניסטראַטיווע אַרבעטן, צושטעלן צוויי מאָל יאָר א רעפּאָרט צו דער לער־פאַרוואַל־טונג פון דער רעגירונג. ער האָט אויך געמוזט צושטעלן א פּראָגראַם פון די לימודים, די צאָל שילער און לערער. דערמיט האָט מען, אַזוי צו זאָגן, געוואָלט „אויפהויבן" דעם סטאַנדאַרד פון לערנען אין די ישיבות. אין יענע „צייטווייליקע" תקנות האָט מען געהאַט דורכגעלאָזן די אַלגעמיינע לימודים, ווייל מען האָט נאָך דענסטמאָל זיך נישט געוואָלט איינרייסן מיט דער יידישער עפנטלעכער מיינונג אויף דורכצופירן אַזעלכע ראַדיקאַלע רעפאָרמען.

מיט פּופּצען יאָר שפּעטער אָבער, אין יאָר 1859, האָט מען שוין זיך גע־פּרואווט אַרויסגעבן נייע תקנות, לויט וועלכע מען האָט שוין געפאָדערט אויך אַלגעמיינע לימודים. דאָס איז אָבער קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. מען האָט ווייטער געלערנט תורה און בלויז תורה אַליין. די רעגירונג האָט זייער גוט געוואוסט, אַז די דאָזיקע תקנות ווערן נישט דורכגעפירט אין לעבן, אָבער מען האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. עס פלעגן גאַנץ אָפט אַראָפּפאָרן אינספּעקטאָרן פון ווילנער לער־ראַיאָן קיין וואָלאָזשין א קוק צו טאָן אויף דער אָרדנונג, פלעגן זען אויב די פאַספּאָרטן זיינען אין אָרדענונג, אָבער ווייטער איז מען נישט גע־גאַנגען. די ישיבה איז זיך אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט ווייטער.

אין דער לעצטער צייט אָבער איז אין די הויכע ספערן פאָרגעקומען אַן ענ־דערונג און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי גיין ווייטער קאָן מען נישט. קוים זיינען אַזעלכע תקנות אַרויסגעגעבן געוואָרן, מוז מען זיי זען אַפּצוהיטן. זיי האָבן עפּעס זיך אַרומגעזען, אַז די אַלטע תקנות פון יאָר 1859 זיינען אַזוי גוט ווי פאַרגעסן געוואָרן און עס האָט קיינעם נישט געאַרט, אַז זיי זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַרכיוו. הויפטזעכליך האָט זיי געאַרט פאַרוואָס די דאָזיקע תקנות זיינען נישט דורכגעפירט געוואָרן אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וועלכע איז פאַר־רעכנט געוואָרן פאַר דעם בעסטן און אָנגעזעענסטן לער־אַנשטאַלט אין לאַנד. און מחמת דעם האָט מען געשיקט קיין וואָלאָזשין דעם ווילנער דירעקטאָר פון די פאָלקס־שולן, סטאַוורואַוויטש, און דעם אינספּעקטאָר פון דעם ווילנער לערער־אינ־סטיטוט, יהושע שטיינבערג, כדי זיך אויפן אָרט צו באַקענען מיט דער לאַגע און צו אָרגאַניזירן די ישיבה אויף „נייע יסודות" און איינצופירן אין דער ישיבה אויך אַלגעמענע לימודים. דער דאָזיקער באַזוך האָט אין די וואָלאָזשינער ישיבה־קרייזן געמאַכט א שווערן איינדרוק, ווייל מען האָט געוואוסט אַז שטיינבערג אַליין איז א גרויסער געגנער פון דער ישיבה. עס זיינען זאָגאַר אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אין וואָלאָזשין, אַז א פּאָר ישיבה־לייט גופא, וועלכע זיינען געווען ביטערע שונאים פון דער ישיבה, זיינען גאָר געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט שטיינ־בערגן און האָבן אים געגעבן אַלע „נויטיקע" אינפאָרמאַציעס, וואָס זאָלן דער ישיבה שאַדן.

דער דאָזיקער באַזוך האָט געדויערט א פּאָר טעג. מען האָט איבערגעקוקט אַלעמענס פאַספּאָרטן און מען האָט זיך איבערצייגט, אַז אין דער ישיבה זיינען

אלע „לעגאל״, דאס הייסט, אז עס זיינען נישטא מער תלמידים ווי מען האט געהאט איבערגעגעבן דער „נאטאשלסטווא״. ווי געוויינלעך, איז טאקע נישט אליי געווען אין ארדנונג,אז ס׳זאל געפעלן ווערן „נאטאשלסטווא״.

אז די דאזיקע צוויי שלוחים פון דער מלוכה זיינען אוועקגעפארן, האט מען שוין אין וואלאזשין גערעכנט, אז אלץ איז איצט גוט און ס׳וועט שוין ווייטער אלצדינג גיין בשלום. עס איז געווען א שטיקל חשד, אז די רעגירונג האט דערביי געהאט געוויסע כונות, און פארשטייט זיך, נישט לטובת דער ישיבה, אבער יידן האבן דאך אלץ׳ בטחון און מען האט זיך איצט אויך געשטארקט מיט בטחון.

שפעטער איז אבער געקומען, אזוי צו זאגן, א פלוצלונגדיקע „אבלאווע״. דער אינספעקטאר איז געקומען אין וואלאזשין און איז תיכף אריין אין דער ישיבה. ער האט באלד פאראדרעגנט צו ברענגען די ביכער מיט די פאספארטן פון די ישיבה־לייט און צונעמענדיק דאס אלץ מיט זיך האט ער דערקלערט, אז ער וועט די ישיבה באזוכן נאכאמאל. און ער האט טאקע געהאלטן ווארט אויך. ער האט דענסטמאל אויסגעפרעגט אלע ישיבה־בחורים, וואס מען לערנט אין דער ישיבה, ווער עס לערנט, פארוואס מען לערנט נישט קיין אלגעמיינע לימודים. אויסערלעך האט דער אינספעקטאר געהאלטן זיך גאנץ רואיק און מחמת דעם האט מען ווידער געמיינט, אז עס וועט אראפ בשלום. און אזוי איז טאקע געווען נאכדעם ווי דער אינספעקטאר איז אוועקגעפארן. אבער באלד נאך זיין אפפארן האבן אנגעהויבן אנקומען פון לער־ראיאן פארשידענע „בומאגעס״, פאפירן, מיט כל־ערליי שאלות, אויף וועלכע מען האט געמוזט פינקטלעך ענטפערן. די „בומאגעס״ זיינען געפלויגן הין און צוריק און מיט אזא אימפעט ווי עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן דער עק־זיסטענץ פון דער גאנצער רוסישער אימפעריע מיט דער גאנצער קייסערלעכער דינאסטיע. דאס איז אלעמאל געווען כאראקטעריסטיש פאר דער רוסישער ביורא־קראטיע. געוויינלעך איז ביי איר אלץ געגאנגען לאנגזאם. די רוסישע ביורא־קראטיע האט שטענדיק צייט געהאט. א „דיעלא״ האט זיך אין רוסלאנד געקאנט ציען יארן און יארן. מענטשן זיינען גרוי געווארן און נאך אלץ איז די „דיעלא״ נישט ערליידיקט געווארן. די פוילקייט פון דער רוסישער ביוראקראטיע איז געווען בארימט און דערפאר איז זי טאקע צוריקגעשטאנען געווען און אויך צעבראכן געווארן. דערפאר אבער ווען זי האט זיך שוין צוגעכאפט צו א זאך, און איבער־הויפט ווען דאס האט געהאט צו טאן מיט דעם „יעווריעיסקי וואפראס״, מיט יידישע גזרות און רדיפות, דאן האט די ביוראקראטיע אפגעלעבט. אויף יידישע זאכן איז יעדער פארפוילטער ביוראקראט געווען א מומחה און יעדער האט זיך פרובירט ארויסווייזן זיין „טעטיקייט״ און טאן זיינע פאטריאטישע פליכטן. דעמאלט האט די ביוראקראטיע געארבעט מעשים. און דעריבער איז אויך דא, אין דעם פאל מיט דער וואלאזשינער ישיבה, די ביוראקראטיע געווארן אויסערגעוויינלעך טעטיק און אט דאס האט אנגעהויבן דעם עולם אין וואלאזשין צו שרעקן. און דער שרעק איז שוין דאס מאל נישט געווען אומזיסט. דער אומגליקלעכער טאג איז געקומען.

## טז.

## די ישיבה ווערט פאַרמאַכט

דער שיקזאַל פון דער ישיבה איז שוין געווען באַשלאָסן. די העברעע „ביל־דונגס״־מאַכט האָט נישט געוואָלט לאָזן די ישיבה זיך פירן אויף איר אייגענעם, איינגנאַרטיקן, יידישלעכן וועג. זי האָט זי געוואָלט מאַכן פאַר א „שול״, מיט אַלע מאָדערנע קלאַפּערגעצייג. און טאַקע נישט לאַנג נאָך סטאָראַוויטשעס באַזוך אין וואָלאָזשין, אין יאַנואַר 1892, זיינען דערשינען די אַזוי־גערופענע „תקנות וועגן דער וואָלאָזשינער ישיבה״, וועלכע זיינען שוין אָנגעבאַשטעטיקט פון דער מאַכט נאָך פון פריער, דעם צוויי און צוואַנציקסטן דעצעמבער 1891.

עס פאַרשטייעט זיך, אַז די דאָזיקע איין און דרייסיק תקנות זיינען נישט געשאַפן געוואָרן מיט דעם צוועק, אַז לויט זיי זאָל זיך די ישיבה באמת איבער־אָרגאַניזירן און מאָדערניזירן. די מאַכערס פון די תקנות זיינען טאַקע קיין גרויסע חכמים נישט געווען, דאָך זיינען זיי נישט געווען אַזוי נאַריש צו מיינען, אַז די יידישע אָרטאָדאָקסישע וועלט וועט זיך באמת אָנכאַפּן אַז די נייע תקנות. זיי האָבן פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער ישיבה געוואוסט מיט וואָס פאַר א האַרטקייט און איינגעשפּאַרטקייט די אַלע ראשי ישיבות האָבן געקעמפט קעגן נייע מאָדעס אין דער ישיבה און קעגן די אַלע וועלטלעכע לימודים, דען זייער צוועק איז געווען צו פאַרהאַלטן די ישיבה אין דער פאָרם ווי זי האָט זיך געהאַט געבילדעט ביי יידן אין משך פון דורות. זיי האָבן געוואוסט, אַז די פירער פון דער ישיבה וועלן נישט נאָכגעבן, און דערפאַר טאַקע האָבן זיי די דאָזיקע תקנות אַרויסגעגעבן. און זיי אַרויסגעגעבן טאַקע, בכדי די ראשי ישיבות זאָלן נישט קאָנען אָננעמען, און מחמת דעם, וועט מען די ישיבה מוזן צומאַכן. עס וועט, אַלזאָ, אויסגעקומען, אַז די רעגירונג האָט געוואָלט טאָן אַלע וואָס זי קען, צו לאָזן די ישיבה ווייטער עקזיסטירן. זי האָט זאָגאָר געוואָלט מאָדערניזירן, מען זאָל לערנען די רוסישע שפּראַך, שרייבן, רעכענען ווי אין אַלע יידישע נאַציאָנאַלע שולן. עס איז דעריבער נישט איר שולד, וואָס האָט זי האָט זיך צוגעמאַכט. דאָס איז געווען די שולד פון די פירער פון דער ישיבה, וועלכע האָבן נישט געוואָלט איינגיין אויף די פאָרלאַנגען פון דער רעגירונג.

לויט די נייע תקנות איז די ישיבה אָנערקענט געוואָרן אַלס פּריוואַטער יידישער לער־אַנשטאַלט, וואו די שילער לערנען תלמוד און אַנדערע קוועלן פון די יידישע רעליגיעזע געזעצן, וואו זיי מוזן אויך לערנען די רוסישע שפּראַך און אַריטמעטיק אין דעם אומפאַנג פון דעם קורס פון אַלע יידישע קאַזיאָנע שולן. צוגלייך מיט אַלע איבריקע יידישע פּריוואַטע לער־אַנשטאַלטן, געפינט זיך די ישיבה אונטער דער אוממיטלבאַרער לייטונג פון ווילנער דירעקטאָר איבער די פאָלקסשולן. די באַאַמטע ביים ווילנער דירעקטאָר האָבן דאָס רעכט אויפצופּאַסן אויף אַלע טיילן פון די ישיבה־לימודים. א חוץ די יידישע לימודים, וועלכע דאַרפן אַכטונג געגעבן ווערן פון יידן, וועלכע פאַרנעמען אַמטן ביים פּאַפּעטשיטעל פון ווילנער לער־ראַיאָן. די יידישע לימודים דאַרפן געלייטעט ווערן פון דעם פירער

פון דער ישיבה, נאר ער מוז אבער זעהן, אז מען זאל נישט לערנען יענע שטעלן אין תלמוד, וועלכע „פרעדיקן שנאה צו נישט־יידן" און מען זאל גארנישט זוכן צו לערנען געוויסע פונקטן פון דער יידישער רעליגיע, וועלכע „שטייען אין קעגנזאץ צו די עקזיסטירנדע געזעצן אין רוסלאנד". דערביי איז אנגעוויזן געווארן, אז אין דער ישיבה טאר מען נישט לערנען מער ווי צען שעה א מעת לעת און אז ביינאכט טאר מען בכלל נישט לערנען. די ישיבה דארף נאר זיין א פלאץ אויף צום לערנען. מען טאר אין איר נישט דאווענען. ביים אנהויב זמן דארף דער ראש ישיבה צושטעלן דער „גאטשאלסטוואָ", וועלכע האט צו טאן מיט בילדונג, א גענויעם פלאן פון די לימודים, ער דארף נאכזען, אז די פאספארטן זאלן זיין אין ארדנונג, אז אלע ישיבה בחורים זאלן זיין געמעלדעט אין די „אוטשאסטאקעס" און ער מוז אויך אכטונג געבן אויף דער אויפפירונג אפילו אויסער דער ישיבה. א חוץ אלעם דעם האט מען פאר די אלגעמיינע לימודים אפגעגעבן די גרעסטע און בעסטע צייט, פון 9 ביז 3 אזייגער, און פאר די יידישע לימודים זיינען געבליבן בלויז א פאר שטונדן.

פון אזעלכע תקנות איז געווען קלאר, אז די רעגירונג וויל די ישיבה אינגאנצן אומברענגען. זי האט געוואלט מאכן דערפון א מין קאזיאנע שול, וואו מען זאל לערנען הויפטזעכלעך רוסיש, אריטמעטיק און אנדערע אלגעמיינע זאכן, און אז דער שטודיום פון תלמוד זאל זיין אזוי וויניק און אזוי קליין, אז מען זאל עס גארנישט קאנען באמערקן. דאס הייסט פשוט, אז די רעגירונג האט דערמיט געשטרעבט מאכן פון דער גרויסער און בארימטער תלמוד'ישער אקאדעמיע א מין חדר, א מין פאלקס־שול, אן שום ווירקונג און אן שום באדייטונג. עס פארשטייט זיך, אז ר' הירש לייב, ווי אלע פריערדיקע ראשי ישיבות, וועלכע האבן געשטרעבט צו שאפן תלמידים, וואס זאלן אויפלייכטן די וועלט מיט תורה, וואס האבן געשטרעבט בכלל איינצופלאנצן תורה ביי יידן — ער האט אין אזא מין „ישיבה", ווי די רעגירונג האט איצט געוואלט מאכן, קיין שום אינטערעס נישט געהאט. נישט דאס איז געווען זיין אידייע, זיין אידעאל, און נישט דאס איז געווען זיין גאנצע שטרעבונג. און איז דאס א געשעפט פאר גרויסע עלוים, פאר שארפע מוחות צו פארלאזן זייערע היימען און זיך אוועקזעצן אין א שול ווי קליינע קינדער און זיך לערנען צוויי מאל צוויי איז פיר? יעדנפאלס ווי עס איז געווען די שטימונג צוליב די נייע געזעצן, קיין אפיציעלע מיינונג איז וועגן דעם מצד די ישיבה נישט ארויסגעזאגט געווארן און מען האט דעריבער געמיינט, אז מען וועט זיך נאך לאזן דינגען מיט דער מאכט. אבער די רוסישע רעגירונג האט נישט געווארט אויף קיין ענטפער. זי האט גאר קיין ענטפער נישט געוואלט דערווארטן. און צו וואס זאל זי ווארטן? די רוסישע רעגירונג האט דא געהאלטן ביים פארנעמען א וויכטיקע פעסטונג, א מורא'דיקע פאזיציע, וועלכע קאן זיין א געפאר פאר דער גרויסער פראוואסלאוונער רוסישער אימפעריע — און מחמת דעם האט מען געמוזט טאן שנעל, באפאלן דעם „שונא" פלוצלונג און אים באזיגן.

און אזוי איז געווען. דעם זעלבן חודש יאנואר 1892 האט זיך אין וואלאזשין אראפגעלאזן דער גרויסער „פעלדמארשאל", דער איספראווניק און צוזאמען מיטן

פריסטאוו און זשאנדארן זיינען זיי אריין אין דער ישיבה, וואו עס זיינען געזעסן די תלמידים, און איינער פון זיי האט פארגעלייענט א „בומאגא", א באפעל פון דער רעגירונג, אז די ישיבה ווערט צוגעמאכט, דאס הויז וועט פאר'חתמ'עט ווערן, די ישובה בחורים מוזן קומען אפנעמען זייערע פאספארטן און אין משך פון דריי טעג טאר קיין פוס פון א ישיבה בחור נישט זיין אין וואלאזשין.

מען קאן זיך שוין פארשטעלן וואס פאר אן איינדרוק דאס האט געמאכט אויף וואלאזשין, אויף ר' הירש לייבן און אלע תלמידים. איבערהויפט ווען עס איז געקומען אזוי פלוצלונג, אזוי אומדערווארט. דאס איינציקע וואס מען האט געקאנט טאן, איז ארויסראטעווען די ספרים און ספרי תורה איידער דער בנין וועט פאר'חתמ'עט ווערן. און דאס איז אויך אויף שנעל אפגעטאן געווארן.

די שווערע שטימונג האט אנגעהאלטן עטלעכע טעג ביז די ישיבה בחורים זיינען זיך צעפארן און שפעטער איז מען שוין ביסלעכווייז צוגעוואוינט געווארן צום געדאנק, אז די ישיבה וועט שוין מער נישט עקזיסטירן. ר' חיים סאלאווייטשיק, איינער פון די ראשי ישיבות, איז אוועק קיין בריסק און אזוי ווי זיין פאטער ר' יאשע איז דאן פלוצלונג געשטארבן, איז ר' חיים אויסגעוויילט געווארן אלס רב און ר' חיים בערלין ווידער איז אוועק איבער דער וועלט קלייבן געלט אויף אויסצוצאלן די חובות, וואס מען איז געבליבן שולדיק.

### יז.

## פארט קיין ארץ ישראל

עס איז געווען א מערקווירדיקע דערשיינונג וואס דער דאזיקער מאן, וואס איז כל ימיו געזעסן און געלערנט, כל ימיו פארבראכט אויף תורה און עבודה און ס'איז קיין שום העכערע זאך ווי די תורה ביי אים נישט געווען, זאל אפגעבן אזוי פיל צייט פאר א זייטיקע זאך. דאס איז אבער נישט געווען קיין „זייטיקע זאך" ביי אים. ער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען האט נישט געטארט זאגן א שלעכט ווארט וועגן ארץ ישראל.

ר' מאיר בערלין דערציילט, א איינער א משולח פון דער ישיבה, וועלכער איז געווען א פאר מאל אין ארץ ישראל, איז אמאל געקומען קיין וואלאזשין זיך זעהן מיט ר' הירש לייבן. אזא ייד וואס איז א פאר מאל געווען אין ארץ ישראל איז ביי ר' הירש לייבן געווען אן אויסערגעוויינלעכער חשוב'ער גאסט. דער משולח האט פארפירט א שמועס מיט ר' הירש לייבן וועגן דאס הייליקע לאנד. ר' הירש לייב האט זיך אינטערעסירט צו וויסן ווי די יידן לעבן דארטן און ווי אזוי מען פירט זיך. פלוצלונג האט מען אין די איבריקע צימערן דערהערט ווי ר' הירש שרייט: „מרגל, ארוים פון דאנען". אזא זאך האט מיט ר' הירש לייבן זייער זעלטן פאסירט. ער איז זעלטן געווען אין אזא אויפגערעגטן צושטאנד. דער משולח אליין איז אויך געווארן א צעציטערטער. ער האט זיך נישט געקאנט

פארשטעלן, אז ר׳ הירש לייב זאל ארויסטרעטן קעגן אים מיט אזעלכע שארפע ווערטער. ער האט זיך געווענדעט צו ר׳ הירש לייבן און אים געפרעגט: „רבי, גלויבט איר מיר דען נישט וועגן וואס איך דערצייל אייך? מיינט איר דען חס וחלילה אז איך האב אויסגעטראכט ליגנס?״

דערויף האט אים ר׳ הירש לייב געענטפערט: „ניין. איהר האט קיין שום ליגנס נישט געזאגט. די מרגלים האבן אויך קיין ליגנס נישט געזאגט ווען זיי זיינען געקומען פון ארץ ישראל, נאר אויף ארץ ישראל טאר מען קיין שלעכטס נישט ריידן אפילו ווען עס איז אמת, אז מען רעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל איז מען א מרגל״. דער משולח האט דאן מבטיח געווען, אז ער וועט שוין אויף ארץ ישראל נישט רעדן קיין איין שלעכט ווארט.

דערביי דערציילט ר׳ מאיר בערלין, אז ער האט זיך געפילט יום־טוב׳דיק ווען מען האט אים דערציילט גוטעס פון ארץ ישראל, אז מען האט געזאגט א גוט ווארט וועגן ארץ ישראל, אדער מען האט בכלל געהאלטן פון ארץ ישראל. עס האט זיך איינמאל געמאכט אז ר׳ הירש לייב האט א פרעג געטאן א ישיבה בחור ווי ער פילט זיך עפעס אין דער ישיבה, און דער בחור האט אים געענטפערט, אז ער פילט זיך ווי אין ארץ ישראל, איז הירש לייב געווען שטארק צופרידן.

די ליבע צו ארץ ישראל איז ביי אים מיט דער צייט געווארן אזוי גרויס, אז ער האט זאגאר באשלאסן אליין צו פארן קיין ארץ ישראל. דען אויב מען האט ליב דאס לאנד איז נאך גאנץ ווייניק צו זיצן אין אויסלאנד און טרוימען פון דעם וווּנדערבארן שיינעם לאנד. מען דארף אליין פארן אהין, מ׳דארף אליין פארן אהין דארטן זיך באזעצן און צו אטעמען די לופט פון דעם הייליקן לאנד. דען אויב מען רעדט און מען איז מעורר אנדערע מענטשן צו פארן קיין ארץ ישראל, ווי איז דאס מעגלעך, אז מען זאל זיך אליין אויך נישט הייסן פארן אהין? עס האט אים געצויגן צום לאנד פון אלעמענס אבות און אויך צו זיינע אייגענע אבות, דען זיין פאטער ר׳ יעקב איז אויך געווען אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, וואו ער איז נפטר געווארן. עס איז דעריבער ביי אים נאך פריער אנטשטאנען א פלאן, אז ער זאל איבערגעבן די לייטונג פון דער ישיבה זיין זון ר׳ חיים בערלין, כדי די ישיבה זאל נישט ליידן און ער וועט זיך קאנען אוועקפארן. אבער איצט, אז די רעגירונג האט די ישיבה צוגעמאכט און אלע זיינען זיך צעפארן, איז שוין פאר ר׳ הירש לייבן קיין ברירה נישט געבליבן ווי צו פארלאזן וואלאזשין און צו פארן קיין ארץ ישראל.

ער האט זיך מכין געווען צו דער נסיעה, און ווען אלץ איז געווען פארטיק האט ער זיך געלאזן אין וועג אריין. קומענדיק אין מינסק האט ער זיך געפילט שוואך און די דאקטוירים האבן אים נישט דערלויבט זיך צו לאזן אין אזא ווייטער נסיעה. דען דעמאלט איז געווען די נסיעה קיין ארץ ישראל א סך שווערער ווי היינט. זיי האבן געראטן אז ער זאל דערווייל פארן קיין ווארשע, וואו עס זיינען פאראן גרויסע דאקטוירים און דארטן וועט מען אים שוין זאגן ווען ער וועט האבן די מעגלעכקייט צו פארן. די ווארשעווער פראפעסארן האבן אים אויך אפגעראטן צו פארן קיין ארץ ישראל, ווייל ער איז געווען צופיל אפגעשוואכט. זיי האבן נישט

נעזאגט, אז ער זאל אינגאנצן נישט פארן, זיי האבן אבער דערקלערט אז מען מוז די נסיעה אפלייגן.

צו יענער צייט האט זיך גראד געמאכט, אז עס איז דורך אליהו זאב לעווין־עפשטיין געגרינדעט געווארן אין ווארשע די „כרמל״ געזעלשאפט צו פארקויפן ארץ־ישראל׳דיקן ווייז. די אנהענגער פון ר׳ הירש לייבן האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים ארייננעשיקט א פלעשל וויין אויף פסח. ר׳ הירש לייב איז געווארן מלא שמחה. א קלייניקייט! ער האט זוכה געווען צו טרינקען וויין פון ארץ ישראל, וואס יידישע הענט האבן אויסגעארבעט!

ר׳ מאיר בערלין דערציילט אויך, אז איינמאל איז צווישן אים און זיין רבי אין ווארשע, זייער א גרויסער למדן, א געוועזענער תלמיד אין דער וואלאזשינער ישיבה, פארפירט געווארן א שמועס וועגן ארץ ישראל. דער רבי זיינער איז געווען א שארפער געגנער פון ישוב ארץ ישראל און האט גע׳טענה׳ט, אז די קאלאניסטן זיינען אפיקורסים און מחללי שבת׳ניקעס, און וועלנדיק שטארקער באווייזן ווי גערעכט ער איז, האט ער אנגעוויזן דערויף וואס ר׳ הירש לייב האט גע׳אסר׳ט צו באארבעטן דאס לאנד אום שמיטה און די קאלאניסטן האבן נישט געפאלגט און יא געארבעט. ר׳ מאיר האט פרובירט צוריקווייזן די טענות און דערקלערט, אז די קאלאניסטן זיינען אייגנטלעך נישט שולדיק, דען עס זיינען דאך געווען פיל רבנים וואס האבן מתיר געמאכט צו ארבעטן אום שמיטה און די קאלאניסטן האבן זיך געקאנט סומך זיין אויף זייער היתר. אז ר׳ הירש לייב האט דערהערט פון די אלע טענות איז ער ארויסגעגאנגען צו זיין אמאליקן תלמיד און רבי פון זיין זון און האט געזאגט אז דאס מאל איז זיין זון גערעכט. „איך האב חלילה קיין טענות נישט קעגן די קאלאנינסטן״, האט ער געזאגט, „וועלכע האבן אנגענומען די מיינונג פון יענע רבנים, וועלכע האבן מתיר געמאכט צו ארבעטן אום שמיטה. אויב איך האב יא א שטיקל טענה, איז דאס צו די רבנים וועלכע האבן ארויסגעגעבן דעם היתר. די קאלאניסטן זיינען אין דעם פאל נישט שולדיק און מען קאן זיין קיין פארוואורף נישט מאכן״.

אז ער האט זיך אנגעהויבן פילן בעסער, האט מען ווידער אנגעהויבן שמועסן פון פארן קיין ארץ ישראל. אבער די דאקטוירים האבן מרחה געווען. מען האט אים נישט געזאגט, אז נישט, נאר „דערווייל״ נישט. זייטיקע מענטשן האבן זאגאר גערעכנט, אז אט־אט פארט ער אוועק, און מאנכע האבן אים אפילו פארגעשלאגן א פלאן אז ער זאל עפענען א ישיבה אין ארץ ישראל. ר׳ הירש לייב האט דערויף געענטפערט, אז זיין איינציקער וואונטש איז נאר צו קומען אין דעם הייליקן לאנד און וועגן קיין שום אנדערע זאכן טראכט ער אפילו נישט. ליידער האט ער אבער נישט זוכה געווען צו פארן קיין ארץ ישראל, אין דעם לאנד נאך וועלכן ער האט אזוי גע׳חלום׳ט. ער איז מיט יעדן טאג געווארן אלץ שוואכער און שוואכער און מיטוואך ביינאכט י״ק אב תרנ״ג האט ער אויפגעהערט צו אטעמען.

## די דערשינענע ביכער פון זעלבן מחבר

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין רוסלאנד און פוילן.

באראן עדמונד דע ראטשילד (אין ענגליש)

באראן עדמונד דע ראטשילד (אין פראנצויזיש)

ר׳ לוי גינצבערג (העברייאיש)

די מפרשים פון דער תורה. ערשטער טייל.

די מפרשים פון דער תורה. צווייטער טייל.

איבער הונדערט יאר ארום. עד בעלאמי. (איבערזעצונג).